סאָוועטיש היימלאנד

2

1965

אינהאַלט

שמועל האַלקין. אָן מיר... — אַף וויסטע וועלדער... — „כ'האָב דיך דערקענט, פאַר דיר זיך אָנגעכאַפּט...“ — נאָכאַמאָל דאָס זעלבע. — „ניט מיין, אַז ראַנגלען זיך מיט זיך אַליין...“ — „ווען דו וואָלסט ניט געגערט זיך מיט קיין ברויט...“ — „נו, מיילע, כ'פאַרשטיי, און אויך מיטפילן כ'קאָן אַזאַ איינעם...“ — „איך זאָג, איך אײַל צו דיר, נאָר פרעגט זיך — צוליב ווע־מען?“ (לידער) 3

י. ריוועס. דער וועג צום זיג (ראָמאַן). צייכענונגען פון ה. אינגער. 8

מאָטל גרוביאַן. מײַן שײַטער. — אין פעלד. — באַם לעבן. — אַ גרעזעלע. — וואָס מיר איז צום האַרצן. — די זון באַנאַכט. — מײַן שטעקן. — מײַן קאָמפּאָזיטאָר. — באַם יאַם. — שטילקײַט. — אַ צאַפּן־טײַך. — די יונגע לעוואָנע (לידער) 68

פון דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור. יורי סמאָליטש. אונדזער פרײַנטשאַפט. אָלעס גאָנטשאַר. אוסמאַן און מאַרטע (דערציילונג). מיקאָלאַ אופּעניק. סענטיאַ־בער (ליד). סעמען זשוראַכאָוויטש. באַם יאַר (דער־ציילונג). לעאָניד ווישעסלאַווסקי. דער שעף־קאָנ־סטרוקטאָר (ליד). פּעטראָ דאָראָשקאָ. אין דעם איז מײַן גליק (ליד) 72

מייער יעלין. שטאַבס־פעלדפעבל האַנס פּפאַנקוך (דערציילונג) 90

נײַע שטימען. ב. האַלפּערן. מאַניע דער פּראַראַב (דערציי־לונג). רעפאָעל גאָלדענבערג. די באָבע מיט איר אייניקל. — באַם טעלעוויזאָר (דערציילונגען) 117

פאַר קליין און גרויס. שיקע דריז. פאַלט, פאַלט, שנייע־לעך. — דאָס אײַזנדל. — איך ווייס ניט. — לאָמיר ציילן. — קומט, קומט, נאַרעלעך. — נאַכעס. — מײַן שפּאַקטיוול. — אונד־זער פּרינץ דער קאָטער. — שיכעלעך (לידער). דאָוויד בראָמבערג. אַ מײַסעלע וועגן נעכטיקן טאָג 125

אויסלענדישע פּובליציסטן — באַ אונדז צוגאַסט. פּייסעך נאָוויק. ס'איז דאָ אַ וועלט מיט אַרבעט 130

ליטעראַטור און קונסט

מוישע אַלטמאַן. מײַן געכאָלעמטער גאַניידן (פון בלאָקנאָט) 133

הילעל אַלעקסאַנדראָוו. ייִסראָעל צינבערג און זײַן אַרכיוו 135

נאָרוואָס דערשינען... ה. פייגין. „אַזוי לעבן מיר“. ש. גאָר־דאָן. „האָריזאָנטן“ 144

קורצע רעצענזיעס. מ. צווילינג. לויט די טראַדיציעס פון מאַרקסיסטישער קריטיק. מ. איטקאָוויטש. ביז די שטערן. מ. דאָלינסקי, ש. טשערטאָק. דאָס מיידעלע און דער פאַשיזם 149

פון דער שעפערישער לאַבאָראַטאָריע. הירש אָשעראָ־וויטש. קליינע פּאָעמע — גרויסע אַכרײַעס. מוישע נאָ־טאָוויטש. פון די שאַפונגס־סוידעס 154

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען 156

כראָניק 148, 158

נאָטיצן אַפן קאַלענדאַר 159

לאָמיר זינגען נײַע לידער. אַ ליבע מיט אַ פּאַסטעכל. מוזיק — ר. באָיאַרסקאַיאַ. ווערטער — א. לייבוש. 160

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאל

אָרגאן פון שרײַבער-פארבאנד פון ססר

פינפטער יאָרגאנג

פארלאג „סאָוועטסקי פיסאטעל"

מאָסקווע

2

פעווראל

1965

הויפּט־רעדאַקטאָר א. ווערגעליס.
רעדקאָלעגיע: ה. אַשעראָוויטש, אי. באַרוכאָוויטש, א. גאָנטאַר, מ. טייף, נאָטע לוריע, מ. לעוו (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), ב. מילער, י. פאַליקמאַן, ס. פּריי, י. ראַבין, ר. רובין.

שמועל האלקין

אָן מיר...

אָן מיר, ווען איר וועט זײַן דאָ אף דער וועלט, —
אף שוואַרץ און ווײַס איר זאָלט מיך נאָר ניט טיילן,
ווײַל מיך מיט צוויי דער צאָל ניט אויסצוציילן —
ס׳האָט שטענדיק צווישן זיי מיר רוים געפעלט...

פאַר אָרעמקײַט — אַ שוועבעלע אף צוויי,
כ׳געדענק, אַמאָל די מאַמע פלעג צעשפּאַלטן.
דאָס פלעמל האָט זיך קוים באַם האָלץ געהאַלטן,
און ס׳טוט זײַן פלאַטערן ביז הײַנט מיר וויי.

אָן מיר, ווען איר וועט זײַן דאָ אף דער וועלט, —
פון אָרעמקײַט די מאָס זאָל ניט מײַן מאָס זײַן,
איך האָב די אַנגסטן מײַנע און פאַרדראָסן
די פריידן מײַנע קיינמאָל קעגנשטעלט...

אין בענקעניש נאָך טאַט — אַ האָר אף צוויי
אַמאָל דער טאַטע אין געדאַנק פלעג שפּאַלטן,
ווי גלײַך אין דעם זײַן קראַפט וואָלט זײַן באַהאַלטן, —
זײַן מי אומזיסטע טוט ביז הײַנט מיר וויי.

אָן מיר, ווען איר וועט זײַן דאָ אף דער וועלט, —
פאַר די, וואָס ס׳וועט מײַן אָנדענק בלײַבן טײַער,
מיך מעסטן זאָלט איר נאָר מיט יענעם פײַער,
וואָס האָט דורך שאָטן־טעג מײַן וועג באַהעלט.

און פלאַם, און שאָטן טיילט נאָר ניט אף צוויי,
ווײַל אויב איר וועט זיי טיילן, קעגנשטעלן, —
דער שאָטן קאָן אַמאָל די שײַן פאַרשטעלן
און ס׳קאָן אַ ווײַטן דאָר פאַרשאַפן וויי.

יול 1957

אף וויסטע וועלדער...

— רוף אָן מיר, קינד, דאָס סאַמע ערגסטע בייז.
— דאָס סאַמע ערגסטע בייז מילכאָמע הייסט.

וואָס בילן זיי, די הינט? — אף זייער קאָפּ!
דאָס לעצטע ביסל שלאָף זיי רויבן אָפּ.

די לידער ווערן געדרוקט צום ערשטן מאָל.

וואָס טראָגן זיי, וואָס ברענגען זיי דער וועלט?
א נײַער אומגליק האָט דער וועלט פאַרפעלט?

ווײַזט אויס, א נײַער — זיי דערקענען ניט
זײַן רייעך, ניט זײַן וווּקס, ניט זײַנע טריט.

דעם אַלטן וואָלטן זיי דאָך גלײַך דערקענט.
פון אים זיי וואָלטן זיך נאָר אָפּגעווענדט.

אָף זייער קאָפּ — וואָס וואַיען זיי, די הינט?
דאָס לעצטע ביסל רו פון אויג פאַרשווינדט.

ווען ליכטיק איז אין שויב, מיר וואָלט געדאַכט:
אָף דער לעוואָנע בילן זיי, — די נאַכט

אין שויב איז אָבער שוואַרץ — און אויג שטעך אויס, —
דאָס בייז קאָן נאָך אַרײַן און — ניט אַרויס...

און פּלוצעם ווערט פאַרשטילט דאָס בילערײַ,
ווײַזט אויס, דער אומגליק איז אַדורך פאַרבײַ.

איז טראָג זיך ווײַטער אָפּ און ניט פאַרלויף
ניט אָף קיין אויגנבליק אין שאָכנס הויף —

ניט לינקס, ניט רעכטס, און אָף דער צענטער גאַס,
אָף שמאָלסטער גאַס ניט זײַן זאָלסטו קיין גאַסט.

פון הויך און נידער אָפּגעשיידט זאָלסט זײַן,
אויך צווישן זיי דו כאַפּ זיך ניט אַרײַן.

אָף גאָר דער לענג פון לאַנד — ביז ווײַטסטן ראַנד
פון אונדזער נאַכט און טאָג ווענד אָפּ דײַן האַנט.

פון נאָענט אָפּטרעטן כ׳וועל דיך פאַרפליכטן,
און צו דער פרעמד — ניט ווענדן דיך, ניט ריכטן.

אין וויסטע וועלדער סײַדן... ערן וואָרט,
אָף גאָר דער ערד איך זע פאַר דיר קיין אָרט.

איז וואָס זשע טו איך אָף די הינט זיך צאָרענען?
זיי ברענגען דען דאָס בייז? — דאָך נאָר זיי וואָרענען.

1957

• • •

כ׳האָב דיך דערקענט, פאַר דיר זיך אָנגעכאַפּט,
ווי פאַר א ברעט פון שיף, וואָס איז צעקלאַפּט
אין יאַם, אין אַלץ פאַרניכטנדיקן שטורעם,
ווען פּלוצעם האָט פאַרפעלט דאָס ליכט פון טורעם
און אָף א פעלדז אַרויף איז אונדזער שיף —
אין יאַם — אין אַלץ פאַרשלינגענדיקער טיף.
כ׳האָב דיך דערקענט, אָף דיר זיך אָנגעלענט —
איז גליטש זיך ניט אַרויס פון מײַנע הענט.
מײַן אָנשפּאַר זײַ — דאָס לעבן כ׳גיב דיר איבער,
מײַן וועג־ליכט זײַ, — ביז כ׳וועל דעם טהאָם אַריבער.

יול 1958

נאָכאמאָל דאָס זעלבע

אין א טאָג אזא מין פאלט אויך ניט קיין שאָטן...
איבער אָט די שנייען איז א שאָד א טראָט טאָן.

נאָכאמאָל דאָס זעלבע? ווידער וועגן שניי?
וועגן שיינקייַט, ריינקייַט — כאָטש ניט גיי, ניט שטיי.

האָסט דאָך ערשט אין שנייען ליכטיקייַט געמאָלט —
ס׳איז דיר ניט געראָטן טאָן, וואָס האָסט געוואָלט?

נו, און איצט ביסט זיכער, ס׳וועט א נעס געשען —
אלץ וועסט איבערגעבן, וואָס דו האָסט געזען?

אדעראבע, פּרוּוו קאָרשט פּריִער ניט קיין סאך:
ווי דער שניי, ער לייגט זיך אפן גרינס פון סכאך,

אפן צווייַגן־אויסגעפלעכט פונעם קארשן־בוים —
אף די דינע ריטלעך, ווו ער האלט זיך קוים.

גוט, ווען דיר גיט איַין זיך אויסמאָלן אמבעסטן:
אינעם כאַפּ פון צווייַגן — ווייַסע, פוכקע נעסטן.

ווי אף טריבע הענגלעך פון ריאבינע זיצן
רונדע אָנגעשנייטע טורעמלעך מיט שפּיצן.

ס׳האָט אין זיי דער ווינטער נאָרוואָס זיך באזעצט...
איצט קומט אָן די שטילקייַט — שטילקייַט קומט צולעצט.

זי ווען דו גייסט מאָלן — שטילקייַט מאָל, מער גאָרניט.
ווי די שטילקייַט נידערט, אויסזאָגן מע טאָר ניט.

סייַדן עפּשער טראכטן... נאָר ניט זוך קיין ווערטער
פארן שטילן כעסעד, וואָס איז אומגעקערט דיר.

זאָג נאָר אָט די ווערטער: לעבן, זייַ געגריסט —
כ׳ווייס שוין: אזא שטילקייַט גיט זיך ניט אומזיסט.

נאָיאבער 1956

• • •

ניט מיין, אז ראנגלען זיך מיט זיך אליין
איז גרינגער, ווי מיט ווינטמילן זיך שלאָגן.
דעם ריטער אויסלאכן — בין איך צו קליין,
צו אלט — אף זיך זייַן שווערד און פאנצער טראָגן.

און אויב איך טראכט ניט אויס קיין דולציניי,
פאר איר אין קריג איך ברעך ניט רוקן־לענדן,
דערפאר פאר איר ביז הייַנט פארגאפט איך שטיי.
ווען איר טוט עפּעס ווי — אויך מיר טוט ווי,
און כ׳קאָן צו איר אף אָט די שפּראכן צוויי
צו יעדער צייַט, פון יעדער ווייַט זיך ווענדן.

אין מיר מייַן שטענדיקן ווידעראנאנד
זי זוכט ביז הייַנט נאָך אין א האפן ברענגען,
נאָר אייַז־בארוּיִקטקייַט טוט שטארק זי ענגען, —

אים אופברעכן זי פּרוּווט מיט שוואַכער האַנט,
און אַלץ — מיט איינעם, שיינעם, ריינעם מיין:
אויב ניט פאַר איר — זיך שלאָג פאַר זיך אַליין.
נאָר ווען אין פּאָנעם איר טוט קעלט א ווײ,
פון יענע, וואָס מע פרעגט אָף זיי, די קעלטן —
כ׳רייד איַין זי, ווי א קינד, מיַין דולציניי,
זי זאָל ניט זען פאַר זיך קיין ריז פאַרשטעלטן,
אַז מיַינע ווינטמילן — דאָס זיַינען זיי,
וואָס בינדן הויך און נידער — אין געדריי, —
אָף איר, אָף איר מיט ליבשאַפט פּאַכן זיי,
כאָטש מיך זיי שלאָגן אָפּ אָן דר׳ערד ניט זעלטן.

11 פעוורואַל 1959

• • •

ווען דו וואָלסט ניט געגערט זיך מיט קיין ברויט,
וואָס ס׳האָט א גוטער מענטש פאַר דיר געזייט,
ווען ס׳וואָלט דיַין גלייַכן ניט געוועבט קיין קלייד
פאַר דיר, קיין שוועל און טיר דיר ניט געבויט,
און דו וואָלסט, ווי א פויגל, אָפן דאַך
געלעבט, — וואָלסטו אונדז דעמלט זינגען פויגל־שפּראַך.

נאָר וויַיל דיַין בלוט איז לעבעדיק און הייס,
און וויַיל דיַין ברויט געקאָסט האָט מענטשן שווייס,
כוץ פרייד, דיַין קלייד געוועבט איז אויך פון זאָרגן,
פון זאָרג, וואָס איז צום זינגען און צום זאָגן,
דעריבער ניט פאַרשאַף קיין אנגסט אונדז ביידן —
שוין בעסער בליַיבן שטום, ווי פויגל־שפּראַך צו ריידן.

און וויַיל דיך נאָכקרימען איך קליַיב זיך ניט,
דיר נאָכזינגען, דיר נאָכשפּרינגען — געוויס ניט, —
דערפאַר איך טיַינע אַלץ צו דיַין געוויסן,
אַז ניט דער מענטש נאָר קומט דורך שוויס צום שניט,
דעם פויגל אויך קומט אָן זיַין שפּיַיז ניט לייַכט —
דער פוך פון אונטער פליגל ווערט אים פייַכט.
און ווען אריבער נעסט ער האַלט אָפּ וואַך —
מיר דאַכט, אויך ער פאַרגעסט זיַין פויגל־שפּראַך.

9 דעקאַבער 1958

• • •

נו, מיילע, כ׳פאַרשטיי, און אויך מיטפילן כ׳קאָן אזא איינעם,
וואָס זאָגט עס מיט ווייטעק ארויס, מיט א מיין מיט א ריינעם.

נאָר דער מיר דערקלערט מיט א שמייכל א נעבעכדיק־פּרעכן:
ער וויל ניט אָן קורצינקע שורעס די ציין זיך צעברעכן.

און זאָגן ער זאָגט עס מיך טיפער צו טרעפן אומיסטן...
וואָס האָב איך געטאָן אים, ער זאָל אָט די שאָ מיר פאַרוויסטן.

און פרעגט אים, דעם מענטשן, וואָס בין איך אים שולדיק געבליבן,
כוץ דעם, וואָס א לעבן כ׳האָב קורצינקע שורעס געשריבן.

וואָס מיינט ער, אַז אויסשטעלן וויניקער אויסיעס איז גרינגער.
באַם קירצן אַ שורע איך קירץ זיך אַליין דאָך די פינגער.

אַ יאַם כוואַליעט דורך באַ מײַן קליינעם, מײַן דאָרפישן טישל,
ביז ס׳גיט זיך מיר אײַן צו פאַרופן דאָס גאָלדענע פישל.

און ווײַל אָט דעם פישל צוליב — איז דעם יאַם ניט צו ברענגען,
די ראַכוועסן זײַנע, די יאַמישע ברייטן און לענגען, —

דאָס האַרץ מאַכט מיר גרינגער אַ טרער, וואָס איר טיף און איר טאַם —
זיי דאַרפן דעם גאָלדענעם פישל פאַרבײַטן דעם יאַם.

און נעכט בין איך אויף, צי די טעג איך פאַרצי ביז באַגינען —
דאָס פאַסיקע שפּײַז פאַרן גאָלדענעם פישל געפינען.

איז קאָן ער מיר עפּשער דעם נאַכעס אויך דעם ניט פאַרגינען?..

1959

• • •

איך יאָג, איך אײַל צו דיר, נאָר פרעגט זיך — צוליב וועמען?
פון טאָג אויף טאָג אַליין פאַר זיך די פראַגע שטעל איך.
אויב צוליב מיר — פון לאַנג מיר פּאַסט שוין גיין פּאַמעלעך, —
דאָס אײַנגעשפּאַרטע שוואַרץ פון מײַנע יוגנט־ברעמען
כאָלילע ס׳זאָל פון קאָפּ דעם זילבער ניט פאַרשעמען.

און אויב נאָר צוליב דיר — איז דאָך אומזיסט געוויס
דאָס וויסטע כאַפּעניש, דאָס יִינגלש שטעלן פיס,
ווײַל מיט דײַן טונקלען לײַן ביז גלאַט אַרויף פאַרשאַרטן
און זילבערל אין אויג, אין גרינלעך־אײַנגעשפּאַרטן,
דו האָסט נאָך צײַט גענוג אויף וואַרטן און ניט וואַרטן.

1960

י. ריוועס

דער וועג צום זיג

ראַמאַן

1

געוועזן איז דאָס שווערע 1917 יאָר, דאָס צווייטע יאָר פון דײַטשישער אָקופּאַציע.

אַף דער וואָר און אין כאָלעם האָט יעדער איינער אין די הינטערגעסלעך און ווײַטע פאָרשטעט געהאַט אין זינען איין זאַך: ברויט.

— גוטע מענטשן, שענקט א פענעצל ברויט! — פלעגן זיך צו א פארבײַגייער ציִען פאַרכאַלעשטע הענט.

נאָר צו די יעלאָלעס איז מען אזוי געוווינט געוואָרן, אז קיינער האָט שוין אַף דעם קיין אכט מער ניט געלייגט. דער איינציקער, ווען די הונגעריקע פלעגן ארײַנברענגען אין גרימצאָרן, איז געוועזן דער הויכער מאיאָר פון דער דײַטשישער אָקופּאַציע־ארמיי פאָן אָקסמאַן. מיט פאַראכטונג האָט ער אוועקגעדרייט דעם קאָפּ, ניט געוואָלט אָנקוקן ניט בלויז דעם אופּגעקומענעם גוויר, דעם בעקער פּײַווע, נאָר אויך דעם זייער אָנגעזעענעם קלאַל־טוער יורי פערעלמאַן, וועלכע זײַנען אים נאָכגעגאנגען פוסטריט, געוואָלט און אלץ ניט געוואגט צו אים צוגיין, באקומען בא אים וואָס־ניט־איז פאר דער געזעלשאפטלעכער קיך, וואָס זיי האָבן געשאפן.

— וועג פאָן היר דיזן שײַס![1] — האָט דער מאיאָר זיך געווענדט צום פּאָליציי־קאָמיסאר און מיט זײַן עלעגאנטן שטעקל געשטורכעט איינעם און באלד אויך א צווייטן און א דריטן פאַרכאַלעשטן מענטשן, וואָס איז געלעגן ווי א צונויפגעדרייטער קנויל שמאטעס. דאָס שמאָלע און לאנגע פּאָנעם דעם מאיאָרס האָט זיך אלץ מער געגומען אָנצינדן פון רעציכע, — אבער זאָפּאָרט!..[2]

שטענדיק, באזונדערס אין גאס, פלעגט אָקסמאַן אויסמײַדן וועלכע־ניט־איז צוגאָב־דערקלערונגען צו זײַנע קורצע, שטרענגע באפעלן.

דער פּאָליציי־קאָמיסאר, וואָס האָט געוווּסט, אז דער מאיאָר קען אמאָל אופזידן אפילע, ווען א בלעטל אַף א בוים באוועגט זיך דאָ אָן זײַן ווילן און וויסן, האָט ניט געוואגט צו דערווידערן, ער האָט בלויז געמאכט אופמערקזאם דעם מאיאָר, ווײַזנדיק אַף איינעם פון די אופגעקנוילטע:

אָנהייבנדיק פון יוסף ראבינס ראָמאַן „כאוועלע געפען" („סאָוועטיש היימלאַנד", 1965, נומ. 1), פּובליקירן מיר א סעריע ווערק, געווידמעט דעם 50־יאָריקן יובליי פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. צו דער סעריע געהערט אויך „דער וועג צום זיג".

[1] נעמט צו פונדאנען די אומרייניקײַט!

[2] אָבער טייקעף.

יאנקל ריחעס,
געבוירן אין 1886 אין שטעטל אָסווע (ווײַסרוסלאַנד). זײַן לי־טעראַרישע טעטיקײַט האָט ער אָנגעהויבן אין 1912. וווינט אין מאָסקווע.

— ער לעבט נאָך!..

— אָך, מענטש! — האָט אויסגעשריִען פֿאַן אָקסמאַן מיט א צעהאָלדערט קאָל, — אויב ער לעבט נאָך, וועט ער זיכער באַלד שטאַרבן. זיכער!..

טייקעף ווערט אָפּגעזוכט א פֿורל, אַף וועלכן עס ווערן, ווי שטיינער, אַרופֿגעוואָרפֿן די האַלב טויטע קערפּערס. זיי ווערן אָפּגעפֿירט אַפֿן אַלטן אָדער נײַעם בעסוילעם, ווו עס וואַרטן אַף זייער ריי מעקאַבער צו ווערן שוין א סאַך פֿון הונ־גער אויסגעגאַנגענע מענטשן.

אַזוי זײַנען אַוועק אָן א פֿונק האָפֿענונגען וואָכן און כאָדא־שים, ביז אין איינעם א טאָג האָט, ווי א פּלוצעם אָנגעלאָפֿע־נער ווינט, אויך אַהער זיך אַרײַנגעריסן א נײַס:

— אין רוסלאַנד, — איז יויסעף בערמאַן, ווען עמען עס האָט געקענט די גאַנצע שטאָט, גרייט געווען אַרײַנשרײַען אין יע־דער גאַס און געסל, — אין רוסלאַנד האָבן די באָלשעוויקעס פֿאַרכאַפּט די גאַנצענע וולאַסט...

אָבער די שטאָט איז נאָך אַלץ געבליבן „געשפּערט": קיינער האָט ניט געטאָרט אַרײַנפֿאָרן און אַרויספֿאָרן, ניט געטאָרט וואָס־ניט־איז אַרײַנפֿירן און אַרויספֿירן — אַלץ, ווי פֿריִער, בלויז דער אָנפֿירער פֿון דער היגער אונטערערדישער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע אַנטאַנאַס געדריס האָט, מיט דער שטומער באַווייליקונג פֿון אייניקע זעלנער, פּיל אָפּטער גענומען זיך אַרויסרײַסן פֿון פֿאַן פֿאַניאַטאָווסקיס מילן און שײַערס, ווו ער איז, ווי א סאַך אַנדערע, אָפּגעקו־מען צוואַנגס־אַרבעט.

ווען די ידיִע וועגן דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז דערגאַנגען צו יורי פֿערעלמאַנען, האָט זיך אַפֿילע אים, דעם גאָר קנאַפּ פֿאַראינטערעסירטן, גענומען דוכטן, אַז עפּעס אַן אומבאַ־מערקטע האַנט האָט צעריסן, צעפּליקט און אַפֿילע צו אַלדי רוכעס פֿאַרשלײַדערט די שטעכיקע דראָטן, מיט וועלכע עס זײַנען געווען אַרומגעצאַרטלט די גרויסע דײַטשישע לאַגערן.

מיסטאָמע דערפֿאַר טאַקע האָט זיך איצט שוין אַמאָל געמאַכט, אַז ווען יורי פֿערעלמאַן פֿלעגט האַכנאָעדיק נאָכגיין דעם מאַיאָר, פֿלעגט זיך דאָס פּאָנעם באַ אים געבן אַזא קרים, ווי אים וואָלט פּלוצעם נימעס געוואָרן סײַ די שטענדיקע בעטענישן, סײַ די פֿולע אָפּהענגיקײַט פֿונעם רוגזעדיקן פֿאַן אָקסמאַן. אָט איז ער געבליבן א רעגע שטיין אַן ערנסט־פֿאַרזאָרגטער און זיך אַוועקגעלאָזט אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג, אָבער ווי דער קאַלטלעך־גרויער דרויסן, אַזוי פֿאַרנעפּלט האָט אים גענומען אויסזען די מעגלעכקײַט און עפּשער די נייטיקײַט גופֿע עפּעס צו ענדערן. האָט ער מער צו זיך, איידער צו פּײַווען, וואָס איז געגאַנגען האַרט לעבן אים, געטײַנעט:

— וואָס וועט זײַן? און וואָס טוט מען?

2

אַזוי ווי נאָך א שווערן קאָפּ־שווינדל, האָט אין פֿרומעס זיקאָרן גענומען אויפֿטויכן א דערי־נערונג, וויאַזוי דער פֿאַן פֿאַניאַטאָווסקי, דער היגער גרויסער פּוילישער גוויר, און גלײַך נאָך אים אויך יורי פֿערעלמאַן האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין מאַגיסטראַט און אַפֿילע דירעקט צו פֿאַן אָקסמא־נען, קעדיי באַ אים פּויעלן, ער זאָל דערלויבן עפֿענען א קיך. ניט גלאַט א קיך פֿאַר נויטבאַדערפֿ־טיקע מענטשן, נאָר פֿאַר דער הונגערנדיקער אינטעליגענץ און שטאַרק געפֿאַלענעם מיטלשטאַנד. אין יענער צײַט, ווייסט פֿרומע, האָט נאַפּטאַליע מערקין אויפֿגעשטעלט דעם מיט סאַמעט באַדעקטן קראַגן פֿון זײַן אָפּגעטראָגענעם האַרבסט־מאַנטל און אויך אַוועקגעשפּאַנט צו פֿאַן אָקסמאַנען. וועגן דער דאָזיקער געשעעניש איז פֿרומע שטענדיק גרייט געווען דערמאָנען זיך און אַנדערע:

— נאַפּטאַליע האָט ניט, ווי דער פֿאַן פֿאַניאַטאָווסקי, קיין אייגענע מויערן, קיין מילן און קיין פּויל־געפּאַקטע שפּײַכלערס. און אַוודע איז באַ נאַפּטאַליע מערקינען אין דער מישפּאָכע ניט געווען קיין עלעגאַנטע פֿרײַלן, וואָס זאָל גרייט זײַן קומען צו פֿאַן אָקסמאַנען אַהיים יעדעס מאָל, ווען זי וויל עפּעס פּויעלן פֿאַר זיך אָדער פֿאַר איר רײַכן טאַטן.

— אָבער נאַפּטאַליע מערקינען, — פֿלעגט זי מיט צופֿרידנקײַט צוגעבן, — קען מען באַ אונדז אין שטאָט. ווער ווייסט דען ניט, אַז ער איז אַן אָנגעזעענער מענטש באַ די בונדאָוצעס. און אָט האָט איר. ווער האָט באַקומען די דערלויבעניש עפֿענען א קיך? נאַפּטאַליע מערקין.

איצט האָט פרומע וועגן דעם אופגעהערט צו ריידן. זי האָט געוווּסט, אַז אייניקע האָבן אופגענומען איר פולע באגיטיקונג פון אַלץ, וואָס מערקין האָט וועגן געטאָן, מיט אָפענעם פאַרדראָס:

— נאָר זי וואָלט זיך געהאלטן אין איין צאצקען מיט נאפטאָלינקעס אופטוען, — האָט ירייזל, יויסעף בערמאנס פרוי, ניט איינמאָל שוין באמערקט, — אָבער, אז ער, כאָלילע, זאָל וועגן מאכן א וועזן פון איר, האָט מען דערווייַל נאָך ניט געהערט!..

מערקין האָט געפילט דעם אָנוואקסנדיקן איינרייַס צווישן זיך און יענע קיד־באַזוכער, וואָס האָבן געהאָפט און אַלץ ניט געקענט זיך דערוואַרטן אף קיין לינדערונג פון זייער נויט. ער האָט גוט געוווּסט, ווו דער הונט ליגט באגראָבן: שוין צו אָפט האָט אָנגעהויבן קומען אין קיך אנטאנאס געדריס, צו אופמערקזאם הערט מען זיך צו צו יויסעף בערמאנס נייַס.

נאָר אָנשטאָט אָפן אריינטרעטן אין א וויקועך, איז ער גיך ארויס פון יענעם אָפגעצאמטן ווינקל, וואָס האָט אים געדינט אלס א מין קאבינעטל, און, כאפנדיק א פאַרשנדיקן קוק אפן ארומיקן אוילעם, בארויגעזלעך אפילע, שטרענגלעך־וואָרענענדיק, א רוף געטאָן פרומען, גלייַך ער וואָלט זי וועלן ראטעווען פון דעם ניט דאנקבארן אוילעם:

— איר גייט? מיר האָבן נאָך הייַנט א נייטיקע זיצונג.

— הייַנט? — האָט אים פרומע איבערגעפרעגט, און אין איר קאָל האָט זיך געפילט מער צופרידנקייַט פון זייַן אָפענער ווענדונג צו איר, איידער פון דעם, וואָס הייַנט וועט פאָרקומען אזא „נייטיקע זיצונג”.

מערקין האָט, ווי אגעוור־אורכע, גענומען דערציילן פרומען וועגן איינעם א צוזאָג פון מאגיסטראט צו ארויסגעבן (עפשער טאקע אין דער נאָענטסטער צייַט) אף יעדן פאַרעגיסטרירטן קיד־באַזוכער נאָך צו דרייַ פונט ברוטשקע.

— און אזוי ווי ברוטשקע, — האָט ער טייקעף צוגעגעבן ניט אָן זעלבסטצופרידנקייַט, — וועט מיר מיסטאמע געלינגען ארויסבאקומען פאר אלע באַזוכער, אפילע פאר די, וועלכע זייַנען געשטאָרבן פאר די לעצטע פאָר כאדאָשים, נו, פאַרשטייט איר דאָך אליין, אז אינדערעמעסן וועט אויסמאכן פאר יעדערן, קאָן מען זאָגן, צוויי מאָל, אויב ניט דרייַ מאָל מער!..

דאָס איז געזאָגט געוואָרן אלפי־סאָד. אָבער דאָך אזוי, אז אויך אנדערע זאָלן הערן און טאקע פאַרשטיין, וואָס פאר א ווערט עס האָבן אנטאנאס געדריסעס בורענישן קעגן אים און זייַן טעטיקייַט.

— קומט, — האָט שוין אנטשיידן געקלונגען נאפטאָליע מערקינס קאָל, — מיר האָבן נאָך א רעכט ביסל צו טאָן!..

א שפעטער הארבסט האָט זיך געראנגלט מיט אן אָנהייב ווינטער. זייַנען טעג געשטאנען אָט נאסע, טונקעלע און ווינטיקע און אָט טרוקענע, ליכטיקע און אמאָל אויך זוניקע. אָבער קיינער האָט זיך ניט ארומגעקוקט אף דעם. די שטאָט איז געגאנגען כאדאָראָם. די קלאנגען וועגן די פעטערבורגער און מאָסקווער געשעענישן האָבן אלעמען אופגערודערט. איז מען אָפטער געקומען אין קיך און מער נאָך גענומען קלעפן צו אנטאנאס געדריס, צו יויסעף בערמאנען און ניט ווייניקער צו זייער כאווער, דעם פוילישן אינטעליגענט זיגמונד אָלשעווסקי. ריידן מיט דעם דאָזיקן דרייַלינג פלעגט מען שטיל. זיי, ווידער, פלעגן אויך ענטפערן קוים צו הערן. דאָך האָבן זיך אלע דערוווּסט, אז דעם 3 אפרעל איז דער הויפט פון די באָלשעוויקעס, לעניך, צוריקגעקומען קיין רוסלאנד און אפן פינלענדישן וואָקזאָל פון דער שטאָט פעטערבורג זייַנען אים געקומען באגעגענען טויזנטער ארבעטער, סאָלדאטן און מאטראָסן.

— גוט, פייַן, — פלעגט איציק דער סטאָליער איבערפרעגן, קעדיי עמעצער זאָל ווידער און אָבער באשטעטיקן די פריידיקע נייַס, — אָבער אלץ איז טאקע פינקטלעך אזוי, ווי מענטשן ריידן? אלץ?!..

— נאָך א מין אזוי! — איז יויסעף בערמאן מער נאָך צעווארעמט געוואָרן פון דעם אייַנדרוק, וואָס זייַן דערציילן האָט אף יעדן געמאכט.

נאפטאָליע מערקין איז געשטאנען אין סאמע מיטן קיך, ניט וויסנדיק, קענטיק, וואָס צו טאָן: קוקן אף אנטאנאס געדריסן, וועלכער האָט זיך געסוידעט מיט פראדלען, וואָס האָט געהאט די דייע אין נאָדל־פאַריין, אָדער א זאָג טאָן עפעס אזוינס, וואָס זאָל אָפקילן יויסעף בערמאנס פריידיקע צעהיצטקייַט? גראָד אין יענער רעגע איז צו אים צוגעגאנגען אנטאנאס געדריס און פאַרגעבן אזא, דוכט זיך, פאָשעטע פראגע:

— כאווער מערקין, עפשער מאכן מיר א זיצונג פון צענטראל־ביוראָ?

— אָט באלד? שוין?! — האָט אין נאפטאָליע מערקינס ענטפער אָפגעקלונגען א קוים־באהאלטענע איראָניע, — טאקע הייַנט?

— אפילע הײַנט! — איז אנטאנאס געדריס באשטאנען אף זײַנעם, — מיט פראדלען האָב איך אָקאָרשט גערעדט וועגן דעם...

— נו?..

— זי איז — פאר!..

— און א שטיקל טאָג־אָרדענונג האָט איר שוין עפשער אויך צוגעגרייט?.. — פרעגט נאפּ־טאַליע פאָרזיכטיק, צוריקגעהאלטן, אָבער דאָך אזוי, מע זאָל פילן, אז ער האָט דערפארונג אין צונויפרופן וויכטיקע זיצונגען.

— נאָר געזונט, — האָט זיך אנטאנאס געדריסעס א וויץ געוויקלט ארום נאפטאַליע מער־קינס באלערנדיקן טאָן, — אין פראגן וועט קיין מעניִע ניט זײַן!

מער האָבן זיי ניט גערעדט. א לײַכט צעטומלטער פארלאָזט מערקין די קיך. ערשט אף יענער זײַט טיר האָט ער גיך, פון אויבן ביז אראָפּ, גענומען פארקנעפלען דעם שמאָלן, לענגלעכן הארבסט־מאנטל. עס האָט אים פארדראָסן אף פראדלען פאר איר גרייטקײַט: „כאָטש אף הײַנט" אופצורופן א זיצונג פון צענטראל־ביוראָ. „ווי מע טאָר דאָס אזא גיט ארויסלאָזן פון אויג, — האָט ער געטראכט, — מע קאָן איר נאָך אײַנריידן, אז די עמעסע רעוואָליוציע וועט פאָרקומען נאָר דעמלט, ווען אנטאנאס געדריס און די זײַניקע וועלן מיט איר אָנפירן... א געלעכטער!"

פון דעם געדאנק איז נאפטאַליע מערקינס טראָט געוואָרן זיכערער, פעסטער און זײַן טכילעס פארוואָלקנט פּאָנעם האָט זיך גענומען אויסלײַטערן.

3

נאכט. אף די גאסן איז געווען אזוי שטיל, אז אנטאנאס געדריס האָט דײַטלעך געהערט, ווי עס פאלן די שווערע רעגן־טראָפּנס. בא פײַוועס פארשלאָסענער בעקערײַ האָט ער געזען ליגן א לאנגע ריי צונויפגעדרייטע מענטשן. אין די שווארץ־ברודיקע טראנטעס האָבן זיי אים אויסגעזען, ווי קליינע צונויפגעשארטע בערגלעך מיסט. הארט צוגערוקט איינער צום אנדערן, זיך טיילנדיק אזוי מיט דעם לעצטן ברעקל ווארעמקײַט, וואָס איז נאָך פארבליבן אין זייערע אויסגעצערטע לײַבער, האָבן זיי זיך ניט אופגעהערט קלאמערן אָן דעם פיצל האָפענונג, טאָמער וועט מען כאָטש הײַנט ניט פארשפעטיקן ארויסקריגן דאָס זויערע פערטעלע ברויט...

פינצטער, נאָר באם צוואנגס־לאגער, הארט בא די דראָט־פארצוימונגען, האָט געברענט אָן איינציקער לאמטערן, וואָס האָט באלויכטן אָן ענגן קרײַז ארום דעם וואכמאן. אָבער אין די לאנגע הילצערנע באראקן, ווו עס האָבן זיך געפונען די צוואנגס־ארבעטער, איז געווען נאָך פינצטערער און קעלטער, ווי אינעם צעקראָכענעם דרויסן.

נאָך מיט עטלעכע כאדאָשים צוריק וואָלט זיך אנטאנאס געדריס ניט אומגעקוקט ניט אף דעם, וואָס קומט פאָר בא פײַוועס פארשלאָסענער בעקערײַ, און אויך ניט אף דעם, ווי עס זעט אויס דער לאגער. מע איז דאָך שוין געוווינט געוואָרן צו דעם פאר די יאָרן אָקופּאציע. ער וואָלט זיך אײַנגענורעט אין דער אויסגעריבענער שינעל און, ווי אלע מידע און שטארק הונגעריקע צוואנגס־ארבעטער, וואָלט ער ארײַנגעפאלן אין אָן אומרויִקן שלאָף.

אָבער איצט, אז ער ווייסט זיכער — אין פעטערבורג איז געשאפן געוואָרן א סאָוועטישע רעגירונג מיט לענינען בעראָש, — איצט ווייסט ער שוין ניט פון קיין רו. איז ער געזעסן אפן סאמע ברעג פון דער לאנגער נארע, דאָרט, וווהין עס האָט קוים געגרייכט א קאפל שײַן פונעם קליינינקן קארביד־לעמפל. געזעסן, געשמייכלט מיט האנאָע און עפשער אליין נאָך קלאָר ניט געוווּסט, פון וואָס. פון די זיגן, וואָס האלטן אָפּ אין רוסלאנד די באָלשעוויקעס? פון דעם, וואָס איינער און באלד א צווייטער זעלנער פון דער מיליטערישער וואך הייבט אָן ניט צו באמערקן, ווי ער, אנטאנאס געדריס, כאפט זיך ארויס פון באראק שפּעט אין אָוונט און קומט צוריק? און עפשער באהעלט זײַן פולבלעך פּאָנעם א שמייכל דערפאר, וואָס זײַן וואָרט, זײַן טעטיקײַט האָט אָנגעהויבן געפינען אלץ מער פארשטענדעניש און מיטגעפיל בא די ארבעטער, וואָס קומען אין קיך, און עפשער טאקע אויך בא פראדלען? אָן אויסגעשלאָפענער, נאָך איידער ער האָט באוויזן צומאכן אָן אויג, דערהערט ער דעם געוויינטן פארטאָגיקן געשריי:

— אופשטיין! אופשטיין!..

ניט געײַלט נעמען די צוואנגס־ארבעטער צונויף זייער ביסל שמאטעס: די צעריסענע הויזן מיט די געלע, ברודיקע לאמפאסן, די צעשלאָנדערטע שינעלן מיט די נומערן, אָנגעמאָלטע אף די ארבל און אף די רוקנס, און די גרויסע, שווערע, הילצערנע שיך. אלץ, וואָס האָט זיי אין די נעכט געדינט אלס צודעק, אונטערבעט און צוקאָפּנס, שלעפּן זיי ארוף אף זיך, און ערשט דאן שטעלן זיי זיך אויס צו דרײַ אין א ריי מיט די צעקנייטשטע, צעבײַלטע בלעכענע קײלים אין די הענט,

גרייט גייך צו דער אלטער טשאדענדיקער פעלד־קיך, קעדיי צו באקומען דאס קאפל ווארעמע, שווארצע און שטארק ביטערע קאווע.

אנטאנאס געדריס באמערקט אבער, אז די טריט בא אלעמען זיינען שווערער, ווי שטענדיק, און פון די פארוואקסענע, לאנג שוין ניט געוואשענע און ניט ראזירטע פענעמער קוקט אראפ א מאדנע בייזקייט:

— זאגט, דא האט עפעס געטראפן? — לאזט ער שטיל פאלן אן אומרויקע פראגע.

— ניין, — ענטפערט יויסעף בערמאן ניט זיכער, — גארניט, אזוי!..

— אלע, — איז אנטאנאס געדריס באשטאנען אף זיין איינדרוק, — אלע זעט איר מיר אויס צעטאראבעמבעט... ווי הונגעריקע וועלף וואלטן אייך באפאלן!..

ערשט דאן האט יויסעף בערמאן דערציילט:

— דער וואכמייסטער קריכט שוין ווידער פון דער הויט... איך האב דיר וועגן דעם ניט געוואלט זאגן... האסט אזוי אויך גענוג קאפדרייעניש. נאר וויבאלד דו שטייסט צו... דער וואכמייסטער איז עפעס כוישעד... ער האט קענטיק מוירע, אז ער וועט פארזאמען דער ערשטער אף אונדז אנצילן די אנגעלאדענע ביקסן!..

— ריכטיק, — גיט א זאג זיגמונד אלשעווסקי מיט אזא טאן, ווי דער דאזיקער געדאנק וואלט אים ערשט איצט געקומען אין קאפ, — ריכטיק...

אין דער רעגע גיט זיך א וויז אין הויף דער וואכמייסטער. ער קומט אזוי אומדערווארט, גלייך עמעצער וואלט אים פון ערגעץ אראפגעווארפן, קעדיי ער זאל קאנען זען, וואס קומט דא פאר אין זיין אפוועזנהייט. די צוואנגס־ארבעטער כאפן אזא קוק אפן פלוצעם אנגעקומענעם וואכמייסטער, ווי זיי וואלטן אים דאס ערשטע מאל געזען. נאר אנדערש ווי געוווען, איז ער אויך אין יענער רעגע ניט געווארן. ווי פריער האט זיין פעט לייב ארויסגעשפארט פון זיין ענגער מיליטערישער אוניפארם און דאס רונדע היטעלע אפן קאפ האט נאך אונטערגעשטראכן די ברייטקייט און צעשוואומענקייט פון זיין געזיכט.

— זעט נאר, — האט יויסעף בערמאן אנגעוויזן אפן וואכמייסטערס פארשוויצט פאנעם, — ער איז דאך ווי אקארשט פון א הייסן אויוון אראפגעקראכן!..

— טפו, — גיט עמעצער א שפיי, — צו זיין קאפ, צו זיין לייב און לעבן!..

דער וואכמייסטער באוויזט ניט אופכאפן, צו ווען עס האבן א שייכעס די דאזיקע ענער־גישע באמערקונגען, און דאך הערן באלד אלע זיין באפעל:

— רויק. קיינע געשפרעכן!

מיט דער שווארצער קאווע, וואס האט זיך מיט א כליופ געבויטעט אין די פארויכערטע קיילים, לאזן זיך אלע אוועק נאכן וואכמייסטער, וועלכער נעמט באלד טאפן און טרייסלען דאס ביסל לאנג שוין צעריבענע שטרוי, וואס איז ווו־ניט־ווו נאך פארבליבן אף די דורכוויסיקע, פון וואנט צו וואנט צווישטאקיקע נארעס. איצט האט שוין קיינער מער ניט געצווייפלט, אז דעם וואכמייסטער נעמט אלץ מער שרעקן, צי וועלן די געשעענישן אין רוסלאנד זיך ניט אריבער־טראגן אהער, אין דער אקופירטער געגנט.

זוכנדיק באלשעוויסטישע ליטעראטור און דעריקער אויסבאהאלטן געווער, האט דער וואכ־מייסטער געשליידערט אף דער ערד אלץ, וואס אים איז געקומען אונטער די הענט. גערעדט וועגן דעם האט מען אנגעכמורעט און פארשטעלט:

— זעט נאר, — ווינקט זיגמונד אלשעווסקי אפן וואכמייסטער, — ווי עס בייסט אים, נעבעך!..

— יא, — שטימט אויך איין דער געלבלעכער אדאם קעלבאשינסקי, — איך וועל אים נאך דארפן שלעפן אין באד אריין...

אנטאנאסעס קליינע, קלוגע אויגן זיינען פול מיט קוים איינגעהאלטענער אופגעבראכטקייט:

— וואס איז דא ווייטער פאר א ראיעניש?!

— וואס?! — האבן אלע דערהערט דעם וואכמייסטערס ווארענענדיקן אויסרוף.

— יאטן, — כאפט אנטאנאס געדריס אזא קוק אף די צוואנגס־ארבעטער, ווי ער וואלט זיי געראפן טייקעף זיך גרייט מאכן צו ווידערשטאנד, — יאטן!

א ברום, ווי א קרעכץ, האט פארפולט אלץ ארום, גלייך יעדערער וואלט צונויפגענומען זיין ביז איצט טיף אויסבאהאלטענעם, אבער וואכנדיקן צארן און אים א שליידער געטאן אינעם ברייט־צעפארענעם וואכמייסטער. די זעלנער זיינען געבליבן שטיין אפהענטיק, פונקט ווי זיי וואלטן אינעם ברום דערפילט דעם דערוואכטן קויעך פון די צוואנגס־ארבעטער...

דאס קארביד־לעמפל איז שוין געווען אויסגעלאשן. א גרויער, שניידיק־קאלטער פרימארגן האט אריינגעקוקט אין די קליינע, ביז העלפט מיט ברעטלעך פארהאקטע באראק־פענצטער.

אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער ריי, גרייט אַרויסצומאַרשירן, האָבן די צוואַנגס־אַרבעטער נאָך לאַנג ניט געקענט פֿאַרגעסן אַנטאַנאַסעס רוף:

— יאַטן!..

4

געווען שוין ווײַט נאָך האַלבן טאָג. מיט פֿײַכטער טונקלקײַט איז פֿול געווען דער גרויסער עסצימער פֿון דער קיך. דאָך איז דער בײַכיקער לאָמפּ, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פֿון סאַמע מיטן, נאָך אַלץ ניט געווען אָנגעצונדן. קיינעם איז דאָס אָבער ניט אָנגעגאַנגען. סײַווי איז דאָס קאָפּ שיטערע זופּ שוין געווען אײַנגעשלונגען. צו ביסלעך האָט מען זיך שוין אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערגיין. אַנטאַנאַס איז געזעסן און געשוויגן, געוואָלט, אַז ניט ער, נאָר זי, די פֿאָרזיצערן פֿונעם נאָדל־פֿאַרײַן פּראַדל, זאָל די ערשטע מיט אים אָנהייבן ריידן וועגן דעם, וועלכע שריט דאַרף מען פֿאָרנעמען, קעדיי אַ ווענד טאָן די גאַנצע פּראָפֿאַרייִנישע אַרבעט אַפֿן וועג פֿון דירעקטן פּאָליטישן קאַמף פֿאַר מאַכט.

דאָס איז ניט געווען קיין אַמביציע. ניט וועגן אַלץ וואָלט ער אין אַלעמענס אָנוועזנהײַט געוואָלט ריידן מיט פּראַדלען. אָבער דערמאָנען איר, אַז נאָר די אָרטיקע באָלשעוויקעס זײַנען געווען די, וואָס האָבן איר ניט איינמאָל געהאָלפֿן דערפֿירן ביז אַ זיג אַ סאַך שווערע, פֿאַרצויגענע שטרײַקן, דאָס וואָלט עפּשער יאָ נייטיק געווען. פֿון זײַן עטוואָס ווי אָנגעדרודלט שווײַגן האָט זיך פּראַדל אָנגעשטויסן, וועגן וואָס ער טראַכט. איז איר ניט אָנגעגאַנגען, וואָס וועגן איר קאָן זאָגן פֿרומע אָדער נאַפּטאַליע מערקין, וועלכער געפֿינט זיך אין קליינינקן קיך־צימער. אַ קינדערש צוגעלאָזענע, דערלויבט זי זיך אַרופֿלייגן איר האַנט אויף אַנטאַנאַס פֿעסטער פּלייצע, קעדיי מיט דעם צעשטרייען זײַן לײַכטע און, ווי זי איז זיכער געווען, געגרעכטע אומצופֿרידנקײַט...

— גוט, — זאָגט זי אים, — וואָס דו קענסט כאָטש אויף אַ ווײַלע זיך אַרויסרײַסן פֿונעם פּאַסקודנעם לאַגער און זײַן אַ רעגעלע מיט אונדז, גוט!...

נאָר אַנטאַנאַס געדריסן איז ווייניק געווען בלויז הערן אַ פֿרײַנטלעך וואָרט.

— כאַווערטע פּראַדע, — קלינגט זײַן קאָל, — מע דאַרף עפּעס טאָן, אַז די זיצונג פֿון צענטראַל־ביוראָ זאָל גיכער פֿאָרקומען. אַפֿילו ווען דאָס זאָל עמעצן ניט געפֿעלן!..

אין קיך האָט פּלוצעם אַזאַ רודער געטאָן, גלײַך עמעצער, אַ שטאַרק אויפֿגערעגטער, וואָלט אַ האַסטיקן שטויס געטאָן פֿון זיך אַ בענקל צי אַ טישל. איידער מע באַווײַזט זיך ווי געהעריק אומקוקן, עפֿנט זיך דאָס טירל פֿון קליינינקן צימערל און אַלע דערהערן אַ באַרויגעזע וואָרענונג:

— כאַווײרים, — דערקענט מען נאַפּטאַליע מערקינס שטים, — אויב מע וועט זיך ווײַטער אַזוי קלײַבן אַהער פֿון אַלע לאַגערן און נאָך פֿירן פֿאַרשיידענע געשפּרעכן... פֿאַרשטייט איר דאָך אַליין, אַז פֿאַן אָקסמאַן וועט פֿאַרמאַכן די קיך אינגאַנצן מיט אונדזערע מײַלער... און דעמלט...

אַלע הערן נײַגעריק, וואָס נאָך וועט זאָגן מערקין.

— נאַפּטאַליע, — זאָגט עמעצער, — רעדט און דערעדט ניט... זעט נאָר, צי האָט ער אַמאָל ניט דערשמעקט, אַז דאָ הייבט זיך עפּעס אָן ניט אויף קאַטאָוועס!..

— אויב אַזוי, — גיט אַ זאָג רייזל, — טאָ זאָל זיך טאַקע גיכער אָנהייבן... מע וועט שוין דעמלט זען, ווער וואָס עס האָט די ווערט.

פּראַדל ווערט ערנסט. גלײַך ערשט איצט וואָלט צו איר דערגאַנגען, אַז אַלץ, וואָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן מערקינען, איז טאַקע ריכטיק, און עס איז שוין צײַט מיט אים אײַנצורײַסן. נאָר טאָן אַזוי, דאָס האָט זי נאָך דערווײַל בײַ זיך ניט געפּויעלט.

אַ העלפֿט פֿון אירע פֿינף און צוואַנציק יאָר האָט פּראַדל שווער געהאָרעוועט אין פֿאַרשיידענע וואַרשטאַטן און כאָטש זי שפּילט שוין איצט די ערשטע פֿידל אין פֿאַרײַן און אין קיך, דאָך איז זי אַלץ נאָך ניט פֿרײַ געווען פֿון איייניקע קליינשטעטלשע געוווינהײַטן, פֿון וועלכע זי האָט ניט געקענט און עפּשער ניט געוואָלט זיך באַפֿרײַען.

אין יענעם שטרענג אָפּגעזונדערטן, ווי אָפּגעצאַמטן טייל שטעטל, וווּ עס האָבן געלעבט נאָר די ייִדן, האָט שטענדיק געטאָגט און גענעכטיקט אַ געפֿיל פֿון שרעק.

די דאָזיקע שרעק איז בײַ פּראַדלען אין שטוב געוואָרן נאָך גרעסער, ווען בײַ איר איז געשטאָרבן דער טאַטע. פֿון וואָס צו לעבן איז ניט געווען. איר מאַמע איז געצוווּנגען געווען זיך צופֿרידן מיט דער פֿולבלעכער אָפּגעלאָזענער בעקערקע, אַז די דאַן נאָך צעניאָריקע פּראַדל זאָל פֿאַר גראָשנס פֿאַנאַנדערטראָגן די פֿריש אויסגעבאַקענע בייגל און קיכלעך די פֿאַרמעגלעכע קוינים.

נאָך אַ שטיק פֿאַר טאָג, ווען אַ שנײַדנדיקע קעלט פּלעגט זיך קלעפּן צו די קליינע פֿאַרפֿאַרענע שטוב־פֿענצטער, פּלעגט זיך דאָס מיידעלע אַוועקלאָזן איבער יענע אומבאַקאַנטע גאַסן,

ווּ עס האָבן געוווינט די גווירים. גאסן, ווּ בא יעדער שטוב זײַנען געווען ברייט צעוואַקסענע ביימער. הינטער די שטיבער — א פרוכט־גאָרטן, און צו דער גאס פלעגט נאָך ארויסקוקן א היימיש־געמיטלעכער, אָפּט אפילע פארגלאָזטער גאנעק. די צאָרע נאָר, וואָס אין יענע רײַכע גאסן זײַנען געווען א סאך בייזע הינט, וואָס פלעגן פלוצעם זיך ארויסרײַסן פון אונטער א גאנעק, פון אונטער א טויער, פון אונטער א שיטערער סאָד־פארצוימונג.

פון שרעק, אז עס וועט איר ניט געלינגען אײַנהיטן פון די הינטישע ציין זיך און דאָס ביסל גוט אײַנגעדעקטע, נאָך ווארעמע בייגל, וואָס האָבן געקאָסט אוואדע בא א פערטל רובל, פלעגט זי נעמען שרײַען. נאָר קיינעם איז איר פארטאָגיקער געשריי ניט אָנגעגאנגען.

כאָטש דאָס אלץ איז געווען א סאך פריִער, דאָך איז פראדלען שווער געווען זיך באפרײַען פון דעם געפיל, אז ערגעץ־ווּ ליגן באהאלטן פלינקע בייזע הינט.

דערפאר איז אין אירע לעבעדיקע אויגן און אין אלע באוועגונגען קימאט שטענדיק געווען צו באמערקן: אָט צוגעלאָזנקײַט און אָט — וואכזאם־אָנגעשטרענגטע צוריקגעהאלטנקײַט.

אנטאנאס געדריס האָט געפילט, אז דער נעכטן קלאמערט זיך אלץ נאָך אָן פראדלס הײַנט. האגאם ער האָט פארשטאנען און מויכל געווען איר שווערן, פאמעלעכן, צו פאָרזיכטיקן דערנענטערן זיך צו זײַנע איבערצײַגונגען, אָבער שאָלעם מאכן מיט דעם האָט ער ניט געוואָלט.

— נאפטאָליע מערקין, — זאָגט איר אנטאנאס פאָרזיכטיק, — מיט זײַנע סטראשונקעלעך, אז עס קאָן ווער ווייסט וואָס געשען פון קלײַבן זיך אין קיך, וויל, זע איך, מאכן א בייז לעבן צווישן מיר און די הונגעריקע קיך־באזוכער... דו מיינסט עפשער, אז ניט?!..

— הער, — האָט זיך פראדל קימאט געבעטן בא אים, — דו ווייסט דאָך אָבער... סײַ אין פאריין, סײַ אין קיך בין איך פארנומען ביז איבערן קאָפּ. איך האָב ניט אפילע קיין פרײַע רעגעלע ווי געהעריק זיך אומקוקן, זען און באנעמען אלץ... טאָ לאָז מיך א קאָפּ זיך ארומטאָן, ווער איך דעמלט...

— נו, מיילע, — האָט אנטאנאס געזען, אז מע דארף פראדלען לאָזן אליין אלץ באנעמען און פארשטיין. — איך גיי.

אויך אנדערע האָבן גענומען פארלאָזן די קיך. אזוי פלעגט זײַן קימאט שטענדיק, ווען אנטאנאס געדריס און זײַנע כאוויירים פלעגן אוועקגיין. בלויז אינעם קליינעם צימערל איז פארבליבן נאפטאָליע מערקין און אין פינצטערן ווינקל, ווּ עס איז געווען אײַנגעמויערט דער גרויסער אײַזערנער קעסל, האָט זיך געפּאָרעט פרומע.

די דאָזיקע פולע פארלאָזטקײַט האָט פראדלען אונטערגעיאָגט. זי האָט גענומען גיכער צונויפנעמען די סאך שווערע, ליימענע שיסעלעך און גרינגע, ווי טרוקענע שפענדלעך, הילצערנע לעפל, קעדיי זיי טייקעף אויסוואשן. נאָר גענוג געווען, זי זאָל זיך דערמאָנען אָן געדריסן, ווי זי האָט גלײַך אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם גראָבן לײַוונטענעם פארטעך און איז געבליבן שטיין, גרייט אָף א קלאָרן, ענערגישן שמועס:

— דו גייסט? — האָט זי געפרעגט בא נאפטאָליע מערקינען, ווי זי וואָלט נאָך פריִער געהאט מיט אים אָפּגערעדט, וווהין צו גיין, — מיר דארפן זיך דורכריידן.

— וועגן א וויכטיקן איניען? — קוקט ער זי אָן מיט א פאָרשנדיקן בליק.

— פאר מיר איז ער וויכטיק! — קלינגט איר ענטפער, — און ווי דאָס וועט זײַן פאר דיר, וועלן מיר שפּעטער זען... מיר דארפן זיך פארשטענדיקן וועגן צונויפרופן די צענטראל־ביוראָ פון די פראָפעסיאָנעלע פאריינען.

— גוט, — שטימט ער אײַן, גלײַך עס וואָלט געגאנגען א רייד וועגן אן איניען, וואָס קאָן ניט ארויסרופן קיין מינדסטע דערווידערונג, — דו גייסט דאָך אוואדע צו זיך אין פאריין? טאָ גיי זיך געזונטערהייט, און איך וועל מיסטאמע זיך באלד אויך צוכאפּן...

— אָבער, — וואָרנט זי אים, — אָבער אָן צו לאנגע פארשלעפענישן...

— איך וועל זיך סטארען, — שמייכלט ער צו איר, ווי צו א קינד, וואָס נעמט ריידן וועגן ערנסטע איניאָנים.

געווען איז אין קיך פוסט און טונקל. די שײַן פון דעם איינציקן קארביד־לאָמפּ האָט ניט געקלעקט אפילע אָף צו באלײַכטן דעם אָנגעטראָגענעם ברוד, וואָס האָט באדעקט דעם גאנצן דיל. און פרומע, ווי זי וואָלט גאָרניט געהערט און ניט געזען, וואָס ארום איר קומט פאָר, האָט זיך אלץ נאָך געפּאָרעט באם קעסל.

כאָטש קיינער האָט קיינמאָל ניט געהערט, אז נאפטאָליע מערקין זאָל זאָגן פרומען „דו“, דאָך האָבן אלע געוווּסט, אז ער לעבט מיט איר. נאָר געטאדלט פאר דעם האָט אים קיינער ניט. איניקע זײַנען אפילע גרייט געווען אים פארענטפערן:

— ער איז אזוי, נעבעך, ארײַנגעטאָן אין זײַנע אייסאָקים, — האָט ניט איינמאָל באמערקט די שוואך־אויגיקע שיפרע, — אז אים בלײַבט קיין צײַט פאר א געוויינלעך מענטשלעך לעבן.

פראַדל האָט אָבער געוווּסט, אַז פרומע איז נאַפּטאַליען לאַנג שוין ניט צום האַרצן, אַז אויך אַף אים, דעם ווירקלעך שטאַרק פאַרנומענעם מענטשן, פאַלט אַמאָל אָן אַ יעיצער־האָרע צו יונגע, שיינע און פריילעכע. אַז דאָס איז אַזוי, וואָלט זי געקענט דערוויַיזן מיט אַ סאַך בייַשפּילן, דעריקער, מיט זייַן אָפּטלעכער אופמערקזאַמקייַט טאַקע גופא צו איר אַליין.

וואָס איז מיט אים איצט? פאַרוואָס וויל ער דאָ בלייַבן אויג־אַף־אויג מיט פרומען? — איז זי געווען נייַגעריק. — עפשער וויל ער אַף אַן עמעסן פאַרמאַכן די אויגן אַף דער גאַנצער וועלט און אָנהייבן לעבן טאַקע נאָר פאַר זיך...

5

וואָס לענגער נאַפּטאַליע מערקין האָט זיך פאַרהאַלטן אין גאַס, אַלץ מער האָט ער זיך צונויפגעלעבט מיט דער האַרבסטיקער פינצטערניש. אָט גייט ער פאַרבייַ דעם הויז, וווּ עס געפינט זיך די גרויסע שטאָט־קראָם. עפּעס דרייט זיך דאָ אַרום אַ רעכט ביסל מענטשן. נאַפּטאַליען האָט דאָס ניט איבעראַשט. מיט פאַרגעניגן האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז ער ווייסט אַלץ, וואָס און ווו אין שטאָט קומט פאָר. פון איינעם אָן אָנגעשטעלטן אין מאַגיסטראַט האָט ער זיך דערוווּסט, אַז נאָך באַטאָג האָט מען צו דער קראָם צוגעפירט אַ גוט צוגעדעקטע פור. אַ סימען — מע וועט עפּעס „געבן“.

וואָלט דאָס געטראָפן מיט עטלעכע כאַדאָשים צוריק, וואָלט נאַפּטאַליע מערקין מיט אַן אופגעהויבענעם קאָפּ און פאַרשטייַפטער פיגור גענומען גיין גיכער, קעדיי אַלע זאָלן פאַרשטיין, אַז ער איז צופיל פאַרנומען מיט וויכטיקע קלאַל־איניאָנים, ער זאָל זיך קענען דערלויבן אָפּשטעלן צוליב אַ קלייניקייַט. איצט אָבער איז ער צוגעגאַנגען צום אוילעם און גענומען אייצען דאָ איינעם, דאָ אַ צווייטן און אַ דריטן.

— דרייט זי דאָ ווייניקער אַרום. פאַרנעמט בעסער אַן אָרט אין דער ריי. מאַשמאָעס, — גיט ער נאָך צו, — אַז מע וועט דאָ טיילן צו הונדערט גראַם שמיר־זייף.

— איר ווייסט ניט? — האָט אים עמעצער אונטערגערוקט ווי אַ גרויסן סאָד אַ פראַגע, — עפשער וועט מען געבן אַף אַ מענטשן כאָטש אַ לויט קעראָסין?

— דאָס ווילט איר גאָר? — האָט זיך אַ קאַפּריזלעכער שמייכל אַ וויַיז געטאָן אַף נאַפּטאַליעס שמאָלע ליפּן, — פון דעם מין, מייַן טייַערער, ווייסט איר, מיסטאַמע, אַזוי גוט, ווי איך, פאַרמאָגן די יעקעס קאַדאָכעס מיט קאָשערע פּאָדעם!..

נאַפּטאַליע מערקינען איז אָנגענעם געווען סייַ די דאָזיקע צופעליקע באַגעגעניש, סייַ זייַן אייגענע שאַרפלעכע באַמערקונג וועגן די „יעקעס“, ווי מע פלעגט דאָרטן רופן די אָקופּאַנטן. די שטימונג איז בא אים געוואָרן אַ בעסערע און עס האָט זיך אים אפילע גענומען דוכטן, אַז אַלע צווישנפאַרטייִישע באַציִונגען הייבן אים אָן צו ווערן פיל קלאָרער. „ווער פאַרשטייט דען ניט, — טראַכט ער, — אַז דער דאָזיקער אַנטאַנאַס געדריס מיינט דאָ ניט עפּעס אַנדערש, ווי אייַנשפּאָרן די גאַנצע שטאָטישע צענטראַל־ביוראָ פון די פּראָפעסיִאָנעלע פאַריינען אין זייַן אייגענעם רייַטוואָגן?!..“

דער דאָזיקער געדאַנק האָט שטאַרק אָפּגעקילט נאַפּטאַליע מערקינס גרייטקייַט צו גיין אין פאַריין. שוין באַלד איז ער געשטאַנען לעבן דעם טעלעפאָן־אַפּאַראַט אין דער פּוסטער, שוואַך באַלויכטענער אַפּטייק, מאַכנדיק דערבייַ אַזעלכע אומרויִקע באַוועגונגען, גלייַך ווי ער וואָלט בעשום־אויפן ניט געקענט געפינען קיין אָרט פאַר זייַנע לאַנגע דאַרע פיס.

— דאָס זייַט איר? — האָט ער געדרייט דאָס טעלעפאָן־טרייַבל אַהער און אַהין, ניט וויסנדיק, קענטיק, ווי בעסער עס צו האַלטן, קעדיי יעדעס וואָרט פון זייַן שמועס זאָל דערגיין, וווהין מע דאַרף. — הער פּערעלמאַן? דאָס רעדט מערקין... יאָ... אַ גוט אָוונט אייַך!

מיט אַן עטוואָס צערודערטן אויסזען איז ער אַ רעגעלע געבליבן שטיין, ווי אים וואָלט פּלוצעם ניט אָנגענעם געוואָרן פון דעם אַליין, וואָס ער וויל זיך האַלטן אָן אייצע בא אַזאַ איינעם, ווי יורי פּערעלמאַן. נעמט ער ריידן מיט יענעם וועגן אַ גאָר אומשולדיקן איניען:

— כ'האָב אייַך געוואָלט זאָגן, — הייבט אָן נאַפּטאַליע מערקין מיט אַ זאַכלעך־רויִקן טאָן, — אַז מיר איז פּאָרט געלונגען אַרויסקריגן אַ צוואָג אַף אַ ביסל ברוטשקע... יאָ... געוויס... ווען איר, פּאַניע פּערעלמאַן, קוועטשט אָן ווו נייטיק איז אַף דער סטרונע, וואָלט איר אויך געקראָגן... ווי?.. „אייַערע קאָנטינגענטן עסער דאַרפן עס אַף קאַפּאָרעס?“ קאָן זייַן, — ווערט מערקינס געזיכט טונקעלער, די באַוועגונגען אומרויִקער און דאָס קאָל היפּשלעך נערוועז, — איר האָט אַ צוזאָג אַף אַ קעסטל קונסט־האָניק?.. באַדאַרפט זען, אַז איך זאָל אויך קריגן... ווי? וואָס הייסט? אַלעמען קען מען ניט געבן? מע דאַרף דאָך אָבער כאָטשבי אַ ביסל אינזינען האָבן די

צײַט... נו, יאָ!.. אזוי האלטן זיך די אײַעריקע, נעבעך, אין איין טרייסלען, ווי, לעהאוודל, אין א קאדאָכעס: „רעוואָליוציע — דאָ און רעוואָליוציע — דאָרטן“... קומט אָבער צום טיילן, איז די יאכסאָנים ווארפט מען נאָך צו א ביינדל, און די ארבעטער גיט מען קאדאָכעס מיט קאָשערע פאָדעם!..

נאפטאָליע מערקין לייגט אוועק דאָס טרײַבל און גייט ארויס פון אפטייק.

געוועזן איז פינצטער, נאס און פוסט. בלויז פון די שמאָלע ברודיקע געסלעך, וואָס מיט זייער סאָף אָדער אָנהייב האָבן זיי זיך געקלאַמערט אָן דער אמאָל טומלדיקער דײַטשישער גאס, זײַנען דערגאנגען צו אים יאָמערלעכע געשרייען, וואָס האָבן ווי אָפּגעבריט זײַן הארץ:

— שענקט כאָטש א ברעקל, א פיצל ברויט.

„מענטשן ראנגלען זיך מיטן הונגער, — האָט נאפטאָליע מערקין זיך אליין גאָר שטרענג געוואָרנט, — מע דארף רופן א זיצונג פון צענטראל־ביוראָ און עפּשער איינעם מיט אנטאנאס געדריסן און זײַן כאווריײַע פאַרנעמען א שטיקל געמיינזאמע אקציע...“

אָבער ווי נאָר ער איז צוגעגאנגען צו דער טיר, דערהערט אנטאנאס און פראדלס שטימען, האָט אים ווידער באהערשט דער פריִערדיקער פארדאכט, אז אנטאנאס געדריס מאָביליזירט די צענטראל־ביוראָ ארום זײַנע, אנטאנאסעס, אופגאבן. „אָן מיר, — גיט ער א זאָג צו זיך אליין, — איך גיי ניט אין פאריין און וועל ניט געבן מײַן האסקאָמע צו רופן אזעלכע זיצונגען...“

6

ווען אין די שפּעטע פארנאכטן פלעגט זיך לעבן דער טיר פון זײַן בעקערײַ אָפּשטעלן די אים גוט באקאנטע מיליטערישע פור, פלעגט פײַוועַ אָנקוועלן. פון אונטער די זעקלעך קאָרענער מעל האָבן גנייוויש ארויסגעקוקט עטלעכע קעסטלעך. פײַוועַ האָט געוווסט, וואָס דאָרט ליגט: פעקלעך קאָנסערווירטע קאשע, געלער, שטארק פײַכטער „פערדישער צוקער“, ווי ער פלעגט עס רופן, מארמעלאד פון בורעקעס און מערן, אפילע פלעשער ראָם, וואָס דער שטרענגער און שטאָלצער מאיאָר פאָן אָקסמאן פלעגט, ווי מע זאָגט עס, פון אונטער דער פאָלע פארקויפן דעם בעקער.

— נו, — פלעגט דאן פײַוועַ א זאָג טאָן צו זײַנע שטוביקע, — שוין צוגעפאָרן מיט מאזל דאָס שטיקל האצלאָכע!..

פײַוועַ האָט אָנגעהויבן זײַן זעלבשטענדיק לעבן פון באקן שווארץ ברויט פאר ארבעטער, טרעגער, באלעגאָלעס און פעדלער, וואָס האָבן געוווינט אף זײַן לאנגער ארופבארגיקער פאָר־שטאָט־גאס. נאָר פײַוועַן האָט געצויגן צו געלט און טאקע נאָר צו גרויסע געלט. זײַנס האָט ער זיך דערשלאָגן. וויאזוי — דאָס איז גאָר אַן אנדער זאך. איינגיכן האָט שוין פײַוועַ געהאט א קאָנדיטערײַ, ווו עס זײַנען געשטאנען זעק מיט קלאָר ווײַסער ווייצענער מעל, זעק מיט מעלצוקער, זעק מיט ראָזשינקעס, זעק מיט מאָן און פולע זעק מיט ניס און מאנדלען. ער איז געוואָרן א גאנצער דייעזאָגער אינעם פאריין פון די באלמעלאָכעס. פײַוועַן האָט ניט געארט, אויב עמעצער פלעגט זאָגן, אז ער טוט עס צוליב אָפּלעקן א ביינדל... אפּצולאָכעס די בייזע צינגער האָט ער נאָך אײַנגעלאדן צו זיך אין פאריין דעם גוט באקאנטן קלאל־טוער יורי פערעלמאנען אף לייענען פארשידענע לעקציעס און שפּעטער א ביסל, שטיצנדיק זײַן קאנדידאטור בא די וואלן פון דער יִדישער קעהילע, האָט ער בעסאָד געגעבן אים אָנצוהערן, אז אויב אף דער וועלט וועט נאָך זײַן אמאָל א שטיקל דומע, א פארלאמענטל אָדער א מין אנדער פארדרייעניש, וועלן אלע באלעבאטים און באלמעלאָכעס אים, פערעלמאנען, אויסוויילן אלס זייער הויפּט־פּרעד־סטאַוויטעל!..[1]

אין פײַוועס אכטונג צו יורי פערעלמאנען, וועמעס באשעפטיקונג עס איז געווען ניט אזוי מעדיצין, ווי קלאל־איניאָנים, האָט געשטעקט אויך א היפש ביסל קינע. פײַוועַ איז אים מעקאנע געווען ניט בלויז אף די גרויסע פארבינדונגען, נאָר אויך אף שווער־און־שוויגער, וואָס האָבן פארמאָגט א גרויס געשעפט, א היפשן קאפיטאל און א פירגאָרנדיקן מויער. געגוג געווען פײַוועַ זאָל זיך פאָרשטעלן די יערושע, וואָס פערעלמאנען וועט בלײַבן, אז דאָס שטענדיק האלב פאָר־מאכטע לינקע אויג זײַנס זאָל זיך בא אים אינגאנצן צומאכן און דאָס רעכטע אויג זאָל אין דער אָנשטרענגונג גאָרנישט, כאָלילע, ניט דורכצולאָזן, אָנהייבן דערמאָנען אָן א מין אָנגעצילטן פיסטאָלעט, וואָס אָט־אָט, דוכט זיך, שיסט ער אויס.

דעם קײַזער ווילהעלמס ארמיי האָט געבראכט מיט זיך ניט בלויז צוואנג־ארבעט און אומופ־הערלעכע רעקוויזיציעס, נאָר אויך א פײַנלעך שווערן הונגער. פון פײַוועס קאָנדיטערײַ זײַנען

[1] פאָרשטייער.

טייקעף פארשווונדן די ווייַסע, ליכטיקע כאַלעס. ניט געוואָרן בא אים די געשמאַקע מאַנדלעך, אינגבערלעך, אייַנגעמאַכטס, טייגלעך, געפרעגלטע פּאַמעראַנצן, טאָרטן, פאַרברוינטער לעקעך און ביסקוויטן. ליידיקע אופגעדרייטע, ווי טראַנטעס, זייַנען געבליבן ליגן אַלע זייַנע זעק.

— זעט נאָר, — האָט פּייַווע געטייַנעט, אַן איבעראַשטער פון דער דאָזיקער, ווי ער פלעגט זאָגן, מאַגייפע, — זעט נאָר, די יעקעס זייַנען דאָך גאָרניט קיין איבערקלייַבער: זיי ראַבעווען אַלץ און בא אַלעמען...

ווי נאָר ער איז געקומען צום דאָזיקן אויספיר, האָט ער טייקעף גענומען צושטיין צו יורי פּערעלמאַנען און האַלב אף שטום־לאָשן געמאָנט בא אים:

— נו? — און באַלד ווידער, — נו?..

„נו?" האָט פאַרן קלאַל־טוער באַדייַט: „אָט איצט, פּאַניע פּערעלמאַן, זייַט מוחל און ווייַזט, וואָס איר קענט אופטאָן פאַר די יעניקע, וואָס זייַנען פאַר אייַך געווען די שוץ און דער אָנשפּאַר אין פאַרייך פון באַלעבאַטים. אַדרעבע, נעמט און טוט א ווייַז, וואָס איר קענט"...

האָט יורי פּערעלמאַן זיך טאַקע גענומען און געפּויעלט א דערלויבעניש צו עפענען א קיך פאַר שטאַרק געפאַלענע באַלעבאַטים און פאַרן בעקער פּייַווע באַקומען די ערשטע מאַגיסטראַט־באַשטעלונגען אף באַקן פאַר דער הונגעריקער שטאָט די הונדערטגראַמיקע פּאָרציעס קאַרטן־ברויט.

אין יענער צייַט איז פּייַווע פול געווען מיט אַכטונג ניט בלויז צו יורי פּערעלמאַנען. אויך דער כמורנער מאיאָר מיטן אייַנגעשטשעמטן מאָנאָקל אין דעם רעכטן אויג האָט אים געהאַט אויסגעזען, ווי א געוואַגטער קריגסמאַן, וואָס איז גרייט אָפּגעבן דאָס לעבן פאַר זייַן לאַנד און פאַר זייַן „קייַזער". קוים האָט אָבער פּייַווע זיך איבערצייַגט, אַז אַלץ, וואָס דער מאיאָר פאַרקויפט אים, איז געשיקט געוואָרן פאַרן פראָנט, אַז אויך צו די טעגלעכע הונדערט גראַם ברויט, וואָס מע האָט באַדאַרפט אַרויסגעבן דער באַפעלקערונג, פלעגט דער מאיאָר באַפעלן צומישן א סאַך ברודיקע פּאַלאָווע, אַבי אים, דעם מאיאָר, זאָל בלייַבן מער אף צו פאַרקויפן פאַר הויכע מאַרק־פּרייַזן, קוים האָט זיך פּייַווע אין דעם איבערצייַגט, ווי עס האָט זיך אים פאַרוואָלט פּאַשעט אויסשפּייַען דאָס ביסל אַכטונג, וואָס ער האָט געהאַט צום מאיאָר און צו אַזעלכע, ווי ער.

— עס איז א וועלט, — האָט דאַן פּייַווע אַנטשיידן א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט גופע די וועלט אַרייַנגענומען אין זייַן הויפן, קעדיי זי אַזא שלייַדער טאָן, זי זאָל זיך צעבּרעקלען, צעשיטן אַזוי, אַז קיין געדעכעניש זאָל פון איר ניט בלייַבן, — עס איז א וועלט פון הור, גאַנעוו און גאַזלען!

דער טאָג איז געווען א טונקעלער, א ווינטיקער. אפן ראָג, דאָרט, וווּ עס האָבן זיך צונויפגעשלאָסן די לאַנגע זאַוואַלנע־גאַס מיט דער געוועזענער געדיכט־קראָמיקער רודניצקער און מיט דער קלייך־ און גרויס־סטעפּאַן־גאַס, אין יענעם שטיקל ברייטלעכן גאַסן־געפלעכט פלעגט אַלעמאָל אין די שפּעטע פרימאָרגן־שאָען זייַן פול מיט מענטשן און באַוועגונג. באַזונדערס איז דאָס געווען צו באַמערקן אָנהייב יאָר טויזנט נייַן הונדערט אַכצן, ווען אַהער, אין דער אָקופּירטער שטאָט, איז דערגאַנגען א יעדיִע, אַז אין די סאָוועטישע צייַטונגען איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן א דעקרעט וועגן שאַפן אַן אַרבעטער־פּויערישע אַרמיי.

אויך איז באַוווּסט געוואָרן, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס אין בריסק האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן פרידנס־אונטערהאַנדלונגען, זייַנען אין דייַטשלאַנד און עסטרייַך־אונגאַרן אויסגעבראָכן גרויסע שטרייַקן. די אַרבעטער האָבן געפאָדערט שליסן א פרידנס־אָפּמאַך מיט סאָוועטן־רוסלאַנד.

פּייַווע, וואָס האָט אַלץ צוגעזען און צו אַלץ זיך צוגעהערט, האָט פאַרשטאַנען, אַז זייַן גיך און גרינג אָנגעלעבט פאַרמעגן איז אין געפאַר. גאַנצפרי איז ער געקומען אף דער בירזשע און געטראָפן דאָרט יורי פּערעלמאַנען.

— ווי קומט איר אַהער? — האָט פּייַווע מיט גרויס פאַרוווּנדערונג געפרעגט און מיט האַנאָע אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט „איר".

— איר מיינט, קאָנטיק, — שמייכלט צו אים יורי פּערעלמאַן, — אַז מייַן נעשאָמע איז א ראָזשינקע?..

שווייַגנדיקע האָבן זיי זיך א רעגע אומגעקוקט. א פּוסטקייַט האָט אַרומגעוואָגלט אין אַלע אַרומיקע שמאָלע, געדרייטע, ווי צעהויקערטע, געסלעך. אָבער אף דער בירזשע זייַנען געשטאַנען גרופּקעלעך מענטשן, וועלכע האָבן זיך געשאַרט איינער אַרום אַנדערן, גערעדט שטיל און פאַרשטעלט, גלייַך עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן א גוואַלדיקער געהיימניש.

— מיט דעם אָסט־געלט און קערענקעס, — באַקלאָגט זיך פּערעלמאַן, — האַלט שוין גאָר שמאָל... און גראָד מייַנע (געמיינט, שווער־און־שוויגער) האָבן א רעכט ביסל פון זייערע מאַמ־

טאקים אריַינגעבראָקט אין דעם דאָזיקן שלים־שלימאזלדיקע געלט. און איצטער, — גיט ער צו אַן ערנסט פאַרזאָרגטער, — ניט איך וויס וויאַזוי און ניט אף וואָס בעסער צו אויסבייַטן!..

— און איך, מיינט איר, וויס? — באקומט פייַווע א מין מעוולוועלן אויסזען, — מע דאַרף אופרודערן די בירזשע, וועלן מיר דעמלט זען, ווער אף וואָס עס וועט זיך ווארפן! נאָר פאַר אייַך, פאַניע פערעלמאַן, איז עס עפשער ניט אזוי דאָסיק, — האָט זיך פייַוועס לינק אויג שוין אינגאנצן פאַרמאַכט, — טאָ לאָזט, וועל איך דאָס מאכן אזוי, אז א האָן וועט קיין קריי ניט טאָן...

פייַווע האָט גענומען זיך אריַינדרייען דאָ אין איינעם, דאָ — אין א צווייטן רעדל מענטשן:

— אָסט, — גיט פייַווע א זאָג מיט אזא קאָל און אויסזען, ווי ער וואָלט אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך פאַרגעלייגט, — אָסט, קערענקעס, קנאַקנדיקע פינף־הונדערטערס, איך בייַט אף גאָלדענע צענערלעך. ווער נעמט? ווער?..

די בירזשע האָט זיך אַלץ מער גענומען פאַנאַנדערוויגן. באַלד האָט זיך דערהערט א גראַגערייַ, ווי פון א טשאטשע קראָען. פייַווע איז שוין אויך אומגעלאָפן א צעפּאָכטעטער.

פערעלמאַנען איז פריקרע געווען פון דעם בעקערס צעשפּילטער זשעדנעקייַט, און ער האָט אפילע כיישעק באַקומען אָוועקצוגיין. נאָר דאָס צו טאָן האָט אים, קענטיק, געפעלט מוט און עפשער אויך ריינקייַט פון געוויסן. איז ער פאַמעלעך און מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי ניט ווילנדיק, אַנטקעגנגעגאַנגען דעם אופגערודערטן בעקער.

— קומט גיכער א ביסל, — אײַלט אים פייַווע בייזלעך און גראָב, — פאַר אייַך צו זייַן דאָ איז עפשער טאַקע א קנאַפּער קאָוועד... נאָר מיילע, איך, פאַניע פערעלמאַן, פייַף שוין לאַנג אף קאָוועד און שעמערייַ!..

7

די אייביק פאַרהאָרעוועטע רייזל האָט יעדע פרייַע מינוט אָפּגעגעבן דער אַרבעט אין אומלעגאַלן פאַריין. ס'האָט איר נאָר דערקוטשעט די זאָרג וועגן איר מאַן, יויסעף בערמאַן, וואָס האָט, לויט איר פאַרשטעלונג, געהאַט א טעווע צו „קריכן אין סאַמע פייַער!..“

יויסעף האָט געטאָן ניט פיל מער און ניט פיל אַנדערש, ווי זייַן ווייַב. נאָר רייזלען פלעגט אויסזען סאַקאָנעסדיק אַלץ, וואָס איר יויסעף האָט געטאָן אין דער אומלעגאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, און ניט סאַקאָנעסדיק דאָס, וואָס זי אַליין פלעגט טאָן. אָט לאָזט זי איבער דאָס קינד אין איר טיפער קעלער־דירע און אײַלט אַוועק צו דער אָנגעמערקטער פאַריין־זיצונג, קעדיי כאַפּן פרישע נייַעס וועגן דער רעוואָליוציע אין רוסלאַנד און עפשער אַליין קענען דאָרט אויסלאָדן איר אָנגעזאַמלטן אומרו. נאָר צו דער זיצונג, — דערמאָנט זי זיך שוין אין דרויסן, — איז נאָך אוואדע א שאָ און עפשער מער. באַשליסט זי דערווייַל זיך אריַינכאַפּן אין קיך, קעדיי דורכשמועסן זיך מיט פרומען. זי קלייַבט זיך שוין לאַנג דאָס טאָן.

די קיך־טיר איז געווען פאַרריגלט פון אינווייניק. „נאַפּטאָלינקעס א שפּיצל, — דערוועקט זיך אין איר א פאַרדאַכט. — דער פּאָרעץ פאַרלייַדט ניט, אז עמעצער זאָל אריַינשטעקן די נאָז אין זייַנע דאַלעד־אַמעס...“

„אַן אַנדערער“, ווייסט זי, באַדייַט פאַר נאַפּטאָליע מערקינען אזא איינער, וואָס צוזאַמען מיטן ביסל געקעכץ שלינגט ער נאָך אראָפּ (און אָפט מיט האַנאָע) יעדע יעדיִעס, וואָס אַנטאַנאַס געדריס, זיגמונד אָלשעווסקי און דער ניט לאַנג אָנגעקומענער רודניצקי טראָגן אַהין אריַין. האָט ער אויך רייזלען, יויסעף בערמאַנס פרוי, פאַררעכנט צווישן די „אַנדערע“. אָבער פאַר די קיך־אַרבעטער, ווי פאַר די באַזוכער פון דער קיך, איז רייזל געווען א געוווּנטשענער גאַסט. קומט זי אריַין אַהין, ווי צו זיך אַהיים, און איעדע אַרבעט דאָרט איז איר אזוי געהאָרכזאַם, ווי זי וואָלט לעכאַטכילע געוואָרט אף אירע פלינקע הענט.

ווען מע האָט זי אריַינגעלאָזט אין קיך, האָט זי גלייַך פאַרנומען איר געוווינטן אַרבעטסאָרט לעבן דער שטענדיק שווייַגנדיקער פרומען. שיילנדיק איינער נאָך דער צווייטער קאַרטאָפל, וואָס זי שלייַדערט גיך אריַין אינעם צעבער, רעדט זי אזוי פאַרקאָכט, ווי זי וואָלט זיך קוים געהאַט דערוואַרט אף אָט דער באַגעגעניש.

— אויב אזוי זאָל זיך ציִען, כאָלילע־וועכאַס, נאָך איין ווינטער, וועלן דאָ אַלינקע אויסשטאַרבן פון הונגער, קעלט און פאַרשיידענע מאַגייפעס. עס וועט אפילע ניט בלייַבן, ווער עס זאָל די טויטע ארופוואַרפן אף א האַנט־וועגעלע און אַוועקפירן אַפן בעסוילעם...

— עמעס, — ווערט פרומע בייזלעך, — נו, איז וואָס?!..

— וואָס?!..

רייזל ווייסט פרומעס גאַנץ לעבן און פאַרשטייט, אז זי מוז געפינען עפּעס גאָר וואָגיקע ווערטער, קעדיי אַרויסברענגען זי פון איר אייביק פאַרמאָרעשכוירעט שווייַגן.

פרומעס פּאַטער איז געווען אַ פּאַרוואַלטער פון אַ גוט בײַ אַ רײַכן פּאַרעץ. ער איז געווען זיכער, אַז זײַן גרויסע דערפאַרונג, זײַנע פעיִקײַטן גיבן אים דאָס רעכט פירן די ווירטשאַפט, ווי ער פאַרשטייט, און זיך ניט שטאַרק צאַצקען מיטן פּאַרעץ. אין איינעם אַ טאָג האָט דער שטאַרק אויפגעבראַכטער פּאַרעץ געגעבן ברייט אַן עפן די טיר און האָט אים, זײַן אָנגעשטעלטן, גראָב אַרויסגעמעשאַלייעכט.

געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז פרומעס פּאַטער איז אַליין אין אַלץ שולדיק, געזאָלט האַלטן „די צונג צווישן די ציינער..." פרומע אָבער האָט ניט בלויז באַרעכטיקט, נאָר מיטן גאַנצן האַרצן מיטגעפילט דעם פּאַטער. לעבן איז ניט געווען פון וואָס, האָט פרומע אָן שום וואַקלונגען אָפּגעלייגט אין אַ זײַט אירע לערנביכער אינײַנעם מיט דער האָפענונג צו קענען וועןניט־איז באַזוכן אַ הויכשול, זיך אויסגעלערנט אַ פאַך און געוואָרן אַ נאָענטער פרײַנט מיט נאַפּטאַליע מערקינען, וועלכער איז, לויט איר מיינונג, געווען אַ געוואַגטער רעוואָליוציאָנער.

— אַזאַ, ווי דו, — גיט איר רייזל אָנצוהערן, — טאָר ניט זײַן אַזוי פאַרבלענדט!..

— אַן אַנדערע — יאָ, — האָט זיך אַ טרויעריקער שמייכל באַוויזן אויף פרומעס פרי־געעלטערט פּאָנעם, — און איך טאָר ניט?!..

— מײַן טײַערע, — איז רייזלען שווער געוואָרן אײַנזיצן, — דו ביסט, ווי מע זאָגט, אַן אַלטע הינער־פּרעסערקע... אַן אַלטע פאַריין־טועקע, מעגסטו וויסן: מאַלע וואָס עמעצן וואָלט זיך וועלן, מע דאַרף דאָך אָבער זען, ווו, מיט וועמען מע איז און וואָס די צײַט טרעבעוועט!..

פאַר העכער פופצן יאָר אַרבעטן אין פאַרשיידענע וואַרשטאַטן, ווו די סאַמע עלעגאַנטע דאַמען פלעגן באַשטעלן די בעסטע זאַמשענע הענטשקעס, האָט פרומע אָפּגעשפּאָרט ניט מער, ווי אַ קאַלט, פינצטער געדונגען ווינקל אין אַ שטיבל אַרום דעם אַלטן יידישן בעסוילעם. דערפון פלעגט רייזלען אָפּט פרעסן דאָס האַרץ ניט ווייניקער און אַמאָל נאָך מער, ווי פון איר אייגענער נויט. איז זי פון פרומען ניט אָפּגעטראָטן:

— דו זעסט דען ניט אַליין, בײַ וואָס דו ביסט פאַרבליבן נאָך דײַנע אַלע טועכצן?!..

דאָס נייטיקע וואָרט אויף אָפּשלאָגן רייזלס אָנפאַלן האָט פרומע אין דער רעגע ניט געפונען, זי האָט אַראָפּגעלאָזט די קורצזיכטיקע אויגן און געשוויגן.

אונטער רייזלס קרוע־בלועדיקן אָנטאָן האָט זיך לאַנג שוין ניט געפילט קיין מענטשלעכער גוף, אַזוי אויסגעדאַרט איז זי געוואָרן פאַר די יאָרן אָקופּאַציע. אָבער זי איז, ווי אַן אויג, פול געווען מיט הייסן אומרו. אַפילו דאָס ווייניקע, וואָס איר מאַן יוסעף בערמאַן פלעגט איר ווען־ניט־ווען פאַרטרויען וועגן געדריסעס פלענער, האָט מיט איר פריידיקן הילך אָפּגעקלונגען אין איר האַרץ. זי האָט קימאַט ווי געפיבערט פון דער זיכערקײַט, אַז איצט גייט אין עפּעס וויכטיקערס, ווי אַ שטרײַק דאָ אָדער דאָרט. האָט זיך איר געוואָלט, אַז דער זעלבער געפיל זאָל אויך פרומען אויפרודערן.

אַ סאַך יאָרן האָט רייזל ניט בלויז געאַרבעט מיט פרומען אונטער איין דאַך, נאָר אָפט אויך אַ פאַרכאַפּטע געהערט איר פאַרלייענען „די מײַסע וועגן פיר ברידער", „פון וואָס איינער לעבט", „פליגן און שפּינען" און פיל אַנדערע דינינקע ביכעלעך, אַדאַנק וועלכע זי האָט צום ערשטן מאָל אַזוי דײַטלעך געוווּסט זען די פאַרבאַרגענע שרײַפעלעך פונעם מענטשלעכן לעבן. האָט זי פאַרהיט אָפן גאַנצן לעבן אַ דאַנקבאַר־רירנדיקע פרײַנטשאַפט צו דער געבילדעטער פרומען, אָבער אַלץ, וואָס איז לעצטנס פּאַסירט, האָט איר אויסגעזען אַזוי וויכטיק און אַנטשיידנדיק, אַז נאָכגעבן, באַרעכטיקן פרומען, האָט זי ניט געקענט. רייזל האָט זיך געשווינד אויפגעהויבן פונעם בענקל, אָפּגעטרייסלט דעם צעריסענעם זאַק, וואָס איז געלעגן בײַ איר אָפן שויס, קעדיי ניט פאַרבלאָטיקן דאָס קאַרטענע קליידל.

— עפּשער, פרומעלע, דאַרף איך דאָס דיר גאָרניט זאָגן, — האָט זי אָנגעהויבן אַזוי פאַרזיכטיק, גלײַך איר וואָלט פאַרגעשטאַנען אײַנריידן אַ קאַפּריזן קראַנקן אײַנעמען אַ ניט געשמאַקע, אָבער לעבנסנייטיקע רעפּוע, — ביסט באַוווסטזיניקער פון מיר. עמעס, נאָר אַמאָל, ווייסט דאָך, שיסט אויך אַ בעזעם... וויל איך דיר זאָגן, ווי אַ גוטער פרײַנט, אַז דו האָסט זיך אַזוי אַרײַנגעטאָן אין קיך, אין נאַפּטאַליע מערקינען און זײַנע מײַסים און כאַסדעס, אַז דו האָסט פאַרגעסן ניט נאָר אָן דײַן אייגן שטיקל לעבן, נאָר אָן דער גאַנצער אַרומיקער וועלט!..

רייזלס העל־גרויע אויגן זײַנען ברייט אָפן און דאָס בלאַסע אָפּגעצויגענע געזיכט ערנסט אָנגעשטרענגט. פרומע האָט דערפילט, אַז אויך זי קען דאָ ניט אָפּקומען מיט סטאַם אַ פּאָר ווערטער. זי וויל געבן רייזלען צו פאַרשטיין, אַז אירע און אויך נאַפּטאַליע מערקינס לאַנגיאָריקע איבערצײַגונגען וועלן זיך ניט לאָזן אָפּווישן פון קיין צײַטווײַליקע אופטרייסלונגען.

— דער וואָרעם פון דער געשיכטע, — האָט זי דערקלערט רייזלען מיט אַזאַ טאָן, ווי זי

וואָלט מיט איר יעדן וואָרט געצילט צו לעשן רייזלס אופגערעגטקייט, — דער וואָרעם פון דער געשיכטע, מײַן טײַערע, גראָבט טאקע, עמעס, טיף. אָבער צו אונדזערע, איך מיין, צו מײַנע וואָרצלען, וויל איך האָפן, וועט ער זיך ניט דערקלײַבן!..

8

אין דעם דאָזיקן שמאָלן און לאנגן הויף איז שטענדיק געווען אָנגעוואלגערט א סאך לייַדיקע, צעבראָכענע קאסטנס, פון וועלכע עס האָבן געשטעקט צעבויגענע, צעקאליעטשעטע טשוועקעס.

קיינער האָט ניט געוווסט, פונוואנען האָבן זיי זיך אהער גענומען, די קאסטנס: צי האָט זיי עמעצער געבראכט צום הייצן אן אויוון, אָדער מע האָט אויסגעפאקט סכוירע און די קאסטנס געלאָזט זיך וואלגערן.

אזוי צי אנדערש, נאָר דער הויף איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאר א האלב לעגאלן פאריין: ס׳איז ניט לײַכט געווען צו דערקלײַבן זיך אהין, ביפראט נאָך אומבאמערקט.

אין אָט דעם ווי ספעציעל פארבאריקאדירטן לאָקאל פון נאָדל־פאריין, ווו אָט־אָט באדארף זיך אָנהייבן די געמיינזאמע זיצונג פון אלע פאך־קאָמיסיעס איניינעם מיט דער צענטראלער פאריין־פארוואלטונג, איז שוין באצײַטנס דאָס קליינע טישל אוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער סאמע מיט פון גרויסן צימער, און דער שטייענדיקער לאָמפ האָט זיך ווי געסטארעט באלײַכטן דעם גאנצן ארום, אז קיין זאך זאָל פון קיינעם ניט בלײַבן פארהוילן. ווען אנטאנאס געדריס איז ארײַן, איז שוין דאָ געווען פול מיט מענטשן.

— נו, — האָבן אים באמערקט עטלעכע מענטשן מיטאמאָל, — איצט קען מען שוין אוודע אָנהייבן...

אנטאנאס געדריס איז הײַנט אין דעם ברייטלעכן מאנטל, וואָס ער טוט אמאָל אָן אָנשטאָט דער אלטער שינעל, און אין א קעפקע, וואָס איז נאכלעסיק אראָפגערוקט אפן שטערן. קיינער באמערקט ניט, אז אנטאנאס איז עפעס שטארק פארטראכט. ער גייט איצט פון דער קאָנספּיראַטיווער דירע, ווו ער האָט זיך געטראָפן מיטן כאווער, וואָס איז נאָרוואָס אָנגעקומען פון צענטער — רודניצקי איז זײַן פאמיליע. אין זײַן מאנדאט איז געזאָגט געוואָרן, אז ער, רודניצקי, קען אויסגענוצט ווערן פאר פראָפּאגאנדע־ און אגיטאציע־ארבעט.

געדריסן איז שווער צו פארגעסן, אז עפשער ניט מער ווי צוליב דעם, וואָס בא רודניצקין איז נאָך א גאָר יינגלש פּאָנעם, איז בא אים, בא אנטאנאסן, געבליבן דער אײַנדרוק, אז יענער שטעלט מיט צופרידנקײַט זײַנע ערשטע געוואגטע טריט. אָבער די, וועלכע האָבן רודניצקין געשיקט, טרויט ער, אנטאנאס, זיי ווייסן, אז די לאגע איז דאָ א קאָמפּליצירטע און א שווערע.

אנטאנאס געדריסן ווילט זיך כאָטש נאָך א קליינע ווײַלע טראכטן וועגן דעם, קעדיי ווידער און אָבערמאָל קאָנטראָלירן די ריכטיקײַט פון זײַן ערשטן אײַנדרוק. גלײַך אָבער טרייסלט ער אָפּ פון זיך אלץ, וואָס האָט ניט קיין דירעקטע שײַכעס צו דער זיצונג. ער באמערקט, אז עס זײַנען געקומען פרומע און נאפטאָליע מערקין. קעדיי ניט צו פארשארפן נאָך מער די באַציִונגען מיט זיי, זאָגט ער פראדלען, אז אָן א באזונדערער נויטיקײַט וועט ער זיך סטארען קיין וואָרט ניט נעמען און אלץ, וואָס שטייט דאָ פאר דורכצופירן, דארף זי אָפּטאָן מיט דער הילף פון איר שטענדיקן אקטיוו.

אנטאנאס פאָרשלאָג, ווייסט פראדל, קאָן פארלײַכטערן איר ניט גרינגע אופגאבע. פונדעסטוועגן איז איר שווער צו באשליסן, מיט וואָס פאר א וואָרט אָנהייבן די זיצונג. דאָך זאָגט זי דאָס, וואָס זי האָט נאָך פריִער געהאט זיך אָנגעמערקט:

— שוין לאנג, ווי פון מיר פאָדערט מען פעסט באשטיין, אז דאָ זאָל גיכער צונויפגערופן ווערן א זיצונג פון צעבע. נאפטאָליע מערקין האָט באצײַטנס געוווסט וועגן דעם. און דאָך... עס באקומט זיך, כאווירים, ווי ער וואָלט געווען אין צעבע ניט אף דורכצופירן די באשלוסן פונעם נאָדל־פאריין, וואָס האָט אים געשיקט אהין, ווי זײַנעם א פאָרשטייער, נאָר קעדיי...

פראדל באווײַזט ניט ענדיקן ריידן, ווי עס גיבן זיך א באוועג ניט נאָר אייניקע מענטשן, נאָר אויך די בענקלעך, אף וועלכע יענע זײַנען געזעסן.

— שאַ, — כאפּט זיך רייזל ארויס מיט א שטרענגלעכער פראגע, — ווען מען הייבט דאָס אזוי פון די ערטער?..

— זאָל מען ניט שטערן, — גיט זיך באלד א באווײַז מארפעס פאריסן נעזל.

— קיינער שטערט ניט, — נעמט פרומע פארענטפערן יענע, וואָס האָבן טאקע, קענטיק, מיט דער הילף פון א בענקל געפּרווט שטערן די אָרדענונג, — ווי נאָר דער כאווערטע פראדל

קומט אַמאָל אויס צו זאָגן וועגן מערקינען עפּעס ניט קיין גלײַך וואָרט, אַזוי, נעבעך, נעמט איר אויספּעלן לאַשן!..

אַן אופגעבראַכטע גיט זיך רײזל אַזאַ האַסטיקן דריי, ווי זי וואָלט גרייט געווען אַרויסשפּרינגען פון איר אייגענער הויט.

— וועמען־וועמען, — ווענדט זי זיך צו פרומען, — אָבער פּראַדלען, בעט איך דיך, טשעפּע ניט בעסער, האַלעווײַ וואָלטן מיר האָבן אַ סאַך אַזעלכענע!..

רײזל געדענקט פּראַדלען נאָך פון יענעם טאָג, ווען מיט אַ קלומעקל אונטערן אָרעם און מיט אַ העל ציצן טיכל אויפן קאָפּ איז זי אָקאָרשט געקומען צו איר פון דער באַן־סטאַנציע. געקומען אָן אַ גראָשן געלט, בלויז מיט אַ פעסטן פאַרלאַנג אַליין זיך פאַרדינען אַ שטיקל ברויט און באַפרײַען די מאַמע פון אַן איבעריקן מויל.

רײזל האָט ניט פאַרגעסן, מיט וואָס פאַר אַ פאַרווונדערונג דאָס געקומענע מיידעלע האָט געקוקט דאַן אויף דער גרויסער שטאָט.

— אײַ, אײַ, אײַ! — פלעגט פּראַדל אָנשטעקן מיט איר היספּײַלעס אויך אַנדערע, — ניט קיין שטאָט דאָ בײַ אײַך, נאָר אַ גאַנצענע לימינאַציע... קרײַנדעלע מײַנע, ווי מיר וואָלט זיך געוועלן כאָטש אויף איין רעגעלע זײַן אַזאַ, ווי איר.

ס'איז אוועק אַ שטיקל צײַט, און פּראַדל האָט מיט לײַב און לעבן זיך אַרײַנגעטאָן אין די אינטערעסן, מיט וועלכע עס האָבן געלעבט, געעטעמט די אַלע, וואָס האָבן, פּונקט ווי זי, געפּראַצעוועט אין די דרײַ גרויסע, פּײַכטע האַלב־פינצטערע צימערן, וווּ עס האָט זיך געפּונען דער וואַרשטאַט פונעם גרעסטן אין שטאָט געשעפט פון פאַרטיקע קליידער.

פון אָט דער האָרעוואַניע, וואָס זי פלעגט אָנהייבן פאַרטאָג און ענדיקן שפּעט אין אָוונט, איז פּראַדלס יונגער שטײַפער קערפּער געוואָרן היפּשלעך מאָגער און די פרישע ראָזע באַקן עטוואָס בלאַסער. נאָר גראָד די דאָזיקע ענדערונג האָט זי געמאַכט נאָך שענער. אַ פלינקע און אַ טעטיקע, האָט זי בײַ אַלעמען אַרויסגערופן סימפּאַטיע. דעריבער, ווען מע האָט באַדאַרפט עמעצן אויסקלײַבן, פלעגט מען איר נאָמען דערמאָנען צווישן די ערשטע. אַזוי איז זי געוואָרן פאַרזיצערן פונעם נאָדל־פאַריין.

— עפּשער, — טראַכט אַמאָל רײזל, — איז דאָס פּראַדלס אַ שטיקל פאַרזען, וואָס זי האָט זיך לעכאַטכילע פאַרבונדן מיט נאַפטאַליע מערקינען? נאָר ווי האָט געקאָנט זײַן אַנדערש, אַז פאַרט איז ער דעמלט געווען אַ גאַנצער יאַ־טעבע־דאַם?

— כאַווײרים, — האָט ניט אויסגעהאַלטן רײזל, — ס'איז קיין פּולע ניט... איר מוזט מיר געבן כאָטש אַ קליין ווערטל!..

איידער מע באַווײַזט איר געבן דאָס „ווערטל", רעדט זי שוין:

— דאָס, וואָס פרומע האָט אַזוי דאָ אויסגעטײַטשט פּראַדלס ניט דערריידן, איז ביידע זאַכן: אי ניט שיין, אי ניט ריכטיק. איך וואָלט ניט וועלן זיך אַרײַנמישן אין אַזעלכע מײַנע אינײאַנים, וואָס גייען אָן נאָר צוויי־דרײַ אַנדערע... נאָר מיך קאָסט עס געזונט... פרומען, נעבעך, איז טאַקע אָנגעזאַלצן אויפן האַרצן... צײַט זי זאָל, ווי מע זאָגט עס בײַ לײַטן, דערלאַנגען דער וועלט אַ שטיקל רעכענונג... אָבער פריִער, כאַווײרים, מוז זי דאָך וויסן ווער־וואָס־וועמען און ניט גלאַט זיך דראַפּען אויף די גלײַכע ווענט!..

פון נאַפטאַליע מערקינס אַקסל, באַמערקן אַלע, גיט זיך אַ גליטש אַראָפּ דער אַלעמען באַקאַנטער לאַנגער שמאָלער מאַנטל, וואָס ער האָט געהאַט אויסגעטאָן פון די אַרבל, ניט, כאַלילע, קעדיי זיך ניט צופּיל דערוואַרעמען אין דער ענגשאַפט, נאָר צוליב אַ פּלוצעם אָנגעלאָפּענעם אומרו, וואָס איז אים שווער געוואָרן צו באַהערשן. „איז קעדײַ געווען, — האָט ער געטראַכט וועגן פרומעס אַרויסטרעטונג, — דאָ אָנהייבן אַ סעדרע, צי האָט פּראַדל אַן אײנציק וואָרט ניט דערעדט? ניט איז ניט! אַנטאַנאַס געדריס דאַרף דען די זיצונג? אָן איר, הייסט עס, קאָן ער זיך ניט באַדרייען? די מאַסע דאַרף ער. אָט נאָך וועמען עס איז זײַן יאַגעניש!.. און וויבאַלד „מאַסע" איז בײַ אים דער איקער, איז גאָר אַנדערע דיבורים..."

מערקין זאָגט פון אָרט מיט פאַרווונדערונג, ווי דאָ וואָלט פאָרגעקומען אַ פאַרדריסלעכע מיספאַרשטייעניש:

— כאַווײרים, — דערקלערט ער, — אויף וויפל איך זע, גייט דאָ אַ רייד נאָר... וועגן צונויפרופן אַ זיצונג. קען איך אײַך אָרעוו זײַן, אַז מאָרגן־איבערמאָרגן האָט איר דאָס... ביטע, אַדראַבע!..

גראָד אין יענער רעגע האָט מען דערהערט אַ שטאַרקן קלאַפּ מיט דער טיר.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט מאַרפע מיט אַן איבערגעשראָקענעם קאָל.

— גאָרניט, — באַרויִקט זי רײזל, — דאָס איז פרומע אוועק.

— נו, — איז מאַרפע נישטוימעם געוואָרן, — שוין איינמאָל בײַ איר אַ כאַראַקטער!..

נאפטאַליע מערקין האָט נאָר באוויזן ווי געהעריק ארויסשטעלן א פוס אינעם קאַלטן דרויסן, ווי אים האָט שוין אָנגעהויבן מאטערן דער געדאנק, אז פרומע האָט געמעגט ניט טראסקען מיט דער טיר, געמעגט זײַן צופרידן, וואָס אים איז געלונגען אָפּווישן אַלע טײַנעס און מײַנעס!..

וואָס מער נאפטאַליע מערקין האָט זיך ארײַנגעטראכט אין דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אַלץ בעסער האָט ער פארשטאנען, אז דאָס, וואָס איז געשען אין רוסלאנד, האָט דאָ קימאט איעדן ארבעטער באפליגלט... „מיט אים און די זײַניקע, — איז נאפטאַליע געקומען צום אויספיר וועגן אנטאנאס געדריסן, — קאָן דאָ ווערן א שווער לייענען".

9

ניט נאָר אין יורי פערעלמאנס דירע, נאָר אויך אף די צוויי האַלבע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום צווייטן שטאָק, ווו זײַן דירע האָט זיך געפונען, איז נאָך אַלץ געווען זויבער, ליכטיק און געמיטלעך. דאָך האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז ערגעץ בלאָנדזשעט ארום א פארדעכטיקער שאָטן. דאָס האָט פארגרעסערט דעם אומרו, וואָס איז אין אים אָנגעוואקסן פאר די לעצטע וואָכן.

— אַלץ גייט דאָ ווײַט ניט אזוי, ווי עס באדארף צו זײַן, — זאָגט ער צו זײַן אַלטן, אָבער נאָך אַלץ זייער נײַגעריקן שווער, — מיילע, זיי ווילט זיך שטרײַקן? ארט דאָס מיך ניט. אבי פרידלעך... נאָר וואָס דען? שטארק צעהעצקעטע פון די נײַס, וואָס ווערן דאָ, קענטיק, אומישנע צעשמירט אף טעלערלעך, שליאָנדערן מענטשן ארום איבער די גאסן און האַלטן נאָר אין איין פרעגן: „עפּשער ווייסט איר, אין וועלכן מויער שטייט דאָ איין אנטאנאס געדריסעס פארטיע..."

אין דער דאָזיקער, לויט זײַן מיינונג, כוויזעקדיקער פראגע האָט יורי פערעלמאן אײַנגעזען א באוווסטזיניקן ארויסרוף יענע עטלעכע געזעלשאפטלעכע טוער, וואָס האָבן געקלעפּט צום מאיאָר פאָן אָקסמאן. ס'איז אים ניט ניכע געוואָרן זײַן גרויסע לופטיקע דירע און עס האָבן אים ניט געוואָרעמט יענע דאָלארן און פונטן, וואָס פײַווע האָט אים געהאט אײַנגעהאנדלט.

— ווי קאָן איצט אײַנגיין די בעסטע וואַליוטע, אז אַלץ הייבט אָן הענגען אף אן איבערגעברענטער שטרוי... איך קען גאָרניט באנעמען, — האָט ער זיך באקלאָגט אף אנטאנאס געדריסן, — צי דען פארשטייט ניט אזא, ווי ער, אז פון רופן הונגעריקע צו פארכאפּן די גאנצע מאכט קאָן ווערן א סאָף צו יעטווידער מאכט!

— יאָ, — האָט אײַנגעשטימט דער שווער, וועלכער איז אָפטלעך גרייט געווען מיינען, אז זײַן אידעם איז עפּשער דער איינציקער מענטש, וואָס פארשטייט אין וואָס עס גייט דאָ.

א קאפּעלע א צעהיצטער, האָט יורי פערעלמאן, ווי עפּעס ניט נוצלעכס, אראָפּגעשארט פון זײַן שויס די נאָך ניט דערלייענטע צײַטונג, גיך זיך א הייב געטאָן פונעם ברייטן טערקישן דיוואן און מיט ענערגישע טריט פארלאָזן די שטוב. „אויג־אף־אויג, — האָט ער אָנגענומען א פעסטן באשלוס, — מוז איך כאפּן א שמועס מיט זייער גלאוונעם אָנפירער..."

— —

דער טאָג איז געווען א קאַלטער, א פרישער און ליכטיקער, איז אנטאנאס געדריס געגאנגען ניט געײַלט, געטראכט, אז פראדלס פּלאַן צונויפצורופן א געמיינזאמע זיצונג פון דער פארייךפארוואלטונג און די פארשיידענע באזונדערע פאך־קאָמיסיעס איז א גוטער אײַנפאל. „וואָס מער ארבעטער ארײַנציִען אין פּאָליטישע אינטערעסן, — טראכט ער, — וואָס מער און מער, קעדיי טאָמער וועט נאפטאַליע מערקינען אײַנפאלן ניט צונויפרופן די צענטראַל־ביוראָ, טאָ זאָל ער זיך דעמלט מאטריִען זײַן און האָבן צו טאָן ניט מיט איין פראדל, נאָר מיט דער גאנצער ארבעטער־מאסע..."

אהער, אף דער ארופבארגיקער פאָרשטאָט־גאס, ווו עס האָט געוווינט פראדל, איז ער געקומען מיט א גאָר באזונדערן פארגעניגן. דאָ האָט ער זיך געפילט גרינג און גוט; וועלכע טיר ער פלעגט עפענען, וועלכע שוועל איבערטרעטן, אומעטום האָט מען אים אופגענומען, ווי אן אָנזאָגער פון עפּעס א פריידיקער בסורע.

פלוצעם האָט א רוגזע־פײַער זיך אָנגעצונדן אין זײַנע נאָרוואָס פריילעכע אויגן. ער האָט באמערקט דעם דאָקטער יורי פערעלמאן. „וואָס טאָפּטשעט ער זיך דאָ?" — האָט בייז א טראכט געטאָן אנטאנאס.

יורי פערעלמאן האָט גלײַך דערפילט, אז קיין געוווּנטשענער גאסט איז ער דאָ ניט. פונדעסטוועגן איז ער צוגעגאנגען און אָנגעהויבן ריידן וועגן גאָר אומשולדיקע זאכן:

— פּונוויײַטנס, — זאָגט ער אנטאנאס געדריסן גאָר פרײַנטלעך, — קענען מיר זיך שוין א לענגערע צײַט. אָבער ריידן, אויב איך האָב ניט קיין טאָעס, ריידן מיר דאָס ערשטע מאָל...

— יאָ!

שווײַגנדיק האָבן זיי זיך אָנגעקוקט אזוי, גלײַך זיי וואָלטן איינער פארן אנדערן געווען א מיך אנטדעקונג. אנטאנאס געדריס האָט אויסגעזען באַדײַטנדיקער, ווי יורי פערעלמאן האָט זיך געהאט פּאָרגעשטעלט דעם דאָזיקן ליטווישן באָלשעוויק. האָט אים אויסגעפעלט דרייסטקײַט טייקעף אָנהייבן ריידן וועגן דעם, צוליב וואָס ער, יורי פערעלמאן, איז אהער געקומען. אָבער די לאגע איז, לויט זײַן מיינונג, געווען אזא ערנסטע, אז ער האָט זיך פּאָרט באַשלאָסן כאַפּן מיט געדריסן א שמועס וועגן דער איקער־פראגע, וואָס האָט אים אהער געבראכט.

— די צײַט איז אזא, — נעמט ער ריידן צו אנטאנאסן זייער אײַנגעהאלטן, — אז געזעל־שאַפטלעכע טוער מעגן זיך פארגינען ווען־ניט־איז באגעגענען און עפשער אויך דורכקומען... מע קען דאָך ניט א לעבן לאנג זײַן נאָר אף שטעך־מעסערס!..

— אָט איז בא מיר מיט דעם דאָזיקן נאפּטאָליע מערקינען, — גיט ער נאָך צו, — אויך ניט קיין פלאם־פײַערדיקע ליבע... פונדעסטוועגן...

— ניין, — האָט אנטאנאס ענטפער געקלונגען קאטעגאָריש, — ניט אין דורכקומען, הער פערעלמאן, גייט דאָ!..

אנטאנאס געדריס האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט פארגעסן, אז אין די שווערע אָקופּאַ־ציע־יאָרן איז יורי פערעלמאן געוואָרן אן ארײַנגייער צום מאיאָר פאָן אָקסמאן, וועלכער האָט מיט א ברייטער האנט געזייט דאָ אונטערדריקונג, הונגער, כורבן און טויט. „איז צוליב וועלכע נײַע אופטועג, — דערוועקט זיך אין אנטאנאסן א פארדאכט, — איז אים וויכטיק געוואָרן א באַ־געגעניש און אפילע א פלאפלערײַ וועגן א דורכקומעניש?“..

ארום איז געווען אזוי פוסט, כאָטש נעם און לויף איבער דער גאנצער פאָרשטאָט־גאס, ווײַסטו זיך אויך אף קיינעם ניט אָנשטויסן. נאָר אנטאנאס געדריס און יורי פערעלמאן זײַנען זיך פאנאנדערגעגאנגען אזוי פאמעלעך, פונקט ווי זייער קורצער שמועס וואָלט זיי געהאט צו־געפירט צו עפּעס א זייער גליטשיק אָרט...

10

לויטן באשלוס פון קאָמיטעט איז פאר אלע אָרגאניזאציאָנעלע איניאָנים געווען פאראנט־וואָרטלעך אנטאנאס געדריס און די אָנפירונג מיט דער אגיטאציע און פראָפּאגאנדע איז געווען אָנגעטרויט רודניצקין, וועלכער איז מיט רעכט אנערקענט געוואָרן אלס פייִקער רעדנער.

רויִק איז אָבער אנטאנאס ניט געווען. זיך אליין האָט ער דאָך געקאָנט מודע זײַן, אז ער קאָן זיך נאָך אלץ ניט באפרײַען פון דעם ערשטן אײַנדרוק, וואָס רודניצקי האָט געמאכט אף אים: א ביסל צופיל יוגנטלעכע פאנטאזיאָרישקײַט און ווינציקלעך ערנסטע באטראכטקײַט.

ער איז אַרײַן אין דעם האַלב־פֿינצטערן און ברודיקן לאָקאַל פֿון נאָדל־פֿאַרײן, געכאַפּט א קוק אין אַלע ווינקעלעך און געפֿרעגט בײַ יוסף בערמאַנען מיט א געצוימטן טאָן, ניט אַרויסצווײַזן זײַן עפּשער שוין צו גרויסן אינטערעס:

— ווי און וואָס, זאָג מיר, איז דאָ הײַנט געווען?

— אַלץ איז געווען, — האָט א צופֿרידנקײַט אָפּגעקלונגען אין בערמאַנס ענטפֿער, — אַלץ פֿון אַלינקע מינים!..

— פּאַרט, וואָס? — איז אַנטאַנאַס ניט אָפּגעטראָטן פֿון אים.

— א גאַנצן טאָג, — דערציילט אים בערמאַן, — הערן ניט אויף די פֿאַרזאַמלונגען. א גאַנ־צינקן טאָג!..

— און ווער זײַנען די רעדנער? — שטײַגט אין אַנטאַנאַסן די נײַגעריקײַט.

— אַלע ריידן, און מער פֿון אַלעמען — רודניצקי!

אַנטאַנאַס באַרויִקט זיך. בערמאַן איז א דערפֿאַרענער פּאַרטיי־טוער. אויב ער איז אַזוי צו־פֿרידן, הייסט עס, אַלץ גייט, ווי געוווּנטשן. און אַנטאַנאַסן ווערט נאָך ליבער דער פֿאַרײן מיט אַלע זײַנע מענטשן, מיטן קאָכיקן לעבן, וואָס עס גייט דאָ.

עס ווערט שפּעט. דער עולם נעמט זיך פֿאַנאַנדערגיין. אין גרויסן צימער לעשט מען אויס דעם לאָמפּ. רודניצקין ווילט זיך אָבער ניט אַוועקגיין. אַנטאַנאַסעס אומדערוואַרט קומען, זײַן פֿרײַנטלעך־צוגעלאָזענע האַלטונג פֿאַרפֿעסטיקט אין אים די זיכערקײַט, אַז ער, דער ביז לאַנג געקומענער, איז געוואָרן אַן אייגענער מענטש אין דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

רודניצקי פֿילט ניט, אַז אין דעם פּוסט געוואָרענעם לאָקאַל איז געוואָרן קאַלט. מיט דער טונקל־גראָער בעקעשע אָף די פּלייצעס פֿאַרקלײַבט ער זיך מיט אַנטאַנאַס געדריסן און בערמאַ־נען אין איינעם א קוים־באַלויכטענעם צימערל און נעמט זיי ווידער דערציילן אַלץ, וואָס ער ווייסט וועגן דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, וועגן לענינען און זײַנע מיט־קעמפֿער.

הערנדיק דאָס אַלץ, האָט אַנטאַנאַס געדריס אַזוי פֿאַרלייגט די פּאַלעס פֿון זײַן שינעל, גלײַך זוי ער וואָלט יעדעס געהערט וואָרט געוואָלט צוטוליען צו זיך.

אין יענע רעגעס, ווען רודניצקי האָט דערפֿילט, אַז די וואַרעמקײַט פֿון זײַן האַרץ לאָזט דאָ ניט איבער קיין גלײַכגילטיקע, האָט זיך אים פֿאַרוואָלט נאָך ענגער, נאָך פֿרײַנטלעכער פֿאַר־בינדן מיט די כאַווערים. א ביסל אומזיכער, מיט א קימאַט קינדערשן שמייכל אָף די ליפּן, האָט ער געזאָגט:

— וויבאַלד מיר זײַנען יאָ שוין געוואָרן אַזוי פֿאַרברידערט, וואָלט זיך מיר וועלן אײַך ווײַזן א פֿאָטאָגראַפֿיע.

— אַדעראַבע, — האָט אַנטאַנאַס קוים זיך אײַנגעהאַלטן ניט אַרויסצווײַזן זײַן פֿאַרוווּנ־דערונג.

— אָט, — גיט רודניצקי א ווײַז, — דאָס איז אויך א פּאַרטיי־כאַווער און נאָך מײַנער... מײַנער א פּערזענלעכער פֿרײַנט.

— זעסט, — שפּרינגט בערמאַן שיר ניט אויף פֿון אַנציקונג, — גאָר־גאָר א פֿײַנע. אַן אַרבעטערקע?..

— ניין. א קורסיסטקע...

— טאַקע קענטיק, — ווײַזט זיך אָף בערמאַנס געזיכט א גוטמוטיקער שמייכל, — זי זעט מיר אויס אַקוראַט, ווי די גרויסע פּאַרצײַטיקע רעוואָלוציאָנערקעס, וואָס ווערן באַשריבן אין אונדזערע ביכלעך.

באַזונדערס איז בערמאַנען געפֿעלן, וואָס אירע בלאָנדע, קורץ געשוירענע האָר האָט די קור־סיסטקע געטראָגן פֿאַרקעמט גלאַט און אָף אַרוף.

— אַן עמעס איידל פּאָנעם, — האָט ער באַלד נאָך צוגעגעבן, — ביז גאָר אַן איידלס...

אָף די לאַנגע ברודיקע נאַרעס פֿון לאַגער זײַנען געלעגן עטלעכע צענדליק שלאָפֿנדיקע צוואַנגס־אַרבעטער, ווער פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿן די הענט און די פֿיס און ווער — צונויפֿגעדרייט אין א שטײַפֿן קנויל. זיי האָבן אַנטאַנאַס געדריסן אויסגעזען ווי אָקאָרשט דערוואָרגענע, וואָס אָף זיי זײַנען נאָך פֿאַרבליבן סימאָנים פֿון גרויליקע טויט־קראַמפֿן.

ליגנדיק אונטער דער שינעל, האָט אַנטאַנאַס עפּשער נאָך בעסער ווי אָף דער וואָר געזען רודניצקיס גרויסע קינדעריש־גוטע אויגן אין די געדיכטע לאַנגע שוואַרצע ווײַעס, געזען זײַן צעבליטן שמייכל, ווען ער האָט געוויזן די פֿאָטאָגראַפֿיע, פֿון וועלכער עס האָט אַראָפּגעקוקט דאָס ווירקלעך פֿײַנע פּאָנעם...

פלוצעם האָט דאָס הארץ אומרויִק א טיאָכקע געטאָן. נאָך גאָר א יִינגל, ווי לײַכט ער איז דאָס אריבער פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע צו זײַן כאוועריטע דער קורסיסטקע.

שווער און אומרויִק האָט זיך אנטאנאס געקערט פון איין זײַט אף דער צווייטער, פיבערנ־דיק פון איין פארלאנג: ווי דערווארט מען, טאָג זאָל שוין ווערן?..

11

דער מיטליאָריקער קרעפטיקער אדאם קעלבאשינסקי, א קוואליפיצירטער צושנײַדער, האָט, זינט ער געדענקט, געטרוימט נאָר וועגן איינס: גוט זיך אָנטאָן און ניט פילן זיך אייבּיק אָפּהענגיק פונעם באלעבאָס. ווען ער האָט געעפנט א קליין, אָבער אן אייגן געשעפטל, איז ער געווען איבערגליקלעך. זײַן ווײַב וואנדע איז געווען צום הארצן איר מאנס פארלאנג ניט צו זײַן דאָס גאנצע לעבן א מענטש בא יענעם. אָבער אדאמס וועגן און מיטלען צו דערגרייכן דעם ציל זײַנען איר געווען פרעמד. זי האָט געפרווט ווירקן אף אים, איבערצײַגן, אָבער קיין זאַך זיך ניט דערשלאָגן. האָט זי פעסט באשלאָסן מער זיך ניט מישן אין זײַנע געשעפטן.

טעג זײַנען געשטאנען קאלטע, ליכטיקע און טרוקענע. די גאסן זײַנען פול געווען מיט אײַלנדיקע דײַטשישע זעלנער, וואָס האָבן אין זייערע קורצע גרינע שינעלן און לײַכטע היטלען אויסגעזען וואנדען, ווי טונקעלע פלעקן אף די גאסן פון איר היימשטאָט.

די זעלנער פלעגן גיין ניט איינציקווײַז, נאָר צו פינף און זעקס. דערזען די גרויסע שויפענצטער, פולע מיט סכוירע, פלעגן זיי בלײַבן שטיין.

— זי נור, קאמראד, — פלעגן זיי איינער דעם אנדערן אָנווײַזן אף דעם, ווי אף עפּעס א גרויס וווּנדער, — זי נור!..

אדאם קעלבאשינסקי איז איצט געווען אזוי פארנומען בא זיך אין קלייטל, אז עס האָט אים ניט געקלעקט קיין צײַט זיך אָפּראזירן, איז ער פארוואקסן געוואָרן מיט א געלער באָרד.

— שנעלער, — האָבן די דײַטשן פארלאנגט.

פון אָנהייב האָט וואנדע אים געוואָלט געבן צו פארשטיין, אז מע דארף זײַן פּאָרזיכטיק און ניט שפּרינגען אזוי פון דער הויט. אין דעם געשעפטל האָט ער דאָך ארײַנגעבראָכט ניט בלויז זייערע אייגענע אָפּגעשפּאָרטע עטלעכע גראָשנס, נאָר דאָס ביסל געלײַענע בא נאָענטע. דערויף האָט ער גוטמוטיק געענטפערט:

— נארעלע וואָס דו ביסט, עס קאָן זיך גאָר מאכן, אז בא די יעקעס וועט מען לייזן מער, ווי בא די אייגענע...

גאָר אינגיכן האָבן אדאמס אזוי אויך ניט שטארק געפּאקטע פּאָליצעס זיך אויסגעליידיקט. זייער נאקעטקײַט האָט געשראָקן און אפילע באליידיקט.

— זע נאָר, — האָט ער א דערשלאָגענער זיך געווענדט צו וואנדען, — ווי א היישעריק זואָלט אופגעגעסן אונדזער ביסל סכוירע.

— יאָ. — מער האָט וואנדע קיין זאַך ניט געזאָגט.

— און קיין מעזומאָנים שטעקן זיי ניט... זיי קומען אָפּ מיט אזעלכע פּאַפּירלעך, וואָס מע רופט זיי „שײַנען“.

— יאָ, — האָט זי איבערגעכאזערט.

אוועק א טאָג, צוויי און דרײַ. שוין אויסמײַדנדיק ריידן מיט זײַן אָנגעברויגעזט ווײַב, האָט זיך אדאם געלאָזט אין שטאָט ארײַן, אין גאס האָט ער אָפּגעשטעלט איינעם, א צווייטן. דאָס, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט, האָט בא אים צוגערויבט דאָס ביסל האָפענונג.

צווישן די שײַנען, — האָט מען אים דערציילט, — מיט וועלכע מע האָט דאָ אלעמען אָנ־געשטאָפּט פארן צוגענומענעם האָב־און־גוטס, זײַנען דאָ א סאך מער פאלשע, ווי עמעסע. אָבער סײַ די עמעסע, סײַ די פאלשע האָבן איין מײַלע: קיינער גלייבט ניט, אז זיי האָבן עפּעס די ווערט...

ווי טויזנטער אנדערע, האָט מען אויך אדאם קעלבאשינסקין געכאפּט אף צוואנגס־ארבעט. פון הונגער, קעלט און שמוץ איז ער געוואָרן שטארק מאָגער. די פיס — אזעלכע שוואכע, ווי בא אן אָקאָרשט געבאָרן קעלבל.

איינמאָל, ווען ער האָט זיך געשלעפּט אונטער א קאָנוואָי צום ארבעטס־אָרט, אן אָפּגע־פרעמדטער פון אלץ און אלעמען, האָט ער דערהערט, ווי עמעצער רופט אים אָן באם נאָמען:

— אדאם, דו?! — ער האָט דערקענט די שטים פון דער אלטער קרויווע, וועלכע האָט געוווינט בא אים אין שטוב. — פון דײַן ביסל מעבל איז געוואָרן טיל־טעל. די יעקעס האָבן אלץ צעשלעפּט — אהיים צו זיך אוועקגעשיקט אָדער דאָ אף אן אָרט פארהאנדלט!..

— ווּ איז וואנדע? — האָט פון אדאמען א הייסער ווײ ארויסגעשריִען, — פארוואָס איז זי אליין ניט געקומען?

— נעכטן, — האָט די קרויווע פאָרגעזעצט, — איז צו דײַן שטוב צוגעפאָרן א דײַטש און צוגענומען דאָס ביסל קופערנע און מעשענע קיילים. אפילע די פאָר בלאנקע הענטלעך פון די טירן און פענצטער האָבן זיי אויך אָפּגעשרויפט. „מע דאַרף דאָס, — זאָגן זיי, — אַף מאכן קוילן צו שיסן אין די רוסן“. אויך די קאַץ האָבן זיי מיטגענומען. „א הערלעכער קראגן, — זאָגן זיי, — קען פון איר פעל ארויסקומען“.

— גאָט מײַנער, — האָט אדאם שוין אינגאנצן געציטערט, — אָבער וואָס איז מיט וואנדען?!

— דײַן וואנדע איז א צײַט געזעסן אין טורמע. כאָלילע, ניט פאר גנייווע. דו ווייסט דאָך: זי וועט זיך צו פרעמדס אפילע ניט צורירן... אלע, וואָס מע האָט געכאפּט אַף צוואנגס־ארבעט, האָט מען געהאלטן אין טורמע, ביז מע האָט צונויפגעשלעפּט א גרויסע פּארטיע און ערשט דעמלט האָט מען זיי ערגעץ אוועקגעטריבן.

מיט א האלב אָפן מויל, די בלוטלאָזע ליפּן אויסגעטריקנט און פארשמאכט, איז אדאם געבליבן א רעגע שטיין. סינע און קאַס האָבן צעשפּארט זײַן ברוסט. אָבער וואָס טוט מען?

אָט אנטאנאס געדריס, זיגמונד אָלשעווסקי, יויסעף בערמאן און זייערע כאַווײרים, זיי וועלן ניט שווײַגן, זיי וועלן געוויס פּרוּוון עפּעס טאָן. נאָר ווער קאָן דען עפּעס אויפטאָן קעגן אזא קויעך. דאָס געפיל פון מאכטלאָזיקײַט, אומבאהאָלפנקײַט האָט אים מאמעש געוואָרגן.

12

אַף צוואנגס־ארבעט איז זיגמונד אָלשעווסקי ארײַנגעפאלן גאנץ צופעליק. ער איז גראָד געקומען פון זײַן היימשטעטל אַף עטלעכע טעג אהער, אין דער גרויסער שטאָט, ווּ ער האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק געענדיקט דעם אוניווערסיטעט. קיין שטענדיקע ארבעט האָט ער, דער פּאָליאַק, אין צארישן רוסלאנד ניט געקענט געפינען, פלעגט ער זיצן טעג־לאנג אַף דעם האלב־כאָרעוון גאנעק, באגלייטן מיט די אויגן א וועג־ניט־וועגן פארבײַפאָרנדיק פורל און ביז מיד ווערן קוקן אין דער ווײַט.

ער האָט זיך נאָר באוויזן אַף די אָוולדיקע גאסן פון דער אמאָל פרייִלעכער און רוישיקער שטאָט, ווי א פארבײַגייענדיקן וואכמייסטער איז אײַנגעפאלן לוסטיק זיך צו מאכן איבערן אינטעליגענט מיט די קורצזיכטיקע אויגן הינטער די גרויסע ברילן.

— איי, דו, קאָם מאָל היר! — האָט אים דער וואכמייסטער א רוף געטאָן, ווי א פארזינדיקט גאסן־ייִנגל, און שטרענג באפוילן, — אבער דו גייסט מיט, זאָפאָרט. פּאָרויס!

פון דאן האָט זיך זיגמונד אָלשעווסקי געפילט אזוי, גלײַך ניט נאָר באוואָפנטע זעלנער וואָלטן אים געהיט, נאָר ווי מע וואָלט מיט אײַזן געפּענטעט זײַנע הענט און פיס. קיין וועגן, קיין מיטלען, קיין קויעך, וועלכע זאָלן אים קענען העלפן זיך ארויסרײַסן פונעם דאָזיקן צוואנג, האָט ער ארום זיך ניט געזען. האָט ער זיך אָפּטמאָל געפילט אינגאנצן הילפלאָז און דערשלאָגן. אנטאנאס געדריס האָט פארשטאנען, אין וואָס פאר א צושטאנד ער געפינט זיך, דער דאָזיקער אינטעליגענט מיט די מידע אויגן. ער האָט זיך צו אים צוגעקוקט א שטיקל צײַט. דערנאָך פאר־טרוילעך דערציילט וועגן דעם, וואָס די באָלשעוויקעס טוען אין שטאָט, אין דאָרף און גופע דאָ, אין לאגער. זיגמונד האָט זיך דערפילט אזוי, ווי עמעצער א גרויסער און גוטער וואָלט אים אומגעקערט זײַן מענטשן־ווירדע. פון דעמלט אָן האָט זיך פון זײַן פּאָנעם ניט אָפּגעטאָן דער גוטער שמייכל.

— דו ווייסט, — האָט אים יויסעף בערמאן א זאָג געטאָן גוטברודעריש, — דו נעמסט מיר אויסזען, ווי דו וואָלסט געפונען א באהאלטענעם אויצער...

— אָן אויצער ניט קיין אויצער, — איז זיך זיגמונד שעמעוודיק מוידע געווען, — אָבער א ציל האָב איך געפונען...

זיגמונד אָלשעווסקי האָט די לעצטע טעג זייער אופמערקזאם נאָכגעשפּירט נאָך דעם הויז פון פּאָניאטאָווסקין, דעם באלעבאָס פון דער גרויסער מיל.

אָט זעט ער, ווי פּאָניאטאָווסקי גיט פלוצעם א הייב אוף א ברעג פונעם נידעריק־אראָפּגע־לאָזטן קלאָר־ווײַסן טיולענעם פאָרהאנג פון דעם פענצטער, וואָס גייט ארויס צום הויף, און כאפּט א באהאלטענעם קוק אין דעם גרויסן מיל־הויף, ווּ עס ארבעטן די צוואנגס־ארבעטער. אָט פארשווינדט ער ווידער. פאן פּאָניאטאָווסקי, — דערוועקט זיך אין זיגמונד אָלשעווסקין א פארדאכט, — שפּילט דאָ מיט עמעצן אין באהעלטעניש...

ווען דעם פאַן פּאַניאַטאָווסקי פלעגן אַלע זאָגן, אַז ער איז א „פונדאמענטאַלער נאַגיד”. זײַן אייגנס איז באשטאנען ניט אזוי אין מעזומען, ווי אין פילשטאָקיקע הײַזער, מילן, מאַיאָנטקעס און גרויסע מעל־שײַערס, וואָס אין די הענט פון אָט דעם גוויר איז דאָס געווען א זיכער מיטל צו האָבן א ברייטע דייע אפן ברויט־מארק. אָבער די רעקוויזיציע־מאַגייפע האָט אויך אים ניט אויסגעמיטן. אפילע זײַן ווײַס געפּעסטעט רײַט־פערד, וואָס איז געשטאנען שטענדיק גרייט אים צו דינען, איז אויך רעקווירט געוואָרן.

עפשער ניט אומזיסט פלעגט דעם פאַן פּאַניאַטאָווסקי זיך דוכטן, אַז ניט בלויז זײַן פארמעגן, נאָר אויך זײַן איינציקע טאָכטער האָט דער מאַיאָר רעקווירט, איבערלאָזנדיק אים, דעם פאַן, דאָס פולע רעכט נאָר צו רייצן דעם הונגעריקן לעקעשוואטן צוואנגס־ארבעטער וואצעקן מיט עפּעס א נישטיקן ביסן, רייצן כאָטש ביז דול מאַכן זיך און אים.

ווען דער זאטער, אויסגערוטער פאַן פּאַניאַטאָווסקי וויל כאָטש צו עמעצן אויסלאָזן זײַן הילפלאָזן צאָרן, נעמט ער א קארטאָפל אין זײַן פון עלטער אויסגעטריקנטער האנט און גייט ארויס אפן באלקאָן. דערבײַ מאַכט ער א באוועגונג, ווי ער וואָלט זיך געקליבן ווארפן די קארטאָפל און ווארפט ניט. וואצעק פלעגט ניט בלויז טאנצן אנטקעגן דער ברייט צעעפנטער באַלקאָן־טיר, נאָר פויזען אף אַלע פיר, און דער פאַן פלעגט לאַכן מיט אזא פוסט געלעכטער, אַז די אנדערע צוואנגס־ארבעטער פלעגן ניט בלויז שטיקן קראמפּן פון ווייטעק און שאנדע, נאָר זיי זײַנען געווען גרייט אײַנגראָבן דאָס געזיכט אין דער קאַלטער, פײַכטער ערד, אבי ניט אָנקוקן אזא אומענטשלעכע דערנידעריקונג.

זיגמונד אָלשעווסקי און זײַנע כאַווײרים ווייסן אָבער, אַז דאָס איז ניט נאָר א שפּיל. דער פאַן האָט געוווּסט, וואָס ער טוט. פאַר אַן איבעריקן ביסן האָט ער פארוואנדלט וואצעקן אין א טרײַען קנעכט, וועלכער וועט אים פאָלגן און טאָן אַלץ, וואָס דער פאַן פּאַניאַטאָווסקי וועט הייסן.

אינעם גרויסן מיל־הויף זײַנען, ווי שטענדיק, געשטאנען א סאַך אָנגעטריבענע פורלעך, פון וועלכע פויערים האָבן אויסגעלאָדן די געבראַכטע זעק מיט ווייץ, קאָרן, האָבער און גערשטן, וואָס די דײַטשישע פעלד־זשאנדארמען האָבן טאַקע בא זיי, בא אָט די פויערים, רעקווירט און שפּעטער נאָך געצוווּנגען ברענגען אהער. צוליב דעם, מיסטאמע, האָט אין הויף געהערשט א שטום־אײַנגעשפּארטע שווײַגעניש. אין דער דאָזיקער שווערער שטילקײַט האָט זיגמונד דערהערט דעם שאָרך פון פאָרזיכטיקע געהיטע טריט, וואָס האָט אים אויסגעזען פארדעכטיק.

— קענטיק, דער פאַן פּאַניאַטאָווסקי, — האָט זיגמונד געפּרוּווט טרעפן, — אים איז ווייניק געווען דאָס קוקן דורכן פאָרהאַנג. אים רופט... ער הייבט אָן אַלץ נעענטער זיך רוקן צו זײַן אייגנס!..

די צײַט האָט גענומען שפּאַנען מיט גרויסע קלאַפּטער־טריט. באַלד איז ברייט באַוווּסט געוואָרן וועגן אזעלכע געשעענישן, וועלכע האָבן נאָך גרעסער געמאַכט די צעמישעניש. די ידיעה וועגן אַן אונטערגעשריבענעם אָפּמאַך צווישן נײַעם רוסלאַנד און דײַטשלאַנד, וועגן דעם, אַז אין אַלע עקן דײַטשלאַנד און עסטרײַך־אונגארן האָבן זיך אָנגעהויבן גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, — דאָס אַלץ האָט צעוויגט די טעמפּע דיסציפּלין און געהאָרכזאַמקײַט אפילע אינעם קײַזער וויל־העלמס ארמיי.

דער פאַן פּאַניאַטאָווסקי האָט פארוווּנדערט אָנגעקוקט, ווי די מיליטערישע וואַך ווערט אָפּגעלעזט אויסגערונען פון זײַן גרויסן הויף און קיינעם, דוכט זיך, גייען מער ניט אָן די בערג זעק מיט ווייץ, קאָרן, האָבער און גערשטן, וואָס די פויערים האָבן פארן טאָג אויסגעלאָדן אונטערן פרײַען הימל. פון דעם אַלץ האָט א מין צעטומלטער העפקער ארויסגעקוקט צום פאַן. „כאָטש נעם זיך צוריק אָן מיט אמאָליקער גוורע, — דערוואַכט אין אים א באַגער, — פארטרײַב פונדאנען דאָס ביסל נאָך פארבליבענע צוואנגס־ארבעטער און ווער ווידער דער באַלעבאָס פון דײַן אייגנס”...

פון דעם געוואַגטן פארלאַנג האָט א לעבעדיק פײַערל זיך באַוויזן אין פאַן פּאַניאַטאָווסקיס, קימאַט ווײַסע, וואַסערדיקע אויגן. „אין שטאָט, — האָט ער אָנגעקוואָלן, — זײַנען מענטשן פארבליבן בא פוסטע קראָם־פּאָליצעס און אנטבלויזטער שאנד”. אָבער פון זײַנע מעל־שײַערס, ווייסט ער, האָבן די דײַטשן, עפּשער טאַקע אַדאַנק דער מעהומע, ניט באַוויזן אַלץ ארויסצופירן. דוכט אים אָפּט, אַז ניט קיין מעל, ווײַסע, ווי ריינער שניי, נאָר א לויטערער, קלאָרער הימל קוקט צו אים ארויס פון די פולע זעק. מיט ברייט פאנאנדערגעשפּרייטע הענט לאָזט ער זיך צום בארג זעק, מורמלענדיק צו זיי, ווי צו לעבעדיקע.

— שאַ, — גיט זיך אָלשעווסקי א טרייסל אוף, דערהערנדיק זײַנע טריט, — שאַ!

— גאָרניט, — באַרויִקט אים יויסעף בערמאַן נאָך א רעגע זיך אײַנהערן, — דיר האַלט זיך נאָר אין איין דוכטן...

— עמעצער גייט ארום אין הויף, — באַשטייט זיגמונד אף זײַנעם.

— עפשער איז דאָס אנטאנאס געדריס געקומען?

זיגמונד אָלשעווסקי האָט זיך אופגעהויבן פון צווישן דעם בארג צעריסענע זעק, וואָס ער און נאָך אייניקע האָבן אין קילן, טונקעלן שײַער געהאַלטן אין פאריכטן, און זיך אוועקגעלאָזט א קוק טאָן, צי איז טאקע עמעצער פאראן אין הויף. אָבער טייקעף בלײַבט ער שטיין. אפן סאמע שוועל דערזעט ער דעם פאן פּאָניאטאָווסקי, א יאָמטעווודיק פארפוצטן.

— מע גייט, — גיט בערמאן א זאָג מיט אזא טאָן, גלײַך ער וואָלט געמיינט אונטערשטרײַכן, אז זײַן פריִערדיקע וואָרענונג האָט ניט געהאַט קיין שום שײַכעס צום אָקאָרשט ארײַנגעקומענעם, — אז איך זאָג מע גייט, גייט מען...

— יאָ, — האָט זיגמונד נאָך א רעגעלע ארויסקוקן באשטעטיקט, — טאקע עמעס! אנטאנאס גייט.

— אנטאנאס? — איז בערמאן פריידיק אופגעלעבט געוואָרן. ניט לייגנדיק מער קיין אכט אפן אויסגעפוצטן פאן, זאָגט ער צו אנטאנאסן מיט פארווונדערונג, — זע נאָר א מין מײַסע, ווי מע דערקענט דײַן גענגעלע. א סימען, אז אלע וואַרטן אף דיר...

— נאָר אף מיר איז די וואַרטעניש? — האָט זיך א שמייכל באוויזן אף אנטאנאס פולבלעכן צעוואָרעמטן פּאָנעם.

— איך לאָך דאָך, נאָר איינער, — ענטפערט פריילעך יויסעף, — ניט אף דיר, אף די רויטע איז די וואַרטעניש.

— און ער אָ?.. אָט דער... איז שוין דאָ לאַנג? — גיט אנטאנאס א ווונק אין פּאָניאטאָווסקיס זײַט, ניט אָנרופנדיק אים באם נאָמען, — זעט נאָר, צי קומט ער ניט אהער א טאָפּ טאָן דעם דויפּעק!.. — און ניט וואַרטנדיק אף קיין ענטפער, האָט אנטאנאס נאָך א קורצער פויזע קימאט ווי א באפעל אָפּגעגעבן. — מע דארף גיכער ארײַנשלעפּן די זעק פון הויף, — און שוין שמייכלענדיק צו פּאָניאטאָווסקין, צוגעגעבן: — מעל איז ברויט, און מענטשן זײַנען הונגעריק, ווי די וועלף. קומט!

קיינער האָט גאָרניט געפרעגט און ניט דערווידערט. עס איז ניט געווען באוווּסט, ווו אנטאנאס געדריס איז געווען און וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. געפילט האָט יעדערער, אז זײַנע ווערטער באדײַטן א ראדיקאַלע ענדערונג פון דער באציִונג צום אָנגעראבעוועטן אייגנס און וועקן א גלויבן, אז דאָס ברויט וועט און מוז אָנקומען צו די, וואָס נייטיקן זיך אין דעם, — צו די הונגערנדיקע. צי האָט דאָס פארשטאנען אויך פּאָניאטאָווסקי, איז פארבליבן אומבאוווּסט. באמערקנדיק, אז אלע נעמען זיך גרייטן ארויסגיין, האָט ער נאָר קלוימערשט גלײַכגילטיק א קוק געטאָן אף זײַן דינינקן קעשענע־זייגער און געזאָגט:

— איצטער ווילט איר זיך פארנעמען מיט שלעפּן זעק? ווייניק פאר א טאָג זיך אָנגעפּראַצעוועט? גייט. בעסער אין אײַערע באראקן!..

— או־הו, — האָט יויסעף בערמאן כויזעק געמאכט פון דעם פאנס קלוימערשטע זאָרג, — או־הו!..

— מיר וועלן באַלד גיין, — האָט אנטאנאס געדריס אונטערגעשטעלט א פּלייצע אונטער א שווערן זאק, — מירן גיין. נאָך א מין גיין.

אין א לאַנגער ריי און, ווי שטענדיק, פּינקטלעך איינער נאָכן אנדערן האָבן די צוואַנגסארבעטער, אלע מיט זעק אף די אײַנגעבויגענע רוקנס, געשפּאַנט פון הויף אין שײַער ארײַן און צוריק.

צום ערשטן מאָל איז זיי אלעמען גרינג געווען די שווערע מאַסע.

נאָר אָט איז דער הויף שוין אויסגעליידיקט און דער לאַנגער שײַער — פול מיט זעק. יויסעף בערמאן לעשט אויס באַלד דעם לאָמפּ און פארשליסט די ברייטע, נידעריקע טיר.

אין דער אָנגעשטרענגטער שטילקײַט האָט דער קלונג פונעם שלאָס איבער דעם אײַזערנעם רונג אָפּגעקלונגען, ווי א דראָונג.

13

געווען איז שוין זומער, אין דרויסן — וואַרעם און ליכטיק.

כאָטש ס'איז שוין אוועק היפּש צײַט, זינט אין דער שטאָט בריסק איז געשלאָסן געוואָרן דער שאָלעם־אָפּמאָך, דאָך איז קיין שאָלעם נאָך אלץ ניט געווען. די דײַטשן האָבן זיך ווידער גענומען רוקן אין טיף רוסלאַנד; און אין מורמאנסק, ווי עס איז טייקעף אויך דאָ באוווּסט געוואָרן, האָבן די ענגלענדער ארויסגעזעצט זייערן א דעסאנט.

דאָס האָט נאָך מער פארגרעסערט אלעמענס אומרו. גערעדט האָט מען וועגן דעם קוים צו הערן, אָבער מיט אזא אינטערעס, פונקט ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט ניט וועגן סאָוועטן־רוס־

לאַנד, וואָס האָט זיך געפונען ערגעץ־ווו אַף יענער זײַט גרענעץ, נאָר ווי וועגן אַן אייגענעם, שווער אויסגעקעמפטן זיג, וואָס איז פּלוצלינג געשטעלט געוואָרן אין סאַקאַנע.

„לעניז, — האָט זיך איינער באַם אַנדערן געסטאַרעט דערוויסן, — וואָס זאָגט וועגן דעם לעניז?..״

מע האָט אַזוי געוואָרט אַף לענינס וואָרט, גלײַך ער, לעניז, דורך אַלעמען אַן אויסגעווייל־טער, וואָלט אָקאָרשט פונדאַנען אַוועק עפּעס נייטיקס קלאָר מאַכן און אָט־אָט דאַרף ער צו־ריקומען מיט אַן ענטפער, וואָס ווײַטער צו טאָן.

אין נאָדל־פאַריין זײַנען נאָך קיינמאָל אַזויפיל מענטשן ניט געווען, ווי אין יענע שאָען. אַנ־טאָנאַס גערדריסן איז עס ניט געפעלן.

— אַזויפיל מענטשן, — האָט ער ווי צו זיך אַליין גערעדט, — און אַלע אין איין אָרט, אין איין צײַט. ניט געטאָרט דערלאָזן!..

אַנטאַנאַס גערדריס, וואָס האָט געפילט זײַן פאַראַנטוואָרטלעכקײַט ניט בלויז פאַרן פּאַרטיי־צענטער, נאָר אויך פאַר די אַלע אַרבעטער, וואָס זײַנען גרייט געווען גיין אַפן רוף פון זײַן אָר־גאַניזאַציע, האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט שאַלעם מאַכן מיט קיין שום צופעליקײַטן, בײַ־פּראַט נאָך מיט אַזעלכע, וואָס האָבן לויט זײַן איבערצײַגונג געקענט ברענגען צום פריצײַטיקן אַנטפּלעקן פאַרן סוינע די אייגענע קויכעס.

ער האָט רויק, אַפילע קאַלטבלוטיק, ווי עס האָט זיך געדוכט רודניצקין, געזאָגט:

— בעסער וועט זײַן דערווײַל זיך באַנוגענען מיט קלענערע פאַרזאַמלונגען...

רודניצקיס ברייט צעעפנטע גוטע קינדערשע אויגן האָבן גענומען אויסזען נאָך גרעסער, ווי שטענדיק. די ווייכע וויִעס נאָך לענגער. ער האָט אָנגעקוקט אַנטאַנאַסן מיט אַזאַ מאָדנעם ערנסט, גלײַך צווישן זיי ביידע וואָלט זיך פאַרגאַנגען אַ פאַרדריסלעכער שאָטן...

די ערשטע סענטיאַבער־טעג פון טויזנט נײַן הונדערט אַכצן זײַנען געווען זוניק־ליכטיקע און וואַרעמע. דעריבער איז נאָך דאָפּלט שווערער געווען צו זיצן אין די פינצטערע באַראַקן פונעם צוואַנגס־לאַגער. און אַרויסגיין איז ווידער געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער, קימאַט ווי אין די ערשטע כאָדאָשים פון אָקופּאַציע.

אַפילע יענע עטלעכע זעלנער פון דער וואַך, מיט וועמען די גרופּע באָלשעוויקעס האָט אָנגעהאַלטן אַ געהיימע פאַרבינדונג און דורך וועמען זייער וואָרט פלעגט דערגרייכן צו אַנדע־רע, — אפילע זיי האָבן מער ניט געוואָלט דערלויבן מאַכן אַן איבעריקן שפּאַן פון לאַגער אַרויס.

בליץ־שנעל איז באַוווּסט געוואָרן, אַז אין די גאַסן, הויפן און דירעס נישטערן די אָקופּאַנטן, זוכן איבערגעטאָנענע רוסישע סאָלדאַטן, וואָס זײַנען אַנטלאָפן פון געפאַנגשאַפט און באַהאַלטן זיך אויס, קעדיי מיט דער הילף פון דער ציווילער באַפעלקערונג איבערפעקלען זיך אין זייער באַפרײַטער היים.

די סיבע דערפון איז באַוווּסט געוואָרן שפּעטער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ערגעץ אַפן מײַרעוו־פראָנט האָט די דײַטשישע אַרמיי געכאַפּט אַ שווערן קלאַפּ און אין עטלעכע ערטער געצוווּנגען געווען אָפּטרעטן.

אין די צײַטונגען איז וועגן דעם קימאַט גאָרנישט ניט געווען. אָבער די קלאַנגען וועגן דער מאַפּאָלע, איבערגעגעבענע פון מויל צו מויל, האָבן טאָג נאָך טאָג בעהאַדראָגעדיק, ווי זשאַווער אײַזן, צעהריזשעט די מיליטערישע דיסציפּלין, וועלכע די דײַטשישע קאָמאַנדשאַפט האָט גע־פרווּוט מיט שטרענגע באַפעלן און אַכזאָריעסדיקע שטראָפן אײַנהאַלטן.

און אין נאָדל־פאַריין האָט מען שטענדיק געקענט טרעפן ענג־צונויפגעשלאָסענע גרופּקע־לעך אַרבעטער, וואָס האָבן געפירט הייסע וויקוכים ניט בלויז וועגן יעדער געשעעניש אין רוס־לאַנד, נאָר אויך וועגן קלענסטן סימען פון רעוואָליוציאָנערער דערוואַכונג אין אַנדערע לענ־דער. אָבער דער סאַמע איקער, אַף וואָס מע האָט געוואָרט און נאָך וואָס געגאַרט, איז געווען, אַז דײַטשלאַנד זאָל זיך שוין אויך באַפרײַען און זיך פאַרייניקן צום רעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד. ווען מע פלעגט אָפן אַרויסזאָגן אַזאַ ווונטש, פלעגט אַלע מאָל עמעצער לאָזן פאַלן מיט בענקעניש:

— ע־הע, ווען דאָס וואָלט עמעס געווען!..

אַזוי איז מען געשטאַנען, געהיצט זיך און גערעדט, און ס׳האָט זיך געקענט דוכטן, אַז טאַקע צוליב דעם איז מען אַהער געקומען. ס׳איז אָבער גענוג געווען, אַז אַנטאַנאַס גערדריס און רוד־ניצקי זאָלן זיך באַווײַזן באַם קליינעם פּרעזידיום־טישל, עס זאָל טייקעף ווערן אַזוי שטיל, אַז מע האָט דײַטלעך געקענט הערן, ווי ערגעץ נאָענט אין שמאָלן לענגלעכן הויף קלאַפּן הילצערנע פּאַנטאָפל איבער די ברוק־שטיינער. אַ באַוויַיז, אַז מע גייט און מע גייט נאָך אַהער. קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט אַף די נײַ־געקומענע. מיט אומגעדולד האָט מען געוואַרט, וואָס וועט זאָגן רודניצקי.

— כאווײרים און כאווערטעס, — האָט אַנגרײַפעריש געקלונגען זײַן יעדעס וואָרט, — די פײַערשפּײַענדיקע מילכאָמע צווישן ווילהעלמס דײַטשלאַנד און ניקאָלײַקעס רוסלאַנד האָט פאַר ביידע צדאָדים געהאַט איין און דעם זעלבן ציל: געווינען אַזעלכע מערק, וווּ די בורזשואַזיע זאָל קענען פאַר וואָלוול אַלץ קויפן און פאַר טײַער פאַרקויפן... דערפאַר צווינגען זיי די פעלקער צו נעמען זיך פאַרן געווער, און עס גיסט זיך אומזיסט מענטשלעך בלוט.

— דער רוסלענדישער אַרבעטער, — זאָגט רודניצקי און שטעלט זיך אָפּ איבערצוכאַפּן דעם אָטעם, — דער רוסלענדישער אַרבעטער האָט דערקלערט א מילכאָמע אַזעלכע מילכאָמעס. און איצטער, כאווײרים און כאווערטעס, איז געקומען די צײַט, איר זאָלט אויך אַזוי טאָן. אויך איר, אַלע. און טייקעף!..

אָף א ווײַלע איז שטיל געוואָרן אין פּאַריין און שטיל אויך אָף די ברודיקע הילצערנע, צעקאַליעטשעטע טרעפּ. מע הערט ניט, אַז עס זאָל זיך ערגעץ עפענען א טיר. דערפאַר האָט זיך אַנטאַנאַס געדריסן גלײַך געוואָרפן אין די אויגן, אַז נאַפּטאַליע מערקין, פרומע און פראַדל, — פריִער אין טומל האָט ער זיי אַפילע ניט באַמערקט, — וואַרפן זיך איבער מיט אײנציקע ווערטער.

ער האָט ניט געהערט און אַפילע ניט געוואָלט הערן, וועגן וואָס זיי ריידן, נאָר פון זייער זאָרגלאָז־אופגעלעבטן אויסזען האָט ער געדרונגען, אַז זייער שמועס איז עפּשער א גאָר אומשולדיקער. באַלד אָבער האָט זיך דערוועקט אין אים א בייזער פאַרדאַכט: נאַפּטאַליע מערקין איז ניט פון די, וואָס וועלן גלאַט אַזוי קומען אַהער און גלאַט זיך אַנידערשטעלן ריידן!..

איצט איז אים נאָך שווערער געוואָרן ניט רעאַגירן אָף רודניצקיס אָפענעם רוף צו א טיי־קעפּדיקער אַרויסטרעטונג. נאָר אָנשטאָט אומגעצאַמט אויסלאָדן זײַן אומצופרידנקײַט האָט ער גענומען פּאַמעלעך, קימאַט פאָרזיכטיק אָנגיסן אין גלאָז וואַסער פונעם ביר־פלעשל, וואָס איז געשטאַנען אָפן טישל, און צוגעטראָגן זי צום איבערגעטריקנטן מויל. דאָס נייטיקע פּאַסיקע וואָרט האָט ער נאָך אַלץ ניט געקענט געפינען און זיך געשלאָגן מיט דער דייע, וואָס צו טאָן. רודניצקי איז דאָ ניט צופעליק. ער איז דאָך ניט אַליין געקומען. מע האָט אים געשיקט. אָבער שווײַגן, ווען אַלץ אין אים פאָדערט, ער זאָל זיך אַרויסזאָגן, האָט אַנטאַנאַס ניט געקענט. האָט ער שטיל, קיינער זאָל ניט הערן, ווי אונטערגעזאָגט רודניצקין א באַמערקונג:

— אײנעם שלוס־וואָרט, — אייצעט ער אים, — וואָלט גוט געווען אויסמײַדן אַזעלכע פּאָדערונגען, ווי אַשטייגער, „טייקעף אַרויסטרעטן“. פריִער, איידער קומען מיט אַזוינס צו דער מאַסע, דאַרף מען זיך צונויפריידן צווישן זיך און ניט וואַרפן זיך גלאַט מיט ווערטער!..

— עפּשער... אָבער דיר איז דאָך אויך געווען ניט צום האַרצן יענע ערשטע גרויסע פאַרזאַמלונג?!..

— עמעס, טאַקע עמעס, — באַשטעטיקט אַנטאַנאַס, — איז וואָס פון דעם געדרונגען?..

— אַז קיין שאָלעם צווישן אונדז וועט שוין מיסטאָמע ניט זײַן, — ווערט רודניצקי קאַטעגאָרישער, — דאַרף מען כאַפּן א רייד וועגן דעם מיט אונדזערע פרײַנט פון יענער זײַט, זאָלן זיי זאָגן!..

— גוט, — האָט דאָס מאָל אַנטאַנאַס געדריס זיך ניט באַנוגנט מיט צוליִיגן דאָס וואַסער צו די טרוקענע ליפּן און עס אויסגעטרונקען ביז א לעצט טראָפּעלע. פּאַמעלעך, ווי גאָרניט וואָלט ניט געשען, שטעלט ער זיך אוף און גייט אַוועק פונעם קלײנעם צעוויגטן פּרעזידיִום־טישל.

— דו ווייסט, וואָס איך וויל פון דיר, — האָט ער פאַרהאַלטן יויסעף בערמאַנען, וואָס האָט, ווי שטענדיק, ערגעץ געײַלט, — איך האָב דיר, יויסעף, שוין לאַנג געוואָלט זאָגן, אַז צווישן מיר מיטן כאַווער רודניצקי איז עפּעס ניט גלאַטיק... אַוואַדע, — גיט ער אײַליק צו, — איז רודניצקיס מיין א גוטער, ווען ער זאָגט עפּעס... אָבער פאָרט זעט ער מיר אויס ניט גענוג דערפאַרן, ער זאָל קענען אַרויסטרעטן אין אונדזער אַלעמענס נאָמען.

— נו, איז וואָס? — איז אים יויסעף גרייט קומען צו הילף, — זײַנען מיר דאָך ניט אין קיין מידבער... מע וועט זיך דורכריידן אָף א זיצונג, וועט מען זען, ווער פון אײַך איז דער גערעכטער...

— טאַקע עמעס, — שטימט אַנטאַנאַס אײַן און ציט יויסעפן אין אײנעם א פּוסטלעך־טונקעלן ווינקל, — נאָר מיר און אויך רודניצקין וואָלט זיך געוואָלט, דו פאַרשטייסט, איידער אָנהייבן א דיסקוסיע דאָ, וויסן די מיינונג פון צענטער.

— דאָס איז א דערעך.

אַלץ מיט אַזאַ אויסדרוק, ווי אים וואָלט ניט אופגעהערט פּרעסן א ניט אויסגעלאָדענע זאָרג, האָט זיך אַנטאַנאַס געדריס אומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצײַגן, צי הערט ניט ווער אונטער זייער פאַרטרויליכן שמועס. באַלד אָבער ווענדט ער זיך ווידעראַמאָל צו בערמאַנען און בעט אים, ווי מע בעט וועגן א געפעליקײַט גלאַט בא א באַקאַנטן מענטשן:

— אויב דו ביסט טאַקע, ווי דו זאָגסט, אײַנשטימיק, נעם און פיר דאָס דורך. זײַ א יאַט,

גיי, איך בעט דיך, דערציי̇ל אַלץ וועגן דעם, וואָס בא אונדז קומט פּאָר, האַלט זיך אַן אייצע און קום טייקעף צוריק. דער פראָנט איז שוין איצטער, ווי אַ מין שיטערע זיפּ... אַז מע דאַרף, אַז מע מוז, קען זיך אַן אונדזעריקער דורכרײַסן!..

דער וועג, וואָס אַנטאַנאַס האָט פאַרגעלייגט דורכמאַכן בערמאַנען, איז געווען ניט בלויז אַ ווײַטער און שווערער, נאָר אויך אַ סאַקאַנעסדיקער. דעריבער איז בערמאַנען ניט גרינג געווען גלײַך זיך באַשליסן, כאָטש די גאַנצע זאַך האָט אים אויסגעזען נײַ און גוואַלדיק אינטערעסאַנט.

— דו קלערסט ניט צופיל, — האָט אים אַנטאַנאַס געדריס צוגעײַלט, — זעסט דאָך אַליין, ווי טײַער דאָ ווערט יעדע סעקונדע. גיין מוז מען, און אויב ניט דו, לאָז איך אַלץ איבער אַף אײַערע אַלעמענס פּלייצעס, און גיי אַליין. טו אַ קלער, אָבער איינס־און־צוויי!..

— ניין, — האָט בערמאַן געוואָלט אָפּקילן אַנטאַנאַסעס צעהיצטקײַט, — ווער־ווער, נאָר דו מוזט זײַן דאָ. אויך מיט דיר, ברודערל, איז ניט אַזוי גרינג געוואָרן אַלעמען אײַנצוהאַמעווען, און אַן דיר קען נאָך דאָ נעמען אַלץ גיין כאַדאַראַם...

— טאָ גיי דו. איך וועל דיר נאָר מיטגעבן אַ קליין צעטעלע. אָדער, ניין, וואָרט. מע דאַרף ניט די שרײַבעניש. דו זאָג נאָר דעם כאַוועך קאַפּסוקאַ, אַז... אַדעראַבע, אַלע האָבן מיר ליב רוד־ביצקין ניט ווייניקער, ווי די ברייטע מאַסע, וואָס לויפט אים הערן, ווו נאָר ער גיט זיך אַ ווײַז! די צאָרע איז נאָר, וואָס איידער בא אונדז איז אַלץ באַקלערט און באַשלאָסן, איז אָדער ער נעמט צופיל אַרויסשטעקן דעם קאָפּ פון אונטערערד, אָדער ער גיט אַ רוף צו טייקעפדיקע טאַטן. דו פאַרשטייסט מיך?..

— נאָך אַ מין!..

אַנטאַנאַס געדריס גייט אַזוי גיך אַוועק, אַז טייקעף פאַרלירט ער זיך אין דער מענטשן־געדיכטעניש. באַלד אָבער גיט ער זיך אַ ווײַז און קלאַפּט זיך ווידער צו צו בערמאַנען.

— שיר ניט פאַרגעסן דעם איקער, — איבעראַשט אים אַנטאַנאַס מיט אַ צוגאָב־אופגאַבע, — דו זע נאָר דאַרטן דערוויס זיך, צי קענען מיר האָפן אַף הילף פון דער רויטער אַרמיי. זי מוז אונדז העלפן. זי מוז!..

14

לויטן באַשלוס פון פאַרטיי־קאָמיטעט האָט רודניצקי, גיך און ענערגיש, ווי אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, פאַרנומען דעם גרויסן זאַל פונעם באַוווסטן אין שטאָט אײַזנבאַן־קרײַז. די דאָזיקע געשעעניש האָט אַנטאַנאַס געדריסן געגומען אויסזען נאָך מער באַדײַטנדיק, ווען אהער איז אויך דערגאַנגען די יעדיע, אַז ערגעץ אין קיל, אַ שטאָט, וועגן וועלכער קיינער האָט דאָ קיינמאָל עפּ־שער ביז דאַן ניט געהערט, איז אויסגעבראָכן אַן אופשטאַנד פון די דײַטשישע מאַטראָסן.

כאָטש די צײַט איז געווען אַזאַ הייס־אופגערודערטע און אַרבעט איז געווען איבערן קאָפּ, איז דאָך בא אַנטאַנאַס געדריסן ניט פאַרשוווּנדן יענע נײַגעריקע פאַרוווּנדערונג, וואָס בא אים האָט אַרויסגערופן פּראַדלס קומען און שפּעטער אויך איר צוריק אַוועקגיין מיט נאַפּטאַליע מער־קינען. פאַר פּראַדלס האַלטונג האָט ער טייקעף געפונען אַ פאַרענטפערונג: דאָס האָט געקענט זײַן צופעליק... אָבער מערקין?.. נאָך אַף יענער פאַרברייטערטער זיצונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין נאָדל־פאַבריק, האָט דאָך צו אים געמוזט דערגיין, ווההין דער ווינט בלאָזט... דאָך מאַכט ער זיך טאַמעוואַטע און קלאַפּט צו פּראַדלען, גלײַך ווי גאָרנישט וואָלט ניט געשען... און עפּשער זעט אים אויס פאַר גלײַכער צו קלאַמערן זיך אַן פרומען און שמייכלען צו פּראַדלען?..

אַף מאָרגן אין אָוונט האָט אַנטאַנאַס שוין געשפּאַנט איבער דער לאַנגער פאַרשטאָט־גאַס, ווו קיין איינציקן ברענענדיקן לאַמטערן איז ניט געווען צו זען. פון די קליינינקע, ניט באַלויכ־טענע פענצטער האָט אַרויסגעקוקט אַ בייזע אָנגעכמורעטע שוואַרצקײַט און דערמאָנט אַן פרי פאַרלאָשענע לעבנס. ערגעץ דאָ האָט זיך אויך אויסבאַהאַלטן דאָס שטיבל, ווו פּראַדל האָט גע־וווינט אינעם געדונגענעם ווינקל. אַף דער גאַס איז קיין לעבעדיקן נעפעש ניט געווען צו זען. נאָר אומבאַמערקט איז פון ערגעץ אַרויסגעשפּרונגען אַ קליין קעצל, וואָס האָט זיך געגומען לאַשטשען צו זײַנע שווערע, האַרטע שיך. ניט געוואָלט בעשום־אויפן פון אים אָפּטרעטן.

ער איז געגאַנגען, ניט קענענדיק און עפּשער ניט ווילנדיק פאַרגעסן, אַז זײַן פאַרשטייענ־דיקע באַגעגעניש איז ווײַט ניט קיין פּריוואַטע זאַך פון צוויי נאָענטע באַקאַנטע. אַז עס גייט דאָ אין פאַרטיי־פּאָליטישע אינטערעסן, וואָס קענען עפּשער האָבן אַן אַנטשיידנדיקע באַדײַטונג פאַר די קאַמפן, וואָס שטייען נאָך פאָר...

קעדיי צו פּראַדלס דירע־באַלעבאָס זאָל ניט דערגיין קיין איינציק איבעריק וואָרט, האָט אַנטאַנאַס געדריס, אַנשטאָט אָנקלאַפּן אין טיר, אַרײַן אין הויף, צוגעגאַנגען צו איינעם פון די צוויי קוים באַלויכטענע פענצטער.

פראַדל האָט טייקעף דערפילט, אַז עמעצער איז דאָ אין הויף. איבערלאָזנדיק די בלוזקע, וואָס זי האָט געהאַלטן אין פּרעסן, איז זי צוגעגאַנגען צו דעם נידעריקן פענצטער, וואָס האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלט געלעגן אויף דער ערד, און געפרעגט מיט אַ ביסל אַן איבערגעשראָקע־נעם, אָבער דאָך ענערגישן טאָן:

— ווער איז דאָ?

— איך, — ענטפערט ער קוים צו הערן, — איך דאַרף זיך מיט דיר דורכשמועסן.

— אדעראבע, — אײַלט זי אַרויס אין הויף, — וועגן וואָס? זאָג!

— דו ביסט שוין לאַנג אין שטוב? — פרעגט ער גאַרניט וועגן דעם, צוליב וואָס ער איז געקומען.

— ניט לאַנג, — קוקט זי אים אָן מיט אַ פאַרשנדיקן בליק, — אַנטקעגן וואָס פרעגסטו דאָס?

— גלאַט אַזוי... אין פאַריין ביסטו אָפּט?

— אין מײַן פאַריין? — פרעגט זי אים איבער מיט פאַרוווּנדערונג, — ווי דען? אַלינקע טאָג!..

— איך ווייס, — זײַט ער אַרויס באַרויגעזלעך, — דערפאַר פרעג איך!..

זי האָט דערפילט אין אַנטאַנאַס פראַגע עפּעס אַזוינס, פון וואָס זי האָט זיך פאַרוויטלט. אָבער געזאָגט האָט זי גאַרניט. זי וויל, אַז אויך אָן ווערטער זאָל ער פאַרשטיין, אַז פון איר געוועזענער באַציִונג צו נאַפטאַליען איז שוין גאַרניט פאַרבליבן. אין פאַריין איז זי דאַן געקומען מיט נאַפּ־טאַליע מערקינען און אויך פון דאָרט אַוועק צוזאַמען מיט אים. דאָס איז עמעס. אָבער געטאָן געוואָרן איז עס צוליב גאָר עפּעס אַנדערש.

— איך ווייס ניט, — הייבט זי אָן מיט אַן ערנסטן טאָן, — צי מעג אַזוי וועלן אַ באַלשעוויק, אָבער איך וויל גאַרנישט אָן אַ גרויסן מוז דערווײַטערן אַזאַ נאַפטאַליע מערקינען. צו וואָס? — פרעגט זי און ענטפערט זיך אַליין, — בעסער פאַרוואַנדלען אים אין אַן אייגענעם!..

— דו באַרעכן נאָר אַליין, — גיט זי צו נאָך אַ קליינער פּויזע, — ווער איז דען, אייגנטלעך, דער גאַנצער נאַפטאַליע מערקין, אויב ניט אַ פאַשעטער טאַנדעטנער שנײַדער, וואָס האָט פאַר אַ גראָשענעם לוין געפּראַצעוועט בײַ פאַרשיידענע באַלעבאַטים. געשוויצט, פּונקט ווי דו און מיר אַלע... פאַרוואָס, זאָג מיר, נעמען אַזאַ איינעם און עפּשער אָן אַ גרויסער נויט אים אַרויסשטעלן פון יענער זײַט טיר?..

אין פראַדלס יעדן וואָרט דערפילט אַנטאַנאַס געדריס עכט מענטשלעכע פרײַנטשאַפט. אָבער נאָכגעבן האָט ער ניט געקענט און ניט געוואָלט.

— זאָג מיר, — שטעלט ער איר אָן אומדערוואַרטע פראַגע, — ווער פירט דאָ אָן מיט דײַן נאָדל־פאַריין?

פראַדל דערפילט זיך פּלוצלינג אַזוי, גלײַך איר וואָלט ענג געוואָרן דער גרויסער פּוס־טער הויף.

— ווער? — פרעגט זי איבער. — ווער?..

— איך פרעג, ווער פירט אָן, — כאַזערט ער איבער מיט אַזאַ טאָן, אַז עס ווערט קלאָר, דאָס איז אָן אָנצוהערעניש אויף נאַפטאַליעס צוזאָג צונויפרופן אַ זיצונג פון צענטראַל־ביוראָ, — איך פרעג, ווײַל עס באַקומט זיך, אַז דאָס, וואָס מערקינען אַליין שמעקט ניט, דאָס קאָכט ער ניט, מעג עס אפילו זײַן פאַר אַנדערע אַ היילונג צום הארצן...

אַ שווײַגנדיקע איז פראַדל געבליבן שטיין, ווי אַנטוואָפנט, אַרום איז געוועזן נאַכטיק־שטיל און שוין גוט פינצטער. פון ערגעץ נאָענט האָט זיך פּלוצעם דערטראָגן אַ פּוסטער, כריפּענדיקער געלעכטער.

— דאָס מוז זײַן וואַצעקס מעלאַכע, — נעמט ער זיך אײַנהערן און גיט דערבײַ צו שטיל, אָבער פעסט, — איך גיב מײַן קאָפּ, אַז פון דעם דאָזיקן ניוזעניק הירזשעט אַרויס פּאַניאַטאָווסקי און עפּשער אפילו פּאַן אָקסמאַן. זע נאָר, צי שטייען מיר ניט בײַ אַן אָנהייב פון אַ נײַער שפּיל? — און אַנטאַנאַס געדריס האָט איר פאַרטרויליך געזאָגט, אַז מאָרגן גרייטן זיך די באַל־שעוויקעס אַרויספירן דעם אויילעם אויף אַ דעמאָנסטראַציע.

פראַדל האָט איינעם ווילדן געלעכטער דערפילט די סאַקאָנע, וואָס לויערט אויף יעדן פון זיי, און באַזונדערס אויף אַנטאַנאַסן. האָט זי שוין דאָ, אין דער פרעמדער שטוב, געפונען אַן אָרט, וווּ ער זאָל קענען איבערנעכטיקן.

פון דעם, וואָס אַנטאַנאַס איז דאָ ניט ווײַט פון איר, האָט איר אָנגעטרויט אַזאַ סאָד, וויל זיך איר טאַנצן און זינגען.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זי געראַמט און געפּוצט דאָס פרעמדע שטיבל, גלײַך ווי זי וואָלט זיך און אַלעמען געגרייט ניט צו אַן ערשטער עפנטלעכער גאַסן־אַרויסטרעטונג, נאָר צו אַ גרויסן יאָמטעוו.

15

יענעם פרימאָרגן האָט א קאַלטער ווינט אזוי אכזריותדיק געשמיסן, אז אפילו אף די בלאָסע, אָן א טראָפּן בלוט, פּענעמער פון די צוואנגס־ארבעטער האָט זיך געגומען ווײַזן א ביסל פאַרב.

פראַדל האָט באַם ארויסבאַגלייטן אנטאנאַס געדריסן פעסט פאַרשפּיליעט זײַן שינעל.

ווי נאָר ער איז פארשוואונדן, האָט זי, א מונטערע און אופגעלעבטע, זיך ארײַנגעכאַפּט צו נאַפּטאַליע מערקינען.

— קום, — רופט זי אים אזוי, ווי זיי וואָלטן נאָך פריִער געהאט זיך צונויפגערעדט ווען, וווהין און צוליב וואָס צו גיין, — קום, אין בערלין איז אן אַלגעמיינער שטרײַק, און דער קײַזער ווילהעלם דער צווייטער האָט שוין, מיט מאַזל, געבראָכן דעם קאָפּ...

— איז וווהין רופסטו מיך? — שמייכלט נאַפּטאַליע גוטמוטיק, — עפּשער צו זײַן לעווײַע?..

— ניין, איך רוף דיך אין גאַס.

— עפּעס אן אקציע? — ווערט ער צוריקגעהאַלטן, — אָדער אזוי א וויכטיקער איניען?..

— נאָך א מין! — גיט זי אים א גיכן און פרײלעכן זאָג, — אפילו אין כאָלעם האָסטו אזוינס ניט געזען. קום, — לאָזט זי אים צופיל ניט איבערקלערן, — איך מוז נאָך ארײַנגיין צו דעם, צו יענעם... מע דאַרף אויך מיטנעמען פרומען, זאָלן הײַנט אלע גיין...

וואָלט פראַדל געדופן מערקינען אליין, וואָלט ער זיך, מיסטאָמע, געפילט גרינג און גוט, נאָר וויבאַלד זי רופט אויך אנדערע, וואָלט זיך אים שוין בעסער ניט וועלן גיין. אָבער בלײַבן אליין? אין דעם האָט ער געזען א מין דערנידעריקונג פון זײַן מענטשן־ווירדע. איז ער געגאַנגען, און א נאָגנדיקער ווייטעק האָט געפרעסט זײַן האַרץ. זיי זײַנען ארײַן נאָך פרומען.

— איר רופט מיך? — האָט זי געפרעגט בייזלעך באַ בײדע איינצײַטיק, — אף זײַן צווישן אײַך אן איידעס? אָדער...

פרומען איז ניט ניכע געווען דאָס גיין מיט נאַפּטאַליען, ווען פון דער צווייטער זײַט גייט מיט זיי פראַדל.

פונקט ווי אנטאנאַס געדריס האָט ניט געוואָלט טיילן זײַן אָרט, זײַן ווירקונג אף פראַדלען מיט נאַפּטאַליע מערקינען, אזוי האָט אויך פרומע, אָבער גאָר צוליב עפּעס אנדערש, ניט געוואָלט זיך טיילן מיט דער לעבנסלוסטיקער פראַדלען. איר איז שווער געווען פאַרגעסן, אז ווען זיי גייען אמאָל אינדרײַען, געפינט דער ווירקלעך שטענדיק פאַרנומענער נאַפּטאַליע מערקין גענוג צײַט און אופגעלייגטקײַט צו באַגלייטן פראַדלען ביז צו איר ווײַטער, לאַנגער פאַרשטאָט־גאַס.

פראַדל האָט געפילט פרומעס ניט ארויסגעשריִענעם ווײ, נאָר פאַר שולדיק אין דעם זיך ניט געפילט. „איך האָב קיין זאַך ניט געטאָן, — איז זי זיכער געווען, — קעדיי באַ עמעצן געפּי־נען כיין אין די אויגן...“

דאָס אייגענע האָט אויך פרומע געוווסט. דערפאַר איז צווישן זיי בײדן צו קיין אָפענעם און ענדגילטיקן אײַנרײַס ביז דעמלט נאָך ניט געקומען.

„און וואָס? — פלעגט פרומען אָפט פלאָגן א פאַרדראָס קעגן מערקינען, — וואָס האָט ער אין איר דערזען? די כיין־גריבעלעך אין אירע פרישע בעקלעך? די ווײַסע ציינדלעך? א פרײ־לעכע און ענערגישע? גאָט אין הימל, — האָט פון פרומען שיר ניט ארויסגעשפּאַרט א גאַליקער געלעכטער, — וואָס פאַר א מיידל איז באַ פינף און צוואנציק יאָר אנדערש?..“

פרומע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין, געבליבן בעסער אליין אין אָנגעשטעלטן קיך־ווינקל. בלײַיק שווערע געדאַנקען האָבן ניט אופגעהערט פּרעסן איר מויעך. עס האָט זיך איר אפילו געגומען דוכטן, אז ניט בלויז צווישן איר, פרומען, און נאַפּטאַליע מערקינען, נאָר צווישן איר און דער וועלט וואַקסט אויס א וואַנט, וואָס דערלאָזט זי ניט, באַגלײַך מיט אנדערע, געניסן פון לעבן...

צוליב דעם, וואָס פראַדל און נאַפּטאַליע מערקין זײַנען לאַנג פון איר ניט אָפּגעטראָטן, האָט פרומע איצט ניט געוווסט, פאַרוואָס פריִער זיך צו כאַפּן — צי זאָל זי נעמען דעם עמער שוואַרצע וויקע און אזוי־אָ, ניט קיין איבערגעוואַשענע ארײַנפליוכען אין גרויסן קיך־קעסל, צי זאָל זי צולייגן נאָך א שײַטל האָלץ און זאָל זיך דאָס קאָכן כאָטש א טאָג מיט א נאַכט!.. אלץ האָט איר געגומען אויסזען גלײַך נייטיק און גלײַך איבעריק.

16

ס'איז געווען א בייזלעך־טונקעלער טאָג. דער ווינט האָט איינעם מיט דעם טרוקענעם שטויב געיאָגט פון איין אָרט אפן אנדערן שטיקלעך פּאַפּיר, פון וועלכע עמעצן האָט, ווײַזט אויס, באַ־צײַטנס געלוינט פּאַטער ווערן. פון דעם אליין האָט געאָטעמט מיט אן אויסבאַהאַלטענער דײַטשי־שער מאַפּאָלע. די אָפּטרעטנדיקע דײַטשישע מיליטער־טיילן, וואָס האָבן פאַרבײַמאַרשירט איבער

דער שטאָט, האָבן שוין מער ניט געליאַרעמט: „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד, איבער אַלעס". נאָך מער האָבן אַלעמען איבעראַשט די יעדיִעס, אַז די אָפּיצערן, וואָס האָבן זיך שוין פֿון לאַנג דאָ געפֿונען, פֿאַרלאָזן געהיים די באַקוועמע קאָנפֿיסקירטע אָסאָבניאַקעס און הייבן אָן זיך באַזעצן צו עטלעכע אינײנעם אין ניט קיין גרויסע, אַפֿילו אָפּגעלאָזענע דירעס.

— זעט נאָר, — האָט מען גערעדט אײנער צום צווייטן, — נאָך נעכטן זײַנען זיי געווען גאַנצע קנאַקערס, און איצטער, בימכילא, האָבן זיי מוירע בלײַבן אַליין אין שטוב.

מע האָט מאַמעש בעכוש געפֿילט די אַלץ שטײַגנדיקע צעררודערונג פֿון די אָקופּאַנטן.

אין יענעם טאָג האָבן פֿון גאַנצפֿרי צום גרויסן קאַטעדראַל־פּלאַץ פֿון אַלע גאַסן און געס־לעך, פֿון אַלע פֿאָרשטעט געגומען שטראָמען מענטשן. צווישן דעם האַמוין זײַנען געווען אויך אײניקע דײַטשישע זעלנער.

מע האָט פֿאַרלאָזט די טראָטוארן און פֿאַרשוועמט די גאַנצע ברייט פֿון די גאַסן. דאָס אַלץ איז פֿאַר אַ סאַך געווען אַזוי איבעראַשנדיק־אומדערוואַרט, אַז זיי איז שווער געוואָרן ניט אַרויס־זאָגן זייער דערשטוינונג.

— הימל און ערד נעמט זיך דאָ מישן, — זאָגט עמעצער מיט פֿריידיקער פֿאַרוווּנדערונג, — הערט נאָר אַ מײַסע: גאָר בעשוטפֿעס מיט די יעקעס אַ דעמאָנסטראַציע!

— טאַקע גוט אַזוי און קלוג, — רופֿט זיך אָפּ אַ צווייטער, — אַ צאָרע נאָר, וואָס דאָס ברויט, דאָס ביסל ברויט איז אַלץ נאָך באַם מאַיאָר אין די לאַפּעס!..

צווישן דעם אופֿגעלעבטן אוילעם האָט זיך נאַפּטאָליע מערקין דערפֿילט ווי אַ געפֿאַנגענער. טײַנעט ער צו פֿראַדלען שטיל, אָבער ברויגעז:

— איך פֿאַרשטיי ניט, — קען איר נאַפּטאָליע ניט מויכל זײַן, — מיילע אַנדערע... אָבער מיר האָסטו געמעגט דאָך פֿריִער זאָגן, וואָס און ווען... און ניט — נאַ דיר גאָר... אַלץ איז צו־געגרייט, און דו, זײַ מויכל, נעם און גיי!..

— מע האָט קײנעם פֿריִער ניט געזאָגט, — האָט זיך אים פֿראַדל געסטאַרעט איבערצײַגן, — ניט געזאָגט און ניט געטאָרט זאָגן. אַנדערש וואָלטן זיך דערוווּסט אויך יענע, וואָס דאַרפֿן ניט וויסן, און עס וואָלט נאָך געקומען צו אַ פּריציײַטיקן צוזאַמענשטויס, אַ געשלעג און עפּשער צו אַ בלוט־פֿאַרגיסונג.

קעדיי זיך אַליין צווינגען מער ניט דערווידערן, ווײַל דאָס קאָן שוין, לויט זײַן מיינונג, גאָרנישט ניט ענדערן, האָט נאַפּטאָליע מערקין צונויפֿגעפּרעסט זײַנע פֿולע ליפּן און אַפֿילו ניט געוואָלט קײנעם מער אָנקוקן.

באַ אַלע פֿענצטער, אָף אַלע ראָגן זײַנען געשטאַנען, ווי צוגעקלעפּטע, אַ סאַך, אַ סאַך מענטשן, צווישן זיי אויך זײַטיקע, פּאָשעט נײַגעריקע, וואָס האָבן זיך געקוויקט מיט דער אופֿ־לעבונג אין די גאַסן.

דאָס, וואָס ער, נאַפּטאָליע מערקין, באַ וועמען די זעלבשטענדיק־אָנפֿירנדיקע ראָל איז געווען אַ גרונט־זײַל פֿון זײַנע פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכע אָנשויונגען, איז גראָד אין די אופֿגעברויזטע טעג געוואָרן אָן אָנגעפֿירטער, האָט ער קײנעם ניט געוואָלט מויכל זײַן. ווען ער האָט באַמערקט צווישן די „זײַטיקע", וואָס האָבן פֿאַרפֿולט די טראָטוארן, אויך זײַן אייגענעם טאַטן מענדל און דעם יִינגערן ברודער צאַלע, האָט ער געגומען צו זיי ריידן אין געדאַנק, ווי צו מענטשן דורך עמעצן פֿאַרנאַרטע:

— זיי קוקן... זיי מײנען... זיי ווייסן ניט נעבעך, אַז, אייגנטלעך, איז דאָס גאָרניט קיין דע־מאָנסטראַציע, אַ דעמאָנסטראַציע ווי עס באַדאַרף זײַן. פּאָשעט, אין סאַמע, ווי מע זאָגט, מיטן העלן טאָג אַ שטיקל רעפּעטיציעלע, ווי צו פֿאַרכאַפּן די גאַנצע מאַכט...

לויט נאַפּטאָליע מערקינס פֿאַרוואָלקנטן אויסזען איז פֿראַדלען ניט שווער געווען זיך אָנ־שטויסן, וואָס ער טראַכט. אָבער אים נאָכגעבן אָדער אַפֿילו אײַנגיין אָף אַ שטיקל פּשאָרע מיט אים, ניין, דאָס וועט ער באַ איר ניט פּויעלן. זי פֿאַרלאָזט מערקינען, און אינײנעם מיטן קרעפּ־טיקן קאַצעוו יאַנקאָס מאַרטיקײַטיס, רייזלען, מאַרפֿען און אַנדערע שאַפֿט זי אַ פֿעסט־געשלאָסע־נעם מענטשן־רינג, מיט וועלכן זיי גאַרטלען אַרום דאָס הײַפֿל דײַטשישע זעלנער. געטאָן האָט זי דאָס מיט אַזאַ פֿאַרכאַפּנדיקן אימפּעט, גלײַך אַנדערש וואָלט אַלעמען געדראָאָט אַ גרויסע סאַקאָנע...

עס איז קאָנטיק געווען, אַז די זעלנער זײַנען אַ ביסל דערשראָקן סײַ פֿון זייער אייגענעם געוואַגטן שריט, סײַ פֿון דעם, וואָס זיי רינגלט אַרום אַזאַ גרויסער אומבאַקאַנטער האַמוין, כאָטש דער אוילעם איז געווען כאַווערִיש און פֿרײַנטלעך געשטימט.

פֿונדעסטוועגן האָבן די זעלנער ניט בלויז מאַרשירט באַגלײַך מיט אַלעמען, נאָר אויך באַגלײַך מיט אַלעמען אויסגערופֿן:

— נידער מיטן קריג!

— זאָל לעבן די אַלוועלטלעכע רעוואָלוציע!
— זאָל לעבן די מאַכט פון אַרבעטער־ און פּויערים־ראַטן!
— זאָל לעבן לענין און זײַן פּאַרטיי!

פון די איבערראַשנדיק דרייסטע אויסרופן און עפּשער מער נאָך פון די פעסט־געשלאָסענע רייען, וואָס אַרום די זעלנער, האָט זיך רודניצקין אָנגעהויבן דוכטן, אַז אָט־אָט, בלויז נאָך איין אָנשטרענגונג, און די שטאָט וועט באַהערשט ווערן דורך די נײַע דערוואַכטע קויכעס.

זײַן העל־גראָע וואַטאָווע בעקעשע איז פאַנאַנדערגעשפּיליעט און די פּאָלעס פּאַטשן באַם גיין. פון זײַנע גרויסע שוואַרצע אויגן קוקט אַרויס אַזאַ גוטע, קינדערשע היספּײַלעס. אַנטאַנאַס האָט ניט אויסגעהאַלטן און מיט אַ פרײַנטלעכן שמייכל באַמערקט:

— זעסט עפּעס אויס שטאַרק צעטראָגן...

— קאָן זײַן, — אַמפּערט זיך ניט רודניצקי, — פאַרוואָס איז בערמאַן ניטאָ?

— דו ווייסט דען ניט? — האָט אַנטאַנאַסן פאַרווונדערט די פראַגע, — מיר האָבן זיך גע־האַט מיט דיר צונויפגערעדט וועגן שיקן אַ מענטשן אַף יענער זײַט!..

— נו, מײַלע... ווײַבאַלד דו זאָגסט, — שפּאַרט זיך ניט רודניצקי, — איז עס מיסטאַמע אַזוי...

— ניט „מיסטאַמע”, — איז אַנטאַנאַס געדריס באַשטאַנען אַף זײַנס, — נאָר אַזוי איז עס טאַקע!

אין דער רעגע דערזעט רודניצקי פאַר זיך ניט בלויז אַלע טוער פונעם פּאַרטיי־צענטער, נאָר אויך זײַן נאָענטע כאַווערטע — דאָס בלאָנדע מיידל, וועמעס פאָטאָ־קאַרטעלע ער האָט נאָך מיט אַ צײַט צוריק געהאַט באַוויזן אַנטאַנאַסן און בערמאַנען. זיי אַלע דאָרט, האָט זיך רודניצקין פאָרגעשטעלט, האַלטן שוין מיסטאַמע אין באַטראַכטן זײַן יעדעס וואָרט דאָ און זײַן יעדן גאַנג, ווי בערמאַן האָט געהאַט איבערגעגעבן. פון דעם געדאַנק דערפילט ער אַזאַ אינערלעכע אָנשטרענ־גונג, ווי גלײַך דאָס לעבן גופא וואָלט אים גענומען אַף אַן עפנטלעכן פאַרהער, צי ער, רודניצקי, האַלט טאַקע אויס דעם עקזאַמען אַף אַן עכטן באָלשעוויק... מיט אַ טאָן פון כאַווערישע־אָפנהאַרציקער אַנערקענונג גיט ער אַ זאָג שטיל:

— אָבער דו, אַנטאַנאַס, ווי איך זע, ביסט ניט קיין פּראַמאַך. מע קאָן זיך אַף דיר פאַרלאָזן...

פּלוצעם באַמערקט מען, אַז די גאַנצע דעמאָנסטראַציע בלײַבט שטיין באַם סאַמע אָנהייב פון דער ברייטער, ליכטיקער געאַרגיעווסקער גאַס. די דאָזיקע פּריצישע גאַס איז גוט אָפּגעהיט געוואָרן. מענטשן פון די הינטערגעסלעך האָבן זיך דאָ שטענדיק געפילט ווי אומגעבעטענע געסט.

דער פאָנענטרעגער זיגמונד אָלשעווסקי, באַ וועמען די ברילן אַף דער לענגלעכער נאָז האָבן זיך אָפּטלעך געהאַלטן ווי פרעמדע, גיט אַ פרעג מיט אַ קאָל, אין וועלכן עס הערט זיך אי אַ ביסל שרעק, אי פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דעם פאַרקומענדיקן:

— אַנטאַנאַס, וווּ ביסטו? גיי ניט אַוועק, זאָג, מיר גייען ווײַטער, אָדער... זאָג!

— נאָר ווײַטער! — האָט אַנטאַנאַס געדריס געענטפערט ניט אַזוי זיגמונדן, ווי זיך אַליין, אַפּצולאָכעס יענעם פרעסנדיקן ווייַ, וואָס ער האָט אַזוי אָפּט געפילט אַף זײַן שווערן און דאָך פריידיקן וועג. — נאָר ווײַטער, נאָר פאָרויס!..

ווי אַן ענטפער אַף זייער איבערוף דערהערט מען אַ דרייסטן מונטערן געזאַנג.

פון אָנהייב אין די רייען, דערנאָך אַף די טראָטואַרן כאַפּן אַלע אונטער דאָס געזאַנג, און אַט פאַרפלייצט עס שוין דעם גאַנצן אַרום, דוכט זיך, די גאַנצע שטאָט.

17

אין באַלעבאַטים־פאַריין האָט זיך פאַרזאַמלט אַ היפּשער עולעם.

אַף יורי פערעלמאַנס צוגעזאָגטער רעדע האָבן אייניקע געוואַרט מיט אומגעדולד. די רעדע האָט געזאָלט לעשן די פריידיקע צערודערונג, וואָס די דעמאָנסטראַציע האָט געהאַט דערוועקט ניט נאָר צווישן דעם אַרבעטער־עולעם, נאָר אויך צווישן אייניקע מיטגלידער פון דעם דאָזיקן פאַריין.

אָבער וואָס מער אומגעדולד יורי פערעלמאַן האָט דערפילט אין שטאָט, אַלץ אויסגערעכנ־טער, צוריקגעהאַלטענער איז ער געוואָרן. גייט אַריבער אַ שאָ און צוויי, מענטשן קומען, וואַרטן, גייען צוריק אַוועק, און ער, יורי פערעלמאַן, איז נאָך אַלץ ניטאָ. האָט דאָס פּײַוען דעם בעקער אופגעבראַכט:

— אַ קאַפּאָרע אַף זײַן קאָפּ, — האָט ער געברומט, — און אַ קאַפּאָרע אַף זײַנע געשמאַקע פּרינציפּלעך!..

קעדיי מיט עפּעס פאַרפּילן די אומגעדולדיקע וואַרטעניש, פאַרטרויט פּיַוּוע די עטלעכע מענטשן, וואָס שטייען אַרום אים, ווי עפּעס אַ גרויס געהיימניש, זײַנע סוואָרעס, וויִאַזוי האָט עס געקאָנט פּאַסירן אַזאַ זאַך, ווי אַ דעמאָנסטראַציע „אין מיטן העלן טאָג"...

— מע זאָגט, אַז אַנטאַנאַס געדריס אײנײנעם מיט זײַן טײַערן טאַכשיטל רודניצקי פאַר־קישעפן מענטשן מיט באָבעמײַסעס וועגן ניסים און ניפלאָעס, וואָס קומען, קלוימערשט, פאָר אין רוסלאַנד.

— וואָס הייסט בא אײַך פאַרקישעפן? — האָט דער אַלטער באַדינער פונעם באַלעבאַטים־פּאַריין פינכעס ניט געקאָנט אײַנהאַלטן זײַן בייזלעכע פאַרווונדערונג. — ווי, אַשטייגער, מיינט איר, טוען זיי דאָס?

— אָט אַזוי, — לאָזט זיך פּיַוּוע ניט אַרײַנצִיִען אין אַן אויספירלעכן שמועס, — וואָס־וואָס, דאַרפט איר וויסן, אָבער די מעלאָכע פון אײַנשמועסן קענען זיי בעסער, ווי די אונדזעריקע!..

— יאָ, — האָט פינכעס אײַנגעשטימט, — דערפאַר מאַשמאָעס קלעפּן צו זיי מענטשן, ווי בינען צו האָניק. און די זיסע רייד פון עמעצן אַנדערש ווילן זיי ניט הערן.

דעם באַהאַלטענעם מיין פון פינכעסעס יעדן וואָרט האָט פּיַוּוע גוט פאַרשטאַנען. יעדער איינער געדענקט דאָך, וויִאַזוי דער זעלבער פּיַוּוע פלעגט גאָר ניט אַזוי לאַנג צוריק זיך באַרי־מען מיט זײַן באַציִונג צו אַזעלכע, ווי פינכעס.

— איך, — פלעגט פּיַוּוע באַהויפּטן, — געהער ניט צו די אַמאָליקע פּוסטע גרויסהאַלטער, וואָס ניט ריר זיי אָן און ניט טשעפּע זיי. פאַר מיר, אַ הײַנטיקן מענטשן, זײַנען אַלע גוט. אַלע!.. אויב נאָר!.. איר פאַרשטייט דאָך אַליין!..

אין רויִקע צײַטן, ווען פּיַוּועס געשעפטן זײַנען געגאַנגען ווי געשמירט, פלעגט ער אַמאָל זיך דערלויבן ניט דערליידן, דערפאַר אין די טעג פון שטרײַקן, וואָס פלעגן זיך, ווי אַ שאַרף פון אַ מעסער, אַרײַנשנײַדן און פאַרלאַנגזאַמערן זײַן קימאַט שווינדלענדיקן לויף אַרוף, צו אַשירעס, פלעגט ער קלאָר און אָפן אַרויסזאָגן אַלץ, וואָס האָט זיך אים געוויקלט אָפן האַרצן.

— איר ווילט ניט? — פלעגט ער פאַרהאַלטן זײַנע שטרײַקנדיקע אַרבעטער בא דער שוועל פון דער בעקערײַ. — איר ווילט ניט מער טאָן פאַר דעם מעקעך, ווי מע צאָלט אײַך? איז ניט געפידלט... האָבן מיר אַ גאָט אין הימל און אייגענע פּאַריין־מיטגלידער, וועלן זיי אונדז אַרויס־העלפן!..

פריִער האָט מען געהאַלטן פאַר רעכט, אויב איין מיטגליד פון באַלעבאַטים־פּאַריין פלעגט העלפן דעם אַנדערן, ווען בא יענעם האָבן געשטרײַקט די אַרבעטער. נאָר ווען עס זײַנען אַהער דערגאַנגען קלאַנגען וועגן געשעענישן אין רוסלאַנד, האָבן אַפילע דאָ, אין באַלעבאַטים־פּאַריין, אייניקע מיטגלידער זײַנע גענומען קוקן אָף דער סיסטעם פון שטרײַקברעכער ווי אָף אַ שרײַ־ענדיקן אומרעכט.

קיין גרויסער כידעש איז עס ניט געווען. צווישן די מיטגלידער פון פּאַריין איז געווען אַ היפּש ביסל קוסטאַרן, וואָס האָבן אין זייער לעבן קיין כײַע שאָ ניט געזען. דער ווונדער איז גע־ווען, וואָס צו די „בונטאַרעס" האָט געהערט אויך דער שטענדיק רויִק באַדאַכטער, מעיושעוודי־קער גוטמאַן.

— אַז וואָס פאַר אַ פערד־פּוס־פּאָדקאָווע בין איך דעם פּאַריין פון די באַלעבאַטים? — האָט ער, ווי זײַן טעווע איז געווען, גערעדט צו אַלעמען אַרום. כאָטש זײַן טײַנע איז געווען מער צו זיך אַליין. — אײַ, וועט איר זאָגן, מע טוט בא זיך אין שטוב? טאַקע עמעס. אָבער די באַשטעט־לונג, די סכוירע, דער רעווער, אַלץ איז דאָך יענעמס!.. קומט גאָר אַזאַ־אָ, — גיט גוטמאַן אַ ווונק אין פּיַוּועס זײַט, — פרעגט ניט בא קיינעם קיין אייצעס, ברענגט נאָך מיט זיך אַ גאַנץ בינטל גווירים, ראַיִעט אַלץ אויף, און אָנשטאָט אונדזער אַלטן נאָמען „פּאַריין פון באַלמעלאָכעס" רוקט ער אונדז אונטער אַ שפּאָגל־נײַעם, לויט זײַן גוסט: „פּאַריין פון באַלעבאַטים".

צוליב דעם, וואָס אין גוטמאַנס רייד האָבן אַלע דערפילט אַ ניט געוויינלעכע פאַר אים גע־וואַגטקײַט, האָט מען זיך אומגעקוקט אַזוי פאַרכידעשט, פּונקט ווי די מענטשן און דאָס גאַנצע שולכל וואָלטן גענומען אויסזען אַנדערש. דאַן באַמערקט מען שוין, ווי דורך די שמאָלע, לאַנגע פענצטער פונעם הויז, ווו עס האָט זיך געפונען דער פּאַריין, קומט אַרײַן אַ גרויע ליכטיקײַט. די שאָטנס פאַרשווינדן. אַלץ אַרום ווערט העלער און בוילעטער, אַפילע פּיַוּולס געזעלשאַפטלעכע טעטיקײַט. פּיַוּוע האָט, קענטיק, דערפילט, אַז דאָ נעמט זיך אויסשיילן עפּעס אַזוינס, וואָס שמעקט מיט סאַקאָנע, איז ער געשטאַנען בא דער מיזרעך־באַנק און מיט אַ צעטומלטן אויסזען אופמערקזאַם גענומען אַרײַנקוקן אין די פּאָר אופגעמישטע צעשמאָדערטע פּאַריין־ביכער, וואָס זײַנען דאָרט געלעגן. נאָר דאָס האָט אים ניט געשטערט פון צײַט צו צײַט כאַפּן אַ בייזן קוק צו דער טיר, צו דער האַנטפּאַס, אַרום וועלכער עס האָט זיך צונויפגעקליבן דאָס ביסל אָרעמע באַלמעלאָכעס, אין וועמעס הערצער, ווי ער, פּיַוּוע, איז זיכער געווען, עס האָט געקאָכט און

געבורעט, ווי אין א קעסל. נאָר וואָס צו טראַכטן וועגן דער קאַכעניש און בורעניש האָט דער בעקער ניט געוווסט. דאָס בעסטע, האָט אים אויסגעזען, וואָלט געווען א שאַרפע מוסער־רעדע. אָבער יורי פערעלמאַן איז נאָך אַלץ ניט געקומען. קילט ער כאָטש אָפּ זײַן קוים אײַנגעהאַלטע־נעם פאַרדראָס דערמיט, וואָס ער גיט אַלע ווײַלע א כויזעקדיקן בורטשע אף די, וואָס האָבן גע־קלעפּט צו דער טיר.

— וואָס האַלט איר זיך פאַר דער קליאַמקע? מע קאָן דאָך מיינען, אַז מיט איין פוס זײַט איר דאָ און מיט דער צווייטער אף יענער זײַט!..

— איר מיינט דאָס אונדז? — האָט זיך גוטמאַן געמאַכט ניט פאַרשטייענדיק.

— אײַך, דיך, אַלעמען מיין איך, — איז פּיִוועס יעדעס וואָרט אַלץ מער אָנגעשוואָלן גע־וואָרן מיט רוגזע, — פאַרמאַכט, זײַט מויכל, די טיר, עס איז שוין מער ניט זומער...

פּיִוועס האָט מיט קאַס א קוק געטאָן אף גוטמאַנען, וועמען ער פלעגט מיט כויזעק אָנרופן „אָפּגעשמיסענע הוישײַנע"...

ביז טויזנט נײַן הונדערט זעקס אָדער זיבן האָט זיך גוטמאַן געהאַט אַקטיוו באַטייליקט אין שטרײַקן, דעמאָנסטראַציעס און געווען א טעטיקער מיטגליד פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, אָבער דערנאָך, אין די שוואַרצע צײַטן, האָט ער באַשלאָסן אוועקגיין, דערווײַטערן זיך פון דער פּאַרטיי, אָנהייבן לעבן נאָר מיט אייגענע און דערצו נאָך שטרענג באַגרענעצטע אינטערעסן. דאַן, געדענקען אַלע, האָט גוטמאַן כאַסענע געהאַט מיט אַן אומבאַקאַנט גאָטפאַרכ־טיק מיידל, אוועק פון וואַרשטאַט, ווו ער האָט פיל יאָרן אָפּגעאַרבעט, אָנגעהויבן נעמען אַרבעט אהיים. ער, דער נידעריקער און ברייטבייניקער גוטמאַן, מיט די קלוגע, גוטע אויגן האָט דאָס אַלץ אָפּגעטאָן מיט אזא אײַנגעשפּאַרטער אַנטשיידנקײַט, ווי אַפּצולאָכעס דער וועלט, וואָס האָט אזוי גיך און גרינג זיך ניט געלאָזט איבערבויען...

א שטיקל צעלאָכעס האָט אין דעם אַלעמען געשטעקט. אָבער אין טאָך גענומען, איז גוט־מאַנס דעמאָלטיקע דערווײַטערונג געווען א רעזולטאַט פון דער גלײַכגילטיקײַט, וואָס אים האָט געהאַט באַהערשט אין די שווערע יאָרן פון רעאַקציע, א גלײַכגילט צו אַלץ, אין וואָס ער האָט פריער געהאַט געגלייבט. די איינציקע באַדערפעניש, וואָס האָט איבער אים דאַן באַקומען שליטע, איז געווען: מיט אַלעמען לעבן אין שאָלעם.

— ניט קריכן פון דער הויט, — פלעגט ער פּאַטערלעך־שטרענג און מיט האַרץ אײַנטײַנען מיט זײַן איינציקן לערנייִנגל, — געדענקען, אַז יעדערער וויל לעבן און אָטעמען, יעדערער!..

איצט איז נאָך פּיִוועס ניט קלאָר געווען, צי טרייסלט טאַקע גוטמאַן אַראָפּ דעם הינערפּלעט פון די אַלע יאָרן אָדער די צונג האָט זיך אים בלויז, ווי קעגן זײַן אייגענעם ווילן, ווידער גענו־מען באַוועגן. דעריבער האָט פּיִוועס געהאַלטן, אַז די הויפּט־סאַקאָנע אין זײַן פאַריין איז ניט גוט־מאַן, נאָר דער פּאַשעטער, סאַמע אָרעמער פינכעס, וואָס האָט געוווסט נאָר פון פרי ביז שפּעט אין אָוונט שטעפּן און נייען פאַר די גרויסע היטל־געשעפטן. פאַר דער געהאָרכזאַמקײַט און גע־פאַלנקײַט זײַנער איז פינכעס זויכע געווען אין די יאָרן פון פולער אַרבעטסלאָזיקײַט צו ווערן א באַדינער אינעם אייגענעם באַלעבאַטים־פאַריין.

נאָר אויך פון שלעפּן האַלץ, הייצן דעם אויוון, לויפן א גאַנג, וואַשן און קערן די דילן אין פאַריין איז פינכעסעס לעבן ניט געוואָרן ניט גרינגער און ניט זאַטער. ניט איין מאָל האָט שוין פון אים אַרויסגעשריִען דער טאָטשענדיקער ווייטעק.

— די נויט דריקט מיך אזוי, — פלעגט ער זיך ביטער באַקלאָגן, — כאָטש נעם, כאַס־ווע־שאָלעם, און טו זיך אָן א מײַסע!..

פון יענעם שטיבל, אין איינער פון די ווײַטע פאַרשטעט, ווו ער, פינכעס, האָט נאָך פאַר דער מילכאָמע און אָקופּאַציע געהאַט זיך געדונגען א ווינקל, איז אויסער א ביסל געדיכט ווילד־גראָז גאָרניט פאַרבליבן. איצט לעבט ער אין א קעלער, ווו עס וווינען נאָך פינף אַנדערע מיש־פּאָכעס, וואָס אַלע פלעגן זיי וועגן זיך זאָגן, אַז איידער אזא לעבן, ווי זייערס, איז שוין בעסער דער טויט.

באַטאָג האָט מען געהאַנדלט מיט עפּעס אַזוינס, וואָס אין דער גאַנצער אומגעגנט איז דאָס באַוווסט געווען אונטערן נאָמען „באַבקעלעך", געמאַכט פון זויערע, פאַרשימלטע קאַרטאָפל־שאָלעכץ. באַנאַכט פלעגט מען זיך הונגעריקע א וואָלגער טאָן יעדערער בא זיך אין ווינקל אף די געלעגערס. צו פינכעסן פלעגן דערגיין אַזעלכע יאָמערלעכע געשרייען, פון וועלכע אַפילע אים, וואָס האָט געטאָגט און גענעכטיקט מיט דער נויט, פלעגט נעמען גרוילן דאָס ברודיקע, אָפּגע־צערטע לײַב. קוים זיך דערוואַרט, ס׳זאָל ווערן טאָג, פלעגט ער זיך גרינגער מאַכן דאָס האַרץ מיט אויסריידן די שכיינים:

— ווער פון אײַך ליאַרעמט דאָס אזוי פון שלאָף? איר קאָנט דאָך טאַטע־מאַמע אף יענער־וועלט אופוועקן!..

— דו הערסט נאָר, ווי יענער שרײַט, — האָט אים א וויינענדיק פּרויען־קאָל בייזלעך דערווידערט, — אָבער ווי דו אליין, בימכילע, כאָרכלסט אין שלאָף, ווי אן אָקאָרשט געקוילעטע שאָף, דאָס, מאשמאָעס, הערסטו ניט!..

— אלע שרײַען מיר, — פלעגט איינע פון די באַבקעלעך־בעקערנס זידן, — אלע. עס שרײַט פון אונדז, באָרעך־האשעם, דער ווייטעק!..

די דאָזיקע קעלער־מענטשן, פארזונקענע אין גרויסער ענגשאפט, ברוד, הונגער און נויט, האָבן געהאט א ביז גאָר קנאפּע פאָרשטעלונג ניט נאָר וועגן דעם, וואָס ס׳קומט פאָר אין רוסלאנד, נאָר אפילע וועגן דער טעטיקײַט פון דער אָרטיקער אונטערערד. ס׳איז אָבער גענוג געווען, פינכעס זאָל זיך דערוויסן, אז דאָ גייט א רייד וועגן דעם, צי זאָלן די גווירים ווידער זײַן די איינציקע באַלעבאַטים אין שטאָט, אָדער די גאנצע פירונג זאָל אריבערגיין צו די ארבעטנדיקע, ער זאָל קומען צו אן אויספיר, אז אלץ, וואָס די באָלשעוויקעס טוען, איז אויך זײַן זאַך. האָט אים געוואָרגן אן אופרעגונג קעגן פײַוון מיט זײַנע פלוידערײַען וועגן פּאַרקישעפן מענטשן. נאָר אף דערווידערן, זאָגן עפּעס אזוינס, וואָס זאָל טרעפן אין פײַוועס איינציקן אויג, אף דעם האָט פינכעסן נאָך געפעלט דאָס נייטיקע, קלאָרע און שארפע וואָרט. איז ער גיך אנשוויגן געוואָרן. שײַערנדיק מיט א טראַנטע דעם גרויסן הענגלײַכטער (דער פאריין פון די באַלעבאַטים האָט זיך געפונען אין א קלויז), האָט דער באַדינער אָנגעהויבן זיך פאָרשטעלן, אז ער האלט זיך ניט פארן שווערן קופערנעם הענגלײַכטער, נאָר אז זײַנע ביינערדיקע הענט זײַנען אײַנגעשטשעמעט אינעם בעקערס האלדז.

אף פינכעסעס געדיכט־באַוואַקסן פּאָנעם האָט זיך באַוויזן אזא דראָענדיקער אויסדרוק, אז פײַוועס האָט באַשלאָסן בעסער צו פארשמייכלען די דאָזיקע אומדערוואַרטע געשעעניש.

— כאַפּט נאָר א קוק אף אונדזער באַדינער, — האָט פײַווע מיט געמאַכטער פארווונדערונג אָנגעוויזן אף פינכעסן, — הערט נאָר א מײַסע: ער איז דאָך אף אן עמעס טאַקע מעוברעס מיט רעוואָליוציע. זעט נאָר, זעט!

ערנסט־שוויַיגנדיקע האָבן אלע זיך אומגעקוקט. פון פײַוועס האלב־פארמאַכטן לינקן אויג, באַמערקן אייניקע, האָט גענומען ארויסקוקן א טראַגישע אומבאַהאָלפנקײַט. פינכעס פארלאָזט דאָס הויכע בענקל, פון וועלכן זײַנע דארע הענט פלעגן גרייכן צום הענגלײַכטער, מיט אזא אויסגעלײַטערט אויסזען, פונקט ווי ערשט איצט וואָלט ער ענדגילטיק באַנומען זײַן אָרט און ראָל אין די אָנוואַקסנדיקע געשעענישן. ער האָט ברייט צעעפנט די קלויז־טיר און ארויסבאַגלייט אלעמען. עס האָט געזאָלט באַטײַטן: מער האָט דאָ קיינער ניט וואָס צו טאָן.

18

ניט וואַרטנדיק מער אף קיינעם און אף גאָרניט, האָט פײַווע אוועקגעײַלט צו יורי פערעלמאַנען אהיים, קעדיי אים אויג־אף־אויג דערציילן, צו וואָס עס האָט געבראַכט זײַן ניט האלטן וואָרט.

— אף די ווענט פון פאריין, — דערציילט אים דער בעקער, — האָבן זיך באַוויזן פון יענעם מין פּאַסקוויל־מוידאָעס, וואָס מע פרעגט זיך אף זיי נאָך!

פײַווע האָט געוואַרט אף א פראַגע אָדער כאָטש אף עפּעס א באַמערקונג וועגן דער יעדיִע, וואָס ער האָט געבראַכט. יורי פערעלמאַן איז אָבער אָפּגעקומען ניט בלויז מיט שוויַיגעניש, נאָר געהאלטן זיך אפילע אזוי, ווי ניט אים מיינט מען עס. דאָס איז געווען ניט צופעליק. יורי פערעלמאַן איז געווען זיכער, אז אויב די פארזאַמלונג אין פאריין איז ניט פאָרגעקומען, איז שולדיק אין דעם ניט פינכעס, ניט גוטמאַן און ניט ער, יורי פערעלמאַן, נאָר פײַווע, וועלכער קאָן ניט פארשטיין, אז די רעוואָליוציע אין פעטערבורג און מאָסקווע האָט געביטן דעם גאנצן פּאָליטישן קלימאַט פון דער וועלט, אז איצט קאָן מען ניט קומען צו אן אוילעם מיט די הוילע קולאַקעס: „פּאָדאַוויַי אי בעז ניקאַקיך"[1], אז צו אלץ מוז מען איצט צולייגן קאָפּ!..

יורי פערעלמאַן האָט זיך ניט געקליבן גיין אין גאַס, אָבער קעדיי פּאָטער ווערן פון דעם דאָזיקן אומגעבעטענעם אוירעך, נעמט ער גיך און אומרויִק זוכן דעם הארטן הוט, דעם שטעקן, האגאַם אפילע א בלינדער, דאַכט זיך, וואָלט דאָס אלץ גרינג געקאָנט דערטאַפּן אינעם ציכטיקן פּאָדערצימער. געזוכט גאנץ לאַנג מיטן מיין, טאָמער וועט פײַוון אײַנפאַלן אוועקגיין. אָבער אפילע ווען זיי זײַנען ארויס אין גאַס, איז דער בעקער געגאַנגען אזוי נאָענט לעבן דאָקטער, אז די ארבל פון זייערע בײדנס מאַנטלען האָבן זיך אזוי ניט אָנגענעם געריבן איינס אָן דעם אנדערן. פײַווע האָט, קענטיק, ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון זײַן ציל: אָנרייצן דעם קלאַל־טוער אף יענע, וואָס האָבן גענומען „קריכן פון דער הויט"...

---

[1] דערלאַנג און מאַך ניט קיין קונצן.

— זיי שרעקן, זיי בילן, — דערציילט פּיַוּוע, — מע האָט דאָך, מיט מאַזל, שוין דערשמעקט די סלאָבאָדעו[1]... שרײַבן זיי, אַז מיר, די עטלעכע קלאַל־טוער, פּרעסן אויף דעם קאָפּ גרויפּן, וואָס פאַן אָקסמאַן וואַרפט אַמאָל צו, און פאַר זיי, די אַרבעטער, נעבעכינקע, לאָזן מיר איבער אין קעסל נאָר דאָס ביסל מוטנע פּאַמויניצע־וואַסער!..

— איך ווייס ניט, צי שרײַבט מען אַזוי, — פילט זיך א ביטל אין יורי פּערעלמאַנס באַמערקונג, — נאָר אויב יאָ, איז אויך אַמאָל גלײַכער ווייניקער וועגן דעם צו באַלבען!..

— עפּשער, — איז פּיַוּוע שוין גרייט אײַנצושטימען, אָבער טייקעף האָט ער כאַראַטע, — דעם עמעס גערעדט, מוז איך אײַך זאָגן, אַז איצט איז ניט די צײַט אַף צאַצקען זיך מיט זיי... א סאַך ראַיעלער וואָלט זײַן, ווען מיר גיבן זיך א נעם בעיאַד כאַזאַקאָ... איי, וועט איר דאָך זאָגן: „דאָס איז ניט פאַר אונדזערע קויכעס“... מיילע, קאָן מען א רייד טאָן מיטן פאַן פּאַניאַטאָווסקי. איר קוקט ניט, וואָס ער איז א האַנאַראָווער... נישקאָשע, ס'קאָן זיך טרעפן, אַז מיט אים זאָל מען קאָנען אַמאָל דורכקומען גיכער, ווי מיט א נאָש בראָט!

— מײַן טײַערער, — באַווײַזט זיך אַף יורי פּערעלמאַנס פּײַן געזיכט א קלוגיטשקער שמייכל, — דורכקומען צו דורכקומען איז ניט גלײַך.

ווי אַלע, ווייסט אויך יורי פּערעלמאַן, אַז די ברוטאַלע הערשאַפט פון דער אָקופּאַציע־מאַכט האָט, אויסגלײַכנדיק אין פּראַט פון פולער רעכטלאָזיקייט קימאַט אַלע טיילן פון דער באַפעלקערונג, שוין דערמיט אַליין אָוועקגעשטעלט אים, יורי פּערעלמאַנען, אַף „איין ברעטל“ מיטן פאַן פּאַניאַטאָווסקי. אָבער ווי נאָר די מאַכט פון די אָקופּאַנטן האָט זיך א וואַקל געטאָן, זײַנען די באַציִונגען צווישן פּערעלמאַנען און פּאַניאַטאָווסקין געוואָרן אָנגעשטרענגטע.

ווי נאָר יורי פּערעלמאַן האָט זיך דערוווּסט, אַז אַף דער שמאָלער שאָטנדיקער אַסטראַבראַמער גאַס, וואָס פלעגט אים שטענדיק דערמאָנען אָן א טיפער שוואַרצער הייל, זײַנען אויסגעשטעלט געוואָרן א סאַך מער ווי אַלע מאָל הייליקע גאָטס מוטערס, פּאַרפּוצט אין ווײַסע, געפּרעסטע פּאַרטעכלעך, האָט ער גלײַך א טראַכט געטאָן: עס גרייט זיך עפּעס א געהיימער פּלאַן, א פאַרשלייערטער מיט גאָטס נאָמען. קעדיי פּיַוּוען געבן אָנצוהערן וועגן אַזאַ מעגלעכקײַט, כאַזערט ער איבער:

— דורכקומען, — ווער מיט וועמען?

יורי פּערעלמאַן פאַרטראַכט זיך, צי זאָל ער מעגאַלע זײַן דעם אופּגעקומענעם גוויר, וועלכער וועט אים, דעם אינטעליגענט, עפּשער גאָרניט פאַרשטיין, דעם גרויסן סאָד — דעם טרוים פון זײַן לעבן, צי ניין.

יורי פּערעלמאַנס טאַטע, א פרומער וואַלד־סוחר, וואָס איז געווען אַרײַנגעטאָן נאָר אין האַנדל, מיניען און גאַבאָעס, איז לעסאָף בעדיל־האַדאַל געוואָרן. און יורי, זײַן ייִנגערער זון מיטן שאַרפן קעפּל, וואָלט געוואָרן א שיק־ייִנגל באַ יענעם, ווען ניט די שטיצע פונעם רײַכן בערע־לייב קעלים, וועלכער האָט אים געגעבן די מעגלעכקײַט באַקומען הויך־בילדונג.

דער יונגער פּערעלמאַן האָט אָפּגעדאַנקט פאַר דער טויווע ווי אַמשענסטן — ער איז געוואָרן קעלימס א טרײַער איידעם. מירעלע, קעלימס טאָכטער, א שטאָלטנע און שיינע, האָט נאָך דער מאָדע נאָך געטײַנעט, אַז זי איז אַנטוישט אין לעבן, און האָט דעריבער פאַרבראַכט קימאַט די גאַנצע צײַט ערגעץ אין אויסלאַנד. יורי פּערעלמאַנען האָט דאָס ניט שטאַרק געקימערט. אַזאַ, לויט זײַן מיינונג, איז זי שוין געווען, די שלאַנקע ברונעטן מירעלע. גענוג געווען, זי זאָל זיך צו עפּעס צורירן, ווי עס פלעגט טייקעף איר נעמען אויסזען ניט באַדײַטנדיק און זינלאָז.

פריִער פלעגט נאָך יורי פּערעלמאַן אייצען איר צו זײַן כאַטש א ביסעלע צוגעלאָזענער צו מענטשן און אופהערן צו טראָגן די לאַנגע שוואַרצע קליידער, וואָס פלעגן זי מאַכן נאָך ערנסטער, שלאַנקער און איידעלער, ווי זי איז געווען אין דער ווירקלעכקײַט. זײַנע אייצעס אָבער האָבן גאָרניט ניט געענדערט. אַנדערש ווי געווען איז זײַן יונגע פרוי ניט געוואָרן...

ווי פאַרשיידן עס זײַנען ניט געווען יוריס פּאָטער און מירעלע, דאָך האָט ער אין זיי בײדע געזען צווי זײַטן פון איין און דער זעלבער מאַטבייע. בײדע, לויט זײַן טיפּסטער איבערצײַגונג, האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז מע קאָן און מע דאַרף לעבן אַנדערש — אַליין ווערן באַלעבאָס איבער אַנדערע, אויב ניט, ווערסטו אַליין פריִער צי שפּעטער צעמאָלט ווערן.

טיף אין האַרצן איז יורי פּערעלמאַן געווען איבערצײַגט, אַז ניט אַזוי רײַכקײַט, ווי פּאָליטישע מאַכט, זיכערט דעם מענטשן דאָס עמעסע אָרט אין לעבן. און איצט, טראַכט ער, איז, דוכט זיך, געקומען זײַן צײַט.

דעם בעקער קאָן ער, נאַטירלעך, דאָס אַלץ ניט דערציילן, פונדעסטוועגן זאָגט ער צו אים מיט ביטל:

---

[1] פאַרקריפּלט פון סוואָבאָדע — פרײַהײַט.

— דאָס, וואָס איר האָט מיר דאָ אָקאָרשט דערציילט, ווער וואָס עס טראַכט וועגן אונדז, גייט מיר אָן אַקוראַט ווי דער פּאַראַיאַריקער שניי. מיך אַרט גאָר עפּעס אַנדערש: אויב דער גאַנצער הו־האַ, וואָס דאָ איז געוואָרן, איז טאַקע נאָר צוליב גערעכטיקייט, פרעג איך אײַך: צי וואָלט ניט זײַן אַ יוישער גאָדל, אַז מיר זאָלן דאָ האָבן די גאַנצענע מאַכט, מיר!..

פּײַוועס איז שטיין געבליבן מיט אַזאַ אופגעלויכטענעם און דאָך אומבאַהאָלפענעם אויסזען, גלײַך ער וואָלט געוואָלט און ניט געקאָנט אַרויסריידן עפּעס אַ וויכטיק וואָרט. פרייד און אַ ביסל אויך שרעק פאַרכלינען אים. ער זעט ניט, אַז זיי זײַנען געבליבן שטיין לעבן דעם שולכל, וווּ עס געפינט זיך דער באַלעבאַטים־פאַריין. ער באַמערקט ניט, ווי עס וואַנדערן ערגעץ אַוועק די גרויסע געדיכטע שוואַרצע וואָלקנס, וואָס האָבן געדראָעט מיט אַ גוס־רעגן, און עס גיט זיך אַ ווײַז די זון. איר וואַרעמע ליכטיקייט הייבט אָן אַרײַנטריפן אין די אַרומיקע הײַזקעס.

ווי נאָר אין גאַס איז געוואָרן אַ ביסל ליכטיקער און וואַרעמער, האָבן זיך פון אַלע ווינקע־לעך צום פאַריין גענומען ציִען באַלמעלאָכעס.

וואָס האָט די דאָזיקע מענטשן געבראַכט אין דרויסן, איז זיי אַליין מינאַסטאַם אויך ניט גענוג קלאָר געווען. עפּשער דאָס, וואָס אויף דער גאַס איז געוואָרן וואַרעמער, ווי אין זייערע פײַכטע כאַלופּעס? און עפּשער האָבן זיי באַמערקט, אַז יורי פערעלמאַן טײַנעט עפּעס אײַן מיט פּײַוועסן, און געוואָלט וויסן, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך? אַזוי צי אַזוי, נאָר די צוגעקומענע האָבן גלײַך זיך געווענדט צו פערעלמאַנען, ווי ער וואָלט גערעדט מיט זיי:

— האַ?

— וואָס?

— עפּעס נײַס?

די קורצע, האַלב אויף שטומלאָשן אַרויסגעזאָגטע פראַגן האָבן יורי פערעלמאַנען צוגעגעבן זיכערקייט. ער איז נאָך פעסטער געוואָרן אין דער דייע.

— איר זעט, — טוט ער אַ ווײַז אויפן טאָוול, וואָס איז געווען אײַנגעפּאַסט אין דער וואַנט פון דעם אַלטן שולכל, — גיט, זײַט מויכל, אַ קוק, וועט איר זיך דערמאָנען: פערציק יאָר האָט גע־לערנט דער גאָען, וועמעס מײַסים־טויווים עס איז אומעגלעך איבערצודערציילן. אַדעראַבע, זאָלן אַלע זאָגן, צי האָט נאָך ווער אַזויפיל רעכט אויף דער מאַכט דאָ, ווי מיר?..

— ווער איז דאָס „מיר“? — גיט אים גוטמאַן, טאַקע איינער פון די אָקאָרשט אָנגעקומענע, אַ גאָר ערנסטן פרעג.

— מיר איז מיר! — ברייט אים פּײַוועס קימאַט ווי אויף מיט זײַן ענטפער.

— אויב איר זײַט איר, — האָט אויך פּינכעס ניט געקאָנט מער שווײַגן, — טאָ וואָס ווע־לן אויף אײַער „איר“ זאָגן די אַרבעטאָרער, די פּויערים און טאַקע ווידעראַמאָל די פּויערים און אַרבעטאָרער!..

כאָטש אין פּײַוועסן האָט אַלץ אופגעזאָטן, דאָך האָט ער מיט קיין איינציק וואָרט ניט דער־ווידערט. בלויז אויף אַ רעגע האָט זיך פאַרמאַכט בא אים דאָס אַזוי אויך נאָר האַלב־אָפענע לינקע אויג.

19

טעג זײַנען געשטאַנען פײַכטע און צעשוומענע. יעדער טאָג האָט דערמאָנט אָן אַן אָפענער, יאַטערנדיקער ווּנד. אין דרויסן איז געווען, ווי בא רייזלען, יויסעף בערמאַנס פרוי, אויפן האַרצן. כאָטש קיין צײַט זיך אַרומקוקן אויפן וועטער האָט זי ניט געהאַט. פאַר אירע פינף און דרײַסיק יאָר לעבן איז איר שווער געווען זיך דערמאָנען כאָטש איין טאָג, ווען זי זאָל ניט האָבן שווער געפּראַצעוועט, נאָר איצט האָט זי צורו ניט געלאָזט איין געדאַנק: אַזויפיל צײַט אַריבער, און איר יויסעף איז נאָך אַלץ ניטאָ, ווי ס'איז ניטאָ אין שטוב קיין ביסן ברויט, קיין שײַטל האָלץ און קיין ביסל נאַפט אינעם בלעכענעם לעמפּל.

רייזל האָט ניט געוווּסט און ניט געטאָרט וויסן, וווּהין איר מאַן איז אַוועק. דאָך האָט זי פאַר־שטאַנען, אַז פאַרשווּנדן איז ער ניט אַנדערש, ווי מיט אַן אופגאַבע פון זײַן אָרגאַניזאַציע. האָט זי קיין טײַנעס צו אים ניט געהאַט. עס פלעגט זיך שוין איר אַפילע צומאָל נעמען דוכטן, אַז ער איז אַוועק מיט איר וויסן און האַסקאָמע און צײַטווײַליק זי איבערגעלאָזט אויף זײַן פּאָסטן.

ווי נאָר זי האָט געעפנט די אויגן, נאָך ניט באַוויזן ווי געהעריק זיך אומקוקן, האָט זי אַרופּ־געכאַפּט אײַלנדיק דאָס ביסל טראַנטעס אויף איר אָפּגעצערט לײַב, קעדיי די גרויסע שטשורעס, וואָס מאַכן זיך לוסטיק אין אַלע ווינקעלעך פון איר שטוב, זאָלן כאַלילע ניט צעהריזען איר שלאָפנדיק אויפעלע. נעמט זי דאָס קינד אויף די הענט און אײַלט אַוועק אין פאַרטאָגיקן דרויסן.

זי איז אײַליק אַוועק איבער די פּוסטע גאַסן אין אַרבעטער־קיך. אײדער זי האָט דערזען, האָט זי דערשפּירט: עפּעס אויסטערלישס קומט פֿאַר. האָט זי זיך נײַגעריק אַרומגעקוקט. הויכע מיליטערישע פֿורן, געשפּאַנט אין גרויסע שווערלײַביקע פֿערד, זעט זי, יאָגן אין פֿאַרשײדענע ריכטונגען... אַף איין רעגעלע פֿאַרהאַלט זי אַפּן אָרט אַ פֿראַגע: „וואָס קאָן דאָס באַטײַטן?“ אָבער נאָך מער איבעראַשט איז זי געוואָרן, ווען זי האָט דערזען, ווי פֿון די שפּאַרונעס אין די פֿאַרמאַכטע טויערן נעמען אַרויסקוקן מענטשן, וועלכע גאַרן, קענטיק, פּאַקן אַ באַקאַנטן אַף צו קאָנען פֿאַרטרויען אַ קימאַט אומגלײבלעכע נײַעס:

— מע זאָגט, — קוקט צו איר גוטמאַן אַרויס פֿון האַלב־אָפֿענער טויער־פֿאָרטקע, — מע זאָגט, אַז די רויטע שפּאַרן אַהער!..

— גוטמאַנקע, — זאָגט זי צו אים, ווי צו אַ ליב קינד, — דאָס קען דען געמאָלט זײַן?

פֿול מיט פֿרייד, איז רײזל אַרײַנגעלאָפֿן אין גרויסן קיך־צימער. דאָ האָט זיך, לאָזט זיך אויס, שוין באַצײַטנס צונויפֿגענומען אַ גרויסער עולם. מע זיצט און מע שטייט, ס׳איז שטיל. דאָס קלײנע קיך־צימערל איז געווען אַזוי פֿעסט פֿאַרמאַכט, ווי קײנער וואָלט נאָך ניט געהאַט אַריבער־געטראָטן די שוועל. נאָר דעם בלעכער מאַרקעלן און דעם רויִקן זוסיע דעם שנײַדער האָט זיך ניט געגלייבט, אַז אין אַזאַ נאַכט זאָל דאָרט קײנער ניט זײַן. האָבן זיי בײדע, זוסיע און מאַרקעל, געוואָלט צולייגן אַן אויער צו דער פֿאַרמאַכטער טיר, טאָמער וועלן זיי עפּעס דערהערן. נאָר די, וואָס זײַנען פֿון די ערשטע געקומען אין קיך, האָבן טײקעף אומצופֿרידן געוואָרנט די צו נײַגעריקע:

— קוקט ניט און שמעקט ניט, — האָט זיי דער ברײטבײניקער קאַצעוו יאַנאַס מאַרטיקײַטיס לײַכט אָפּגעשטויסן פֿון צימערל, — לאָזט דאָרט מענטשן אַלץ באַקלערן. אונדזער אַנטאַנאַס געדריס מיט די כאַווײרים איז דאָרט!

גראָד אין דער רעגע, ווען יאַנאַס מאַרטיקײַטיס איז, דוכט זיך, גרייט געווען כאָטש אַראָפּ־שלינגען דעם אײגענעם אָטעם, אַבי ניט שטערן אַנטאַנאַסן, איז מיט אַ ווירדיק־שטרענגלעכן אויסזען אַרײַנגעקומען נאַפּטאַליע מערקין. זײַן אומדערוואַרט קומען האָט אַרויסגערופֿן אַ שטיקל אויפֿרודערונג:

— זעט נאָר, — האָט רײזל אַזוי רעאַגירט אַף דעם, אַז עס איז שווער געווען באַשטימען, צי זאָגט זי דאָס אויס מיטגעפֿיל, אָדער עס שטעקט אין דעם איראָניע: — זעט נאָר, זעט, מער־קינען, נעבעך, נעמט שוין אויך ניט קײן שלאָף...

שוין לאַנג, ווי בײַ נאַפּטאַליען איז געווען אַ פֿאַרלאַנג: קומען אין קיך אין אַזאַ צײַט, ווען זײַנע פּאָליטישע קעגנער, באַזונדערס אַנטאַנאַס געדריס, זיגמונד אַלשעווסקי און יוסף בער־מאַן, געפֿינען זיך אין לאַגער, און ער וועט דאָ קאָנען האָבן אַ פֿאַרטרויִלעכן שמועס מיט אַזעלכע פֿאַשעטע קיך־באַזוכער, ווי זוסיע, איציק און אַנדערע. ער, נאַפּטאַליע, איז גרייט געווען ניט בלויז אויסהערן זיי, נאָר אַפֿילע ווי ווײַט מעגלעך אַנטקעגן קומען זייערע פֿאַרלאַנגען.

כאָטש אינעם קלײנעם צימערל איז געגאַנגען אַ זיצונג, דאָך האָט מערקין זיך ניט אָפּגעזאָגט פֿון זײַן פּלאַן, אָבער ביז יענע געהיימע זיצונג וועט זיך ענדיקן, איז נאַפּטאַליע מערקין, ניט וועלנדיק פֿאַרלירן קײן צײַט, צוגעגאַנגען צו פֿרומען, קעדיי כאָטש דערווײַל מיט איר זיך פֿאַר־שטענדיקן וועגן אײניקע איניאָנים. פֿרומע איז אָבער געווען צופֿיל דערצאָרנט, זי זאָל קאָנען ריידן מיט מערקינען, וועלכער איז, לויט איר מיינונג, געווען שולדיק אין דעם, וואָס די פֿאָרמעל־אומפֿאַרטײיִשע, אָבער אין עצעם בונדישע קיך איז געוואָרן, ווי „אַ טיר אָן אַ קליאַמקע“ — ווער עס וויל, יענער קומט אַהין!..

פֿרומע האָט ניט געקאָנט פֿאַרגעסן, אַז נעכטן, שוין גאָר שפּעט אין אָוונט, איז אַהין געקומען די שיינע און שטאָלצע וואַנדע באַגושעוויטש. אַז זי איז, פּונקט ווי דער בלעכער מאַרקעל, זוסיע דער שנײַדער און דער סטאָליער איציק, אַנטלאָפֿן פֿון צוואַנגס־לאַגער, וואָס האָט זיך געפֿונען אין טיף־דײַטשלאַנד, האָט פֿרומע שוין לאַנג געוווּסט, אָבער צו וואָס האָט אַזאַ וואַנדע געדאַרפֿט קומען אין קיך, ווו אַלע קענען זי פֿאַר אַדאַם קעלבאַשינסקעס פֿרוי? דאָס האָט פֿרומען אויס־געזען ניט ווייניקער פֿאַרדעכטיק, ווי מאַרטיקײַטיסעס רירנדיק־אויפֿמערקזאַמע באַציִונג צו דער זיצונג, וואָס קומט פֿאָר אין יענעם פֿאַרמאַכטן צימערל. פֿרומע האָט אָנגעהויבן כוישעד זײַן, אַז מיסטאָמע זײַנען נאַפּטאַליעס ווירקונג און אויטאָריטעט שטענדיק געווען גאַנץ באַדינגלעך... האָט זי אַקשאָנעסדיק אויסגעמיטן אַ שמועס מיט מערקינען און זיך פֿאַרנומען מיטן אָקאָרשט אַרײַנגעקומענעם גוטמאַן.

אַלעמען איז געווען טשיקאַווע אָנצוקוקן, ווי פֿרומע, וואָס האָט קימאַט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעגעבן נאַפּטאַליען און זײַנע אינטערעסן, האָוועט אַרום גוטמאַנען. אָט, זעט מען, טראָגט זי אים אונטער אַ פֿול שיסעלע מיט בריִענדיקן הייסן וויקע־זופּ און אָט אַפֿילע אַ רעכט ביסל גראָבע,

פּײַכטע זאַלץ, וואָס דאָס איז קײנער פֿון די קיך־באַזוכער שױן לאַנג ניט זױכע געװען אַפֿילע אָנצוקוקן.

גוטמאַן פֿלעגט זעלטן קומען אין קיך און נאָך זעלטענער זיך באַגעגענען מיט זײַנע אַמאָליקע כאַװײרים. אױב ער האָט זיך גענומען דאָרט װײַזן, איז דאָס געװען ניט צוליב דעם שיסעלע זופּ און קאַפּעלע זאַלץ, נאָר דערפֿאַר, װאָס עפּשער קעגן זײַן װילן און װיסן האָבן די אופּרודערנדיקע געשעענישן אין רוסלאַנד, און אױך דאָ גופֿע, דערװעקט אין אים אַן אינטערעס צו דעם, מיט װאָס עס האָט גענומען לעבן די גאַנצע אָקופּירטע געגנט. איצט, אַז גוטמאַן איז געװאָרן אַן אַרײַנגײער אין קיך און זיך צוגעקוקט צו פּרומעס און מערקינס באַציִונגען, האָט אים אָפּטלעך װי געטאָן דאָס האַרץ פֿאַר זײַן אַמאָליקער כאַװערטע, װעמעס לעבן אים האָט גענומען אױסזען שטאַרק פֿאַרפּלאָנטערט און אַמאָל אַפֿילע פֿאַרשפּילט.

פּרומע האָט געפֿילט גוטמאַנס כאַװערישע זאָרג, און איר איז גוט געװען קילן לעבן אים איר זודיק הײסע אומצופֿרידנקײַט מיט נאַפּטאַליע מערקינען. רײַזלען אָבער האָט דאָס אַלץ ניט אינטערעסירט. זי האָט זיך געװאָלט דערגרונטעװען צו גאָר עפּעס אַנדערש.

— איך װאָלט װעלן װיסן, — גיט זי ראַפּטום אַ פֿרעג בײַ נאַפּטאַליע מערקינען, — װאָס װעט דאָ זײַן?

— װאָס?.. — װידערהאָלט ער די פֿראַגע מיט אַזאַ טאָן, װי ער װאָלט װעלן געבן אָנצוהערן, אַז ער שטױסט זיך אָן, װאָס זי מײנט מיט דער פֿראַגע. קעדײ אָבער ניט לאָזן זיך אַרײַנציִען אין אַ ניט לױנבאַרן פֿאַר אים שמועס, צײלט ער איר אָפּ ניט מער, װי עטלעכע װערטער, — עס װעלן זײַן פֿרעסט און זאַװערוכעס. אַלץ װעט נאָך זײַן!..

— כאַװײרים! — הײבט אָן רײַזל, װי אַפּעלירנדיק צו אַלעמען, — איך פֿאַרשטײ ניט דעם סײכל פֿון אָט דעם מאָשל: פֿרעסט און זאַװערוכעס! עפּשער רײדן מיר טאַקע מיטן כאַװער מערקינען אױף פֿאַרשײדענע לעשױנעס און מיר קאָנען זיך מער ניט פֿאַרשטײן? אַדעראַבע, זאָלן קלײגערע זאָגן...

דערפֿון, װאָס נאַפּטאַליע מערקינען איז קלאָר געװאָרן, אַז אַפֿילע אין דער פּאַשעטער רײַזל בושעװען שױן בײזע װינטן, װערן זײַנע מױל־װינקלען אױסגעקרימט פֿון אַ געצװוּנגענעם שמײכל. אָנשטאָט איר עפּעס צו ענטפֿערן האָט ער זיך נאָר אומגעקוקט שטאַרק פֿאַרזאָרגט, גלײַך אָקאָרשט װאָלט געשען עפּעס אַזױנס, װאָס ער האָט נאָך ניט געהאַט באַמערקט.

אין די פֿאַרשװיצטע, ניט גרױסע קיך־פֿענצטער האָט שױן אַרײַנגעקוקט אַ גראָ־פּײַכטער טאָג. גיך, ענערגיש נעמט רײַזל שפּאַנען פֿון אײן אָרט אױפֿן אַנדערן, און קײנער װײסט ניט: צי װײַל זי מיט דעם אײַנשלעפֿערן דאָס קינד, װאָס האָט זיך אופֿגעכאַפּט און האָט אָנגעהױבן װײנען, אָדער עפּשער מײנט זי מיט דעם זיך אײַנהאַלטן פֿון אַ ניט גענוג באַטראַכטן װאָרט.

דערפֿילט די סאָקאָנע, װאָס האָט געשטעקט אין דעם קימאַט שרײַענדיקן אײַנרײַס ניט בלױז מיט די איבעריקע קיך־באַזוכער, נאָר אַפֿילע מיט פּרומען, באַשליסט זיך נאַפּטאַליע מערקין אױף אַזױנס, װאָס, לױט זײַן מײנונג, װאָלט דאָס עפּשער געקאָנט אים אומקערן זײַן געװעזענע לאַגע.

— מע דאַרף שרײַבן אין צעקאַ, — רעדט ער צו פּרומען, װי צו זײַן סאַמע פֿאַרטרױלעכן פּאַרטײ־כאַװער, — און זאָלן זײ שיקן אַהער אַ דערפֿאַרענעם מענטשן. צו אַ פֿרישן און דערצו נאָך אַ צענטראַלן טוער װעלן ניט אַזױ קלעפּן פֿאַרשײדענע אָרטיקע נאַכװײעענישן. און דעמלט, מײן איך, קאָן דאָ װערן אַן אַנדער לופֿט.

— פּרװו! — זײַט זי אַרױס מיט אַ קענטיקער צוריקגעהאַלטנקײַט. אַ װײַלע האָבן זײ בײדע געשװיגן. באַלד אָבער איז איר פּריצײַטיק פֿאַרעלטערט פּאָנעם אופֿגעלעבט געװאָרן. זי טוט אַ טראַכט, עפּשער איז עס טאַקע אַ פּלאַן. עס װעט קומען אַזאַ אָנגעזעענער מענטש, װעט אים געװיס געלינגען צעשטרײען די אַלע פֿלאָגנדיקע װידערשפּרוכן, גיט זי גלײַך צו: — גערעכט! זאָלן לײַטן װיסן, אַז ניט אין צעלאָכעס גײט דאָ, נאָר אין איקערדיקע לעבנס־זאַכן!..

20

די טעג האָבן גענומען װערן קלענער, די נעכט גרעסער, און די דערװאַרטונג אױף אױסערגעװײנלעכע געשעענישן — אַלץ אָנגעשטרענגטער.

פֿאַן אָקסמאַן האָט זיך געגרײט פֿאַרלאָזן די שטאָט. גרינג איז עס אים ניט אָנגעקומען. עס האָט זיך געהאַנדלט ניט בלױז אין דעם, װאָס עס האָט געדראָט אַ סאָקאָנע, אַז ער װעט ניט קאָנען אַרױספֿירן די גרױסע פֿולע קופֿערטס מיטן אָנגעראַבעװעטן גוטס, נאָר אױך אין דעם, װאָס אים איז ביז גאָר שװער געװען זיך שײדן מיט די זוניק־ליכטיקע צימערן פֿון פּאַניאַטאָװסקיס

אָסאָבניאַק, וווּ ער האָט געלעבט אַזאַ לעבן, ווי עס האָט זיך אים אין די שענסטע כאַלוימעס ניט געכאָלעמט. די דײַטשישע און עסטרײַך־אונגאַרישע זעלנער זײַנען ערגעץ אָפּגעגאַנגען מיט בלוט אַף פֿרעמדער ערד, פֿאַר פֿרעמדע אינטערעסן, און דער דײַטשישער אָפֿיצער פֿאַן אָקסמאַן האָט זיך פֿריילעך געמאַכט. „מעדכענס“ אין פֿאַרשיידענעם אָנטאָן און הויל־נאַקעטע האָבן געטאַנצט פֿאַרן מאַיאָר, אַ שיקערן מער פֿון אויסגעלאַסנקײַט, איידער פֿון אויסגעטרונקענעם ווײַן. ווער עס האָט געטאַנצט זיך אויסצוקויפֿן פֿון צוואַנג־אַרבעט און ווער — צוליב פֿויעלן פֿאַר אַ טאַטן אַ סויכער דאָס רעכט צו שמוגלען.

ס׳איז אים גוט, ליב און זיכער געווען אין אָסאָבניאַק. גוט פֿון קאָנען אַרופֿכאַפּן אַף זיך דאָס אָנטאָן און אַ זאַטער, אויסגערוטער אַרויסגיין אינעם גרויסן אופֿגעראַמטן פֿריצישן סאָד, ווו יעדער הויך אופֿגעשאַרטע קופּע שניי איז געווען, ווי ספּעציעל צוגעקעמט, יאָגן זײַנע צוויי הויכע פֿלינקע הינט אינעם טיפֿן לויטערן און פּראַסטיק־פֿינקלענדיקן שניי און צוקוקן מיט האַנאָע, ווי די הינט זינקען אין די הורבעס, ראַטעווען זיך אַרויס און פֿאַלן נאָך טיפֿער.

אין אַלע צימערן איז געשטאַנען אַזאַ וואַרעמע, געמיטלעכע רויִקײַט, אַז מע האָט געקאָנט מיינען, — די פֿאַרשיידענע מינים האַנט־געווער הענגען גלאַט אַזוי זיך אַף די ווענט.

אַזוי איז געווען. איצט ליגט אַפֿן גרויסן גלאַנציק־העלן שרײַבטיש אַ באַפֿעל: „דרינגענדיק און אין פֿולער אָרדענונג פֿאַרלאָזן די שטאָט“. פֿון דעם, וואָס אין זײַן רעכט אויג איז ניטאָ דער געוווינטער מאָנאָקל, האָט דעם מאַיאָרס פּאָנעם נאָך מער דערמאָנט אין אַ בלוטדורשטיקן פֿויגל. ער האָט ניט גערעדט, נאָר געברומט:

— דאָנער וועטער!

גאָר אומדערוואַרט האָט זיך אָן עפּן געטאָן אַ טיר און עס געשעט, וואָס איז קיינמאָל ניט פֿאָרגעקומען ביז איצט. אַף דער שוועל גיט זיך אַ ווײַז דער מאָגערער, אויסגעטריקנטער פֿאַן פּאָניאַטאָווסקי. ער לאָזט זיך אַוועק פֿון איין צימער אין צווייטן. קוקט, שמעקט, ווי ער וואָלט דאָ געזוכט זײַן טאָכטערס שפּורן.

ווײַט ניט וועגן אַלץ, וואָס איז אין יענע רעקוויזירטע צימערן פֿאָרגעקומען, האָט פּאָניאַטאָווסקי געוווּסט. דאָך איז ער פֿולקום זיכער געווען, אַז אָט דער לאַנגער מאַיאָר, וואָס שטייט פֿאַר אים אין אַ ווײַס געפּרעסט איבערהעמד, איז ניט מער, ווי אַ מיִעסע, פּאַסקודנע באַשעפֿעניש, וואָס איז אויך מיט זײַן טאָכטער זיך באַגאַנגען אַזוי, אַז ער, דער טאַטע, דאַרף זיך פֿילן בלוטיק באַליידיקט.

פּאָניאַטאָווסקין איז שווער געווען אַפֿילע מאַכן אָן אָנדײַט אַף זײַן פֿאַרדאַכט. אָבער פֿון זײַנע עטוואָס אַראָפּגעלאָזטע, זייער העלע בייזע אויגן האָט דער מאַיאָר זיך אָנגעשטויסן, וואָס דער פֿאַן טראַכט. קעדיי אַ ווענד טאָן פּאָניאַטאָווסקיס אופֿמערקזאַמקײַט אַף עפּעס גאָר אַנדערש, וואָרנט ער דעם פֿאַן פֿרײַנטלעך:

— זײַט אַף דער וואַך. איר וועט באַלד ווידער ווערן אײַנהאַבער פֿון אײַער ווירטשאַפֿט...

— יאָ, — האָט פּאָניאַטאָווסקי ניט אַזוי גיך געלאָזט צעשטרייען זײַן אָנגעכמורעטקײַט, — פֿילײַכט!..

— זיכער, — איז באַשטאַנען דער מאַיאָר, — איר מוזט בלויז פֿאַרשטאַנד און מוט האָבן. נאָר, פּאַניע, מוט!..

געווען אַ צײַט, ווען פּאָניאַטאָווסקי איז גרייט געווען גלייבן, אַז צווישן דעם מאַיאָר און זײַן טאָכטער קען קומען צו עפּעס ערנסטס. עפּשער האָט דערוף אויסגערעכנט אויך דעם פּאַנס טאָכטער. געשען איז אַנדערש... זעט פּאָניאַטאָווסקין אויס ביז עקל אומריין יעדע זאַך דאָ, אינעם אָסאָבניאַק, צו וועלכער דער מאַיאָר האָט זיך צוגערירט.

— טוט נאָר בעסער אַ קוק אַהער, — גיט אים דער מאַיאָר אַ מינטער, אָנווײַזנדיק אַף דעם הענגענדיקן האַנט־געווער, — מיר האָבן אַזוינס פֿיל... נאָר, פּאַניע, געלט!..

גלײַך פֿאַרגעסט פּאָניאַטאָווסקי אין זײַנע פֿאָטערלעכע זאָרגן און דערמאָנט זיך, אַז, אײַגנטלעך, איז ער נאָך דעם טאַקע געקומען צום מאַיאָר. פּונקט ווי יורי פֿערעלמאַן, כאָלעמט זיך שוין פּאָניאַטאָווסקין, אַז די מאַכט אין שטאָט געהערט צו אים און צו אַזעלכע, ווי ער. עמעצער דאַרף זי דאָך אונטערכאַפּן, די מאַכט, וואָס די אָקופּאַנטן לאָזן אַרויס פֿון די הענט.

מיט די זײַניקע האָט ער זיך שוין צונויפֿגערעדט. אַזעלכע, וואָס וועלן פֿאַר אָן איבעריקן ביסן און אַ ליטער בראַנפֿן איבערשנײַדן וועמען איר ווילט דעם גאָרגל, פֿעלט ניט. נאָר געווער אַף אַרײַנלייגן זיי אין די הענט, דאָס איז ניטאָ...

— געלט? — פֿרעגט איבער פּאָניאַטאָווסקי, שוין ניט אַראָפּלאָזנדיק די לעבעדיק־געוואָרענע אויגן פֿונעם הענגענדיקן געווער, — יאַוואָל, הער מאַיאָר, געלט וועט ניט פֿעלן!..

ווען פאַניאַטאָווסקי איז אַרויס פונעם מאַיאָר, איז ער געווען אַזוי צעטרודערט, אַז ער איז שיר ניט אַרויף אויף יורי פּערעלמאַנען און פּײַווען, וועלכע זײַנען אים אַנטקעגן געקומען.

— איר גייט צו מיר, — איז פאַניאַטאָווסקי געווען בייזלעך־איבערראַשט פון דער ניט גע־וווּנטשענער באַגעגעניש, — אָדער?..

— מיר וואָלטן וועלן, — הייבט אָן יורי פּערעלמאַן גאָר פרידלעך, — פאַרשטענדיקן זיך מיט אײַך וועגן אייניקע איניאַנים...

— מיט מיר? — האָט פאַניאַטאָווסקי איבערגעפרעגט, ווי דאָס וואָלט אים אויסגעזען פאַר אַן אומדערהערטע מיספאַרשטייעניש, — וועגן וואָס אַן ערעך?

פּײַוועוו איז געוואָרן פאַרדעכטיק און טאַקע אויך פאַרדראָסיק דעם פּאַנס מאַכן זיך ניט פאַרשטייענדיק, האָט ער געוומען ריידן צו אים קורץ און אפילו פרעך.

— געוונג שוין מיטן אַרומשליאָנדערן איינער אהער און דער אַנדערער אהין, — גיט פּײַווע אַנצוהערן אויף דעם פּאַנס אָקאָרשטיקן וויזיט צום מאַיאָר, — מע דאַרף עפּעס וואָס טאָן איינעם, נאָר, פּאַניע, איינעם, וועלן די שלעפּער ניט אַזוי קריכן פון דער הויט!..

אָנשטאָט ענטפערן האָט פאַניאַטאָווסקי, ווי שטענדיק באַ אַזעלכע ניט געוווּנטשענע באַגעגע־נישן, אַרויסגענומען פון זײַן וועסטל־קעשענע דעם פּלאַכן זייגער, געכאַפּט אויף אים אַ קוק מיט אַזאַ אומצופרידנקייט, גלײַך צוליב זיי, די געקומענע, וואָלט ער עפּעס וויכטיקערס געקאָנט פאַר־שפּעטיקן. מיט אַ קענטיקער גלײַכגילטיקייט שטעקט ער זיי אויס זײַן טויט־קאַלטע האַנט און גייט אַוועק מיט אַזאַ אויסזען, ווי גאַרניט צו אים וואָלט מען דאָ געקומען. ביידע, פּײַווע און יורי פּערעלמאַן, האָבן לאַנג נאָך געפילט די קימאַט בריענדיקע קעלט פונעם פּאַנס האַנט.

— נו, — מאָנט יורי פּערעלמאַן באַם בעקער, — אַדרעבאַ, זאָגט שוין איצט אַליין, איז נייטיק געווען קריכן צום דאָזיקן האַנאַראָוון פּאַן?

— וואַרט צו אַ ביסל, — טרייסט אים פּײַווע, — אויך באַ אים קאָן זיך נאָך אַלץ איבער־דרייען!..

21

— מיר האָבן הײַנט אָרכים, — האָט רייזל די ערשטע געגעבן צו וויסן, — דער באַוווּסטער רעדנער מיכל לאַפּידוס איז שוין, מיט מאַזל און בראָכע, אָראָפּגעקומען!..

נאָר זיגמונד אָלשעווסקין איז מער אָנגעגאַנגען וואַנדע באַגושעוויטשעס אויסזען.

— קוקט זי נאָר אָן, — גיט ער אַ וווּנק אין איר זײַט, — ווי אַ נײַע הויט וואָלט אויף איר אָנגעוואַקסן!..

און טאַקע: וואַנדע איז שוין מער ניט געווען אַזאַ שווײַגנדיקע און שטרענג־ערנסטע. איר האַלטונג איז געווען אַזאַ, פּונקט ווי נאָך לאַנגע מאַטערנישן וואָלט איר פּאַרט געלינגען דערזען עפּעס אַזוינס, וואָס פריִער איז געווען פון איר פאַרהוילן. פאַר אַלע אירע פרײַנט איז שוין געווען קלאָר, אַז וואַנדע וועט זיך, מיסטאָמע, מער ניט אומקערן צו איר פאַרמילכאָמעדיק לעבן. איר איז ליבער האָרעווען, ווי אַלע, פאַר אַ גראָשענעם לוין און לעבן מיט די אייגענע אינטערעסן.

כוץ דעם איז איר אין איר אָנגעוואַקסן נאָך אַ געפיל, אין וועלכן זי האָט אפילו זיך אַליין מוירע געהאַט מודיע זײַן. ס'איז איר ליב געווען זיגמונד, זײַן באַשיידנקײַט, וואָס פלעגט אַרויסקוקן פון זײַן יעדן קער און ווענד.

עפּשער ניט מער ווי עטלעכע מאָל האָט זיך וואַנדע באַגושעוויטש געטראָפן מיט זיגמונד אָלשעווסקין. אָבער דעם שמועס מיט אים האָט זי אָנגעהויבן אַזוי, פּונקט ווי זי וואָלט אים שוין לאַנג געהאַט געקענט, וועגן אַלץ און אַלעמען גערעדט און געבליבן איז איר דערוויסן זיך בלויז אַ קלייניקײַט:

— וואָס מאַכט דאָרט באַ אײַך מײַן געלינקער?

— אײַער געלינקער? — איז זיגמונד פאַרכידעשט געווען, — וועמען, אָן ערעך, מיינט איר דאָס?

— אַדאַם קעלבאַשינסקין, — ענטפערט זי שעמעוודיק, — מײַן מאַן.

— דאָס זײַט איר וואַנדע? — איז זיגמונד פאַרווּנדערט און צופרידן פון דער באַגעגע־ניש, — אויב אַזוי, קענען מיר זיך, אידער נאָך מיר האָבן זיך געטראָפן..

— עפּשער, — זאָגט וואַנדע אַזוי, ווי זי וואָלט אַליין נאָך ניט באַשטימט, צי ס'איז ערגער, צי בעסער אַזוי...

ס'איז אַוועק אַ שטיקל צײַט, און איצט זײַנען זיי שוין איינער פונעם אַנדערן ניט אָפּגעטראָטן.

— הערט, הערט, — האָט זיך רייזל געוויצלט, — ווייניק, וואָס מיר האָבן אַזעלכע טײַערע אָרכים, טיילט נאָך נאַפּטאַליע מערקין טאַלאָנען אויף ברוטשקע.

אָבער בא יענע, וואָס זײַנען זויכע געווען די סאַמע ערשטע צו באַקומען די געווונטשענע גאָב, זײַנען די געזיכטער געוואָרן פאַרוואָלקנט.

— קינדערלעך, מײַנע טײַערע, — בעט זיך שיפּרע, — האָט ראַכמאָנעס, נעמט פון מיר צו דאָס ביסל ברוטשקע. אוי, עס הערט זיך דאָך פון דעם אַזאַ מין רייעך, אַז מע קאָן כאַלעשן...

— שאַט, כאַווײרים, — רופט מיכל לאַפּידוס צו אָרדענונג, — וואָס איז דאָס פאַרא הודזשערײַ? איר פאַרשטייט דען אַליין ניט, אַז מיט דעם שטערט איר אונדז אַרבעטן?..

— יאָ, — האָט רייזל אײַנגעשטימט, — טאַקע קענטיק, אַז מיר שטערן אײַך!..

מיכל לאַפּידוסן, וועלכער האָט צו זײַנע פופציק יאָר זיך אָפּגעשפּאָרט אַ שוין גוט גראָוו געוואָרנעם קאָפּ און אַ פּערטל יאָרהונדערט פאַרטייִש־פּאָליטישע דערפאַרונג, איז ניט שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז בײַקומען די דאָזיקע „הודזשערײַ", ווי ער האָט אָנגערופן די אָפענע אומצופרידנקײַט, איז ווײַט ניט אַזוי פּאַשעט. איז ער בייז געוואָרן אויף נאַפּטאָליע מערקינען פאַר זײַן אײַנפאַל צו נעמען טיילן טאַלאָנען אויף ברוטשקע, איידער עס איז וועגן דעם דורכגעפירט געוואָרן אַ געהעריקע אויפקלערונג... אָבער נאַפּטאָליע מערקין, וועלכער האָט גוט געוווסט אַלע אָרטיקע אָנגעלעגנהײַטן, איז געווען איבערצײַגט, אַז ניט אין גוטן אָדער שלעכטן רייעך גייט דאָ, אַז מיכל לאַפּידוס דערשאַצט ניט סײַ דאָס, וואָס אָהער איז געקומען אַזויפיל אוילעם, סײַ אַזאַ, ווי עס קאָן זיך דוכטן, קלייניקײַט, ווי די פריַינטשאַפט, וואָס נעמט זיך אופלייגן צווישן זיגמונד אָלשעווסקין און וואַנדע באָגושעוויטש.

— אַזוי־אָ, — פאַרזיכערט ער מיכל לאַפּידוסן ניט אָן לײַכטן כויזעק, — ווערט דאָ, פון איין זײַט, געטאָן אַלץ, קעדיי שליסן אַ גוטברודערשאַפט צווישן דעם ליטווישן אַרבעטער דעם קאָמוניסט אַנטאַנאַס געדריס און דער יידישער נייטערן פּראַדל און, פון דער צווייטער זײַט, צווישן דעם פּוילישן אינטעליגענט זיגמונד אָלשעווסקי און דער אַרבעטערן וואַנדע באָגושעוויטש. אָ, אָ, — גיט ער צו קאַטעגאָריש, — אַלץ, וואָס איר זעט דאָ, האָט אַ זין, אַ ציל און ווערט נאָך צוגעפּעפּערט אַזוי, אַז מענטשן זאָלן דאָס גרינג פאַרדייען... און עפּשער צוליב דעם טאַקע, כאַווער, האָט דאָס די ברוטשקע אופגעהערט שמעקן!..

אַ רעגעלע האָבן זיי איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט מיט וואַרעמען מיטגעפיל.

יעדער ווײַלע פלעגט זיך ברייט עפענען די קיך־טיר און ס'פלעגט זיך אַרײַנרײַסן אַ פרישע גאַסיקע קעלט, זיך ראַנגלענדיק מיט דער געדיכט־קלעפּיקער פּאַרע, וואָס האָט געשפּאַרט פונעם גרויסן אײַנגעמויערטן קעסל. אין דעם דאָזיקן געמיש פון קאַלט און וואַרעם זײַנען מענטשן אַרײַן און אַרויס, וועגן עפּעס זיך געסוידעט, עפּעס דערציילט, אויף עפּעס זיך נאָכגעפרעגט.

לאַפּידוסן האָט זיך געוואָלט דערווײַל כאַטש מיט וואָס־ניט־איז פאַרטושן דעם אָפענעם אײַנרײַס, וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן נאַפּטאָליע מערקינען און די קיך־באַזוכער.

— ווייסט וואָס? — אייצעט כאַווערייש מיכל לאַפּידוס מערקינען, — גיב בעסער מיר דײַנע טײַערע ברוטשקע־טאַלאָנען און דו גיי זיך אַ ביסל דורך אין גאַס. אַמאָל איז געזינטער, אַז מע קילט זיך אַליין אָפּ און מע לאָזט אויך דעם אַנדערן אַ קאָפּ זיך באַקלערן!..

— אויב אַזוי, — דערקלערט מערקין הויך אויפן קאָל, — גיי איך.

און שוין אָן אופגעלעבטער פאַרלאָזט מערקין די קיך. נישקאָשע, איז ער זיכער, ער, מערקין, און דער אָנגעזעענער טוער מיכל לאַפּידוס וועלן שוין בײַקומען אַלע סאַקאָנעס.

22

צו פּאָניאַטאָווסקיס לאַנגע שפּײַכלערס האָבן אָפּטלעך געטומען אָנקומען הויכע, גרויסע מיליטערישע פורן, וואָס זײַנען טייקעף געוואָרן אָנגעלאָדן און זאַרגזאַם אײַנגעדעקט מיט גראָבע, טונקעלע און שווערע ברעזענטן. דערנאָך פלעגן די פורן צוריק זיך אַוועקציִען מיט דער גאַס, וואָס האָט געפירט צו דער באַן־סטאַנציע. בא די שפּײַכלערס פלעגט בלײַבן דער באַוואָפנטער קימאַט שטענדיק צעפּאַרעטער וואַכמיסטער. קיינער האָט באַשטימט ניט געוווסט, וואָס היט ער דאָ: די אָנקומענדיקע און צוריק אַוועקפאָרנדיקע פורן אָדער דעם מאַיאָרס אָסאָבניאַק, וואָס האָט אַזוי קענטיק געטומען אַרויסקוקן פונעם גרויסן, נאַקעט־געוואָרענעם פרוכט־גאָרטן!..

פריִער וואָלט עפּשער קיינער אויף דעם זיך אַפילע ניט אומגעקוקט. אָבער, ווען אין שטאָט האָט מען זיך דערוווּסט וועגן דער באַגעגעניש פון פּאָניאַטאָווסקין מיטן מאַיאָר און שפּעטער אויך מיט יורי פּערעלמאַנען און פּיִווען, זײַנען אייניקע, ניט אָן אַ גרונט, געוואָרן אומרויִק:

— זעט נאָר, — האָט אַזאַ, דוכט זיך, גאָר פרידלעכער מענטש, ווי גוטמאַן, געוואָרנט, — צי פאַרמישט מען דאָ ניט אַ מין בלוטיקע פּאַטראַווע!..

אַנטאַנאַס געדריס פלעגט ניט אָפּטרעטן פון אָסאָבניאַק און ביפראַט נאָך פון די גרויסע, פול־געפּאַקטע ברויט־שפּײַכלערס, ביז עמעצער פון זײַנע פּאַרטרויטע כאַווײרים פלעגט אים ניט

קומען פאַרבײַטן. דאָס האָט קיינעם ניט געוווּנדערט, ביפראַט נאָך, אַז אַלע זײַנען געווען זיכער: די אויסערלעכע רויִקײַט אין שטאָט איז ניט מער, ווי אַ וואָפנשטילשטאַנד, און יעדע רעגע קאָן זיך צעפלאַקערן אַ בירגערקריג אָדער אַ צוזאַמענשטויס מיט די רעשטן פונעם דײַטשישן גאַרניזאָן. סײַ דאָס, סײַ יענץ האָט אַנטאַנאַס געדריסן אויסגעזען אומפאַרמײַדלעך, אָבער דערווײַל נאָך פּריצײַטיק.

ווער־ווער, נאָר אַנטאַנאַס געדריס, זיגמונד אָלשעווסקי, בערמאַן און רודניצקי האָבן גוט געוווּסט, אַז כאָטש זייער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע מאַכט די ערשטע געוואַגטע טריט, דאַרף זי זיך באַצײַטנס פאַרמעסטן אַף איינעם אַן איקערדיקן ציל: גרייטן די אַרבעטנדיקע צו פאַרכאַפּן די מאַכט.

פּאָניאַטאָווסקי און יורי פּערעלמאַן האָבן אויך גוט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. און גאָרניט דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך צוגעהערט צו די פאַרלאַנגען און שטימונגען פון דעם אוילעם, דערהויפּט פון די מאַסנווײַז צוריק־קומענדיקע צוואַנגס־אַרבעטער, נאָר פון אייגענעם, ביז קאָפּשווינדל דערגייענדיקן דראַנג אַליין צו ווערן דאָ די פולע דייעזאָגער.

דער דאָזיקער געפלעכט פון ווידערשפּרעכלעכע אינטערעסן האָט נאָך שווערער געמאַכט די אַזוי אויך שטאַרק קאָמפּליצירטע לאַגע און איז פול געווען מיט פאַרשיידענע סאַקאָנעס, די גרעסטע פון וועלכע, אַזוי האָט געהאַלטן אַנטאַנאַס געדריס, איז געווען — לאָזן זיך פּראָוואָצירן פון פאַרשיידענע שוואַרצע קויכעס. דער מין זייערער איז געווען אַ קלאָרער: אָפּשוואַכן די קויכעס פון די אַרבעטער, קעדיי אַליין פאַרכאַפּן די מאַכט.

אָבער וואָס טאָן האָט אַנטאַנאַס געדריס גענוג קלאָר ניט געוווּסט. דאָס האָט אים געפּלאָגט. אָט שפּאַנט ער פאַמעלעך, פאַרטראַכט צום אײַזנבאַן־קרײַז. אין די קליינע שוואַך־באַלויכטענע צימערן איז דאָ געגאַנגען אַן אינטענסיווע אַרבעט. ווער עס איז פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן די וואַלן אין אַרבעטער־, פּויערים־ און סאָלדאַטן־ראַט, ווער עס זאָרגט וועגן באַקומען געווער און טאַקע וואָס מער און וואָס גיכער. דערהערט אַנטאַנאַסעס טריט, לאָזן זיך אים אַנטקעגן רודניצקי, זיגמונד אָלשעווסקי און אַפילע דער קאַצעוו יאַנאַס מאַרטיקײַטיס, וועלכער באַגלייט זיי, ווי אַ טרײַער היטער.

— וואָס הערט זיך בײַ אײַך? — פרעגט זיי אַנטאַנאַס געדריס. ער איז צופרידן שוין פון דעם אַליין, וואָס ער האָט יעדערן געטראָפן אויספילן די אויפגאַבע, וואָס אים איז אָנגעטרויט.

— בײַ אונדז איז דאָ אַלץ אין אָרדענונג. אײַ, וואָס בײַ לײַטן, — גיט רודניצקי אָנצוהערן, אַז אויך אַהער זײַנען דערגאַנגען אייניקע אומרויִקע יעדיִעס, — איז קומסטו דאָך פון גאַס, ווייסטו מיסטאַמע בעסער פון אונדז, אַז די דײַטשן טרעטן צוביסלעך אָפּ און קלײַבן זיך אַלץ אַרויספירן!

— יאָ, — באַקומט אַנטאַנאַס געדריס אַן ערנסט־שטרענגלעכן און זייער פאַרזאָרגטן אויסזען.

— מיר קאָנען דאָ בלײַבן, — גיט נאָך צו יאַנאַס מאַרטיקײַטיס, — בײַ דער קאַלטער וואַסער פון ווילִיע.

— צו דעם איז דאָ אַ רעפּוע — דערקלערן אַן אַלגעמיינעם שטרײַק, — בײַ אַנטאַנאַסן אין שטים דערפילט זיך אַ קוים אײַנגעהאַלטענע אויפרודערונג. ער זאָגט אַרויס אַ געדאַנק, וואָס האָט אים שוין לאַנג ניט געלאָזט צורו: — גאָרנישט לאָזן אַרויספירן. גאָרנישט! פאַר אַזאַ גערעכטער פאָדערונג וועט יעדערער אײַנשטימען צו שטרײַקן.

— ריכטיק! — האָט יאַנאַס מאַרטיקײַטיס קימאַט ווי אויסגעשריִען, — כאָווער אַנטאַנאַס געדריס איז גערעכט!..

אַף דעם זעלבן טאָג, שפּעט אין אָוונט איז באַשטימט געוואָרן אַ באַראַטונג מיט די פאָרשטייער פון אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

נאָך מיט אַ שטיק צײַט פאַר דער שאָ, אַף וועלכער עס איז באַשטימט געווען דער אָנהייב פון דער באַגעגעניש, האָט זיך געלאָזט הערן דער טריפּ־טראָפּ פון הילצערנע פאַנטאָפל — אַ באַווײַז, אַז דער אוילעם קלײַבט זיך שוין.

— איר פאַרשטייט, — האָט יאַנאַס מאַרטיקײַטיס, אַ ביסל עפּשער האַמעטנע, אָבער דערפאַר טרעפלעך אָפּגעשאַצט די באַדײַטונג פון קומען מיט אַ וויכטיקן פאָרשלאָג צו די פאָרשטייער פון די אַרבעטער, — איך האָב ליב, אַז מע רופט אַזויפיל מענטשן, זאָל זײַן צוליב אַ גרויסן איניען...

אין ענגן קיך־הויף האָבן זיך אַרומגעדרייט עטלעכע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געסטאַרעט איינער בײַם אַנדערן דערוויסן, צי איז עמעס, אַז די באָלשעוויקעס קלײַבן זיך רופן צו אַן אַלגעמיינעם שטרײַק.

באַמערקט דעם אַרײַנקומענדיקן אַנטאַנאַס געדריסן, האָט זיך איינע אַן אַרבעטערן געלאָזט

אים אנטקעגן, קעדיי געבן צו וויסן, אז אַלע וואַרטן אַף דער שאַ פון שטרײַק. גלײַך האָט זי זיך איבער געכאַפּט, אז אנטאנאס ווייסט דאָס מיסטאמע פריִער פון איר. דערציילט זי אים גאָר עפּעס אנדערש:

— אָקאָרשט איז דײַן יויסעף בערמאַן דאָ געווען. ער האָט עמעצן געזוכט און ווידער ניט געוואָרן.

ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט, אײַלט אנטאנאס געדריס אוועק אין איינעם, א צווייטן און דריטן פּאריין, זוכט, פרעגט זיך נאָך אַף בערמאנען. אויב בערמאן איז ניט געקומען דירעקט צו אים, טראכט אנטאנאס, האָט ער, מיסטאמע, געבראכט ניט קיין פריילעכע נײַעס.

אין א שטיק צײַט ארום האָט זיך אנטאנאס ווידער אומגעקערט אין קיך־הויף און, ענדלעך, געטראָפן יויסעפן.

— אנטאנאס!

— יויסעף!

צוליב דעם, מיסטאמע, וואָס אַלעמענס בליקן זײַנען געווען געווענדט אַף זיי ביידן, האָבן זיי אָנגעהויבן שמועסן גאָר וועגן עפּעס אנדערש:

— איך האָב שוין דאָ גערעדט מיט איינעקע כאווירים, פארשטיי איך, — זאָגט בערמאן, — אז דער שטרייק וועט פארקומען, אויב אפילע עמעצער וועט ניט וועלן צו דעם צוליגן א האנט!.. בא אונדז, זע איך, — האָט בערמאן צוגעגעבן א צופרידענער, — נעמט דאָ גיין אַף א לאַד!..

— דו פאַרייד מיר ניט די ציינער, — האָט זיך אנטאנאס געדריס פרײַנטלעך געוויצלט. — דערצייל בעסער, ווי באציט זיך דער צענטער צו אונדזער קידער־ווידער?..

בערמאן האָט ליב געהאט אנטאנאסן פון גאנצן הארצן. ער פילט יענעמס אומרו און איז אים גרייט ארומנעמען, ווי אן אייגן קינד. אין דער זעלבער צײַט איז אים שווער, קימאט אומעגלעך אויסריידן אפילע אן איינציק וואָרט, וואָס זאָל פארמינערן דעם באדײַט פונעם אופריכטיקן, קינדעריש פארכאפטן רודניצקי, וואָס האָט, ווי יויסעף בערמאן איז איבערצײַגט, שטענדיק און אומעטום געהאט דעם בעסטן מיין. אָבער אנטאנאס געדריס איז געווען איבערצײַגט, אז ניט דער מיין, נאָר דער רעזולטאט איז דער איקער.

— פארהאַלט מיך ניט, — וואָרנט ער בערמאנען, — גוטע צי שלעכטע יעדיִעס, דערלאַנג זיי מיר אהער...

— לעכאַטכילע, — הייבט אָן יויסעף באַרויִקנדיק, — איז קאפּסוקאַ געווען ניט צופרידן מיט דעם גאנצן אייסעק: „צו איבערנעמען די מאכט, — זאָגט ער, — גרייט איר זיך, ווי מע דארף“...

— גוט, — לאָזט אים אנטאנאס געדריס ניט דעריידן, — אָבער וועגן עצעם האָט ער דיר גאָרניט געזאָגט, וועגן עצעם!..

— ער האַלט, — הייבט אָן יויסעף זייער פּאַרזיכטיק איבערצוגעבן קאפּסוקאַסעס מיינונג, — אז פאר דער צײַט ארויסרוקן זיך פון אונטערערד איז טאקע עפּשער א צו גרויסע סאַקאַנע, וואָס מע מוז, ווי ווײַט עס לאָזט זיך, אויסמײַדן. יאָ, — כאַפּט ער זיך, — און וועגן דער הילף פון דער רויטער ארמיי, אייצעט ער, בעסער ווייניקער אויסרעכענען אַף אנדערע און מערער אַף זיך אליין...

פון בערמאנס זייער אײַנגעהאַלטענעם באַריכט האָט שוין אנטאנאס געדריס מיט פולן רעכט געמאכט אן אויספיר, אז די טעטיקײַט פון דעם פארטיי־קאָמיטעט איז אין צענטער באַגיטיקט געוואָרן. דאָס איז געווען פאר אים אזא פרייד, אז אים איז שווער געווען וועגן נאָך עפּעס פרעגן און ריידן. האָבן זיי ביידע א רעגע געשוויגן.

23

פארוואָס די וואַלוועלע קיך האָט מען אָנגעהויבן עפענען נאָר אין באַשטימטע שאָען, איז באַוווּסט געוואָרן בעהאדראָגעדיק.

שוין לאַנג, ווי פרומע, שיפרע און באַזונדערס דער ניט לאַנג געקומענער איציק דער סטאָליער הערן ניט אוף טײַנען מיט נאפּטאָליע מערקינען, אז ס'איז שוין צײַט זיך „ארויסרײַסן פון די שמאָלע ברודיקע געסלעך“.

דער דאָזיקער פאַרלאַנג איז בא א סאך געוואָרן נאָך גרעסער, ווען אנטאנאס געדריס, זיגמונד אַלשעווסקי און רודניצקי האָבן פארכאפּט די גרויסע געבײַדע פון דעם אײַזנבאַן־קרײַז און אָנגעהויבן פאנאנדערוויקלען דאָרט א גרויסע טעטיקײַט.

אָבער אזויוי קיין פרײַע גוטע געבײַדעס איז אין שטאָט שוין מער ניט געווען, איז נאפּטאָליע מערקין געצוווּנגען געווען אײַנגיין אַף עפּעס אזוינס, וואָס איז געווען ווײַט ניט אזוי גוט, ווי דער מויער פון די אײַזנבאַנער, אָבער אויך ניט אזוי ביטער שלעכט, ווי די פארשליומפערטע קיך.

נאָך אין יענע כאַדאָשים, ווען ווילהעלמס ארמיי האָט געהאַט פאָרגענומען און אנטשיידענעם אָנגריף אַף דער גאַנצער ליטווישער ערד, איז אין סאַמע צענטער שטאָט געפאַלן א באָמבע און צעשמעטערט די ווירקלעך באַקוועמע געבייַדע, ווו עס האָט זיך נאָך פאַר דער מילכאָמע און אָקופאַציע געפונען די פריוואַטע יידישע מענער־גימנאַזיע. נאַפטאָליע מערקינען איז געלונגען באַקומען א דערלויבעניש צו עפענען אין אָט דער האַלב־כאָרעווער געבייַדע א קלוב פאַר זייַן לעגאַלער אָרגאַניזאַציע. ווי נאָר ער האָט אָבער דערשפירט די צעוויגטקייַט פון די טרעפּ און באַמערקט בערג צעבראָקטע ציגל, האָט ער זיך גלייַך אַנטווישט אין דעם גאַנצן אופטו.

— זיי, — האָט זיך נאַפטאָליע מערקין דאַן אָנגענומען מיט מוט אַף ארויסזאָגן א שאַרף וואָרט, — זיי, ווילהעלם און זייַנע מישפּאָכע־לייַט, זאָלן דאָס פאַרמאָגן, וואָס זיי גיבן אנדערע!..

פון דעמלט אָן האָט זיך אַף נאַפטאָליע מערקינס דיסקאָנט געפונען א כאָרעווע דירע, וועלכע ער האָט זיך ניט געקליבן אויסנוצן, אָבער אָפּזאָגן זיך פון איר האָט ער ניט געוואָלט. „אָט, — פלעגט ער טראַכטן, ווי א געניטער באַלעבאָס, — זאָל דאָס הענגען אַף אונדזער פאַרטיי־כעזשבן“...

טאָמער פלעגט ער אַמאָל צוגיין כאַפּן א קוק אַף דער שיינער גאָב, קעדיי זיך איבערצייַגן, צי טרייַבט ער, כאָלילע, ניט איבער די מינדערווערטיקייַט פון דעם באַקומענעם, פלעגט ער מער ווי בייַכיקע שטשורעס אָדער בלאָנדזשענדיקע, הונגעריקע הינט ניט טרעפן אין די מיט ווילד־גראָז פאַרוואַקסענע כורוועס.

ווען ס׳איז אָבער אראָפּגעקומען מיכל לאַפּידוס, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון צענטער דאָס מאָל ניט צוליב האַלטן א רעדע, נאָר צוליב ראַטעווען נאַפטאָליע מערקינען פון איבעריקע ציג־גער און איבעריקע אויגן, האָט ער דעם גאַנצן איניען „דירע“, קענטיק, דערזען פון גאָר אַן אַנ־דער זייַט:

— איין זאַך, — נעמט ער ריידן צו נאַפטאָליע מערקינען אַזוי הויך, אַז אויך פרומע, שיפרע און איציק זאָלן דאָס הערן, — איין זאַך איז א פאַריין, א קיך אָדער אַזוי זיך א נייטראַלער אַנ־שטאַלט. אַהין, אויב עס קומט אַמאָל אַרייַן א זייַטיקער, וועסטו אים דאָך ניט זאָגן: „דו, אַזעלכער און אַזעלכער, פאַרנעם זיך פונדאַנען“... אָבער אין א פאַרטייִישן צענטער איז אַנדערע דיבו־רים... אַהין וועט א זייַטיקער אַליין זיך ניט רוקן, און אויב עס וועט זיך שוין יאָ געפינען א באַל־האָזעניק, גיט מען אַזאַ איינעם גלייַך צו פאַרשטיין, אַז דאָ איז ניט פאַר אים דאָס אָרט...

פריִער וואָלט עפּשער דער פאָרזיכטיקער, אויסגערעכנטער נאַפטאָליע מערקין ניט געלאָזט זיך אַזוי גיך און גרינג באַווירקן אפילע פון אַזאַ אָנגעזעענעם צענטראַלן טוער, ווי מיכל לאַפּידוס. אָבער איצט, ווען מיט יעדער שאָ האָט די לאַגע אָנגעהויבן ווערן אַלץ אָנגעשטרענגטער, איז ער גרייט געווען זען אין מיכל לאַפּידוסעס אייַנפאַל א מין אומדערוואַרטע רעטונג.

— אַדעראַבע, — האָט נאַפטאָליע מערקין מיט צופרידנקייַט אייַנגעשטימט, — טאָמער אַזוי, אַבי, ווי מע זאָגט, עס זאָל נאָר זייַן צו געזונט...

אין דער מעלדונג, וואָס איז געהאַנגען אַף איינער פון די האַלב־כאָרעווע ווענט, איז געשטאַ־נען געשריבן, אַז „דער כאָשעווער גאַסט מיכל לאַפּידוס וועט האָבן א ברייטערן שמועס וועגן דעם, וויִאַזוי, ווען און צוליב וואָס פאַר א ציל קאָן מען און מע דאַרף אָנווענדן דעם מיטל פון אַל־געמיינעם שטרייַק“. די טעמע פון מיכלס שמועס איז געווען זייער אַקטועל, באַזונדערס אין צו־זאַמענהאַנג מיטן פּלאַן פון די באָלשעוויקעס, וויִאַזוי ניט צו דערלאָזן דערשטיקן א געגנט דורך הונגער.

אָבער ביז אַלע וועלן זיך צונויפקומען, ביז לאַפּידוס וועט זיך צוגרייטן צום אָנגעמערקטן שמועס, האָט יעדערער געטאָן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט באַדאַרפט באַקוועמער און היימישער מאַכן די געבייַדע.

איציק דער סטאָליער, וועלכער האָט באַצייַטנס אַרייַנגעשלעפּט אַהין שווערע, נאַסע ברע־טער, האָט צונויפגעשלאָגן לאַנגע דורכויסיקע בענק. שיפרע, די באַלעבאָסטע פונעם קלוב־בו־פעט, איז געווען שטאַרק פאַרטאָן מיט אָנשנייַדן דינינקע פענעצלעך ברויט. זי האָט אַפילע צע־לייגט אַף א שעלכל עטלעכע פייַכטע, גלאַנציק־קלעפּיקע מאָנפּאַסיע, רייצנדיק דערמיט יעדן איינעם, וואָס האָט פאַרמאָגט א פרוטע אין קעשענע. פון דעם, און באַזונדערס פון איציקס זעגן און האַמערן, איז בא נאַפטאָליע מערקינען און מיכל לאַפּידוסן געוואָרן א זייער געהויבענע שטימונג.

זיכער אין דעם, אַז דער אָנגעפּאָרענער רעדנער לאַפּידוס וועט שוין אַלץ און ווי געהעריק דערליידיקן, איז מערקין, קימאַט שוין א באַרויִקטער, אַוועק אין נאָדל־פאַריין, קעדיי אויך דאָרט גאָרניט פאַרזאַמען.

אין דרויסן איז שוין געווען פינצטער. אָבער נאָך פינצטערער איז געווען אינעם גרויסן, האַלב רויִנירטן צימער, וואָס האָט געדינט אַלס קאָרידאָר פון דעם נײַ־געשאַפענעם קלוב. צו דער פאַרמאַכטער קלוב־טיר איז שווער געווען זיך דערקלײַבן. דערפאַר טאַקע האָט אַנטאַנאַס געדריס, איידער ער האָט אָנגעטאַפּט די קליאַמקע פון טיר, דערהערט פון הינטער איר גוטמאַנס קימאַט וויינענדיק קאָל:

— נו, אָט דאָס טאַקע הייסט אַף אַן עמעס, ווי מע זאָגט, בײַטן אַ שוך אַף אַ לאַפּטשע...

גוטמאַנען איז עפּשער אַפּן זינען ניט געקומען צו זאָגן וועגן מיכל לאַפּידוסן אַ שאַרף וואָרט, אָבער די לעצטע צײַט האָט פון גוטמאַנען, קעגן זײַן ווילן, אַפּטלעך אַרויסגערעדט אַזוינס, וואָס פּלעגט אויפרודערן פרומעס אָנגעוויטעקט האַרץ.

— איר מיינט עפּשער, — זעצט זי פאָר, ווײַזט אויס, אַ לאַנג שוין אָנגעהויבענעם געשפּרעך, — אַז מיר קימערט נאַפּטאַליעס ווידער און אָבער גיין אין נאָדל־פאַריין? אַדרעבע... איך זע נאָר ניט, אַז פון אַלע זײַנע גייעכצן זאָל אונדז צוקומען כאָטש איין מענטש, וואָס זאָל, פּונקט ווי ער, זײַן קעגן די באַלשעוויסטישע אָפּטוען און אין דער אייגענער צײַט זיך מישן אין די וואַלן פון אַרבעטער־ראַט. עפּעס טרעפן זיך מיר ניט אַזעלכע כאַכאָמים!..

— מײַן טײַערע, — האָט איר מיכל לאַפּידוס געוואָרנט ערנסט און שטרענגלעך, — נאַפּטאַליע מערקין פירט דאָ אַ שווערן, ביטערן קאַמף פאַר ניט לאָזן זיך איזאָלירן פון דער מאַסע... אויב אפילע ער טוט אַמאָל אַזוי, ווי עמעצן פון אונדז געפעלט ניט, איז אויך ניט פון די גרויסע אומגליקן... ביפּראַט נאָך, — גיט ער זייער באַלערנוודיק צו, — אַז פון אָנטייל נעמען אין וואַלן ווערט נאָך ניט קיין אַרבעטער־דיקטאַטור. דער איקער איז, ווער עס וועט אין ראַט אַרײַנפאַלן!..

פון אײַנהאַלטן זיך מיט אַלע קויכעס שאַרף צו דערווידערן מיכל לאַפּידוסן האָבן פרומעס עטוואָס קורצזיכטיקע אויגן געגומען ווי אַרויסשפּאַרן, זי האָט שוין אויפגעהערט צו גלייבן, אַז אַ באַזונדערער קלוב קאָן ברענגען צו אַ פאַרבעסערונג פון דער קימאַט טראַגישער לאַגע. נאָר אַף אַפּן אַרויסזאָגן דאָס האָט איר, קענטיק, געפעלט סײַ מוט און סײַ אויך פעסטע איבערצײַגונג. איז איר פאַרבליבן ניט מער, ווי זיך קילן דאָס האַרץ מיט עפּעס אַ צעלאָכעס: נעמט זי פון שיפּרעס בופעטל אַ גלאָז הייסע, שוואַרצע, ביטערע ציקאָריע און צו דעם נאָך אַ פענעצל ברויט, וואָס אָט־אָט צעברעקלט זיך דאָס פון דינקײַט, און טראָגט דאָס צו גוטמאַנען, ווי אַ גאָב פון איר פאַרווונדעטע האַרץ.

— דו ביסט דאָך אוואַדע הונגעריק, — רעדט זי צו אים, ווי צו אַ ברודער, — טאַ נעם און בײַס צו!..

קיינעם האָט ניט געוווּנדערט פרומעס זאָרג פאַר גוטמאַנען. זײַן פרוי און איינציק קינד האָט נאָך מיט אַ צײַט צוריק אויפגעפרעסן דער הונגער, און איצט טאָגט און נעכטיקט אין זײַן זעלטן אויפגעראַמט דירעלע אַ נאָגנדיקע פוסטקײַט. זי, פרומע, וואָלט דאָ עפּשער געקאָנט לעשן איר שטײַגנדיקע אַנטוישונג אין יענעם, ווען זי האָט לאַנג געגלייבט און טרײַ געדינט.

פּלוצעם גיט עמעצער מיט אימפּעט אַן עפן די טיר און מע דערזעט אַנטאַנאַס געדריסן אין זײַן לאַנגער אַלטער, אָבער זויבערער שינעל.

— נאַט, — דערקלערט איציק מיט אַזאַ טאָן, גלײַך אַקאָרשט וואָלט ער מיט עמעצן גערעדט, אפילע זיך געאַמפּערט וועגן אָט דעם ליטווישן באַלשעוויק אַנטאַנאַס געדריס, וואָס האָט איבערגעשפּרײַזט אַלע נאַציאָנאַלע פאַרורטיילן און איז געוואָרן אַן אייגענער מענטש סײַ אין נאָדל־פאַריין און סײַ אין דער קיך, ווו די גרעסטע מערהײַט באַזוכער איז באַשטאַנען פון ייִדישע אַרבעטער. — אָט איז ער, — האָט ער נאָך צוגעגעבן מיט צופרידנקײַט, גלײַך פון ערגעץ ווײַט וואָלט צו אים אַראָפּגעקומען אַ נאָענטער קאָרעוו, — אבי מע האָט געמיינט: ווו־ווו, נאָר אהער וועט ער זיך ניט מאַטריִען זײַן...

— פאַרוואָס? — פרעגט שיפּרע בייזלעך, — אַז ווו נאָר ער שטעלט אַרײַן אַ פוס, איז טײַקעף ציט מען צו אים אויס בימכילע, ווי די גענדז, די העלדזער, ווי ער וואָלט געבראַכט מיט זיך אַ געשמאַקן ביסן!..

מיכל לאַפּידוסן איז שטאַרק ניט געווען צום האַרצן דער וואַרעמער אינטערעס, וועלכן עס האָט אַרויסגערופן אַנטאַנאַס געדריסעס אומגעבעטן קומען. נאָר אַפּן אַרויסווײַזן עס האָט אים ניט געלוינט. קעדיי געבן צו פאַרשטיין, אַז דאָ איז ניט קיין אָרט, ווו יעדער קאָן קומען, גייט אים מיכל לאַפּידוס אַנטקעגן מיט אַ שטרענגלעכער פראַגע:

— איר זײַט געקומע צו מיר? אָדער... נאַפּטאַליע מערקין איז אוועק און וועט אַזוי גיך ניט קומען.

— פאַרוואָס מיינט איר, אַז איך דאַרף נאָר אײַך אָדער מערקינען? — פרעגט אים אַנטאַנאַס

געדריס פאַרוווּנדערט. — איך וויל נאָר, אַלע זאָלן באַצײַטנס וויסן, אַז ניט שפּעטער ווי מאָרגן הייבט זיך אָן דער אַלגעמיינער שטרײַק.

— מאָרגן? — פרעגט אים שיפרע איבער און קוקט זיך אַרום אַזוי, ווי זי וואָלט ניט וויסן, וואָס צו טאָן מיט איר בופעטל, — טאַקע מאָרגן?..

— אויב אַזוי, — וואַרט ניט איציק ביז שיפרע וועט באַקומען אַן ענטפער אויף איר פראַגע, און נעמט אײַנפּאַקן זײַן ביסל געצײַג אין אַ טאָרבעלע. איציק טוט דאָס גיך, און מיט אַזאַ צופרידנקײַט, ווי אים וואָלט פאַרגעשטאַנען אַ שווער צופוס גיין און איצט האָט זיך אים געמאַכט אַ פור, וועלכע אים ווילט זיך ניט פאַרזאַמען. ער גיט נאָך צו אַזוי גיך, ווי גיך ער האָט זיך געפּאַקט, — אויב מאָרגן, טאָ לאָמיר שוין טאַקע באַלד אַ גיי טאָן אַהיים און עפּעס צוגרייטן צום טײַערן מאָרגן!..

איציק, באַ וועלכן אַ העלפט פון זײַן יונג לעבן איז אַוועק אויף פּראַצעווען באַ פאַרשיידענע אונטערנעמער און שפּעטער אויף אַרומוואַלגערן זיך אין אַ סך דײַטשישע אַרבעטס־לאַגערן, האָט אַלץ נאָך פאַרמאָגט אַ פריש, קיינעוודיק פּאַנעם מיט אַ געטאָקט נעזל און שטענדיק שמייכלענדיקע ליפּן.

אַלע האָבן אים ליב געהאַט פאַר זײַן מונטערקײַט. „מיט אים, — פלעגן מענטשן זאָגן, — ווערט פרייליכער, אויב אַפילע ס'איז שווער אויפן האַרצן..." דערפאַר איז פרומען נאָך מער ווייטעקדיק געווען זײַן פאַרלאָזן דעם קלוב.

— דו גייסט? — פרעגט זי גוטמאַנען מיט אַזאַ אַנטשיידנקײַט, ווי זי וואָלט גרייט געווען כאָטש טייקעף אײַנצורײַסן מיט איר גאַנצער פאַרגאַנגענהײַט, — קום, מיר ווילט זיך הײַנט באַגלייטן דיך ביזן שטוב...

זײַנען אַוועק פרומע און גוטמאַן, שיפרע און איציק, אַנטאַנאַס געדריס און אַנדערע, און וואָס מער מענטשן עס זײַנען אַוועק, אַלץ גרויליקער איז געוואָרן אין דעם האַלב רויִנירטן הויז.

מיכל לאַפּידוס האָט געוווּסט: כאָטש די אַלע אַוועקגעגאַנגענע זײַנען, אין טאָך גענומען, גאָר פאַרשיידענע מענטשן, דאָך זײַנען זיי אַלע פאַרכאַפּט מיט איין פאַרלאַנג — בעסער זיך צוגרייטן צום מאָרגעדיקן שטרײַק. מיכלען האָט דאָס אויסגעזען אַזוי נאַטירלעך און געזעצמעסיק, אַז אין יענער רגע האָט אים אויסגעפּעלט מוט און קויעך זיך קעגנשטעלן.

24

פון אַלע גאַסן און געסלעך זײַנען צום גרויסן קאַטעדראַל־פּלאַץ אָן אופהער געגאַנגען מענטשן.

— דו גיב נאָר אַ קוק, — ווײַזט זיגמונד אָלשעווסקי, — אָט זײַנען די אַרבעטער פון דער וואַסערלייטונג. אהא, דער אינזשעניר דער פּעפּעעסאָוועץ[1] וואָלאַדעק איז אויך דאָ.

— יאָ, — באַמערקט אויך בערמאַן, — און פונעם אײַזערנעם בריק זע איך מאַרשירן אַהער די אַרבעטער פון דער עלעקטראָסטאַנציע. זיי גייען, דוכט זיך, מיט זייער יורגיסן.

— יאַטן,— גיט איציק צו וויסן, — אַנטאַניק פירט אַהער זײַן ביסל אײַזנבאַנער.

— אַלע, — פאַרזיכערט זיגמונד אָלשעווסקי, — מוזן אַהער קומען. אַלע, אַזוי איז אָפּגערעדט!..

באַ יוסף בערמאַנען איז געווען אַ געהויבענע שטימונג סײַ פון דעם, וואָס פון אַלע זײַטן זײַנען געפּלאָסן שטראָמען מענטשן, און סײַ פון דעם, וואָס זיגמונד אָלשעווסקין, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פונעם שטרײַק־קאָמיטעט, איז געלונגען איבערצײַגן אויך די מער אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער ביז לעצט באַשטיין אויף די גערעכטע פאָדערונגען.

— דו זע נאָר, — האָט יוסף אָנגעוויזן זיגמונד אָלשעווסקין אויף די נײַע אָנגעקומענע שטרײַקער, — דו האָסט דאָך אויף אָן עמעס דאָ אופגעהויבן אָן אויצער מיט נײַע מענטשן!

— פאַרוואָס נאָר איך? — האָט זיך זיגמונד אופריכטיק פאַרוווּנדערט.

וואַנדען, וועלכע איז דאָ אויך געווען, איז געווען באַזונדערס ליב זיגמונדס באַשיידנקײַט. זי האָט דאָך גוט געוווּסט, אַז דאָס איז אויך אָלשעווסקיס פאַרדינסט, וואָס דער פּעפּעעסאָוועץ וואָלאַדעק און דער ליטווישער סאָציאַל־דעמאָקראַט יורגיס זײַנען אַוועק מיט די באָלשעוויקעס.

דאַכט זיך, אַז נאָר וואַנדעס מאַן אַדאַם קעלבאַשינסקי האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, אַז וואַנדע איז שוין ווײַט אַוועק פון זײַנע קליינלעכע אינטערעסן, אַז זי לעבט שוין אײַנגאַנצן מיט די שטורמישע געשעענישן פון דער צײַט. איז ער איר איבעריק געוואָרן, אַדאַם קעלבאַשינסקי, וואָס איז

[1] מיטגליד פון דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ סאָציאַליסטיטשנאַ — פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי).

קענטיק געקומען אהער נאָר צוליב איינס — טאָמער וועט אים געלינגען אָפּרײַסן זײַן וואַנדען פון די שטרײַקנדיקע.

— קום, — ציט ער זי פאַרזיכטיק, אָבער פעסט פאַר דער האַנט, — דאָ איז דאָך גאָר ניטאָ וואָס צו זען... נאָר מע גייט און נאָר מע מאַרשירט!..

וואַנדע, פאַרכאַפּט פון דער מאַסן־באַוועגונג, האָט עפּשער אַליין ניט געפילט, ווי אַנטשיידן זי האָט אָפּגעשטויסן פון זיך אַדאַמס האַנט.

און מענטשן זײַנען אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען...

אַזוי האָט זיך געקײַקלט אַ שאָ נאָך אַ שאָ.

נאָר אָט האָט שוין געגומען פּרעסן אַ טונקעלער און פײַכט־צעשוואָמענער אָוונט. אַלע גאַסן און פּלעצער זײַנען ווידער ווי אויסגעקערט געוואָרן. ווען־ניט־ווען האָט מען נאָך געהערט אָפּגעג־האַקטע שריט פון לויפנדיקע מענטשן, אַ געשריי, אַן אָפּהילך פון אַ שאָס...

באַ דער טיר פונעם שולכל, ווו עס האָט זיך געפונען דער באַלעבאַטים־פאַריין, זײַנען נאָך אַלץ געשטאַנען עטלעכע דערשראָקן־צעטומלטע מענטשן און עפּעס שטיל גערעדט צווישן זיך.

— אַ סוואַרע, — האָט געזאָגט איינער, — אַז די יעקעס ווילן שוין דורכקומען מיטן שטרײַק־קאָמיטעט...

— כ'ווייס, וואָס אַ ייִד פאַרגינט זיך צו זאָגן, — האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אַ צווייטער, — נעכטיקע טעג...

ענדלעך האָבן אויך די לעצטע עטלעכע מענטשן פאַרלאָזט די פּוסט־געוואָרענע גאַס.

די שטאָט איז פול געווען מיט קלאַנגען, אַז פאַן אָקסמאַן גייט מאַמעש ניט אַרויס פון פאַן פּאַניאַטאָווסקין און אַז זיי ביידע זאָל מען עטלעכע מאָל האָבן געזען צופאָרן צום קאַסטיאָל, ווו עס קומען פאָר ניט קיין גאָטעסדינסטן, נאָר געהיימע פאַרזאַמלונגען פון שטאַרק פאַרדעכטיקע פאַרשוינען.

מע האָט שוין אויך גערעדט, אַז פאַן פּאַניאַטאָווסקי קוקט אַרויס אָף די לעגיאָנערן פון וואַרשע און זאָגט זיך דערווײַל ניט אָפּ פון די דאָלאַרן, פונטן און פראַנקן, וואָס שיטן זיך אָף אים, אַבי ער זאָל זיך שלאָגן מיט די באָלשעוויקעס.

די אַלע קלאַנגען האָבן געוועקט אַ שווערע דריקנדיקע זאָרג. דאָס איז געווען אויך איינע פון די סיבעס, פאַרוואָס די אַרבעטער זײַנען ניט אָפּגעטראָטן פונעם אײַזנבאַן־קרײַז און מיט אומ־געדולד געוואַרט אָף אַ יעדיע פונעם פאַרמאַכטן צימער, ווו עס זײַנען פאָרגעקומען די אונטער־האַנדלונגען צווישן דעם שטרײַק־קאָמיטעט און די פאַרשטייער פון דער מיליטער־מאַכט, גע־וואַרט, טאָמער וועט פון דאָרט דערגיין עפּעס אַזוינס, וואָס וועט באַשטעטיקן אָדער עפּשער אָפּ־לייקענען די אַלע אומרויִקע קלאַנגען.

שוין אַ שטיק צײַט, ווי אויך אַנטאַנאַס געדריס וואַרט אָף אַ יעדיע, מיט וואָס האָט זיך גע־ענדיקט די דאָזיקע זיצונג. ער זיצט אַ ביסל אָן אײַנגעהויקערטער, עפּשער פון דער לאַסט פון פאַראַנטוואָרטלעכקײַט און עפּשער פון מידקײַט. דאָס פּאָנעם — אײַנגעצויגן.

געדריס איז זיכער, אַז פּאַניאַטאָווסקי מיט פאַן אָקסמאַנען גרייטן דאָ עפּעס...

די דאָזיקע סאַקאָנע האָט אַנטאַנאַס געדריסן אויסגעזען אַזוי רעאַל, אַז אים פילט אָן אַ פאַרלאַנג אָנשטעקן אַלעמען מיט זײַן אומרו.

קוים זיך דערוואַרט אָף פּראַדלען, אײַלט ער אַוועק מיט איר צו די הויכע שטאָטישע בערג, ווו ס'איז איצט קיין לעבעדיקער נעפּעש ניטאָ און קיינער וועט זיי ניט שטערן. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם הערט ער, וואָס פּראַדל דערציילט אים: די אונטערהאַנדלונגען האַלטן שוין באַם סאָף, פאַר־בלײַבן איז ניט מער ווי דעריידן זיך, וויפל און וואָס ווערט דערלויבט אַ זעלנער מיטנעמען.

— טאָ זאָג, — האָט פּראַדל פאַרענדיקט איר קורצן באַריכט, — ווי מיינסטו, וואָס און וויפל מעג אַ זעלנער פונדאַנען מיטנעמען?

— וואָס? — קלינגט מיט פאַרוווּנדערונג אַנטאַנאַס קאָל. — זיגמונד האָט שוין פאַרגעסן די באַשטימונג פון פאַרטיי־קאָמיטעט?

— אַוודע געדענקט ער, נאָר...

פּראַדל האָט דערפילט אַ פאַרלאַנג אַרומנעמען אַנטאַנאַסן, וואָס טראַכט, דוכט זיך, וועגן גאָרנישט ניט, כוץ וועגן זײַנע פאַרטיי־אינטערעסן, און זאָל ער טאַקע וויסן... האַגאַם ביידע זײַנען זיי געווען זיכער, אַז געקומען זײַנען זיי אַהער, קעדיי קיינער זאָל ניט שטערן, איז זי גרייט שווערן, אַז אויך אין אים ציטערט און קלינגט איצט אַן אַנדער סטרונעלע. דערפילט די טיף באַהאַלטענע פאַרלוירנקײַט, וואָס האָט זיך דאָך דײַטלעך געלאָזט מערקן אין זײַן יעדן קער און ווענד, איז זי גרייט געווען טאַנצן פון פרייד. פון דעם אָבער איז איר ניט גרינגער, נאָר שווערער

געוואָרן ארויסזאָגן איר גרייטקײַט אויספילן אלץ, וואָס ער וועט אײַצען. איר הייבט זיך אפילע אָן צו דוכטן: עפשער איז זי פארבלענדט? עפשער?..

א רעגע האָבן זיי ביידע געשוויגן.

— אוי, — כאַפּט זיך פּראדל, — איך מארודיע דאָ צופיל. כ׳מוז גיין. אלע ווארטן נאָר אף דעם, וואָס אונדזערע וועלן זאָגן...

— גיי, — נעמט אנטאנאס געדריס איר האנט אף געזעגענען זיך און וויל זי לאנג ניט ארויסלאָזן, — גיי און זאָג: גאָרנישט ניט נאָכגעבן, גאָרנישט!..

25

א זומער האָט געהאט פארביטן דעם פרילינג און א ווינטער דעם הארבסט, ביז דער אָבער־ראבינער גליקפעלד האָט זיך געכאַפּט, אז אין די וואָכעדיקע טעג האָט מען אופגעהערט צו קומען אין דער גרויסער קאָרשול, ווו ער האָט פארנומען אָן אָרט סאמע אויבנאָן. טאָמער פלעגט אמאָל ווער יאָ אהין ארײַנקומען, איז בא אים געווען אזא פארומערטער אויסזען, ווי מיט אים וואָלט א גרויסער אומגליק געטראָפן.

— וואָס איז? — פלעגט דער ראבינער צושטיין צו אזא זעלטענעם באזוכער. — זאָגט, לאָמיך אויך וויסן, וואָס קומט דאָ פאָר.

ערשט דאן איז צום ראבינער דערגאנגען, אז דער שטרײַק האָט, ווי א ווארעמער פרילינגרעגן, א סאך ברוד ארויפגעשווענקט. כידושים, און גאָר... קעדיי א דײַטשישער זעלנער זאָל באקומען א דערלויבעניש עפּעס מיטנעמען בייסן פארלאָזן די געגנט, דארף מען זיך ווענדן צום שטרײַק־קאָמיטעט און אמאָל אויך דירעקט צו זיגמונד אָלשעווסקין. דער ראבינער האָט טייקעף פארוקט אין באנק־קעסטל דאָס סאמעטענע אויסגענייטע טאלעס־זעקל און אפילע אָן א קוש טאָן די מעזוזע אוועקגעײַלט אין פאריין פון די באלעבאטים, קעדיי עפשער דאָרט זיך דערוויסן עפּעס נײַס.

— נו, — האָט ער אָנגעהויבן זײַן שמועס מיטן באדינער פינכעס אזוי, ווי ער וואָלט אָקאָרשט פון דאָרט אף א ווײַלע ארויסגעגאנגען און איצט, צוריק קומענדיק, האָט ער פארגעסן, אף וואָס זייער שמועס האָט זיך געהאט איבערגעריסן, — איז בא וואָס האלטן מיר?..

— אָט, — זאָגט פינכעס, — מיר האלטן בא דעם, וואָס איר זעט!..

— אויב בא דעם, וואָס איך זע, — ענטפערט אים גליקפעלד ברויגעזלעך, — דעמלט איז ביטער!..

— עמעס, — שטימט אײַן פינכעס, — נאָר ניט אלעמען... וועמען ביטער און וועמען — זיס...

נאָר אידער ער האָט געהאט ארויסגעשטעלט א פוס אין קאלט געוואָרענעם דרויסן, איז פינכעסן קלאָר געוואָרן, אז אים קיין פארלוסטן שטייען ניט פאָר. „מער ווי די ביטערע נויט, — האָט ער גערעדט צו זיך אף א קאָל, — קאָן איך ניט פארלירן!..״ איז ער געווען אופגעלייגט, ווי נאָך קיינמאָל אין זײַן לעבן.

דערפאר איז פײַווע פול געווען מיט סינע צו די אלע, וואָס האָבן ניט גענוג געטאָן, קעדיי די געשעענישן זאָלן זיך נישט פאנאנדערוואקסן. באזונדערס האָט אים געברענט דאָס הארץ אף דעם יאָמטעוודיק אויסגעפוצטן ראבינער, וואָס איז געשטאנען לעבן פינכעסן, ווי א קאלב, א צוגעבונדענע צו א פויערישן וואָגן, און מער ווי אומבאהאָלפנקײַט האָט ניט ארויסגעקוקט ניט פון זײַנע אויגן און ניט פון זײַן גאנצן הוילעך.

— מע וואָלט באדארפט עפּעס טאָן, — האָט פײַווע נאָך א רעגע שווײַגן געפרווט זיך דערוויסן, צי קאָן מען אף אים אויסשטעלן, — איר זעט דאָך, אז דאָ נעמען שוין ברענען די האָר אפן קאָפּ!..

— וויי־וויי, — האָט נאָר ארויסגעזיפצט דער אָבער־ראבינער מיט אזא אויסזען, גלײַך ער וואָלט געשטאנען אף אן אײַז־קריִע און דער שטראָם וואָלט אים געטראָגן אין א סאקאָנעסדיקער ווײַט, — וויי־וויי!..

26

נאָך אין די טעג פונעם אלגעמיינעם שטרײַק איז אנטאנאס געדריסן קלאָר געוואָרן: שוין צײַט עפּעס פאָרנעמען, וואָס זאָל געבן א גענויערע פאָרשטעלונג וועגן די אלע נײַע מענטשן, מיט וועלכע זײַן פארטיי־אָרגאניזאציע איז פאר די לעצטע כאדאָשים ארומגעוואקסן. איינצײַטיק האָט זיך אים געוואָלט ברייטער עפענען די טיר פאר יענע אומפארטייִשע מיטקעמפער, וואָס זײַנען רײַף געוואָרן זיך אָנשליסן אָן דער באָלשעוויסטישער אָרגאניזאציע.

אָנשטאָט ווארטן אַף א דערלויבעניש פון צענטער האָט זיך אנטאנאס געדריס באנוגנט מיט א באשלוס פונעם אָרטיקן קאָמיטעט. און אָט שטייען שוין אין איַיזנבאַן־קריַיז טישלעך, בא וועלכע עס זיצן צו צוויי און דריַי ארבעטער און פירן דורך די גאנצע צוגרייטונג־ארבעט צו דער איבערעגיסטראציע. זיי נעמען איינציַיטיק אָן מעלדונגען פון יענע ארבעטער און אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן געוואָלט ווערן פולבארעכטיקטע מיטגלידער פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי. אין דער אופלעבונג רײַסט זיך נאָך ארײַן א באפליגלענדיקע ידיעה, אז די סאָוועטישע רעגירונג האָט אנולירט דעם בריסקער פרידן־אָפּמאַך און אז די אופגעשטאנענע אונגארישע סאָלדאטן האָבן אראָפּגעוואָרפן און דערהארגעט זייער פרעמיער־מיניסטער טיסא.

— הורא! — האָט רודניצקי דער ערשטער אויסגערופן. — אין רוסלאנד איז אופגעגאנגען די זון, און אומעטום הייבט אָן אונטערטײַען די אלטע וועלט!..

עס ווערט אלץ מער און מער אוילעם אינעם איַיזנבאַן־קריַיז, ווו מע קאָן זיך דערוויסן אינטערעסאנטע נײַס.

נאפטאָליע קאָן דאָס גאָר ניט אויסהאלטן, ביפראט נאָך, אז איציקס האסקאָמע צו ווערן א טעטיקער מיטגליד פון שטרײַק־קאָמיטעט אָן ווערמעס־ניט־איז וויסן האָט דערוועקט אין אים א צווייפל אין דער פעסטקײַט פון זײַנע אייגענע פארטיי־רייען.

מיט ווערמען זיך דורכריידן און האלטן זיך אָן אייצע, האָט ער שוין לאנג ניט. ער גייט ארײַן אין קיך. קיינעם זעט מען ניט. וויל ער שוין אוועקגיין. פלוצעם באמערקט ער, אז באם קעסל זויקע פאָרעט זיך פרומע. גייט ער צו צו איר און פארטרויט איר, וואָס ער קלײַבט זיך צו טאָן קעגן אזעלכע, ווי איציקל דער סטאָליער.

— אייגנטלעך, — האָט ער אָנגעהויבן, ווי ער וואָלט גערעדט סטאם אזוי זיך, אין דער וועלט ארײַן, — וואָלט עפשער ניט געשאט, אז אויך מיר זאָלן דורכפירן א שטיקל איבערעגיסטראציע...

בא פרומען, ביפראט נאָך אין דער לעצטער צײַט, האָט זיך געשאפן א מיינונג, אז נאפטאָליע מערקין גופע מיט זײַן גאנצער פירעכץ איז שולדיק אין דעם, וואָס עס קומט פאָר.

— אדעראבע, זאָג דו אליין, — הייבט זי אים אָן זאָגן מוסער, — וויפל מאָל האָב איך געטײַנעט, אז די קלוימערשט אומפארטייִשע פראדל ניצט אויס די קיך, קעדיי ווערבירן פאר די באָלשעוויקעס נײַע אָנהענגער!

— דו ווייסט דען ניט, — גיט זי צו נאָך א קורצער פויזע, — אז ניט בלויז איציק, נאָר אויך שיפרע און אנדערע אונדזערע אלטע מיטגלידער לויפן מיט א פאריסענעם עק אין איַיזנבאַן־קרײַז זיך קוויקן מיט די רעדעס, וואָס מע קאָן דאָרט הערן טאָג ווי נאכט. ווער, זאָגט מיר, זעט דאָס ניט? ווער?!..

— אויב דאָס איז טאקע אזוי, — האָט שוין נאפטאָליע מערקין קוים געקאָנט באהערשן זײַן אומצופרידנקײַט, עס איז אים שטארק ניט געפעלן סײַ איר עגבערנדיקער ארט ריידן, סײַ איר זוידער־ און אַבעראמאָל דערמאָנען פראדלען, — אויב דאָס איז טאקע אזוי, איז דאָך אדעראבע, לאָמיר מאכן אָן איבערעגיסטראציע, וועט נעמען א סאָף צו די יאָגער און לויפער!..

— צוליב דעם, מײַן טײַערער, לוינט שוין גאָרנישט ניט צו טאָן, — האָט זי דערווידערט מיט הארצוויייטעק, — די עמעסע יאָגער און לויפער, ווי דו זאָגסט, וועלן שוין אלציינס צו אונדז זיך ניט אומקערן!..

די העכער צוויי הונגעריקע אָקופאציע־יאָרן האָט פרומע אָפּגעשפּאָרט יעדן טאָג אָן עמערל זויקע־זופּ און אמאָל אויך א פאָרציע קוקורוזע־קאשע, קעדיי דאָס אוועקטראָגן נאפטאָליעס הויזגעזינד.

זי האָט ליב געהאט די דאָזיקע באַלמעלאָכישע מישפּאָכע, ווו אלץ איז איר געווען צום הארצן: ניט צופיל רעכט און ניט, כאָלילע, צופיל לינק... „באלעבאטיש" פלעגט זי מיט צופרידנקײַט טראכטן וועגן די מערקינס. סײַ דער שנײַדער מענדל, סײַ אלע זײַנע קינדער פלעגן צוגלײַך מיט טאטע־מאמע האָרעווען א סאך און מיט טאָלק. דער איינציקער, וואָס איז באפרײַט געווען פון פיזישער ארבעט, איז געווען דער ייִנגסטער זון, דער פלײַסיקער עקסטערן צאלקע. אלע אין שטוב האָבן אים גערופן צאלע אויס אכטונג צו זײַן צוקינפטיקער פראָפעסיע פון א דאָקטער צי פון אן אדוואָקאט.

מענדלען איז נאפטאָליעס באקאנטשאפט מיט פרומען געווען צום הארצן. און פרומען האָט דאָס האנאָע געטאָן. אלץ, וואָס זי האָט געטאָן פאר דער מישפּאָכע, האָט זי דאָך געטאָן ניט נאָר פארן אָנגעזעענעם פארטיי־כאַווער, נאָר פאר איר אלץ נאָך ניט אָפיציִעלן מאַן.

איצט פײַניקט זי א געדאנק, צי האָט עס אלץ א זין. אפילע דאָס ביסל באצײַטנס צוגעגרייטע זופּ פאר די מערקינס האָט זי מיט א מין בייזן פליעסק צוריק ארײַנגעגאָסן אין קעסל. זי איז אפילע גרייט צעברעכן און פארשלײַדערן ערגעץ דאָס געשטוקעוועטע בלעכענע עמערל, וואָס

האָט איר געדינט אַף טראָגן זיי דאָס עסן. „נײן, — האָט זי גערעדט צו זיך אַליין, — פונדאַנען וויל איך מער גאָרנישט ניט נעמען, אפילע ניט קיין פיץ־מאָנצעלע!..“

ווען נאַפטאַליע מערקין האָט אַ שווײַגנדיקער פאַרלאָזט די קיך, האָט זיך פרומע אומגעקוקט מיט אַזאַ בליק, ווי עפּעס וואָלט זי פּלוצעם איבערגעשראָקן. געווען איז דאָ אַלץ, ווי שטענדיק. די פּאָר צענדליק טיפע ליימענע שיסעלעך, וועלכע זײַנען געלעגן איבערגעקערט מיטן דעק אַרוף, האָבן איר אויסגעזען, ווי אַ פאָרוואָרף פון די הונגעריקע באַזוכער. מאַכטלאָז האָט זי אָנגעשפּאַרט דעם צעשויבערטן קאָפּ אָן דעם הויכן, שוין אָפּגעקילטן קעסל, און אירע אויגן זײַנען פאַרלאָפן מיט טרערן. אַ שטיק לעבן איז שוין אַוועק, — איז זי גרייט געוואָרן מיט צונויפגעקנוילטע פויסטן זיך קעגנשטעלן אַלץ און אַלעמען, — און איצטער נאַ דיר: פאַרשיידענע וועגן, און איטלעכער טײַנעט, אַז זײַנער איז דער ריכטיקער.

זיגמונד, וואָס איז געקומען אין פאַריין פון די האַנדלס־אַנגעשטעלטע אַף דער פאַרזאַמלונג, ווו מע האָט געוויילט דעם דעפּוטאַט אין ראַט, האָט זייער געוואָלט קלאָר מאַכן, פאַרוואָס נאַפטאַליע מערקין שטעלט אַרויס זײַן קאַנדידאַטור אין ראַט ניט אין זײַן אייגענעם נאָדל־פאַריין, נאָר בײַ די האַנדלס־אַנגעשטעלטע.

בײַ מערקינען איז אַלץ געווען פאָרויסגעזען, אפילע דאָס, אַז דער פאָרזיצער פון דער פאַרשטייענדיקער פאַרזאַמלונג מוז זײַן דער דערפאַרענער רעדנער מיכל לאַפּידוס. פון דער צוגעגרייטקײַט צו פאַרשיידענע אומדערוואַרטע סיטואַציעס האָט זיך בײַ נאַפטאַליע מערקינען געפילט אַ זייער געהויבענע שטימונג. ווי נאָר אָבער ער האָט דערזען פרומען, איז זײַן גאַנצע אופגעלייגטקײַט פאַרשוווּנדן.

— זי קאָן דאָ נאָך אַ בויצע טאָן איך ווייס וואָס און דערנאָך, זײַ מויכל, שטיי און קראַץ זיך, — פאַרטרויט ער לאַפּידוסן שטיל, — מ׳וואָלט איר באַדאַרפט זאָגן, זאָל זי בעסער גיין צו איר נײַעם פרײַנט, צום אויסגעוועפּטן גוטמאַן...

מערקינס מיינונג איז פאַר לאַפּידוסן געווען ניט אומדערוואַרט. נאָך פריִער איז אים קלאָר געווען, אַז דער איקער, פאַר וועמען זיי ביידע דאַרפן זיך היטן, איז גראָד פאַר אַזעלכע אַנטוישטע, ווי פרומע, וואָס קענען און ווייסן זיי אַמבעסטן. ער שאַרט זיך צו צו פרומען און פרעגט מיט פאַרוווּנדערונג, ווי ער וואָלט זיך גאָרניט געריכט זי דאָ צו טרעפן:

— איר זײַט אויך דאָ? בעסער וואָלט זײַן, ווען מע קלײַבט זיך ניט אַהער. ווי מיינט איר?..

— איך האָב שוין מײַנס אָפּגעמיינט, — ענטפערט זי האַסטיק, — איך בין געקומען, קעדיי מיט די אייגענע אויגן זען, צי ווייסט דער אוילעם, אַז איר קלײַבט זיך גיין אין ראַט, קעדיי, כאַלילע, פון קיינעם ניט אָפּשטיין.

— מיילע, — זאָגט מיכל לאַפּידוס צוריקגעהאַלטן, — וועגן דעם לאָמיר זיך בעסער ניט אַמפּערן!..

און שוין גאָר שטאַרק אַ פאַרטראָגענער, גיט ער זיך אַ ווענד צו אַלעמען:

— כאַוויירים, מיר הייבן אָן אונדזער וואַל־פאַרזאַמלונג. דאָס ערשטע וואָרט גיבן מיר דעם פאָרשטייער פון דער רויטער פראַקציע.

פון אונטער זיגמונדס ברילן־גלעזלעך שטראַלט אַרויס אַפן אוילעם אַ פרײַנטלעך שמייכל. ווי שטענדיק, אַזוי אויך אין אָט דער קאָמפּליצירטער לאַגע, איז זײַן קאָל ווייך, נאָר עס פילט זיך אין דעם פעסטקײַט און אַנטשלאָסנקײַט.

— עס איז געקומען דער מאָמענט, — פאַרענדיקט זיגמונד זײַן קורצע רעדע, — ווען דער רעוואָליוציאָנערער לאָזונג „די גאַנצע מאַכט די ראַטן“ מוז פאַרווירקלעכט ווערן...

— כאַוויירים, זאָל זײַן שטילער! — שלאָגט אים מיכל לאַפּידוס איבער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קונץ? — נעמט בײַ איציקן גלאַנצן דאָס פײַן געטאָקטע נעזל, — געהערט אַ מײַסע? נאָך ווייניק, וואָס ער אַליין שלאָגט איבער דעם אָראַטאָר, וויל ער נאָך אונדז אײַנריידן, אַז דאָס טוען מיר, הייסט דאָס, די מאַסן!..

דערהערט דאָס וואָרט „מאַסע“, הייבט זיך פרומע אויף און לאָזט זיך גיין צום אַרויסגאַנג.

צוליב דעם, וואָס דער טאָג האָט שוין געהאַלטן בײַם אויסגיין און די פאַרשטויבטע שויבן זײַנען פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ טונקעלער גרויקײַט, האָט דער אוילעם זיך געײַלט.

— צו וואָס נאָך די שלעפּעניש און ציִעניש? — הערט מען אַ קאָל פון אַ ווײַט ווינקל. — זאָל מען שטימען!..

— כאַוויירים, — באַקומט מיכל לאַפּידוס אַזאַ צופרידענעם אויסזען, ווי ער וואָלט נאָך פריִער געוואָרט אַף דעם דאָזיקן פאָרשלאָג, — ווער עס שטימט פאַרן כאַווער נאַפטאַליע מערקין, בעט איך אופהייבן די האַנט.



סיַי פון דעם, וואָס קיינער איז שוין מער ניט איַינגעזעסן אַף אַן אָרט, און סיַי פון דעם טוכלען רייעך פון דעם אַלטן שווערן מעבל, האָט די ענגשאַפט געמומען אויסזען גרעסער, ווי אין דער ווירקלעכקייַט. נאָר מיכל און נאַפּטאָליע האָבן זיך דאָ געפילט בעסער און זיכערער, ווי אין זייער נייַעם קלוב. דערפאַר מיסטאמע האָט מיכלס קאָל געקלונגען אַזוי האָפערדיק, ווען ער האָט גע־געבן צו וויסן, אַז „כאָווער מערקין איז אויסגעוויילט אַלס דעפּוטאַט אינעם קומענדיקן אַרבע־טער־ראַט“.

27

די מעגלעכקייַט פון אַן אַרבעטער־אופשטאַנד איז געוואָרן אַזוי רעאַל, אַז באַם פאַן פּאָניאַ־טאָווסקי איז שוין געווען רעכט זיך אָפּזאָגן פון אַלע זייַנע געהיימע פּלענער און, ווי אייניקע אַנדערע, מאַכן פּלייטע. אָבער גלייַך האָט ער כאַפּטע: „ניט די מויערן, ניט דעם מאַיאָנטעק און ניט די מילן וועסטו אין די טשעמאָדאַנעס ניט אַרייַנפּאַקן, — האָט ער געטייַנעט צו זיך אַליין, — איז וואָס לוינט דיר לויפן, אַז אַלץ בלייַבט דאָ? און ווו קאָן מען זיך אַהינטאָן, אַז אומעטום נעמט ברענען די ערד אונטער די פיס? פּסיאַ קרעוו!..“

מער נאָך ווי פריִער, נעמט ער זיך ווידער קלאַמערן אָן יענעם פּלאַן, וואָס אים האָט אונטער־געזאָגט פאַן אָקסמאַן. ער פאַרשליסט אַף אַלע מעגלעכע שלעסער זייַנע פּילצאָליקע טירן און טויערן. איצט, פאַרשטייט ער, דאַרף ער אומבאַמערקט אַרויסבאַגלייטן דעם מאַיאָר, קעדיי קיינער און קיין זאַך זאָל ניט שטערן צו טאָן, וואָס ער האָט פאַרטראַכט. פון יענער זייַט טויער באַמערקט ער אָבער זיגמונדן, בערמאַנען, מאַרטיקייַטיסן און נאָך אייניקע אַנדערע.

פּאָניאַטאָווסקי האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי זייַנען דאָ ניט צופעליק. ער האָט אָבער ניט גע־ווּסט, אַז זיי האָבן אַן אויפגאַבע ניט בלויז אָפּהיטן די גרויסע מעל־זאַפּאַסן, נאָר אויך ניט אַרויס־לאָזן פון אויג דעם מאַיאָר פאַן אָקסמאַן, איינעם מיט זייַן הינטיש־איבערגעגעבענעם וואַכמיס־טער. פּאָניאַטאָווסקי האָט זיך דערשראָקן אַף טויט.

זיגמונדן גייט איצט ניט אָן, וואָס עס פילט און טראַכט פּאָניאַטאָווסקי. נאָך יענער פאַרזאַמ־לונג, ווו נאַפּטאָליע מערקין איז אויסגעוויילט געוואָרן אין ראַט, האָט אַפילע דער שטענדיק גוט־מוטיקער זיגמונד פאַרשטאַנען, אַז די צייַט פאָדערט פון אים איצט האַרטנעקיקייַט און קריגע־רישקייַט. אין אָוונט דאַרף ער זייַן אַף אַ זיצונג פון דער אַלשטאָטישער צענטראַל־ביוראָ פון די פּראָפאַריינען. איצט וועט ער שוין וויסן, ווי צו העלפן פּראַדלען באַפרייַען זיך פון נאַפּטאָליע מערקינען. נאָר דערווייַל, איז אים איַינגעפאַלן, וואָלט ניט שלעכט געווען שטיל און אומבאַמערקט

זיך אַרײַנכאַפּן צו פּאַניאַטאָווסקין אין הויף, קעדיי זען, וואָס קומט דאָרט פֿאָר. ס׳איז געווען, ער זאָל כאַפּן אַ קוק, אַ האָרך אין אַלע טונקעלע ווינקעלעך, ווי ער באַמערקט, אַז דער הויף איז פֿול מיט פֿאַרדעכטיקע פֿאַרשוינען, צווישן זיי אויך דער שטענדיק פֿאַרסלינעטער וואַצעק.

די פֿרײַנטלעכקײַט, וואָס פֿלעגט שטענדיק אַרויסקוקן פֿון הינטער אַלשעווסקיס ברילן־גלעזער, ווערט פֿאַרשאָטנט. זיגמונד באַווײַזט נאָר אויסריידן מיט עמעצן אַ וואָרט, ווי צו אים גייט צו פּאַניאַטאָווסקי. שווײַגנדיקע, נאָר מיט שאַרף פֿאָרשנדיקע בליקן זײַנען זיי אַ רעגע געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן. פֿאַר די דאָזיקע עטלעכע אָנגעשטרענגטע רעגעס האָט זיך זיגמונד אַלשעווסקי פֿעסט גענומען אין די הענט.

— וואָס? — פֿרעגט ער בײַ פּאַניאַטאָווסקין, — איר ווילט מיר עפּעס זאָגן?..

— ניין, — ענטפֿערט פּאַניאַטאָווסקי אַזוי צוריקגעהאַלטן, ווי ער וואָלט ניט טייקעף געפֿונען דאָס נייטיקע וואָרט, — דער פּאַן זוכט דאָ וואָס?..

— עפּשער, — קלינגט זיגמונדס ענטפֿער דראָענדיק און שטרענג, — עפּשער!..

— —

די צימערן פֿונעם אָסאָבניאַק זײַנען געווען העלער, ווי שטענדיק, באַלויכטן. דאָס האָט דערוועקט אין זיגמונד אַלשעווסקין אַ פֿאַרדאַכט: עפּעס גרייט זיך דאָ. ער האָט פֿאַרשטאַרקט די אַרבעטער־וואַך.

גראָד דאַן, ווען דעם פֿול־לײַביקן און שטענדיק צעפּאַרעטן וואַכמײַסטער איז פֿאַרבליבן ניט מער ווי אַרויסשלעפּן די גרויסע, געפּאַקטע קופֿערס, קעדיי זיי אַרופֿוואַרפֿן אויף די פֿורן, האָט דעם מאַיאָר פּאַן אָקסמאַן זיך גענומען דוכטן, אַז עמעצער סטאַרעט זיך ניט בלויז אַרײַנקוקן אין די פֿענצטער, נאָר שפּירט נאָך נאָך זײַן יעדן שריט. אים איז ניט אָנגעגאַנגען, וואָס דער אָקאָרשט אַרײַנגעקומענער פּאַניאַטאָווסקי זעט אויס בלאַסער, ווי שטענדיק, וואָס פֿון זײַנע אײַנגעפֿאַלענע באַקן איז פֿאַרשוווּנדן אַפֿילו יענץ ביסל פֿאַרב, וואָס האָט אויסגעזען, ווי נאָר פֿון אויבן אָנגעשמירט. גראָבלעך און מיט אָפֿענעם ביטל ווײַזט אים אָן דער מאַיאָר אויף דער אומפּאָרזיכטיקײַט, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז זיגמונד האָט באַקומען די מעגלעכקײַט אַרײַנקוקן אין אַלע ווינקעלעך פֿונעם הויף.

— אָבער, פּאַניע, — גיט ווי אַ ביל דער מאַיאָר, — איר זײַט אַ טויגעניכטס... יאָ, יאָ!..

פּאַניאַטאָווסקי, פֿאַרקערט, איז שוין איצט ניט אַזוי געפֿאַלן בײַ זיך. אין הויף בײַ אים, ווייסט ער, דרייט זיך אַרום אַ באַנדע, וואָס איז גרייט צו אַלץ, אַבי מע זאָל זיי געבן פּרעסן און זויפֿן. דערצו האָט מען אים געזאָגט, אַז זיגמונד אַלשעווסקי איז אַוועק. „פֿאָרט, — האָט ער געטראַכט מיט צופֿרידנקײַט, — איז דעם דאָזיקן אינטעליגענט מיעס געוואָרן די היטעניש און שטייעניש אין דרויסן!..“

דער מאַיאָר פּאַן אָקסמאַן אָבער איז אַלץ זיכערער געוואָרן, אַז מיט יעדער שאָ ווערט די סאַקאָנע פֿאַר אים גרעסער און גרעסער. ער איז גרייט כאָטש דורך אַ האָגל קוילן זיך דורכרײַסן, אַבי זיך ראַטעווען פֿון דער אָפֿענער פֿײַנטשאַפֿט, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויף אים פֿון אַלע ווינקעלעך. ער ציט אַרויף זײַן העל גרויען שינעל, שטעלט אויף דעם קאָלנער און לאָזט זיך נאָך די פֿורן.

דער אָוונט איז געווען אַ טונקעלער און קלעפּיק־פֿײַכטער. און דאָך האָבן צום אָסטראָבראַם־דורכגאַנג ניט אויפֿגעהערט גיין פֿרויען און מענער. געכאַפּט אַ קוק אויף די אַרויסגעשטעלטע און זאָרגזאַם אויסגעפּוצטע הייליקע מוטערס, פֿלעגן זיי זיך טייקעף אַראָפּלאָזן אויף די קני און זיך בוקן אַזוי נידעריק, אַז זיי האָבן קימאַט אָנגערירט מיט זייערע שטערנס די קאַלטע, צעפּאָרענע קלעצלעך, מיט וועלכע עס איז געווען אויסגעפּלאַסטערט די שאָטנדיקע אָסטראָבראַמער גאַס.

דער פּאַן פּאַניאַטאָווסקי, וואָס איז אַ מידער געגאַנגען נאָכן באַגלייטן דעם מאַיאָר, האָט גראָד אָן אײַלעניש אונטערגעלייגט אַ ציכטיק־ווײַס טיכעלע און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני פֿאַר די הייליקע מוטערס. זײַנע בלאַסע ליפּן האָבן קוים צו הערן געפּרעפּלט אַ געבעט, ווי אַ סאָד.

עפּשער וואָלט קיינער אויף דעם קיין אַכט ניט געלייגט. אָבער פּונקט דאַן, ווען דער פּאַן פּאַניאַטאָווסקי האָט געהאַלטן אין איין בוקן זיך, האָבן זיך מיט אַזאַ ליאַרעמדיק־פֿרעכן געקלאַנג צעקלונגען אַלע שטאָטישע קאָסטיאָל־גלעקער, אַז די ייִדישע באַפֿעלקערונג האָט אויפֿגעציטערט פֿון אַ גרויליקן פֿאַרדאַכט.

— זעט נאָר, זעט, — האָט מען געשעפּטשעט, — צי גרייט דאָ ניט עמעצער אַ פּאָגראָם?!

זיגמונד אַלשעווסקי, וואָס איז פֿאַרבײַגעגאַנגען ניט ווײַט פֿון דער אָסטראָבראַמע, איז אַ רעגע

געבליבן שטיין אין סאמע מיטן גאס. געדוכט האָט זיך אים, אז ניט קיין גלעקער־געקלאַנג, נאָר א פויזענדיקע ברודיקייט האָט אנגערירט זײַן װארעם לײַב.

עס האָבן א הילך געטאָן עמעצנס הארטע, שווערע טריט. ער האָט זיי גלײַך דערקענט.

— בערמאַן, — גיט ער זיך א האסטיקן צי צום אָנקומענדיקן, — פארוואָס ביסטו דאָ? עס האָט עפּעס פּאסירט?..

— יאָ, — האָט אים יויסעף בערמאַן ווי ראפּאָרטירט, — אָקאָרשט איז דער אָנגעדראָלענער וואכמיסטער אוועקגעפאָרן מיט אַנגעשפּיקעוועטע פורן, און דער מאיאָר איז אויך מיט אים. וואָס טוט מען? די יאַטן זײַנען גרייט כאָטש אונטער דער ערד זיי אָפּזוכן און פארהאַלטן.

פאר זיגמונד אָלשעווסקין איז די דאָזיקע יעדיִע געווען אזוי אומדערוואַרט, אז ער האָט ניט טייקעף געקאָנט באשליסן וואָס צו טאָן.

— עס קאָן זײַן, — האָט אים בערמאַן געגעבן א מינטער, — אז זיי פירן געווער!..

— אויב אזוי, — באקומט זיגמונד אָלשעווסקי לאָשן, — פארהאַלט זיי!

זיגמונדס פיס באווײַזן נאָך ניט אָנטאָפּן אין דער פינצטער די האַלב־צעבראָכענע הילצערנע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו דעם בוידעם־שטיבל, ווו עס איז אַנגעמערקט געוואָרן דורכפירן די געהיימע שפּעט־אָוונטיקע זיצונג, ווי עמעצער גיט אים ענערגיש א צי אָפּ צוריק, גלײַך אנדערש וואָלט ער געקאָנט ארײַנפאַלן אין א טיפן אָפּגרונט.

— בערמאַן, — איז זיגמונד שטיין געבליבן, ווי א געפּלעפּטער, — וואָס ווידער?

— קום מיט אונדז!

אַלץ איז געווען פארהילט אין כוישעך. עס האָט גענומען מאראָקען א צעקראָכן, בייז, קאַלט רעגנדל. נאָר קיינער האָט אָף דעם קיין אכט ניט געלייגט. פון ניט ווײַט איז דערגאַנגען אן אָפּ־קלאַנג פון לויפנדיקע טריט, דאָס האָט דערמאָנט זיגמונדן אָן מאכנעס פליִענדיקע פויגלען, וועלכע פארפּולן מיטן געררויש פון זייערע פליגל די לופט. א קאַלטער גרויל איז אים דורכגעלאָפן איבערן לײַב.

— ווו זײַט איר? — פרעגט זיגמונד אָלשעווסקי, ווי בא דער פינצטערניש גופע, — וואָס קומט דאָ פאָר?

אַנשטאָט אן ענטפער דערהערט ער אן אָנוואקסנדיקע שיסערײַ און בערמאַנס גוט באקאַנטע שטים:

— אזוי־אָ! אזוי־אָ!

— אָט, — ווײַזט אים אָן יאַניס מארטיקײַטיס אָף די פארהאַלטענע פורן, אָפן מאיאָר און אָפן וואכמיסטער, וואָס זײַנען דערשאָסענע געלעגן לעבן זיי, — אָט!..

די פינצטערניש איז געוואָרן שווערער, דער רעגן — געדיכטער. נאָר זיגמונד אָלשעווסקין האָט זיך געדוכט, אז ניט קיין רעגן, נאָר טראָפּנס שוויס רינען איבער די פענעמער פון זײַנע כאַווירים.

28

די גאסן זײַנען געווען פוסט און פארלאָזט. נאָר בא דער פארקלאָפּטער טיר פון דעם ניט לאַנג ליקווידירטן אָפּיצערישן „קאַזינאָ" האָבן זיך ארומגעדרייט צוויי הויכע פארוואָרלאָזטע הינט מיט שטארק אײַנגעפאַלענע בײַכער. מיט בלאָנדזשענדיק־צעטומלטע אויגן האָבן די הינט, קענ־טיק, געזוכט זייער פארשוווּנדענעם באַלעבאָס פאָן אָקסמאַנען, מיט וועמען זיי פלעגן אמאָל קו־מען אהער.

ניט געבליבן מער אין די גאסן קיין איין שוצמאַן. איינינעם מיטן דײַטשישן מיליטער זײַ־נען אַנטלאָפן די באַאמטע. פוסטע זײַנען געשטאַנען די רעגירונגס־געבײַדעס, וואָס מיט זייערע ברייט פאַנאַנדערגעעפנטע טירן און פענצטער, מיטן איבערגעלאָזענעם ברוד האָבן זיי דערמאָנט אָן ניט גערייניקטע שטאַלן, פונוואַנען מע האָט אָקאָרשט ארויסגעפירט די פערד.

אויך די פאָרשטעט זײַנען געווען ווי אויסגעקערט. ווען־ניט־ווען פלעגט זיך עמעצער באַ־ווײַזן אָף דער שוועל פון א טיף אין דער ערד אײַנגעזונקען שטיבל און שווערלעך אוועקשפּאַנען צום אײַזנבאַן־קרײַז.

פון אַנטאַנאַס געדריסעס אויגן האָט גענומען ארויסקוקן א שטרענגקײַט. אים האָט זיך גע־וואָלט, אז קיינער און קיין זאַך זאָל אים ניט שטערן זען, הערן און דיסקאַנטירן אַלץ, וואָס ארום קומט פאָר.

א שאָ דרײַ פאר דער פײַערלעכער עפענונג פון ראַט איז ער באשטאַנען אָף א קורצער זי־צונג פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע, קעדיי פריִער צווישן די אייגענע פארטיי־מיטגלידער

אויסארבעטן אן איינהייטלעכע מיינונג וועגן יענע פראגן, וואס דער פארטיי־קאמיטעט האט גע־האלטן פאר נייטיק צו באטראכטן. דאס הארץ האט בא אים גענומען שטארקער קלאפן, ווען ער האט ארויסגענומען די עטלעכע גדיכט־פארשריבענע פאפירלעך און אנגעהויבן לייענען אזוי, פונקט עס וואלטן בייגעווען ניט בלויז די נאענטסטע כאווירים, נאר אויך אלע דעפוטאטן פון ראט.

— אויסהערנדיק דעם פארטראג וועגן דער לאגע אין שטאט, — לייענט ער דאס צוגעגרייטע, ווי א פראיעקט פון א רעזאליוציע, מיט וועלכער ער האט זיך געקליבן פארענדיקן זיין רעדע אף דער ערשטער זיצונג פון ראט, — אויסהערנדיק דעם פארטראג און נעמענדיק אין אכט, אז אדאנק דער זיגרייכער פראלעטארישער רעוואליוציע אין רוסלאנד, דער איבערקערעניש אין דייטשלאנד און אונדזער אומופהערלעכער קאמף דא איז די אקופאציע־מאכט געצוווּנגען גע־ווען פארלאזן די שטאט, ארויסגייענדיק אויך פון דעם, וואס נאר דער פראלעטאריאט און דאס פויערטום איינינעם מיט אלע הארעפאשניקעס קאנען באפרייען די וועלט פון עקספלואטאציע און מילכאמעס, דערקלערט דער ראט פון ארבעטער־, פויערים און סאלדאטן־דעפוטאטן, אז פון היינט אן און ווייטער גייט די גאנצע מאכט אריבער צו די ארבעטנדיקע פון שטאט און דארף.

ער האט איבערגעכאפט דעם אטעם און ענערגיש צוגעגעבן:

— דער ראט שיקט א פלאמיקן, א הארציקן גרוס דער ברידערלעכער רויטער ארמיי און דריקט אויס די פולע איבערצייגונג, אז זי, די רויטע ארמיי, וועט העלפן באשיצן אונדזערע גרע־נעצן פון די אויסערלעכע און אינערלעכע סאנים.

אנטאנאס האט נאך ניט באוויזן איבערלייענען די רעזאליוציע ביזן סאף, ווי זיגמונד אל־שעווסקי האט אים איבערגעשלאגן:

— גענוג, ס'איז שוין אזוי אויך קלאר, וואס מיר קלייבן זיך טאן!..

נאפטאליע מערקין זיצט אין דער היים, אין זיין שמאלן און לאנגן צימער, א פארומערטער. אלץ אין דער וועלט איז אים ניט ניכע. אים הייבט זיך שוין אן צו דוכטן, אז דאס, וואס ער האט זיך דורכגעשמוגלט אין ראט, איז גאר ניט קיין ניצאכן זיינער. פארקערט, דאס קאן נאר ברענ־גען דערצו, אז אנטאנאס געדריס, רודניצקי, זיגמונד אלשעווסקי, בערמאן און אלע זייערע וועלן דאס אויסניצן אף צו דערווייזן, אז פאר די הארעפאשנע מאסן פון שטאט און דארף איז ניט פאר־בליבן קיין אנדער וועג, ווי נאר צו פראלעטארישער דיקטאטור.

נאפטאליע מערקין האט אף קיינעם ניט געווארט. אפילע פרומע, וואס איז אמאל בא אים געווען אן אפטער גאסט, האט אויך אקשאנעסדיק גענומען אויסמיידן זיין שטוב. נאר אים איז שוין אזוי ווייט קיינער און קיין זאך ניט ליב, אז איידער ער פארשפארט זיך בא זיך אין צימער, זאגט ער אן דעם טאטן, טאמער וועט עמעצער פרעגן אף אים, זאל ער ענטפערן, אז נאפטאליע איז ניטא.

אין יענעם אוונט, ווען אלע האבן מיט אומגעדולד געווארט אף דער עפענונג פון ראט, האט דער טאטע ניט אויסגעהאלטן און געזאגט:

— סייווי, זון מיינער, קאן מען אפזיצן א טאג מיט א נאכט און קיינער שטעקט ניט אריין צו דיר זיין פארפרוירענע נאז. צו וואס נאך, פארשטיי איך ניט, דאס זאגן, אז דו ביסט אין שטוב נישטא?

— איז וואס זשע ווילסטו? — האט אים נאפטאליע געגעבן א ברי מיט א פראגע, — אויב דיר איז אומעטיק, טא לויף אין אייזנבאן־קרייז. דארטן, זאגט מען, איז ליכטיק און פריילעך!..

— שא, — האט אים דער טאטע איינגעשטילט, — האלעוויי וואלטן יענע מיך גערופן!

אין גאס, הערט מען, איילן ערגעץ מענטשן. נאפטאליע קאן שוין מער ניט איינליגן אף זיין שמאלער און הארטער קאנאפע. „דאס גייט מען, מיסטאמע, צו דער עפענונג פון ראט, — פרווּוט ער טרעפן, — מע דארף א קוק טאן!..“

אין דרויסן איז געווען אזא פינצטערניש, אז מע האט ניט געזען, ווער ווו עס גייט. איז ער שטיין געבליבן הארט לעבן דעם האלב־פארמאכטן טויער.

ניט אזוי דערזען, ווי דערפילט, אז עמעצער איילט אים אנטקעגן, האט ער א רוף געטאן:

— פראדל! דאס ביסטו?

— וואס שטייסטו אין דרויסן? — לאכט פראדל, ווי זי וואלט זיך אנגעשטויסן, פארוואס ער קוקט באהאלטענערהייט ארויס אין גאס.

— איך שטיי ניט, — האט ער זיך פארענטפערט, — דאס בין איך געקומען פון גאס אהיים.

— וואס הייסט אהיים? — איז פראדל פארכאפט געווארן פון א פריילעכער אופרודערונג. — אלע גייען דאך צו דער עפענונג פון ראט! קום! קום גיכער!

דאָס הויז פונעם אײַזנבאַן־קרײַז איז געווען פאַרפּוצט מיט אַ סאַך עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס אַלע אײנײנעם האָבן זיי אָנגעשריבן אויפֿן פֿינצטערן הימל אַ ברענענדיק־ליכטיקן לאָזונג: „די גאַנצע מאַכט — די אַרבעטנדיקע!"

בײַ נאַפּטאַליע מערקינען זײַנען די פֿיס שווער געוואָרן, ווי נאַסע קלעצער. „נײן, — האָט אים באַהערשט אַ פֿעסטער באַשלוס, — ווײַטער אַזוי לאָזן זיך טרײַבן מיטן שטראָם וויל איך ניט און טאָר ניט".

נאַפּטאַליע מערקין האָט קיין זאַך ניט געזאָגט. אָבער דער אויסדרוק פֿון פּאָנעם איז בײַ אים געווען אַזאַ, ווי אָט־אָט וועט ער צעשפּאַרט ווערן פֿון זײַן קוים אײַנגעהאַלטענער אויפֿרעגונג. אין יענער רגע האָט זיך ערגעץ נאָענט צעשאָטן, ווי שרויט, און זיך איבערגעכאַזערט אַ נאַריש, פֿוסטער געלעכטער.

— דו הערסט, — האָט פֿראַדל אַ זאָג געטאָן מיט אַן איבערגעשראָקן קאָל, — ווידעראַמאָל... קענטיק, עס הירזשעט דער ניוזעניק וואַצעק.

איידער נאַפּטאַליע מערקין באַווײַזט איר ענטפֿערן, אַטאַקירט זיי אַ פֿרעכער געשריי:

— סטוי! רענצע דאָ גורײַ![1]

איצט איז שוין שווער געווען צו באַשטימען: צי לײַכטן דאָס אויפֿן אײַזנבאַן־קרײַז די עלעקטרישע לעמפּלעך, מיט וועלכע עס זײַנען געווען אָנגעשפּיקעוועט אַלע טירן, פֿענצטער און באַלקאָנען, אָדער עס לעכערן די לופֿט קוילן.

— מערקין, — גיט פֿראַדל אַ זאָג מיט אַ וואָרענענדיק קאָל, קעדיי ער זאָל פֿאַרשטײן, אַז אויך פֿאַר אים איז געקומען יענע אַנטשיידנדיקע שעה, ווען ער מוז באַשטימען: מיט וועמען און פֿאַר וואָס ער גייט.

נאַפּטאַליע מערקינען איז אָבער ניט בלויז שווער געוואָרן אויסריידן אַ וואָרט, נאָר אַפֿילו קוקן אויף דער אָקאָרשט פֿריידיק־אויפֿגעלעבטער פֿראַדל. ווען ער איז געלאָפֿן אַ פּאַרסאָפּעטער פֿון דער ווילד צעהוליעטער נאַכט, האָט אים אָנגענעם געוואָרעמט איין געדאַנק, אַז גערעכט איז געווען טאַקע ער, נאַפּטאַליע מערקין.

— —

ערגעץ־ווו זײַנען מענטשן געלעגן אין פֿאַרשפּאַרטע וווינונגען, זיך איבערשרײַענדיק מיט שכײנים פֿון די נאָענטע דירעס. אין יענע שעהן איז פֿאַר מענדלען געווען אַ טרייסט, וואָס זײַן עלטערער זון נאַפּטאַליע איז לעבן אים און ניט אין סאַמע העלישן פֿײַער. זײַן ייִנגערער זון צאַלעל האָט זיך געהאַלטן בײַ גאָר אַן אַנדער מיינונג.

— איך בין דאָך ניט קיין פֿאַרטייִשער, — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אויף זײַן עלטערן ברודער, — איז עפּשער פֿאַרשטיי איך ניט אין אַזעלכע זאַכן. נאָר בײַ מיר קומט אויס, אַז זיצן אין שטוב לעבן טאַטן, ווען אַזויפֿיל אַרבעטער־לעבנס הענגען אויף אַן איבערגעבערענטער שטרוי, איז עפּעס ניט מײַסע רעוואָליוציאָנער!..

אַ בייז אָנגעבלאָזענער האָט נאַפּטאַליע מערקין געגאָסן די הייסע טיי פֿון גלאָז אין שעלכל און פֿאַמעלעך זי געזופּט, ניט לאָזנדיק זיך אַרײַנצוּן אין אַ שמועס וועגן דעם, וואָס עס איז עמעסע און וואָס קלוימערשטע רעוואָליוציאָנערקײַט.

פּלוצעם האָט מענדל, וועלכער איז געשטאַנען בײַם פֿענצטער, געגעבן זיך אַ דריי אויס און האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַזאַ פֿריידיק־איבערגעשראָקענעם קאָל, גלײַך ווי מיט אים וואָלט געשען אַ גרויס גליק:

— פֿראַדל גייט, אָט!

— איך דאַרף זי דאָ ניט האָבן, — איז נאַפּטאַליע געוואָרן אַזוי אויפֿגעבראַכט, פּונקט ווי זײַן טאַטע וואָלט געווען שולדיק אין דעם, וואָס זי האָט זיך דאָ באַוויזן, — גיי זאָג איר, אַז איך בין נישטאָ!..

צאַלע און מענדל זײַנען אַרויס פֿון צימער, ווי זיי וואָלטן אַנטלאָפֿן פֿון אַ גרויסן ביזויען.

ווי פֿריִער, איז פֿראַדלס פּאָנעם געווען פֿריש, כײַנעוודיק. אונטערן גרויסלעכן פֿוטערנעם היטל האָט זי קוים באַהאַלטן אירע לאַנגע געדיכטע צעפּ. זי האָט ניט באַמערקט אָדער עפּשער ניט געוואָלט גאָר זען, אַז אויסער נאַפּטאַליען איז אין שטוב מער קיינער ניטאָ. איין זאַך נאָר איז איר אָנגעגאַנגען:

— דעם פֿאַן פּאָניאַטאָווסקיס באַנדעס זײַנען גאָרנישט אַזעלכע מעסוקן גרויסע, אַז מיר זאָלן ניט קאָנען זיי בײַקומען. זאָל זײַן, אַז עפּשער ניט מער ווי צוליב אַ צופֿאַל, אָבער דערווײַל, מערקין, ביסטו נאָך אין צענטראַל־ביוראָ.

---

1 שטיי! אופהייבן די הענט!

— איך ווייס, — באשטעטיקט ער בייז, — איך געדענק!..

— טאָ זײַ, איך בעט דיך, א מענטש, נעם צונויף כאָטש די מער אקטיווע פאריין־מיטגלי־דער, און מיר וועלן זיגן!..

נאַפטאַליע מערקינס פארכמורעט פּאָנעם איז געוואָרן פריילעכער. ער האָט געמאַכט א באַ־וועגונג, ווי ער וואָלט גרייט געווען ניט בלויז זיך אופהייבן פון בענקל, נאָר טאַקע עפּעס וואָס טאָן... פּראַדלס ווערטער: „מיר וועלן זיגן" האָבן, קענטיק, א ווארעם געטאָן זײַן האַרץ. אָבער טייקעף זעצט ער זיך ווידער פעסט אוועק אפן בענקל.

— צו וואָס דער זאָג: „מיר וועלן זיגן"? צו וואָס פּאַסט דאָ דער „מיר"? — איז ער אַלץ מער אופגעבראַכט געוואָרן. — פון אײַערע קלוב־וועגט קוקן דאָך אראָפּ לאַזונגען, אז נאָר איר קעמפט פאר שאַלעם און ברידערלעכקײַט פון די פעלקער, נאָר איר און איר!..

— טאַקע עמעס: נאָר מיר!.. אָבער דו ווייסט דאָך, — האָט זיך פּראַדלען געוואָלט אויסמײַדן איבעריקע אמפּערניש, — איצט זײַנען ארומגערינגלט ניט נאָר אנטאַנאַס געדריס, זיגמונד אַל־שעווסקי, רודניצקי און יאַנאַס מארטיקײַטיס, נאָר אויך יורגיס, אנטאַנעק און אנדערע. איז פרעג איך דיך, ווי לאָזט מען אזעלכע מענטשן אָן הילף?!

נאַפטאַליע מערקין וואָלט איצט גערנער פון אַלץ זיך פארשלאָסן אין זײַן צימערל, אבי פון גאָרנישט מער ניט הערן און ניט וויסן. נאָר פּראַדל איז ניט אָפּגעטראָטן.

— מערקין, — קלינגט איר קאָל נאָך פאָדערנדיקער, ווי פריִער, — איך ווארט אָפּ אן ענטפער!

— אז איך ווייס ניט, — זײַט ער ארויס, — אין וואָס, אייגנטלעך, גייט דיר!..

— אין אַלץ!..

— אין אנטאַנאַס געדריסן?..

— וואָס?!

אין יענער רגע האָט זי דערפילט: אפילע ריידן מיט אים איז א כאַרפּע. אומדערוואַרט פאר אים און עפּשער פאר זיך אַליין אויך גיט זי אים אזא האַסטיקן שטויס אראָפּ פונעם בענקל, אז ער גיט שוווער א פאַל אפן דיל מיט א טומל און געררודער. דאָס איז געשען אזוי גיך, אז פּראַדל באַוויײַזט אפילע ניט צו באַמערקן די טראַגישע אומבאַהאָלפנקײַט, וואָס קוקט ארויס פון מער־קינס אויגן, גלײַך ווי ער וואָלט ערשט איצט דערפילט, ווי נידעריק ער איז געפאַלן.

ניט אומקוקנדיק זיך אפילע, פארלאָזט פּראַדל זײַן שטוב.

29

יענעם פרימאָרגן איז ניט געווען צו הערן, אז ערגעץ־ווו זאָל זיך עפענען א טיר אָדער א טויער. בלויז פון אײַזנבאַן־קרײַז האָט זיך אָן אופהער געטראָגן א שיסערײַ. דאָרט האָבן די ארומגערינגלטע ארבעטער זיך נאָך געשלאָגן מיט דעם פאַן פאַניאַטאָווסקיס באַנדעס.

יורי פערעלמאַן, וועלכער האָט מוירע געהאַט אפילע די נאָז ארויסשטעקן אין דרויסן, פלעגט זיך נאָר ווען־ניט־ווען אראָפּכאַפּן אין זײַן פארשפארטן הויף. בא א צופעליקן דורכגייער פרווווט ער דערגיין:

— איר ווייסט ניט, שוין עפּשער אמאָל דאָרט געקאַנטשעט מיט די באָלשעוויקעס?

פּלוצעם האָט ער דערזען — פרויען לויפן, דערהערט פארשטיקטע קוילעס:

— שלעכט.

— ביטער.

— ראַטעוועט!

יורי פערעלמאַן איז אפגיך ארײַן אין שטוב, פארשלאָסן הינטער זיך די טיר און געזאָגט צו זײַן שווער, ווי ער וואָלט גערעדט מיט זיך אַליין:

— אויב די ווײַבער לויפן צו מיר, איז א דאַנק זיי פאר דער טירכע!..

שוין ניט דאָס ערשטע יאָר, ווי בערע־לייב קעלים, וואָס לײַדט פון א האַרץ־כאַלאַס, פירט זײַנע געשעפטן דורך פארטרויטע אָנגעשטעלטע. אַליין קומט ער אָפּ מיט פינקטלעך דרײַ מאָל א טאָג דאַוונען. ווען־ניט־ווען קוקט ער אויך ארײַן אין איינעם פון די הייליקע ספאָרים, וואָס ליגן אָף א טישל לעבן זײַן קימאַט שטענדיק ניט פארבעטן געלעגער. אָבער אין יענעם פרימאָרגן, ווען די געשעענישן האָבן, ווי ער האָט אײַנגעזען, באַדראָאָט ניט בלויז זײַן פארמעגן, נאָר אויך דאָס לעבן גופע, האָט ער זיך דערלויבט צונויפוויקלען די רעצועס פון די טפילן, איידער ער האָט נאָך פארענדיקט דאַוונען, אבי ניט פארשפעטיקן אונטערזאָגן זײַן איידעם, ווי זיך צו האַלטן מיט די פרויען.

— זאָלן זיי גיין אהין, ווו זייערע מענער און קינדער זײַנען פריִער געפלויגן, — אײַצעט ער מיט קאַס.

געלאָפן זײַנען די פרויען ניט צו יורי פּערעלמאַנען.

די סאַקאַנע, וואָס האָט געלויערט אין גאַס, האָט רייזלען ניט אָפּגעהאַלטן. אײנײנעם מיט שיפּרען און אַנדערע, וועמען זי האָט צונויפגענומען, רײַסט זי זיך צום ארומגערינגלטן אײַזנבאַן־קרײַז, אהין, אין יענעם קנויל פײַער.

— אויב לעבן, — זאָגט רייזל, — איז אײנײנעם מיט זיי... און אויב, כאַליִלע, אומקומען, איז אויך אײנײנעם!..

לעבן דעם הויז, ווו עס האָט געוווינט פּערעלמאַן, האָט זיך גראַד די שוואַך־אויגיקע שיפּרע דערלאַנגט א שטעל אָפּ.

— איר וואַרט נאָר צו א רעגעלע, — פאַרהאַלט זי אַלעמען, — פאָלגט אַמאָל אַן אומפּאַר־טייִשע בונדעווקע. לאָמיר פריִער ארײַנגיין צו הער פּערעלמאַנען, עפּשער וועט אים פּאַרט אָנ־שטיין עפּעס־וואָס צו טאָן פאַר־אונדזערטוועגן?..

די ווײַבער האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן אין פּערעלמאַנס פּאַראַד־טיר דרייסט און אומרויִק.

— גיכער א ביסל, — האָט רייזל צוגעײַלט יורי פּערעלמאַנען, וואָס איז ארויסגעלאָפן ניט טויט, ניט לעבעדיק, — ס׳איז דאָך ניט גלאַט זיך א גאַזלאָוואַיסטווע, נאָר א פּאָגראָם מיט אַלע פּישטשעווקעס!..

— א פּאָגראָם?! — זײַט ער ארויס אַן איבערגעשראָקענע פראַגע.

— מע איז מענטשן צי ניט? — מאָנט בא אים שיפּרע. — פּאַרוואָס, פרעג איך אײַך, זאָל אזא, ווי איר, א טוער, א ריידער, אַן אָראַטאָר שווײַגן, אז מע קוילעט מענטשן, ווי די קעלבער?!..

יורי פּערעלמאַן, האָט זיך אָפּגעגעבן דין־וועכעזשבן, וואָס עס דראָעט אַלעמען און באַזונדערס די ווײַטע פּאָרשטעט. אין אײנער א רעגע איז ער אפילע גרייט געווען גיין צום פאָן פּאַניאַטאָוו־סקי. אָבער אָט איז זײַן בליק געפאַלן אויף רייזלען. ער דערפילט איר גרייטקײַט צו גיין העלפן די ארומגערינגלטע, וואָס עס זאָל ניט קאָסטן, און באַקומט כאַראַטע:

— א פּאָגראָם? — פרעגט ער איבער מיט אָפּגעפרעמדטקײַט אין קאָל און קוקט אויף רייזלען אזוי, גלײַך ווי ער וואָלט מיט זײַן יעדן וואָרט געפּאַטשט איר דאָר פּאָנעם, — נו, יאָ. וויבאַלד עס איז געקומען א צײַט וואָר—וועמען, איז הײַנט א פּאָגראָם, מאָרגן א וואָסטאַניע[1] און איבער־מאָרגן — איך ווייס נאָך וואָס!..

דערנאָך כאַפּט ער זיך: וואָס דאַרף ער מיט זיי אײַנרײַסן? נעמט ער פרידלעך ריידן צו די ווײַבער:

— ווייסט איר וואָס? דערווײַל גייט אײַך בעסער... אַנישט קאָן מען נאָך מיינען ווער ווייסט, מיט וואָס פאַר א שאַטנעז איך פאַרנעם זיך דאָ!..

— קומט, ווײַבער, — האָט זיך רייזל געגעבן א האַסטיקן שטעל מיטן רוקן צו יורי פּערעל־מאַנען, — זאָלן דאָ בלײַבן די שרעקעוודיקע!..

— —

א פינצטערער און צעלעכערטער פון קוילן און גראַנאַטעס, האָט דער מויער פון אײַזנבאַן־קרײַז ארויסגעקוקט צו די ארומיקע ביז גרויל פּוסט געוואָרענע גאַסן. די ארומגערינגלטע פּלעגט שוין אָפּט זיך נעמען דוכטן, אז נאָך איין טאָג אזא, און דער סוינע וועט זיי נעמען פאַר די העלדזער.

אין יענע בלײַ־שווערע און פינצטערע שאָען איז אַנטאָנאַס געדריס נישטוימעם געוואָרן, באַ־מערקנדיק צווישן די ארומגערינגלטע אויך זוסיען און מאַרקעלן.

— איר זײַט אויך דאָ?

ביידע — זוסיע און מאַרקעל — האָבן געהערט ניט צו די שטאַרק אַקטיווע אַרבעטער, זיי פּלעגן זיך באַנוגענען מיט הערן, וואָס עמעצער א צווייטער וועט זיי פּאַרלייענען פון אַן אומלעג־גאַל בלעטל. נאָר פון יענעם טאָג, ווען מאַרקעל איז געקומען פון דאָרף און געפונען זײַן ברעקל קינד לעבן דער קאַלטער ברוסט פון זײַן פרוי, וואָס איז אויסגעגאַנגען פון הונגער, האָט ער געפילט, אז אין האַרצן בא אים הערט ניט אויף צו טליִען א פײַער. האָט ער, פּונקט ווי זוסיע דער שנײַדער, זיך דורכגעריסן אהער פון קיינעם ניט קיין גערופענער, פון קיינעם ניט קיין גע־שיקטער און פון קיינעם ניט קיין געוויילטער, געקומען צוליב דעם, ווײַל, ווי אים האָט זיך אויס־געוויזן, האָבן די ארומגערינגלטע שוין פון לאַנג אָנגעהויבן א קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן דעם אומרעכט, וואָס האָט געהערשט אין דער וועלט.

[1] אופשטאַנד.

זוסיעס טרויעריקע געשיכטע האָט אנטאנאס אויך געוווּסט. ווען זוסיע איז אנטלאָפן פון געפאנגענשאפט און זיך אומגעקערט אהיים, איז ניט בלויז פון זײַן פרוי מיט די צוויי קליינע קינדער קיין געדעכעניש ניט געבליבן, נאָר אפילע זײַן הילצערן יערושע־שטיבל האָבן דעם קײַזער ווילהעלמס זעלנער פארטאָן: ווער — אַף אופקאָכן א פעקעלע קאָנסערווירטע גרויפן, ווער — אַף פאנאנדערלייגן א פײַער, קעדיי פארברענען די לײַז, וואָס האָבן געשווירבלט און געגריבלט אין זייער אָנטאָן. עפשער דערפאר פלעגט זוסיען דוכטן, אז דעם גאנצן ברוד, וואָס איז פאראן אַף דער וועלט, האָבן די דײַטשישע אָקופאנטן געבראכט מיט זיך, קעדיי אומרײַן מאכן זײַן וועלט, זײַן לעבן.

אנטאנאס האָט אָן ווערטער פארשטאנען דעם ווײ, וואָס האָט די צוויי געבראכט אהער. האָט ער זיי פּאַשעט, אפילע א ביסעלע גראָבלעך, אָבער מיט באהאלטענער ווארעמקײַט אין שטים געזאָגט:

— גייט ניט ארום מיט לײדיקע הענט. נעמט ביקסן, שפּײַערס.

די גאנצע צײַט, וואָס מע פארטיידיקט זיך דאָ פון דער גוט באוואָפנטער באנדע, פּײַניקט אנטאנאסן א געדאנק, אז בא די ארומגערינגלטע איז פאראן צו ווייניק מענטשן און צו ווייניק געוווער, זיי זאָלן קאָנען אריבערגיין אין אטאקע.

וואָס טוט מען?

— מע דארף גראָבן אן אונטערערדישן וועג, — קומט ער מיט א פּלאַן, — זאָל זײַן כאָטש ביז צו א גאָר נאָענט הייפל.

אין אן אנדער צײַט וואָלט בערמאן, איידער אײַנשטימען מיט אזא פאָרשלאָג, א טראכט געטאָן, צי דער פּלאַן איז א פּלאַן. איצט אָבער, ווען ער דערמאָנט זיך ניט בלויז אָן זײַן רייזלען מיטן קינד, נאָר אויך אָן אלץ, וואָס שטייט אין קאָן מיט זיי אינאיינעם, איז ער גרייט ניט נאָר גראָבן א וועג, נאָר אפילע אײַנשלינגען די גאנצע שווארצע, פּײַכטע ערד, וואָס אונטער זײַנע פּיס, אבי ראטעווען דאָס, אין נאָמען פון וואָס עס איז געגאנגען דער קאמף.

אין דעם מאָמענט איז א צעטראָגענער אָנגעקומען רודניצקי און אָנגעזאָגט, אז דורך די לעכער אין די ווענט קוקט שוין ארײַן א קאלטע, פּײַכטע אָנהייב־ווינטערדיקע נאכט.

— פון איצט אָן, — פארענדיקט ער, — וועלן די באנדיטישע קוילן שוין פארשפּאָרן לעכערן די ווענט. זיי וועלן קאָנען טרעפן גלײַך אין אונדזערע הערצער...

סאכאקל מיט א צוויי־דרײַ שאָ צוריק איז רודניצקי גרייט געווען הערן אין יעדן ווײַטן גאסן־געשריי אן אָפּקלאנג פון א שטורמישן אָנגריף פון ארבעטער, וואָס מארשירן און אומבאדינגט נאָר אין פעסטע מיליטערישע קאָלאָנעס, קעדיי מיט געווער אין די הענט באפרײַען די ארומגערינגלטע.

איצט אָבער, באמערקט אנטאנאס, איז זײַן יוגנטלעך פּאָנעם טויט־בלאס סײַ פון צווייטאָגיקן הונגער, סײַ פוןווארטן און ניט דערווארטן זיך אַף קיין הילף און מיסטאָמע אויך פון דעם, וואָס זײַנע ווערטער האָבן ארויסגערופן שארפע דערווידערונגען.

— טײַערער כאַווער, — דערקלערט אים אנטאנאס געדריס קורץ און שטרענג, — פארגעס ניט, אז פּאַכדאָנעס איז ניט קיין באָלשעוויסטישע מידע.

רודניצקין איז געקומען אין זינען, אז ער מוז זאָגן עפּעס אזוינס, די כאַווירים זאָלן פארשטיין — ס'איז ניט פּאַכדאָנעס, ס'איז א וואָרענונג, מע זאָל וויסן, ווו מע האלט אין דער וועלט.

— כאַווירים, — אַפּעלירט ער צו אַלעמען, — פּאַכדאָנעס איז טאקע בעעמעס ניט קיין באָלשעוויסטישע מידע... אָבער... בא אונדז זײַנען פארבליבן קוילן און גראנאטעס ווייניקער, ווי האָפענונג צו ראטעווען זיך פונדאנען.

— איז וואָס? — אטאקירט מען אים פון אַלע זײַטן מיט אופגערעגטע פראגן.

— ניט גראָבן די ערד! — איז פּײַערדיק־הייס געוואָרן זײַן שטים. — איידער דאָ אומקומען, בעסער אָפּן, ווי העלדן, זיך רײַסן פונדאנען!..

אַף איין רעגעלע האָט פון רודניצקיס געוואגטן פאָרשלאָג ווי א בלענד געטאָן מיט א ווירדיקן אויסוועג. טייקעף אָבער איז דאָס ביסל ליכט צערונען.

— מיר וועלן זיך ניט רײַסן אַף אומקומען, — איז אפילע דער שטענדיק רויִקער און גוטמוטיקער זיגמונד אָלשעווסקי גרייט געווען זיך לאָזן מיט פויסטן אָפן צעהיצטן רודניצקין, — מיר קעמפן ניט פאר העלדיש אומקומען... לעבן, מיר ווילן לעבן!..

גראָבט אויך זיגמונד אָלשעווסקי דעם אונטערערדישן גאנג מיט אזא פארביסענער אקשאָנעס, גלײַך ווי יעדן ארויסבאקומענעם רידל ערד וואָלט ער געשלײַדערט גופע דעם אומפארשעמטן טויט אין פּאָנעם ארײַן.

אזוי האָבן געטאָן אַלע איבעריקע. בלויז איין רודניצקי האָט דערפילט א מין אָפּהענטיקײַט אין יעדן איווער.

— אנטאנאס, — גיט ער א זאָג, — דו ווייסט, אז בא מיר און נאָך בא אייניקע איז פאַרבליבן ניט מער ווי א צענדליק פאַטראָנעס...

— איך ווייס...

— אויב מיר וועלן זיך באַצײַטנס ניט רײַסן אין שטאָט, — וואָרנט אים רודניצקי, — בין איך גרייט, ווי דו און אַלע איבעריקע, אויסשיסן אַפּן סוינע ביז א פּאַרלעצטן פּאַטראָן, אָבער דעם לעצטן... אָט, דו קער ניט אָפּ די אויגן. דעם לעצטן לייג איך אָפּ פאַר זיך!

אָבער אנטאנאס געדריס איז אזוי פאַרכאַפּט געווען פון דעם געדאַנק, אז ניט ווײַט איז די שאָ, וועט פון יענער זײַט ווערט אַרײַנשײַנען א ביסל ליכט, אז ער האָט אפילו הערן ניט געוואָלט, וואָס רודניצקי טײַנעט דאָרט.

— ניין, — איז ער נאָך אַקשאָנעסדיקער, ווי פריִער, באַשטאַנען אף זײַנעם, — אויך די סאמע לעצטע קויל דאַרף זײַן פאַרן סוינע!..

אוועק דער טאָג. קיין קוילן איז שוין קימאַט בא קיינעם ניט געווען. ס׳איז ווידער געוואָרן נאַכט. די געדיכטע פינצטערניש האָט זיך געפּלאָנטערט בא אַלעמען אין די פיס. פאַרהילט אַלץ. כאָטש שרײַ, כאָטש רײַס זיך די האָר פון קאָפּ, וועט קיינער ניט הערן און ניט זען. איין האָפע־נונג איז איצט געווען — דער אונטערערדישער גאַנג. האָט מען געגראָבן און געגראָבן. אָנגע־ריבן ביז בלוט די הענט און ווײַטער געגראָבן.

פּלוצעם האָט רודניצקי, וועמעס היציקן קאָפּ עס האָט געפּלאָגט דער געדאַנק, אז ניט יעדע רעטונג באַטײַט זיג, א וואָרף געטאָן דאָס רידל און, ווי א מעשוגענער, זיך געלאָזט לויפן צום אַרויסגאַנג פון קעלער. איידער מע האָט אים באַוויזן צו דעריאָגן, איז ער פאַרשוווּנדן אינעם כוי־שעך. א שווערער פּאַרגעפּיל האָט א פּרעס געטאָן די הערצער. און שאַ... אין דער נאַכטיקער שטילקײַט אַן איינציקער שאָס. דאָס האָט רודניצקי אויסגעניצט זײַן לעצטע קויל...

א רעגעלע האָט אַלעמען געדוכט, אז עס פאַלן און ווערן צעשאָטן די לאַנג שוין צעלעכערטע ווענט און באַגראָבן זיי לעבעדיקערהייט. געדויערט האָט עס טאַקע ניט מער ווי א רעגע.

— לאָמיר גיין, — האָט אנטאנאס געדריס אָנגעוויזן אף דעם פרישן פײַכטן וועג.

30

אין קיך איז געווען שטיל, קאַלט און פּוסט. בלויז אין קליינעם צימערל איז געזעסן מיכל לאַפּידוס, און ווען־ניט־ווען פלעגן אהין זיך אַרײַנגאַנווענען אייניקע פון די אַלטע קיך־באַזוכער. אויסלאָדנדיק דאָרט זייער פּעקל לעצטע נײַס, פלעגן זיי, שטאַרק פאַרזיכטיק, קעדיי קיינער זאָל זיי כאַלילע ניט באַמערקן, צוריק אַוועקגיין.

אזויארום איז לאַפּידוסן באַוווּסט געוואָרן, אז אין שטאָט גייט א ווילדע יאַגעניש נאָך אַר־בעטער, יוגנט און אינטעליגענטן, אז די צוויי גרויסע שטאָטישע טורמעס, די נײַע און די אַלטע, פּונקט ווי אַלע אַרעסט־הײַזער בא די פּאָליציי־באַצירקן, זײַנען געפּאַקט מיט מענטשן.

אין יענע מעשוגענע מעסלעסן האָבן אין קיך איינמאָל זיך אַרײַנגעריסן עטלעכע פּרויען, און איידער נאָך זיי האָבן באַוויזן פאַרמאַכן הינטער זיך די טיר, זײַנען זיי אַרויס מיט א טײַנע:

— איר זײַט גאָר דאָ? — האָט זיך איינע פון די פּרויען ווי פאַרכידעשט פון דעם, וואָס זיי האָבן געטראָפן לאַפּידוסן. — זעסט, אבי מיר האָבן געמיינט!..

— אוודע, וואָס דען? זײַן אַליין אין דער פּוסטער קיך איז טאַקע עפּשער ניט אזוי גע־פערלעך, ווי אין דרויסן, — האָט רייזל גאָר אומדערוואַרט פאַר אירע כאַווערטעס אָנגעהויבן פאַרענטפערן מיכל לאַפּידוסן און אירע אויגן האָבן געגומען אזוי אומבלאָנדזשען איבער דער קיך, ווי זי וואָלט דאָ נאָך עמעצן געדעכנט באַגעגענען. איבערצײַגנדיק זיך, אז מער איז קיינער ניטאָ, פרעגט זי מיט פאַרווונדערונג: — דאָ איז קיינער ניט געווען?

— דאָ? — איז מיכל לאַפּידוס גרייט געווען אופשפּרינגען, אזא סאַקאָנע האָט א ווייע געטאָן פון רייזלס פּרעגע. — דאָ!?

— יאָ, — באַשטעטיקט זי זייער פאַרזיכטיק, — עפּעס יאַטן, ווייס איך, האָבן באַדאַרפט אהער קומען!...

— אהער? איצטער? — פרעגט מיכל לאַפּידוס איבער מיט אזא דערשרעק, ווי אין רייזלס פּראַגע וואָלט ער דערהערט אַן אַנדײַט אף דעם, אז עפּעס גרייט מען אַן זײַן דערלויבעניש. נעמט ער שוין רײדן שטרענג און קאַטעגאָריש: — ניין, מיר האָבן קיינעם ניט געבעטן קומען אהער. געננוג, געננוג שוין די גייענישן!..

— שאַ, — באַרויִקט אים רייזל, — צו וואָס דאָס בייזערן זיך? מע טאָר שוין ניט פּרעגן?!

נאָר מיכל לאַפּידוס איז געווען א געננוג דערפאַרענער מענטש, האָט ער ניט געוואָלט גלייבן, אז אין אזא טאָג זאָל רייזל גלאַט אין דער וועלט אַרײַן קומען פרעגן אף „יאַטן“.

— איר גייט? — נעמט לאַפּידוס זוכן פיבערדיק דעם הוט און דעם מאַנטל, וואָס איז געהאַנגען לעבן אים. — ווײַבאַלד מע הייבט שוין ווידער אָן טאָפּטשען אַהין און צוריק, זאָל שוין דאָ בעסער קיינער ניט זײַן.

רייזל, ווען וועלכער מע פּלעגט זאָגן, אַז בײַ איר איז „וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג", איז איצט געווען גראָד שטאַרק אײַנגעהאַלטן. זי האָט זיך גלײַך געלאָזט נאָך לאַפּידוסן.

— איר גייט גאָר אַזוי־אָ? — האָט זי מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אים דעריאָגט און מיט כידעש אים געגנומען מוסערן: — טײַערער לאַפּידוס, ווי קומט דאָס, אַז אַזאַ מענטש, ווי איר, זאָלט זיך לאָזן אַזוי אָפּן גיין אין אַזאַ ביטערער שעה?..

נאָר פּאַר מיכל לאַפּידוסן איז, קענטיק, ניט געווען קיין גרעסערע סאַקאָנע, ווי רייזל און אירע כאַווערטעס. בלײַבנדיק אַ רעגעלע שטיין, קוקט ער זי אָן שטרענג און פֿאַרשנדיק.

— הערט, — הייבט ער אָן ריידן אַזוי, אַז עס איז שווער צו באַשטימען, צי ווילצלט ער זיך, צי מיינט ער דאָס ערנסט, — אַבי איר, רייזל, און אײַערע אונטערפֿירערנס וועלן לעבן מיר ניט זײַן, וועט שוין מיט מיר, מיסטאַמע, קיין בייז ניט פּאַסירן!

— כאַווער לאַפּידוס, — איז רייזל דערשטוינט געוואָרן פֿון זײַן ענטפֿער, — זאָגט מיר, איך בעט אײַך, איר רעדט דאָס פֿון טיפֿן האַרצן?!

נאָר מיכל לאַפּידוס איז גרייט געווען כאָטש וואַרפֿן זיך אינעם האַלב־פֿאַרפֿרוירענעם טײַך, אַבי פּאָטער ווערן פֿון רייזלען. פֿון שרעק האָט זיך אים געדוכט, אַז יעדער פֿאַרבײַגייער ווייסט, ווער רייזל איז, ווער איר מאַן איז.

ווי נאָר רייזל ווערט פֿאַרשווּנדן, דערפֿילט מיכל אַזאַ פֿאַרלײַכטערונג, אַז עס ווערט אים ליב ניט בלויז דער ווינט, נאָר אויך די גרויליקע פּוסטקײַט. אַ צופֿרידענער מיט זיך, מיט דעם, ווי פֿלינק ער איז פּאָטער געוואָרן פֿון דעם בינטל ווײַבער, באַמערקט ער ניט, אַז ער איז אין גאַס ניט אַליין. איידער ער באַווײַזט אַ קלער טאָן, איז ער שוין אין אַ קרײַז פֿון שיקערע צעיורשעטע יונגען, צווישן וועלכע ער דערקענט באַלד וואַצעקן, וואָס פֿלעגט זיך אַרומשליאָנדרען אין אַלע ביר־קראָמען, קאַפֿע און קיכן, כאַפּנדיק ווו אַ לעק פֿון אַ ליידיק שיסעלע, ווו אַ ברודיקן צעטראָטענעם פּאַפּיראָס־שנויצל. דערשמעקט לאַפּידוסעס אומבאַהאָלפֿנקײַט, באַשליסט וואַצעק, — דערויף האָט אים סייכל געקלעקט, — אָפּטאָן מיט דעם אומבאַוואָפֿנטן מענטשן אַזאַ שפּיצל, וואָס זאָל אויסנעמען בײַ דער שיקערער כעווריע. אויף צוטראַכטן איז אָבער דער פֿאַרסלינעטער וואַצעק ניט געווען קיין בעריע. הייבט ער אָן שלײַדערן לאַפּידוסן פֿון איין שיקערן צום צווייטן. דאָס האָט אים אויסגעזען ניט גענוג, נעמט ער נאָך אַראָפּ פֿונעם צעבײַלטן מיכל לאַפּידוסן די בגאָדים, און אָט אַזוי־אָ אַ הויל־נאַקעטן טרײַבט ער אים איבער דער גאַס.

אַ שיקערער אויסגעלאַסענער געלעכטער האָט באַגלייט מיכלען אין זײַן טרויעריקן וועג. דערנאָך זײַנען די באַנדיטן פֿאַרשווּנדן, און מיכל לאַפּידוס איז געבליבן ליגן, ווי אָן אַראָפּגעשלײַדערטער פֿון ערגעץ הויך־הויך. לאַנג איז ער געלעגן אַזוי אַ פֿאַרכושטער, און ס'האָט זיך אים אַלץ געדוכט, אַז מיט ריזיקע טריט שפּאַנט צו אים אַ געדיכטע, פֿינצטערע נאַכט.

געווען איז שפּעט אין אָוונט, נאָר פֿראַדל האָט נאָך אַלץ געײַלט פֿון איין פֿאָרשטאָט־געסל אין צווייטן, איבערלאָזנדיק אין יעדן שטיבל אַ געהיימען אָנזאָג — ניט פֿאַרשפּעטיקן צום אָנגעמערקטן אָרט. צוליב וואָס, האָט קיינער ניט איבערגעפֿרעגט. אויב פֿראַדל רופֿט און נאָך אין אַזאַ צײַט, מיסטאַמע דאַרף מען.

ניט ווייסנדיק פֿון קיין רו ניט בײַטאָג און ניט בײַנאַכט, האָט פֿראַדל געגרייט זיך און אַלעמען צו דער אַרויסטרעטונג. מיט אַזאַ פֿרײַלעכער אופֿגעלעבטקײַט ניט ווי צו טויט־געפֿאַר, נאָר ווי צו אַ גרויסן יאָמטעוו. דער פּלאַן פֿון העלפֿן די אַרומגערינגלטע איז געווען אַזאַ: מאָביליזירן אַלץ און אַלעמען, צעשטעלן די מענטשן אויף די ווינציק באַלויכטענע טרעפּ און אין די טויערן פֿון יענע הײַזער, וואָס האָבן זיך געפֿונען ניט ווײַט פֿונעם אײַזנבאַן־קרײַז, און שפּעטער מיט געווער און נאָך מער מיט געוואַגטקײַט און גוורע אַטאַקירן פּאָניאַטאָווסקיס באַנדעס.

איצט נאָכן טאָג לויפֿעניש זיצט פֿראַדל בײַ זיך, אינעם געדונגענעם ווינקל, אַ פֿאַרטראַכטע. צי דערפֿאַר ווײַל דאָס קליינע לעמפּל טשאַדעט מער, ווי עס ברענט, צי ווײַל זי איז אינגאַנצן פֿול מיט אומגעדולד און דערוואַרטונג, נאָר פּלוצעם הייבט זיך איר אָן צו דאַכטן, אַז איינעם מיט דער נאַכט־פֿינצטערניש קוקט אַרײַן אין איר נידעריקן פֿענצטער אַ פּאָנעם, אַפֿילע אַ גאָר נאָענט באַקאַנט פּאָנעם. זי גיט זיך אַ ריס צום אַרויסגאַנג מיט אַזאַ אימפּעט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אַרויסרײַסן פֿון עמעצנס שווערע הענט.

— אוי, — רײַסט זיך בײַ איר אַרויס אינײַנעם מיטן פֿאַרהאַלטענעם אָטעם, — דאָס ביסטו, אַנטאַנאַס? ווי קומסטו אַהער, דערצייל!

אנטאנאס שוויַיגט. זײַן בליק איז ערנסט און שטרענג. ער קוקט איר אריַין אין די אויגן, גלײַך ווי ער וואָלט זיך געצוווּנגען ניט ארויסריידן קיין איינציק וואָרט.

— פארוואָס, — מאָנט פראדל, — זאָגסטו מיר גאָרנישט? איך פארשטיי דען ניט, אז דאָרט בא אײַך איז געווען א געגנעם... איך וויל נאָר פון דיר אליין הערן וועגן דעם א וואָרט...

אנטאנאס הייבט אָן דערציילן... ווען ער רופט אָן די נעמען פון די אומגעקומענע כאַווירים, דריקט פראדל אזוי צו דעם קאָפּ צו זײַן ברוסט, ווי זי וואָלט וועלן באשיצן אים פון אלע גע־פארן, וואָס קאָנען אים דראָען. קושנדיק אירע אויגן, האָט אנטאנאס געדריס צום ערשטן מאָל דערפילט דעם טאַם פון פראדלס א הייסער טרער.

31

די שטאָט האָט זיך מאמעש געוויגט פון אלץ נײַע און נײַע קלאנגען. אָט האָט מען זיך דער־ווּסט: פּאָניאטאָווסקיס באוואָפנטע באנדעס קלײַבן זיך שוין פּײַערלעך מעלדן, אז דער איינציקער באלעבאָס אין שטאָט איז נאָר ער, דער פּאַן פּאָניאטאָווסקי. לאָזן מענטשן אראָפּ טיפער די קעפּ און זיפצן שווער אָפּ: שלעכט. און אָט א פרישע, שוין א פריידיקע נײַס: עפּשער ניט מער ווי עטלעכע קילאָמעטער פון שטאָט געפינען זיך רויטארמייישע טיילן. ווען רייזל דערוויסט זיך וועגן דעם, איז זי גרייט טאַנצן פאַר נאַכעס.

— קרוינעלעך מײַנע, — האָט זי געזעדט צו זיך אליין, — נו, שוין זשע קאָן דאָס גע־מאָלט זײַן!..

פונקט אזא פריידיקע נײַגעריקײַט האָט אויך דערוואַכט בא א סאַך אנדערע. מענטשן האָבן גענומען ארויסקוקן פון זייערע באהעלטענישן.

דער בעקער פּײַווע, ווידער, האָט פארלוירן דאָס לעצטע ביסל רו. ער האָט פריִער ווי שטענ־דיק גענומען זיך לייגן שלאָפן און שפּעטער אײַנשלאָפן. אינדערפרי, נאָך אפילע ניט קיין אָנגע־טאָנענער, לאָזט ער זיך צום פענצטער, קעדיי כאַפּן א קוק אָפּן קעגנִיבערדיקן טראָטואַר, דאָרט ווּ פריִער פלעגט ער טרעפן שטיין דעם מאיאָר פּאַן אָקסמאַן. נאָר די פּארטאַגיקע גאַס איז געווען ווי אויסגעקערט. ניט געווען מער קיין לאַנגע רייען לעבן זײַן בעקערײַ. ניט געווען אויך די גוט באקאַנטע דײַטשישע פור, וואָס פלעגט צופאָרן מיט די געגאַנוועטע סכוירעס.

וואָס ליכטיקער עס איז געוואָרן אין דרויסן, אלץ מער האָט פּײַווען גענומען בלענדן די אויגן סײַ די פרישקײַט פון זײַן נײַעם מעבל, סײַ די גלאַנציקײַט פון דעם גרויסן לעדערנעם טשע־מאָדאַן, א געפּאַקטן מיטן גיך און גרינג אָנגעלעבטן פארמעגן. „געלט שמעקט ניט“, — האָט פּײַווע א גאַנצן לעבן געטראַכט. אָבער פונקט איצט, אין די דאַזיקע שאָען, האָבן די פּעק געלט אים דערמאָנט אָן טויזנטער פון הונגער געשטאָרבענע. ער האָט א שטויס אָפּ געטאָן פון זיך דעם שטול, וואָס אף זײַן ווענטל זײַנען נאָך פון נעכטן געהאַנגען די יאָמטעוודיקע בגאָדים, ארופּ־געצויגן דעם פּאַשעטן אָנצוג און פון אויבן די אין מעל אײַנגעריכטע בעקעשע, אין וועלכער ער פלעגט געווינלעך גיין אין און ארום זײַן בעקערײַ, און האָט אוועקגעײַלט אין שטאָט, כאָטש מיט א פארשפּעטיקונג, נאָר דאָך וואָרענען יורי פערעלמאַנען ניט צו פּאַטערן קיין צײַט אף פּוסטע רייד וועגן דעם, ווער עס האָט מער און ווער ווייניקער רעכט אף זײַן באלעבאָס אין שטאָט, און בעסער העלפן דעם פּאַן פּאָניאטאָווסקי.

פּײַווע האָט נאָך ניט באוויזן אריבערטרעטן די שוועל, ווי מע האָט אָפּגעקילט זײַן אימפּעט.

— שאַ, — וואָרנט אים דער ראַבינער, — זײַט א ביסינקע שטילער.

— וואָס איז? וואָס?..

— קעלים, בערע־לייב קעלים איז געשטאָרבן, ניט אויסגעהאַלטן, — פּארטײַטשט דער ראַ־בינער, — געפּלאַצט אים נעבעך דאָס האַרץ...

פּײַוועס צעהיצטער מויעך האָט אופגענומען די דאַזיקע יעדיִע שיר נישט ווי אָן אָנזאָג וועגן דעם אונטערגאַנג פון אָן אײַנגעפונדעוועט לעבן, וואָס איז באַם סאַמע וואָרצל אונטערגעזעגט געוואָרן.

ווי פריִער, איז אויך איצט בא יורי פערעלמאַנען אין שטוב געווען ליכטיק, וואָרעם און אזוי דורכזיכטיק־ריין, אז יעדעס צימער האָט אויסגעזען ברייטער, לענגער און ליכטיקער, ווי אין דער ווירקלעכקײַט. אָן איבערגעדעקטער מיט א ווײַסן לײַלעך, איז בערע־לייב קעלים געלעגן אָפּן דיל אין סאַמע מיטן פון זײַן גרויסן שלאָפצימער. צוקאָפּנס האָבן געצײלעוועט געלבלעכע ליכט, און עטלעכע אומבאַקאַנטע מענטשן, אף וועמעס מאָגערע גופים זײַנען, ווי אף שטעקלעך, געהאַנגען

לאַנגע, שוואַרצע, שטאַרק אָפּגעניצטע קאַפּאָטעס, האָבן פּאַמעלעך, וואָרט נאָך וואָרט געזאָגט טילים.

אַף די שפּיץ פינגער פלעגט עמעצער אַרײַנגיין אין שלאָפצימער און ניט געײַלט צוריק אַרויסגיין.

פול מיט פײַנטשאַפט קעגן אַלץ און אַלעמען, וואָלט פײַוועַ איבערגעלאָזט קעלימען דאָ, אין מיטן צימער, כאָטש אַף אייביק און ניט געבראַכט אים צו קוורע, אַבי שטילן זײַן אופגעבראַכטקײַט קעגן יורי פּערעלמאַנען און זײַנע שלים־שלימאַזלדיקע אײַנפאַלן.

— געפונען א קוראַנטע סכוירע! יוישער און גערעכטיקײַט, — האָט ער שטיל אַרײַנגעטײַנעט אין ראַבינער, אָנדײַטנדיק, קענטיק, אַף יורי פּערעלמאַנס מיינונג וועגן רעכט אַף מאַכט אין דער דאָזיקער שטאָט, — אָט וואָס עס קומט אַרויס פון די שפּילערײַען אין פּראַוועס און גערעכטיקײַט. אָט, — גיט ער א ווונק אַפן באַרמינען.

— זײַט ניט אַזא כאָכעם, — האָט זיך יורי פּערעלמאַן דערפילט, ווי אָפּגעבריט. — מיינט ניט, אַז עמעצער איז נאַרישער פון אײַך... מע ווייסט נאָך: ווען, וווהין און מיט וואָס מע דאַרף אַמאָל קומען!

— אַך, אַזוי גאָר? — האָט פײַוועַ אַזא קרים געטאָן דאָס באַוואַקסענע פּאָנעם, ווי ער וואָלט וועלן כאָטש אַף א רעגעלע ווי געהעריק עפענען זײַן שטענדיק האַלב־צוגעמאַכטע לינקע אויג, קעדיי בעסער דערזען יורי פּערעלמאַנען און פאַרשטיין זײַן מיין. — גאָר אַזוי?..

דאָס, וואָס איז פריִער געווען ניט מער ווי א קלאַנג, איז געוואָרןווירקלעכקײַט. די באַוואָפנטע באַנדיטן מאַכן א גאַנצן פּאַראַד פאַרן פאַן פּאָניאַטאָווסקי, וואָס קומט צו פאָרן אין אײַזנבאַן־קרײַז. אים באַגלייט דער בעקער פײַוועַ מיטן האַלב צוגעמאַכטן לינקן אויג און דער דאָקטער יורי פּערעלמאַן, וועמעס בײַזײַן עס האָט, קענטיק, געזאָלט דינען אַלס באַווײַז פון פולן שאָלעם מיט דער נײַער אָרדענונג.

פאַן פּאָניאַטאָווסקי האָט געשפּאַנט פון איין צימער אין דעם צווייטן, פון איין שטאָק אַפן אַנדערן, און דער אויסגעפּוצטער און ברויגעזלעך־צוריקגעהאַלטענער יורי פּערעלמאַן נאָך אים מיט א מינע, ווי ער וואָלט זיך מיִעסן צורירן צו די מיט בלוט פאַרשפּריצטע דורכגעלעכערטע ווענט.

מיט א באַנײַטן, קימאַט יוגנטלעכן אימפּעט האָט זיך פּאָניאַטאָווסקי ווידעראַמאָל א הייב אַרויף געטאָן אַף זײַן צוריק באַקומענעם ווײַסן פערד, און, רײַטנדיק פּאַמעלעך לענגויס דער לאַנגער ריי באַוואָפנטע באַנדיטן, האָט ער מיט אינערלעכער צופרידנקײַט זיך צוגעהערט צו זייער ליאַרעמען:

— ניעך זשיִע! ניעך![1]

פּאָניאַטאָווסקי האָט זיך נאָך ניט באַוויזן צו דערפילן אַלס הערשער און אויסלייזער, וואָס קומט צו רײַטן אַף א ווײַס פערד, יורי פּערעלמאַן האָט נאָך ניט באַוויזן אַליין זיך זאָגן, אַז ער איז א כאָכעם און ווייסט, אַף וועלכער קאָרט צו שטעלן, פײַוועַ, ווידער, האָט נאָך ניט באַוויזן ווי געהעריק דורכטראַכטן דעם געדאַנק, אַז ער האָט זיי ביידן אין דר׳ערד, ווײַל דאָס ביסל געלט איז בא אים אין די הענט, ווי עס האָט זיך צו זיי דערטראָגן אַן אומגעריכטער „הורא“.

פון אַלע גאַסן און הינטערגעסלעך האָבן זיך צום באַלשעוויסטישן קלוב געריסן גרופּעס אַרבעטער.

א שיסערײַ, א צעטומלטער געלויף. געשרייען פון פרויען, א געוויין פון איבערגעשראָקענע קינדער.

און אָט האָט שוין פאַן פּאָניאַטאָווסקי אָנשטאָט דעם „ניעך זשיִע“, וואָס האָט אַזוי אָנגענעם געקיצלט זײַן געהער, דערהערט:

— נידער!

— א טויט די באַנדיטן!

פון אַלע גאַסן און געסלעך גייען מענער, פרויען און קינדער. אַלע שטראָמען זיי צום גרויסן אײַזנבאַן־קרײַז. האָט אויך מיכל לאַפּידוס פאַרלאָזן זײַן קליין צימערל, א גרייטער ניט אָפּשטיין פונעם אַלגעמיינעם קימאַט סטיכיייִשן דראַנג. אָבער טייקעף באַקומט ער כאַראָטע, לאָזט זיך אַוועק אין א זײַטיק געסל, קעדיי, ביז עס איז נאָך ניט צו שפּעט, אַרויסגליטשן זיך פון דער אופגעבראַוזטער שטאָט.

---

[1] זאָל לעבן!

מע זאָל אים ניט דערקענען — האָט מיכל לאפידוס זיך איבערגעטאָן. דעם שווארצן ווייכן הוט מיט די ברייטע ראנדן האָט ער אראָפּגערוקט נידעריק אפן שטערן. דער עטוואָס אָפּגעטראָגענער, אָבער דאָך עלעגאנטער הארבסט־מאנטל מאכט אים ענלעך צו אן אָנגעשטעלטן, וואָס איז אַרויס אף א שפּאציר. ניט פארענדערט אין אים איז נאָר געבליבן די קימאט טויטע בלאסקייַט פון די באקן און די פארפרוירענע בלויקייַט פון זייַנע ליפּן, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי פארשמירט מיט וואסערדיקן טינט.

ארויסגעכאפּט זיך פון שטאָט, דערזען די פעלדער, דעם טראקט און דעם גרויען נידעריקן הימל, האָט ער פרייַער אָפּגעאָטעמט און איז אוועק אין דער ריכטונג פון דער נאָענטער באן־סטאנציע. הארגאם ארום און ארום איז קיינער ניט און גאָרנישט ניט געווען צו זען, דאָך האָט מיכל לאפּידוסן ניט אופגעהערט זיך צו דוכטן, אז אים יאָגט נאָך, פארפאָלגט און וועט אָט־אָט אייַנשלינגען אן אלץ פארשלינגענדיקע ליכטיקייַט...

32

א גראָער טונקעלער הימל איז דראָענדיק געהאנגען איבער דער אופגערודערטער שטאָט, און א קאלטער ווינט איז מיט אזא אומפארשעמטער אכזאָריעס אָנגעפאלן אף מענטשן, פונקט ווי ער וואָלט געוואָלט אלץ און אלעמען צעפּלאָנטערן, צונויפמישן, קעדיי שפּעטער פונעם מיש־מאש אויסהאמערן עפּעס אומגעהערטס און אומגעזעענס. נאָר ווי אף צולאָכעס דעם בייזן ווינט האָט די שטאָט געקאָכט און געזידט.

אין די ווייַטע פאָרשטעטע האָבן מענטשן באגעגנט די ערשטע רויטארמייִשע טיילן.

עס איז שוין אָנגעמערקט דער טאָג און די שאָ, ווען עס וועט פאָרקומען די פייַערלעכע עפענונג פון ראט. טאקע דאן האָט איציק דער סטאָליער, שטייענדיק צווישן א רעדל מענטשן, הויך, אף א קאָל, אלעמען פארזיכערט:

— די ראטן וועלן שוין דאָ בלייַבן אף אייביק.

נאפּטאָליע מערקינען איז אלץ געוואָרן שווער און איבעריק. שווער זייַן פארייכערטער טאטע מענדל, וואָס האָט לאנג זיך געדרייט, ניט געקאָנט מער אייַנזיצן אפן גרויסן ארבעטס־טיש און צום סאָף, ווי אלע, אוועק אין גאס. איבעריק דעם ברודער צאלעס אופגעלייגטקייַט און פריילעכקייַט. יענער פלעגט איצט זעלטן קומען אהיים, אי דאָס נאָר קעדיי, כאפּנדיק א ביסן אין מויל, אויסלאָדן זייַן פריידיקע איבעראשונג:

— נאָר מע גייט, נאָר מע פאָרט און נאָר מע קומט...

— גוט, — פלעגט נאפּטאָליען נאָך מער פארביטערן דעם ברודערס נייַס, — גוט!..

— זייַ ניט אזוי אייַנגעשפּארט, — האָט אים צאלע געזאָגט, — זאָלסט וויסן זייַן, מייַן ברודער, אז דער, וואָס וועט הייַנט די גאס ניט אָנקוקן, וועט שוין קיינמאָל ניט וויסן דעם טאם פון מענטשלעכער פרייד!..

— —

כאָטש אין דרויסן האָט שוין געשמעקט מיט קאלטן און רויגעזדיקן ווינטער, דאָך האָבן מענטשן געשטראָמט און געשטראָמט צום אייַזנבאן־קרייַז, קעדיי ניט פארשפּעטיקן די פייַערלעכע עפענונג פון ראט.

צווישן אוילעם איז אויך געשטאנען אין איר לייַכטן סעקל רייזל. זי האָט געטראכט וועגן לענינען. עס האָט איר אלץ געדוכט, אז אָט־אָט לויפט אָן, ווי א געוויטער, א צוג, שטעלט זיך אָפּ ניט אנדערש ווי אין איר אלטער שטאָט און אין איינער פון די סאך שמאָלע וואגאָן־טירן באַווייַזט זיך לענין און ס'ווערט אויס מיט נויט און אומרעכט.

ווען ס'איז געקומען דער שפּעטער קאלטער פארנאכט, האָבן זיך אין די גאסן און הייַזער אָנגעצונדן ליכטיקע פייַערן.

נאָך די אלע יאָרן פּייַן און שרעק האָט זיך די גאנצע שטאָט איצט געבאָדן אין א קוועלנדיקער יאָמטעוודיקייַט.

מײַן שײַטער

איך וועל דינגען אַ טרעגער —
ער זאָל דעם פּראַסטיקן ווינטער
מיט אַ שטריק איבערבינדן
און אים אָפּטראָגן אין די ווײַטע בערג,
ווי אַ שעפּעלע מע טראָגט.

איך וועל אַרויס מיט אָפענעם האַרץ
דעם זומער אַנטקעגן,
זיך אָנטאָן אין וואַלדישער גרינקײַט,
אין דורכזיכטיקן העמדל פון רעגן;
ניט באַם הימל
כ׳וועל בעטן —
אויסברענען פון האַלדז
די ליד פון מײַן לאַנגן צאַרנדיקן וועג,
וואָס פאַרפּאָלגט מיך און פּלאָגט,
איך וועל אַליין, ווי אַ האָגל, זי צעטרעטן...

באַנאַכט וועל איך אַ שטערן
אַ רײַב טאָן אין שוך
און אַ שײַטער צעצינדן —
פאַר די, וואָס האָבן אַ וועג
דורך גרויל און פינצטערניש געזוכט.
זאָל זיי ליכטיק זײַן, ווי באַטאָג!

מײַן מוזע וועל איך טרײַבן
דעמבענע צווײַגעלעך קלײַבן —
ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט.
נײַע לידער
וועל איך מיט בלוט שרײַבן
פאַרן אייביקן שײַטער פון לעבן,
וואָס אין וואַלד מײַנעם ברענט.

אין פעלד

צווישן צוויי וועלטן
בין איך געלעגן.
און ס׳האָט מיך געוואַשן
דער האַרבסטיקער רעגן.

ס׳איז נימעס געוואָרן
אַזוי לאַנג מיר צו שטאַרבן
אין גראָז אין געלן
אין פעלד אין האַרבן.

האָט מיך אַ כאָלעם
אַוועקגעטראָגן,
דאָס פעלד איז געלעגן
געוואַרט, ס׳זאָל טאָגן.

פײַערלעך, פײַערלעך
איבער מײַן קאָפּ,
וואַרף מיך, מײַן כאָלעם,
פון די הענט ניט אַראָפּ.

געלאָזן אַ קינד כ׳האָב
מיט העל־בלויע אויגן.
אַ ליד אויפגעשריבן
אויף אַ ליכטיקן בויגן.

ניט אָפּוואַשן זאָל עס
כאָלילע דער רעגן,
צווישן צוויי וועלטן
בין איך געלעגן.

מײַן ביקס לעבן מיר
שוין אינגאַנצן פאַרלאָשן,
מײַן ברוסט מיט פאַנטאַנען
בלוט האָט געשאָסן.

ס׳טרעפט אַזוי ווינציק,
ס׳טרעפט אַזוי זעלטן —
אַ טאַטער אַ כאַווער
צווישן צוויי וועלטן

האָט מיך אויסגעפונען
שוין אַ שטילן קימאַט,
מײַן טאַטער. מײַן כאָלעם
צוויי פיס האָט געהאַט.

און לײַכט זיך געטראָגן
מיט מיר אין דער נאַכט,
די נאַכט, ווי דער טאַטער,
האָט מיט שטערן געלאַכט...

צוויי אויגן ברילײַאַנטן
און שניי־ווײַסע ציין,
צופוס קיין קאַזאַן
וועל איך אַמאָל גיין.

ער האָט דאָרט אַ שטיבל,
אַ מוטער, אַ קינד,
אים דעם הימל כ׳וועל ברענגען —
דעם אָטעם פון ווינט...

באָם לעבן

נאָר באָם לעבן, נאָר באָם לעבן
באַד אין זון זיך,
באַגיס די קווייטן,
טונק אין ראָסע דײַנע פליגל,
נאָר באָם לעבן!
שטאַרבט אַ העלפאַנד,
ווערט ער גאַרניט,
און אַ פייגעלע באָם לעבן
זינגט און מאַכט די הימלען

קלאָרער.
נאָר באָם לעבן, נאָר באָם לעבן
שאַלט און וועקט
דער הירשן־האָרן,
וואָלקנס גייען, כמאַרעס שוועבן,
קומט אַ צאַרע,
קענסט זי איבערלעבן —
נאָר באָם לעבן
נאָר באָם לעבן!

אַ גרעזעלע

ווען אַ גרעזעלע
הייבט אויף דעם קאָפּ צום הימל
און בעט אַ טראָפּן רעגן־טוי,
מעג דער הימל ענטפערן.
נאָר זאָל ער
מיט קיין מאַבל
זיך ניט עפענען,

די ערד אין גאָרטן
ניט צעשווענקען —
ער איז דאָך אַ הימל,
דאַרף ער זײַן מילד,
גוטהאַרציק און בלוי,
דאָס קליינע גרעזעלע געדענקען.

וואָס מיר איז צום האַרצן

אַ שאַרפע וויוגע אין געזיכט,
פון ערשטער פרילינג־בלאַט אַ טראָפּן ליכט,
אַ זוניק העמדל און פּראָסטע שיך,
און אין אַ קעלער אָנציגדן ליכט.

אַ וואָג מיט פינקטלעכן געוויכט —
פּאָעטן זאָלן די גראַמען אָף איר וועגן,
אַ בליק אַ לויטערן פון מײַן מאַמעס געזיכט,
זי זאָל לויכטן, ווי אַ זון מיט אַ רעגן!

די זון באַנאַכט

די זון אינמיטן דער נאַכט
האָט זיך אין מײַן פענצטער
אַרײַנגעקײַקלט.
כ׳האָב זיך דערשראָקן —
דאָס גייט די קאַלטער ערד
מיט אַ פײַקל
באַגעגענען מאַטראָסן פון יאַם.

זיי האָבן זיך אומגעקערט
פון מאַראָקאָ צי פון טוניס,
זייערע הערצער זיך שפּאַלטן,
ווי קאָקאָסאָווע ניס!
וואָס מאַכן די נעגער־שוואַטים
אָף דער הייסער ערד? —
זיי קאָוועז פון שטאָל אַ קאַלטע שווערד...

מײַן שטעקן

פֿייגעלעך, האָט ניט קיין מוירע,
וואָס כ׳גיי ארום מיט א שטעקן,
איך שרײַב מיט אים לידער אפֿן זאמד,
ווען די זון וואשט מיט טוי די אויגן
און די ערד איז באטאמט.

פֿייגעלעך, אף דעם געשליפֿענעם זאמד
גרינג איז מיר שרײַבן און מעקן,
אויב די שורע פֿאלש זיך גראמט,
כ׳לאָז גלײַך אראָפּ דעם שטעקן.

פֿייגעלעך, נעמט מיך, כ׳בעט, צו זיך,
איך וויל דעם וואלד מיט אײַער געזאנג
פֿון זײַנע גרינע כאלוימעס וועקן,
זיך באָדן מיט אײַך אין פֿרימאָרגן־ליכט,
ניט שרײַבן קיין לידער מיטן שטעקן.

מײַן קאָמפּאָזיטאָר

כ׳האָב פֿארלוירן אין יאם א ליד,
איז דער יאם פֿונעם טינט
געוואָרן בלויער,
שטיי איך אומבאהאָלפֿן, ווי א קינד,
מיט פֿולע אויגן טרויער.

גיב מיר, יאם, אָפּ מײַן ליד צוריק,
מאך ניט קיין לײַטיש געלעכטער!
האָט דער יאם מיר ניט
אומגעקערט די ליד,
ער שרײַבט, זאָגט ער, מוזיק —
ז ײַ ן מוזיק און מ ײַ נ ע ווערטער.

באם יאם

שטייט די לעוואָנע אף א שטיין
אינמיטן יאם און שרײַט:
— כ׳האָב דיר אראָפּגעלאָזט
א זילבערנעם לייטער,
קום ארוף, ס׳איז שוין צײַט.
פֿונדאנען אראָפּוואַרפֿן אין יאם
וועסט דײַן פֿון דוירעס אין הארץ
באהאלטענעם וויטעק
און זיך אומקערן צום ברעג,

ווי די לויטערע כוואליע,
וואָס מיט פֿעלדזן א גאנצע נאכט
אזוי ערלעך זיך שלאָגט!..
ענטפֿער איך דער לעוואָנע:
— כ׳האָב שוין דערטרונקען אין יאם
מײַן פֿון דוירעס אין הארץ
באהאלטענעם וויטעק,
זע, אפֿן גאנצן ברעג עס טאָגט!

שטילקײַט

פֿארקער צום גרינעם וואלד,
וואָס דער טאָג מיט א גאָלדענעם שלאָס
אף באנאכט פֿארשליסט,
טו אויס דאָס העמד

און לייג עס אוועק אפֿן גראָז,
צי הענג עס אויף אף א צווײַג
פֿון אן אלטן דעמב
באם שלאָפֿלאָזן טײַך,

וואָס אין די בערג פֿליסט.
און זיך איבער די נאַכט און שווײַג,
וועסטו הערן,
ווי שטיקערווײַז די שטילקײַט פֿאַלט
פֿון יעדער בוים אין וואַלד,
ווי שטערן
גייען אָף די שפּיץ פֿינגער ארום
מיט שליסלען אין די הענט,
זוכן אין די גרינע ווענט
פֿאַרשלאָסענע סייפֿן אָף,
סייפֿן פֿון מענטשלעכער גוורע
און הייליקן רום;

אונטער יעדער בוים, אומעטום,
האָט געברענט,
און איך — מיט דורכגעשאָסענע פֿיס
אין וואַלד.
ער איז געווען מיט הארוגים
אָנגעשטאָפּט,
אין פֿײַערן פֿאַרקלעמט.
איך האָב דעמלט רויט געמאַכט
דעם טײַך מיט מײַן העמד.
שטיקערווײַז די שטילקײַט פֿאַלט —
ווער ווייסט, וואָס דער וואַלד
אין אַזאַ שטילקײַט באַהאַלט?

א צאָפֿן־טײַך

דרײַ מאָל אין טאָג אנטלויפֿט דער טײַך
צום יאַם
און קערט זיך אום ווידער —
די פֿיש בלײַבן ליגן אָפֿן זאַמד,
ווי ניט קיין געדרוקטע לידער.

איך נעם זיי אין די הענט,
שטיי מיט זיי ווי א טאַם...
מיט וואָס זאָל איך אײַך טרייסטן, טײַערע פֿיש?
מיך ציט אויך, ווי א טײַך צום גרויסן יאַם,
נאָר איך בלײַב נאָך אַלץ בא מײַן קלײנינקן
טיש.

די יונגע לעוואָנע

מיך צוגענומען פֿון מײַן שיינהײַט, מײַן ליבע —
די יונגע לעוואָנע אָפֿן בוים איז געבליבן.

מיך אין טורמעס פֿאַרשלאָסן, דורך וועלדער
געטריבן —
די יונגע לעוואָנע אָפֿן בוים איז געבליבן.

איך געדענק אים, דײַן גאָרטן, דאָס הילצערנע
שטיבל —
די יונגע לעוואָנע אָפֿן בוים איז געבליבן.

איך קוש דיך, מײַן שיינהײַט, האַלדז דיך,
מײַן ליבע —
די יונגע לעוואָנע אָפֿן בוים איז געבליבן!

פון דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור

יורי סמאָליטש

אונדזער פֿרײַנטשאַפֿט

כאַשעוווע כאַווייריִם!

מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט אַף אַן אָוונט, געווידמעט דער באַגעגעניש פון דער רעדקאָלעגיע און די אוטאָרן פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט זײַנע קיִעווער לייענער.

מיר ווען אויסהערן די ארויסטרעטונגען פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכער וועט אינפאָרמירן וועגן די שעפערישע פּלענער און וועגן די ווײַטערדיקע פּערספּעקטיוון פונעם זשורנאַל, די ארויסטרעטונגען פון די אווטאָרן פונעם זשורנאַל — די ייִדישע שרײַבער און אויך פון די אוקראַיִנישע דיכטער.

די באַריכטן פון די רעדקאָלעגיעס פאַר זייערע לייענער זײַנען שוין לאַנג געוואָרן א גוטע טראַדיציע פון אַלע אונדזערע סאָוועטישע פּרעסע־אָרגאַנען — אָן דעם איז, אייגנטלעך, שווער זיך פאָרשטעלן די אַרבעט פון א הײַנטצײַטיקן סאָוועטישן זשורנאַל. וואָס איז שײַעך „סאָוועטיש היימלאַנד", איז אַזאַ באַגעגעניש פון דער רעדקאָלעגיע און פון דעם אווטאָרן־קאָלעקטיוו מיטן לייענער ביז גאָר א נויטווענדיקע. ערשטנס, איז נאָך אַזאַ באַגעגעניש אין קיִעוו ניט געווען, פון זינט דער זשורנאַל עקזיסטירט, און, צווייטנס, פון נײַעם יאָר ווערט „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרוואַנדלט אין א כוידעש־זשורנאַל, דה. ער ווערט צוויי מאָל גרעסער און עס ווערן, אַזוי־אַרום, צוויי מאָל גרעסער אויך די פּערספּעקטיוון פון זײַנע אווטאָרן און פאַר זײַנע לייענער. מיר צווייפלען ניט, אַז נאָך דער פאַרגרעסערונג פונעם פאַרנעם פון זשורנאַל, נאָך דער פאַרברייטערונג און באַרײַכערונג פון זײַן אינהאַלט — וועט אַנטשפּרעכיק אויסוואַקסן אויך זײַן טיראַזש, דער קרײַז פון זײַנע באַשטענדיקע לייענער. אַזאַ באַגעגעניש פונעם אווטאָרן־קאָלעקטיוו פון זשורנאַל, וועלכער איז פאַקטיש דער יעסאָד פון דער גאַנצער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, איז אויסערסט נויטווענדיק אויך דערפאַר, וואָס די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל וועט אָנהייבן אויך ארויסגעבן ביכער אַף דער ייִדישער שפּראַך.

מיר נעמען אויף אַזוי־אַרום דעם הײַנטיקן אָוונט ווי א פרײדיקע דערשײַנונג אין אונדזער ליטעראַריש לעבן, אינעם שעפערישן פּראָצעס פון דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור. דערלויבט זשע מיר, עפענענדיק אונדזער אָוונט, פריִער פאַר אַלץ אין נאָמען פון די אוקראַיִנישע שרײַבער, אין נאָמען פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון אוקראַיִנע, האַרציק באַגריסן די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", זײַן אווטאָרישן קאָלעקטיוו און אַלע ייִדישע שרײַבער, וואָס זײַנען בײַוועזנד אַפן אָוונט און ניט בײַוועזנד.

מיר האַלטן אויך, אַז דער אָוונט פון „סאָוועטיש היימלאַנד" גראָד אין קיִעוו, דער הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע, ווערט אײַנגעאָרדנט זייער צום אָרט, ווײַל, אויב, לאָמיר זאָגן, נעמען אין אַכט גראָד דעם סאָוועטישן פּעריאָד אין דער ייִדישער ליטעראַטור, איז אוקראַיִנע, — איך וועל זיך דערלויבן אַזוי אויסדריקן, — אייגנטלעך, דאָס וויגעלע פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. און אויך אַצינד, הײַנט, אייגנטלעך געררעדט, ווינען און שאַפן אין אוקראַיִנע, באַזונדערס אין קיִעוו, זייער וויכטיקע

מיר דרוקן דאָ דאָס אַרײַנפיר־וואָרט פונעם פאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פונעם אוקראַיִנישן שרײַבער־פאַרבאַנד יורי סמאָליטש אַף דער לייענער־קאָנפערענץ פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אין קיִעוו דעם 8 אָקטיאַבער 1964.

שעפער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, באַזונדערס פון דער גרויסער פּראָזע אויף ייִדיש.

דעריבער לאָמיר דעם הײַנטיקן אָוונט רעכענען בלויז אַלס ערשטן אָוונט פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ אין קיִעוו, האָבנדיק אין זינען, אַז אין דער צוקונפט וועט זײַן אויך אַ צווייטער און אַ דריטער; און אויב דער הײַנטיקער אָוונט — גראָד דערפאַר, ווײַל ער איז דער ערשטער, — וועט נאַטירלעך טראָגן אין אַ געווויסער מאָס אַ פײַערלעכן כאַראַקטער, איז לאָמיר האָפן, אַז די ווײַטערדיקע אָוונטן וועלן שוין טראָגן אַן אויסשליסלעך שעפערישן כאַראַקטער, ווען די שרײַבער וועלן עפענען פאַר די לייענער זייער שעפערישע לאַבאָראַטאָריע, און דער לייענער וועט, נאַטירלעך, האָבן די מעגלעכקײַט קומען מיט זײַנע מיינונגען און פאָדערונגען צו די שרײַבער.

איך האָב זיך דערלויבט אָנרופן אוקראַיִנע „דאָס וויגעלע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין איר סאָוועטישן פּעריאָד“ — און איך מיין, אַז אַזוי איז עס טאַקע. נאָר איך מוז אויך דערמאָנען, אַז די פאַרבינדונגען פון דער אוקראַיִנישער און ייִדישער ליטעראַטור זײַנען שוין לאַנגדויערנדיקע; די אַנטוויקלונג פון אונדזערע ליטעראַטורן גייט באַנאַנד, און זיי ווירקן איינע אויף דער אַנדערער שוין פון לאַנג. און אָט די פאַרבינדונגען זײַנען אויף אַזויפיל שטאַרק און די קעגנזײַטיקע ווירקונגען אויף אַזויפיל רעאַל, אַז מיר האָבן אַ פולן גרונט צו ריידן וועגן אַ לאַנגאָניקער און טראַדיציאָנעלער פרײַנטשאַפט פון דער אוקראַיִנישער און ייִדישער ליטעראַטור.

און בעעמעס: ווען מיר באַטראַכטן דעם אינהאַלט פון דער ייִדישער ליטעראַטור, זעען מיר, אַז דער אוקראַיִנישער סוזשעט פיגורירט שטענדיק אין די שאַפונגען פון די ייִדישע דיכטער, פּראָזאַיִקער און דראַמאַטורגן. און דאָס איז נאַטירלעך, ווײַל גרויסע מאַסן פון ייִדישן פאָלק האָבן געלעבט און לעבן צוזאַמען מיטן אוקראַיִנישן פאָלק מיט אַן איינהײַטלעכן אַלגעמיינעם שעפערישן אַרבעטס־לעבן, אייניינעם בויען מיר אונדזער קאָמוניסטישע צוקונפט. קעדיי זיך איבערצײַגן אין דער רײַכקײַט פון דעם אוקראַיִנישן קאָלאָריט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, איז גענוג דערמאָנען אַזעלכע גיגאַנטן פון דער ייִדישער ליטעראַטור פונעם עלטערן דאָר, ווי מענדעלע מוכר־ספֿרים, שלום־עליכם, בערגעלסאָן, דער ניסתּר... בערגעלסאָן און דער ניסתּר, וועלכע זײַנען געוואָרן דער בריק, איבער וועלכן די ייִדישע ליטעראַטור איז איבערגעגאַנגען אין איר סאָוועטישן פּעריאָד. און דאָ, אויף דעם סאָוועטישן ברעג, האָבן די עסטאַפעטע איבערגענומען אַשער שוואַרצמאַן, מאַרקיש, האָפשטיין, פעפער, קוויטקאָ, — און אין דער שאַפונג פון יעדערן פון זיי האָט נאָך שטאַרקער אַ קלונג געטאָן דער אוקראַיִנישער מאָטיוו.

איך האָב דערמאָנט ניסתּרן, און די דערמאָנונג וועגן אים האָט ניט ווילנדיק אָפּגעוועקט מײַן אויפמערקזאַמקײַט: דער ניסתּר איז געווען מײַן האַרציקער פרײַנט אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן, און מיך האָט זייער אויפגערעגט די ידיעה וועגן דעם, אַז ניט לאַנג צוריק איז געפונען געוואָרן אַ מאַנוסקריפּט פונעם ניסתּרס לעצטן ראָמאַן און אַז דער ראָמאַן איז אָפּגעדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“. מיך פרייט זייער, וואָס דער ראָמאַן איז אָנגעשריבן אין אַ רעאַליסטישן סטיל, און דערמיט ווערט ענדגילטיק אַראָפּגענומען די פראַגע וועגן די אַמאָליקע טענדענצן בײַ ניסתּרן צו סימבאָליזם, צו מאָדערניזם. אַגעוו, אויך דער אוקראַיִנישער מאָטיוו, וועגן וועלכן ס'איז געגאַנגען אַ רייד, האָט זיכער נאָך שטאַרקער אַ קלונג געטאָן אין דעם ראָמאַן וועגן די געשעענישן פון דער רעוואָליוציע פון טויזנט נײַן הונדערט פינפטן יאָר אויף אוקראַיִנע.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו די פאַרבינדונגען און צוזאַמענאַרבעט פון דער אוקראַיִנישער און ייִדישער ליטעראַטור.

די אוקראַיִנישע ליטעראַטור איז שטאַרק דאַנקבאַר דאָוויד האָפשטיינען פאַר איבערזעצן אין ייִדיש שעוועטשענקאָס „קאָבזאַר“. שוין דערמיט אַליין האָט דאָוויד האָפשטיין געשאַפן זיך אויף אוקראַיִנע אַן אייביקן דענקמאָל.

די אוקראַיִנישע ליטעראַטור איז אויך דאַנקבאַר האָפשטיינס כאַווײרים — פיניבערגן, כאַשטשעוואַצקין, האַרצמאַנען, דיִאַמאַנטן און אַנדערע דיכטער, וועלכע האָבן איבערגעזעצט אין ייִדיש די ווערק פון די ריזן פון דער אוקראַיִנישער פּאָעזיע איוואַן פראַנקאָ און לעסיא אוקראַיִנקאַ.

אונדז פרייט — און, איך בין זיכער, די ייִדישע שרײַבער שטאָלצירן דערמיט, וואָס די ייִדישע דיכטונג איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אוקראַיִניש פון אַזעלכע אָנגעזעענע אוקראַיִנישע פּאָעטן, ווי פּאַוולאָ טיטשינאַ, מאַקסים רילסקי, וולאַדימיר סאָסיוראַ, מיקאָלאַ טערעשטשענקאָ, נאַטאַליאַ זאַבילאָ, פּאַוולאָ אוסענקאָ, איוואַן גאָנטשאַרענקאָ, מאַריִאַ פּריגאַראַ, מיקאָלאַ אופּעניק, יורי פּעטרענקאָ און אַ סאַך אַנדערע. די ייִדישע פּראָזע קענען מיר אין די איבערזעצונגען פון רייצינען, פּאַרכאָמאָווסקין און אַנדערע.

איך וויל מיטיילן, אַז נאָך האַיאָר גייען אַרויס פון דרוק אין דער איבערזעצונג אויף דער אוקראַיִנישער שפּראַך האָפשטיינס לידער — אין פאַרלאַג „דניפּראָ“ און „דערזשליטווידאַוו“ און אַ זאַמלונג צום 75־טן געבורטסטאָג פון שוואַרצמאַנען — אין פאַרלאַג „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק“.

פאַר דער לעצטער צײַט האָט דער אוקראַיִנישער לייענער געהאַט די מעגלעכקײַט צו באַקענען זיך, אין דער איבערזעצונג אויף דער אוקראַיִנישער שפּראַך, מיט די פּאָעטישע זאַמלונגען פון טאַלאַלאַיעווסקין, דיִאַמאַנטן, העלמאָנדן, באַליאַסנען, כײַקינען. מיר האָפן, אַז ס'וועט אַרויס פון דרוק אויך בוכבינדערס לידער־זאַמלונג, וועלכע מיר קענען איצט בלויז לויט דער מאָסקווער רוסישער אויסגאַבע. פאַר דער צײַט האָט דער אוקראַיִנישער לייענער דורכגעלייענט קאַהאַנס און פּאָליאַנקערס ראָמאַנען, אַראָנסקיס און פאַליקמאַנס ווערק.

דער אוקראַיִנישער לייענער דערוואַרט נאָך פיל ווערק פון די ייִדישע שרײַבער. און מיר ווייסן, אַז ער וועט באַקומען אָט די ווערק. איך וועל זיך דערלויבן אַ ביסל פאַרהאַלטן אײַער אויפמערקזאַמקײַט, כאַווײרים לייענער, קעדיי מיט עטלעכע בײַשפּילן צו אילוסטרירן אָט די איבערצײַגונג מײַנע.

עליע שעכטמאַן, וועלכער האָט, ווי איר ווייסט, אָפּגעדרוקט אין זשורנאַל אַ ראָמאַן „ערעוו“, פאַרענדיקט איצט דעם צווייטן בוך פון אָט דעם ראָמאַן.

נאַטאַן זאַבאַרע, אַווטאָר פונעם ראָמאַן „דער פאָטער“, דרוקט איצט אין זשורנאַל אַ נײַעם ראָמאַן „הײַנט ווערט געבוירן אַ וועלט“.

הערש פאַליאַנקער, אַווטאָר פונעם ראָמאַן „דער סאָד פון אַריכאַס־יאָמים“, דרוקט איצט אין זשורנאַל אַ נײַעם ראָמאַן „דער בעקער פון קאַלאָמייע“.

יעכיעל פאַליקמאַן, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט אַ ראָמאַן „די פאַרוואָרטייטע נעמען געווער“ און אַ ביכל דערציילונגען „דער ביטערער יאָדער“, ענדיקט די אַרבעט איבערן ראָמאַן וועגן קיִעווער אונטערערד „דער שוואַרצער ווינט“.

כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו דרוקט אין זשורנאַל אַ דערציילונג.

איציק קיפּניס, אַווטאָר פונעם באַרימטן בוך „כאַדאָשים און טעג“, גרייט צום דרוק פראַגמענטן פון זײַן „טאָגבוך“ און אַרבעט סיסטעמאַטיש אין דעם זשאַנער פון קינדער־דערציילונגען.

אַווראָם קאַהאַן, וועמעס בוך עס איז דערשינען אויף דער אוקראַיִנישער שפּראַך מיט פינף יאָר צוריק און דערנאָך איז ער אַרויסגעטראָטן מיטן ראָמאַן „שאָלעם־אַליכעם“, אַרבעט איצט אויף אַ נײַעם ראָמאַן וועגן דעם בייליס־פּראָצעס.

כאַווײרים, איך האָב גערעדט אויסשליסלעך וועגן פּראָזע, כדי צו דערווײַזן די גוטע פּערספּעקטיוון פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור אין אוקראַיִנע. וועגן די דיכטער, וואָס זײַנען דאָ אַנוועזנד, וועל איך ניט ריידן, ווײַל עס וועט דאָך זײַן דער צווייטער טייל פון אונדזער איצטיקן אָוונט, — די דיכטער וועלן לייענען זייערע ווערק און וועלן אַליין וועגן זיך דערציילן.

ווי מיר זעען, אַרבעט אויך איצט אַ באַדײַטנדיקע צאָל שעפער פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור אין אוקראַיִנע און דעריקער טאַקע אין קיִעוו. דעריבער דערוואַרטן מיר, אַז די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל וועט אָפּגעבן אַ באַזונדער אַכט אונדזער קיִעווער גרופּע ייִדישע שרײַבער. וואָס הייסט עס — אַ באַזונדער אַכט?

פאַרשטייט זיך, איך מיין מיט דעם אויך, אַז מיר וואָלטן געוואָלט זען נאָך מער ווערק פון די קיִעווער שרײַבער אויף די שפּאַלטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד“. נאָר ס'גייט ניט בלויז אין דעם. איך וויל מיט דעם זאָגן, אַז איך רוף די רעדאַקציע, זי זאָל שטעלן גרעסערע פאָדערונגען צו אירע אַווטאָרן. אַ גאַנצע ריי ייִדישע שרײַבער אַרבעטן איצט אויף דער היסטאָרישער טעמאַטיק. זעלבסטפאַרשטענדלעך, דאָס איז אַ וויכטיקע טעמע: ניט ווייסנדיק די פאַרגאַנגענהײַט, וועסטו ניט קאָנען באַנעמען אויך דײַן צוקונפט. פאַר אונדזער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור שטייט אָבער איצט די וויכטיקסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע אויפגאַבע — העלפן אונדזער מיטצײַטלער פאַרשטיין אונדזער הײַנטצײַטיקייט! די הײַנטצײַטיקע טעמע — די מאָראַלישע, עטישע, עסטעטישע, פּאָליטישע — דאַרף שטיין אין צענטער פון דער אויפמערקזאַמקייט פון דער רעדאַקציע, און דערפאַר דאַרפן וואַקסן די פאָדערונגען פון דער רעדאַקציע צו אירע אַווטאָרן. פאַרגרעסערן די ספּעציפישע וואָג פון דער הײַנטצײַטיקייט אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ — דאָס איז אונדזער ערשטער ווונטש דער רעדאַקציע פונעם זשורנאַל.

מיט דעם אָבער באַגרענעצן זיך ניט אונדזערע ווונטשן.

די הײַנטצײַטיקע ייִדישע ליטעראַטור ווערט געשאַפן דורך אַן אידייִש־געזונטן, שעפעריש־קרעפטיקן קאָלעקטיוו פון דיכטער און פּראָזאַיִקער. און געוואָרן איז ער אַזאַ באַזונדערס אויך דערפאַר, ווײַל שעפעריש־קרעפטיקע און געזונטע זײַנען געווען זײַנע עלטערע כאַווײרים און פאַרגייער. און אונדז ווילט זיך, אַז אַט די עלטערע כאַווײרים און פאַרגייער, וואָס זײַנען הײַנט שוין ניטאָ אין אונדזערע רייען, זאָלן, פּונקט ווי ביז איצט, בלײַבן אַלס אַקטיווע בויער אין דער ייִדישער ליטעראַטור. איך האָב דאָ אין זינען די, וואָס זײַנען געפאַלן אינעם העלדישן קאַמף מיט די פאַשיסטישע כאַיאָלעס אויף די פראָנטן פון דער מילכאָמע, — צווישן זיי אויך די שרײַבער פון אונדזער רעפּובליק אַראָנסקי, כאַשטשעוואַצקי, האַרצמאַן, דיאַמאַנט, העלמאַנד; איך האָב דאָ אין זינען די, וואָס זײַנען אומגעקומען אין די יאָרן פונעם סטאַלין־קולט, — האָפשטיין, פעפער, קוויטקאָ, מאַרקיש, בערגעלסאָן, דער ניסטער; כ'האָב אין זינען אויך די פאַרשטאָרבענע כאַווײרים פינטשעווסקי, אָרלאַנד, סיטאָ און אַנדערע.

מע דאַרף דערלערנען זייער שעפערישע ירושע, אויסניצן זייער שרײַבערישע דערפאַרונג. די קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער האָבן דאָ אַ יאַם מיט אַרבעט!

און נאָך איין באַמערקונג, די לעצטע: פּונקט אַזוי ווי ס'איז ווינטשנסווערט די אַרויסטרעטונגען פון די ייִדישע שרײַבער אויף די שפּאַלטן פון אונדזערע אוקראַיִנישע זשורנאַלן, אַזוי איז אויך ווינטשנסווערט דערזען אוקראַיִנישע דיכטער און פּראָזאַיִקער אין „סאָוועטיש היימלאַנד“.

מיר ווינטשן דעם ייִדישן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ דערפאָלגן אין זײַן וויכטיקער אַרבעט. דערפאָלגן און נאָכאַמאָל דערפאָלגן!

מיר לעבן אַלע מיטן אָנגעשטרענגטן, באַגײַסטערטן שעפערישן לעבן פון אונדזער גאַנצן סאָוועטישן פאָלק, וואָס בויט די גרויסע צוקונפט פון דער מענטשהײַט — דעם קאָמוניזם. און יעדער דערפאָלג אין דער אַרבעט אויף אַ באַליביקן באַצירק — דאָס איז אונדזער אַלגעמיינער דערפאָלג, נאָך איין טראָט אין אונדזער באַוועגונג פאָרויס.

אַלעס גאַנטשאַר

אוסמאַן און מאַרטע

(אַ דערציילונג פון אַ באַטאַרייעץ)

מער פון אַלץ האָב איך ליב די צייַט פון אָנהייב פרילינג — מיט אירע יונגע ווינטן און ראָזעווע פרימאָרגנס, וואָס שפּרייטן זיך אויס אויף אַ האַלבן הימל.

די קראַסנאָטאַלן אויפן טרוכאַנאָווער אינדזל וואַכן אויף נאָכן ווינטער. פאַרטרוימטע ליגן אין דערוואַרטונג די ראַכוועסדיקע ווייַטן, וואָס ציִען זיך פון יענער זייַט דניעפּער. די נאַסע מאַרט־ווינטן בלאָזן פון דאָרטן אויף קיִעוו, אויפן וולאַדימירער בערגל, און וועקן אויף אין האַרצן דאָס צאַרטע, מילדע, ווייַטע, וואָס האָט ביז איצט ווי געדרעמלט ערגעץ אין די טיפענישן, און מיטן ערשטן אָטעם פונעם פרילינג הייבט זיך אַלץ ווידער אויף, און שלאָגט זיך דורך אויף דער אויבערפלאַך...

אוסמאַן און מאַרטע! ווו זייַנען זיי איצט? וואָס איז מיט זיי ווייַטער פאָרגעקומען? און פאַרוואָס גראָד וועגן זיי דערמאָן איך זיך אין אָט דעם צאַרטן קיִעווער אָנהייב פרילינג?

געווען איז דאָס אין לעטלאַנד. נאָך עטלעכע טעג אויסמאַטערנדיקע אָנגריף־שלאַכטן איבער די צעהאַרגעטע פראָנט־וועגן האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט מיט דער באַטאַרייע אין אַ טויבן, האַלב־רויִנירטן כוטאָר, אַ פאַרוואָרפענעם צווישן בלאָטעס און בערעזע־וועלדלעך.

דער באַלעבאָס פונעם כוטאָר האָט זיך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין באַזונדערער גאַסטפרייַנטלעכקייַט, די באַלעבאָסטע איז אויך געווען צוריקגעהאַלטן, קאַרג אויף אַ וואָרט. דערפאַר אָבער איז זייער טעכטערל — אַ ווייַסינקע, נאָך גאָר אַ קינד — גלייַך צוגעוואָקסן מיט דער גאַנצער נעשאָמע צו די שלאַכטלייַט און ניט אויסבאַהאַלטן איר צופרידנקייַט מיטן אָנקומען פון אונדזער מיליטער צו זיי אין כוטאָר אַרייַן.

גערופן האָט מען דאָס מיידל מאַרטע. אַ פלינקס, אַ לעבעדיקס, האָט עס אומעטום באַוויזן אויסוואַקסן. ווי אַ וועווערקע, האָט זי זיך געטראָגן הין און צוריק איבערן גערוימען הויף, פאָכענדיק מיט אירע ליכטיקע לייַנענע צעפּלעך, שורשענדיק מיטן בונטן קליידל און פאַרטעכל.

צוליב איר האָט דער גאַנצער הויף אונדז אויסגעזען פרייַלעכער. מיט איר גאַנצן וועזן האָט זי, דאַכט זיך, באַשייַנט די אָנגעכמורעטע נאַטור פון אָט דעם שטרענגן קאַנט.

הינטער די פּלייצעס פון יעדן פון אונדז זייַנען געלעגן טויזנטער פראָנט־וועגן, אָנצאָליקע שווערע, אַכזאָריעסדיקע שלאַכטן, און פאַר דער צייַט האָבן אונדזערע האַרצער געקאָנט אָנווערן זייער פילבאַרקייַט, נאָר, אַפּאָנעם, אַז עס איז ניט אָפּגעטעמפּט געוואָרן דאָס אויג פאַר שיינקייַט, ווייַל באַלד, נאָך אונדזער אָנקומען אויפן כוטאָר, האָבן מיר באַמערקט, אַז דער פרילינג צעלאָזט זייַנע קנאָספּן, אַז מאַרטע וואַקסט אַלץ אָפּטער אויס דאָרט, ווו עס געפינט זיך דער ייִנגסטער פון אונדז, דער אונטערגעצויגענער, שטאַלטנער אָרדינאַרעץ פונעם באַטאַריי־קאָמאַנדיר אוסמאַן!

אַ דערצויגלינג פון דער באַטאַרייע, איז ער געווען אַלעמענס ליבלינג. קיין שום סוידעס האָט ער פון אונדז ניט אויסבאַהאַלטן. און דערפאַר האָט די גאַנצע באַטאַרייע געוווּסט, אַז קיין איין מיידל האָט נאָך ניט געהאַלדזט און ניט געקושט אוסמאַנען — אַלע קישעפן פון דער ערשטער ליבע זייַנען אים נאָך פאָרגעשטאַנען, און אָט דאָ, זעט אויס, איז געקומען אויך זייַן שאָ!..

דער באָכער האָט זיך געענדערט מאַמעש פאַר אונדזערע אויגן. און ניט זייַן בראַווע קובאַנקע מיטן רויטן אָקאָלעשעק, וועלכע עס האָט אים דאָ אופגענייט דער באַטאַריי־שנייַדער, האָט אים אַזוי געענדערט. ער האָט זיך געענדערט אינערלעך, פון דערוואַרטונג, פון פריידיקן פאָרגעפיל... פאַר וואָס ער זאָל זיך ניט געווען נעמען — האָט די אַרבעט מאַמעש געברענט אונטער זייַנע הענט, און דאָס טרוימעריש־ליכטיקע שמייכעלע איז אויף קיין רעגע ניט פאַרשוווּנדן פון זייַן פּאָנעם. רייניקט ער דעם אַווטאָמאַט — שמייכלט ער צום אַווטאָמאַט, טוט ער אַ קוק אויפן וועלדל — שמייכלט ער צום וועלדל, צו די יונגיטשקע ווייַסע בערעזקעס.

דער באָכער האָט ניט אויסבאַהאַלטן פון אונדז, אַז ער איז אַנציקט פון מאַרטען, זײַנע שטורמישע יוגנטלעכע איבערלעבונגען; און די ערשטע ליבע זייערע, וואָס האָט זיך צעשײַנט, ווי דער זון־אויפגאַנג, איבער זיי ביידן, האָט געוואָרפן אַן אָפּשײַן אויף דער גאַנצער באַטאַרייע. מיר האָבן זיך אויך באַמרויִקט און איבערגעלעבט פאַר דער יונגער פּאָר. יעדער איינער פון די באַטאַרייצעס האָט געהאַלטן פאַר נייטיק צו באַגליקן אוסמאַנען מיט זײַנע אייצעס און אײַנשטעלונגען, און ווען מיר האָבן דערזען, ווי אונדזערע יונגיטשקע ריידן עפּעס באַם ברונעם, ווי מאַרטע פּאַכעט מיטן עמער און שמייכלט אונטער צו אוסמאַנען אַזוי אָפן, לויטער, האַלב־קינדעריש, — פלעגט אונדז אַלעמען ווערן מעכײַעדיק גוט, ווארעמער אויף דער נשמה.

געוואונדערט האָט בלויז איינס: וועגן וואָס און וויִאַזוי האָבן זיי געקאָנט ריידן, — אָט דער שוואַרצכיינעוודיקער באָכער פון סאַמאַרקאַנד און דאָס ווײַסינקע לעטישע מיידל? מאַרטע האָט קימאַט אינגאַנצן ניט געקענט די רוסישע שפּראַך, אוסמאַנען איז דאָס לשון אָנגעקומען אויך ניט גרינג, און דאָך איז דאָס געווען די איינציקע שפּראַך, אויף וועלכער זיי האָבן זיך געקאָנט צונויפריידן.

עס איז אונטערגעקומען דער טאָג פון באָדן זיך. פריִער, ווען אוסמאַנען איז אויסגעקומען גרייטן די באָד, פלעגט ער זיך נעמען צו דער מאַרודנער אַרבעט אָן שום כיישעק: איינע דײַגעס, קיין שום העלדישקייט... נאָר דאָס מאָל איז ער אַוועק הייצן די באָד מיט פרייד, גלײַך ווי עס וואָלט געוואָרט אויף אים דאָרטן, אין גאָרטן, עפּעס אַ יאָמטעוו. אַ שאָד, וואָס דאָס גאַסע האָלץ טליִעט בלויז און וויל נישט ברענען, אַ שאָד, וואָס דער רויך פאַרשלאָגט אויף דערשטיקט צו ווערן — אָבער דאָס אַלץ איז גאָרניט, ווען לעבן דיר לויכטן דורך דעם רויך, ווי צוויי שטערן פאַרליבטע מיידלשע אויגן.

מע האָט אינצווייען מיט מאַרטען אָרודעוועט מיט דער קאָטשערע, זאַלבעצווייט געטראָגן האָלץ, צוזאַמען צעבלאָזן דאָס פײַער, אײַנגעמאַסטעט זיך בא דער טאָפּקע, ווי קינדער. אוונטצײַט איז די באָד סאַפּקאַלסאַף גרייט געווען, און אוסמאַן, אַן אויסגעשמירטער אין סאַזשע, ווי אַ גוטער קוימענקערער, איז געקומען צו לויפן צו ראַפּאָרטירן דעם קאָמאַנדיר פון דער באַטאַרייע. אויסציִענדיק זיך, אַ פאַרסאָפּעטער און אַן אויפגערודערטער, ווי אַ מענטש, וואָס האָט אומדערוואַרט אַנטדעקט אַ גרויסן אויצער און גלייבט נאָך אַליין נישט אין זײַן גליק, האָט ער אויסגעשריגן:

— כּאוועך קאַפּיטאַן, דערלויבט ראַפּאָרטירן!

— ראַפּאָרטיר.

— די באָד איז גרייט! אינגאַנצן גרייט!

— גוט...

דער קאָמבאַט און אַלע בײַוועזנדע האָבן געזען, אַז דאָס מאָל האָט אוסמאַן עפּעס ניט דערזאָגט. ס'איז געווען צו זען, אַז מיטן באָכער איז פאַרלאָפן עפּעס אויסערגעוויינלעכס.

— עפּעס זעסטו מיר אויס זייער צעטראָגן, אוסמאַן, עפּשער האָסטו דאָרטן מיט עמעצן אויסגעטרונקען?

— ניין, ניט אויסגעטרונקען, כּאוועך קאַפּיטאַן!

— איז וואָס זשע איז געשען?

— מיר... מיר... מיר האָבן מיט איר... זיך צעקושט!

אָט דאָס איז געווען אַ נײַס! דער קאָמבאַט איז אויף אַ רגע דערשטוינט געבליבן, אָן איבעראַשטער פון אוסמאַנס אַנערקענונג.

— אַזוי, אַזוי... וויִאַזוי זשע איז דאָס געשען?

— דער רויך, כּאוועך קאַפּיטאַן! מיר האָבן צעלייגט אַ פײַער, און דער רויך האָט אַ זעץ געטאָן פון דער טאָפּקע, מע האָט גאָרניט געזען... מיר האָבן אַליין ניט געפילט, וויִאַזוי עס האָט זיך בא אונדז באַקומען!

די זעלנער האָבן אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. אויך דער קאָמבאַט האָט אײַנגעהאַלטן אַ שמייכל געטאָן.

— נו איז וואָס... איצט דאַרפסטו מיט איר כאַסענע האָבן, ברודערקע. דו האָסט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם, אוסמאַן?

— פאַרשטייט זיך, אוודע! ווי זשע קאָן אַנדערש זײַן! אַ סאַך, אַ סאַך געטראַכט.

— און וואָס זשע?

— כּאוועך קאַפּיטאַן, איך בין גרייט!

די סאָלדאַטן האָט געפרייט אוסמאַנס אויפריכטיקע היציקײַט.

— איצט וועט שוין אונדזער באטארייע האָבן א „שנור“, — האָבן זיך געוויצלט די כעוורע, — נאָר וואָס פאר א גאַלעך וועט איַיך כאסענע מאכן? מארטע איז, זעט אויס, א קאטויליש, און דו — פון מאגאָמעטאנער גלויבן...

אָבער דעם באָכער איז איצט ניט אָנגעגאנגען קיין שפאס, ער האָט זיך געדארפט גרייטן צו דער באגעגעניש מיט איר... עס לאָזט זיך אויס, אז מארטע האָט אים איַינגעלאָדן אין אָוונט צו זיך, אף דער באלעבאטישער העלפט. אין אָוונט וועט ער שוין זיַין דאָרט און פארבליַיבן מיט איר אין איר מיידלש צימערל.

דער איניען איז געוואָרן זייער ערנסט: צי זאָל אוסמאַן גיין אָדער ניט גיין צו מארטען? די מיינונגען פון די באטארייצעס וועגן דעם זיַינען געווען פארשיידענע. אייניקע האָבן געהאלטן, אז דאָס איז נידערטרעכטיק, אז די עלטערן קאָנען מאכן א סקאנדאל. אנדערע, פארקערט, זיַינען אנטשיידן געווען דערפאר, אז אוסמאַן זאָל זיך ניט אָפּזאָגן פון דער איַינלאדונג און זאָל אומבא־דינגט גיין, וויַיל אנדערש — אויב ער וועט זיך דערשרעקן, וועט ער מעוויַיעש זיַין, שטעלן צו שאנד, די גאנצע באטארייע...

אוסמאַן האָט געוואַרט, וואָס וועט זאָגן דער קאָמבאט.

— מעגסט גיין, — האָט, א טראכט טוענדיק, געזאָגט דער קאָמבאט, וועלכער איז נאָך אליין אויך געווען א יונגער מאן. — גיי, נאָר זע, אָן נארישקיַיטן. פארשטאנען?.. — האָט ער שטרענג געוואָרנט דעם גליקלעכן.

צווישן די סאָלדאטן האָט זיך אופגעהויבן א געפילדער — מע האָט אים געגעבן פארשיידענע אייצעס, געראטן, וויאזוי זיך צו פירן.

— זיך כאָווערן — וויפל דיַין הארץ גלוסט, נאָר באליידיקן — בעשום־אויפן ניט!

— עס זאָל אונדז דערנאָך ניט אויסקומען זיך רויטלען פאר אירע עלטערן... וויַיל דו ביסט יונג, און זי איז גאָר א יונגיטשקע...

אין אָוונט איז אוסמאַן שוין געווען בא די באלעבאטים, און די וועכטער, וואָס האָבן ארומ־געשפאנט אונטער די פענצטער, זיַינען געווען איידעס פון דעם באָכערס טריומף. זיי האָבן גע־זען, ווי די גאנצע מישפאָכע האָט ארומגערינגלט אוסמאַנען, וויאזוי דער באלעבאָס אליין האָט, אוועקזעצנדיק דעם קומענדיקן איידעם באם טיש, אים מעכאבעד געווען מיט ווישניק.

און אפן צווייטן טאָג האָט די באטארייע באקומען א באפעל ארויסטרעטן, זיך לאָזן וויַיטער. א וואָלקנדיקער טאָג. א מאכנע קראָען האָבן זיך אופגעהויבן אין הימל. דער ווינט האָט געבויגן די בערעזעס... אלץ איז שוין געווען גרייט אף צו לאָזן זיך אין וועג: די מאָטאָרן איַינגעשלאָסן, די סאָלדאטן זיצן אף זייערע מאשינעס. דער קאָמבאט האָט א קוק געטאָן אפן זייגער — אָט־אָט וועט ער געבן די קאָמאנדע. נאָר, זעט אויס, אויך אים ווילט זיך ניט צעפּאַלאָכען דאָס פּאָרל, אף וועלכע עס קוקט מיט א פארטיַיעטן אָטעם די גאנצע באטארייע און אויך די אומעטיק גע־וואָרענע עלטערן, וואָס שטייען אפן גאנעק...

אינמיטן הויף, פאר אלעמען אין די אויגן, געזעגנט זיך אוסמאַן מיט מארטען. זיי איז אל־ציינס, וואָס נאָך זיי שפּירן צענדליקער פּאָר אויגן — אין דער רעגע עקזיסטירט פאר די פאר־ליבטע קיינער ניט און גאָרניט!

גרויסע טרערן, ווי האָגל, קיַיקלען זיך איבער די מיידלשע באקן, און שמייכלענדיק, ווי די זון דורך א רעגן, האלט זי נאָך אלץ דעם באָכערס האנט אין אירער, קוקט נאָך אלץ אף אים, אף איר אויסדערוויילטן, וואָס שטייט פאר איר, ווי א פארבלענדטער, ווי א פארקישעפטער.

ענדלעך האָט דער קאָמבאט איבערגעריסן די אידיליע:

— אוסמאַן, שוין ציַיט!

און דער באָכער האָט צום לעצטן מאָל א טרייסל געטאָן דעם מיידלס האנט, זיך א לאָז געטאָן צו די מאשינעס, און אָן אונטערגעכאפּטער פון די כאווירים, איז ער אין איין אויגנבליק געווען אין קוזאָוו. די מאשינעס האָבן זיך גערירט פון אָרט. מארטע איז נאָכגעלאָפן א שטיקל ציַיט לענגויס דעם שליאך, עפּעס געשריגן, געמאכט מיט די הענט, און די ליַיענע צעפּלעך אירע זיַינען אומבאהאָלפן געשפּרונגען אין דער לופט. אוסמאַן, אינגאנצן א בלאסער, האָט זיך אָנגע־כאפּט פארן בארט, עפּעס געשריגן צו איר אף זיַין קיינעם דאָ ניט פארשטענדלעכער שפּראך... די כאווירים האָבן אים בארויִקט, ווי נאָר זיי האָבן געקאָנט. נאָר אליין האָבן זיי אויך געקוקט מיט וויַיטעק אף דעם מיידל, וואָס איז געשטאנען באם ראנד שליאך.

פון דעם טאָג האָט אוסמאַן געקומען וואַרטן אף א בריוו פון מארטען. ניין, ניט בלויז ער איינער האָט געוואַרט. די גאנצע באטארייע האָט איצט ארויסגעקוקט אף דעם בריוו פון זייער — זאָל זיַין נאָך ניט „שנור“, נאָר פון דער קאַלע. וואָס וועט זי אָנשריַיבן? וויאזוי וועט זי זיך אופירן?

און אָט, ווען די באַטאַרייע האָט שוין געפֿירט שלאַכטן אין דער שכיינישער — עסטאָנישער — רעפּובליק, איז דער לאַנג דערוואַרטער בריוו ענדלעך אָנגעקומען. די ידיעה וועגן דעם איז אין איין אויגנבליק אַרומגעפֿלויגן די גאַנצע פֿײַער־ליניע. קיינער האָט ניט געצווייפֿלט אין דעם, אַז אוסמאַן וועט אַלעמען איבערלייענען זײַן בריוו, מיט אַלעמען טיילן די וואַרעמקײַט פֿון זײַן ווײַטער ליבע. נאָר ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער בריוו איז געווען אָנגעשריבן אויף לעטיש, און די שפּראַך האָט קיינער פֿון די באַטאַרייצעס ניט באַהערשט.

וואָס זשע וועט זײַן, ווי לייענט מען איבער, צו וועמען ווענדן זיך נאָך הילף? עפּשער צו אָט יענע טויטע פֿאַרמינירטע בלאָטעס, צי עפּשער צו די דינע ווײַסקאָרעדיקע בערעזקעס?

דאָס האָט אָבער ניט צערודערט דעם באָכער. דער איקער — דער בריוו אַליין, אַ בריוו, אָנגעשריבן מיט מאַרטעס האַנט! ס׳איז טאַקע אַ שאָד, וואָס ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען קיין איין וואָרט, נאָר דאָך איז ער אַרומגעגאַנגען אַ שײַנענדיקער, אַ גליקלעכער... טאַקע ניט פֿאַרגעסן, דערמאָנט זיך אָן אים, אָנגעשריבן, זי וואַרט!

ער האָט געטראָגן דעם בריוו באַם סאַמע האַרצן, אים אַרויסגענומען עטלעכע מאָל אַ טאָג... און לעכערלעך און רירנדיק איז געווען צו זען, ווי ער שטייט ערגעץ אין אַן עק וועלדל, צווישן ווײַסע בערעזקעס און, אַרויסנעמענדיק דעם בריוו, „לייענט“ ער אים, אַ פֿרייִלעכער, גלײַך ווי ער וואָלט זיך געטיילט מיט זײַן גליק מיט די בערעזקעס, מיט די בלאָטעס, מיט די נידעריקע בײַבאַלטישע כמאַרעס...

אַזוי האָט זיך געצויגן אַ וואָך אָדער צוויי. די באַטאַרייע האָט שוין אָנגעהויבן פֿאַרגעסן אָן דעם בריוו — עס איז איצט ניט געלעגן אין קאָפּ: די שלאַכטן זײַנען געווען אַכזאָריעסדיקע, ניט ווייניק ביטערע פֿאַרלוסטן זײַנען געווען, נאָר אָט איז אָנגעקומען אַ באַפֿעל — די באַטאַרייע צוזאַמען מיטן פֿאָלק וואַרפֿט מען איבער אויף אַן אַנדער פֿראָנט־באַצירק. ס׳איז אויסגעקומען דורכפֿאָרן דורך דער שוין באַפֿרײַטער ריגע.

ווען מע איז געקומען אין שטאָט, האָבן די סאָלדאַטן, וואָס זײַנען געפֿאָרן מיט אוסמאַנען אויף איין לאַסטמאַשין, דערזען, אַז דער באָכער איז שטאַרק אומרויִק. ער האָט זיך געוואָרפֿן פֿון איין באָרט צום צווייטן, זשעדנע עמעצן געזוכט מיטן בליק אינעם האַמוין...

— וואָס איז מיט דיר, אוסמאַן?

— סטאָפּ! — האָט ער אָנגעהויבן פּײַקלען אינעם דעכל פֿון דער קאַבינע, וווּ עס איז געזעסן דער קאָמבאַט. — שטייט נאָר! איין רעגעלע! כאַווער קאַפּיטאַן, איין ווײַלע...

דער קאַפּיטאַן האָט זיך אומגעקוקט און דערזען דורך דעם גלאָז דאָס בלאַס געוואָרענע פּנים פֿונעם אָרדינאַרעץ.

— וואָס ווילסטו?

— מאַרטע, מאַרטע! — האָט אויסגעשריגן דער באָכער, ווײַזנדיק ערגעץ מיט דער האַנט.

מע האָט געמיינט, אַז ער האָטווירקלעך ערגעץ צווישן דעם געדיכטן אוילעם דערזען מאַרטען, און ווי שנעל עס איז ניט געגאַנגען דורך דער שטאָט די באַטאַרייע, האָט דער קאָמבאַט דאָך געפֿונען פֿאַר מעגלעך אויסטיילן „איין ווײַלע“ פֿאַר אוסמאַנס ליבע־איניאַנים...

מע האָט זיך אָפּגעשטעלט, און אוסמאַן איז אַרויסגעפֿלויגן פֿונעם קוזאָוו און זיך אַרײַנגעריסן אינעם האַמוין אויפֿן טראָטואַר. די פֿאַרבײַגייער האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן. עס איז גראָד פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ סאָלידער בירגער אין אַ טולופּ מיט צוויי דאַמען אונטער די הענט.

— סטאָפּ! — האָט אים שטרענג אָפּגעשטעלט אוסמאַן און, שנעל אַרויסנעמענדיק דעם בריוו פֿון דער אייבערשטער קעשענע, אים דערלאַנגט דעם אומבאַקאַנטן:

— לייען!

— אַנטשולדיקט, נאָר...

— לייען, לייען!

אַרום זיי איז גלײַך אויסגעוואַקסן אַן אוילעם — די סאָלדאַטן האָבן זיך צונויפֿגעמישט מיט פֿאַרבײַגייער. דער בירגער אינעם טולופּ האָט אָנגעהויבן מיט אָפּשײַ לייענען דעם מיידלס בריוו, גלײַך איבערזעצנדיק אים פֿאַר אוסמאַנען.

אַ בריוו, ווי אַ בריוו. דאָס מיידל האָט געשוווירן, אַז זי איז אים טרײַ, געשריבן, אַז זײַן געשטאַלט, אוסמאַנס, שטייט די גאַנצע צײַט פֿאַר איר, ער כאָלעמט זיך איר דורך די נעכט... מיט איין וואָרט, אַלץ איז געווען אַזוי, ווי עס איז געוויינלעך אין בריוו פֿון פֿאַרליבטע מיידלעך...

מיט שײַנענדיקע, גליקלעכע אויגן האָט אוסמאַן געקוקט אויף דעם בירגער אינעם טולופּ, געהערט, ווי מוזיק, ווי אַ פֿרילינגדיקע ליד פֿון סאָלאָווײ, דאָס מאַנאָטאָנע לייענען זײַנס. אויפֿמערקזאַם האָט אויך געהערט די גאַנצע באַטאַרייע, געהערט האָט דער ציווילער אוילעם פֿון דער נאָרוואָס באַפֿרײַטער לעטלענדישער הויפּטשטאָט. און כאָטש אויפֿן האָריזאָנט האָבן נאָך געהילכט די האַרמאַטן, האָט אָבער קיינעם ניט געוווּנדערט, וואָס אַ שלאַכט־באַטאַרייע האָט זיך אָפּגע־

שטעלט אינמיטן דער גאס און הערט א בריוו פון א פארליבט מיידל, אף א רעגע פארגעסנדיק די מילכאמע מיט אירע שטרענגע געזעצן, אפגעבנדיק אין דעם מאמענט דעם אויבנאן ניט זיי, די געזעצן, נאר דער ריינער, יונגער ליבע.

די עטלעכע געפאטערטע מינוט האט די באטאריע אנגעיאגט אין וועג. נאר דערפאר וויפל איז געווען רייד, געשפרעכן, וויפל פרייד!

שפעטער, ווען מיר זיינען שוין געגאנגען איבער פוילן, האט אוסמאן באקומען פון מארטען דעם צווייטן בריוו. דער בריוו איז שוין געווען געשריבן אין רוסיש: דאס מיידל האט זיך געלערנט!

...אין די שלאכטן אפן ווייסל בין איך געווען שווער פארוואונדעט און האב אף שטענדיק גע־מוזט זיך צעשיידן מיט מיינע באטארייצעס.

אינעם שטראם פון צייט האב איך פארלארן די שפורן פון אוסמאנען און מארטען. איך ווייס ניט, ווו זיי באגעגענען איצט אט די אייביק יונגע אנהייב פרילינג־צייט... נאר ווו זיי זאלן ניט זיין, בין איך עפעס איבערצייגט, אז זיי זיינען צוזאמען, אז ביידע זיינען גליקלעכע!

פון אוקראיניש — הערשל פאליאנקער.

מיקאלא אופעניק

סענטיאבער

אפגערוישט דער העלער
זומער האט מיט פרייד.
איבער פעלדער געלע
דער סענטיאבער גייט.

ווי אין הארבסט די פייגלען,
אין א ווייטן וועג
וואלקנס שוימיק־ווייסע
שווימען שטיל אוועק.

אין די שטעט און דערפער
קומט דער הארבסט אריין.
פריילעך, בונט און גאלדיק
צינדט ער אן זיין שיין.

ווי כ'האב ליב פון קינדווייז,
ווען די הייך איז קלאר
און איר שטראל דערשפירן,
וואס איז מילד ביז גאר,

זיך אזוי פארקלערן
אינעם שטערן־גאנג,
וואנדער־פייגלען הערן —
זייער שפעט געזאנג.

אין דער פרעמד געוויטעקט,
אויסגעגאן א וועלט —
ניט אזעלכע ברייטן,
ניט אזא דאס פעלד.

ס'קאן מיין הארץ בלויז רעגן
נאר מיין קאנט, געוויס.
פריילעך קלינגט דיין רעגן,
ס'איז דיין רויך מיר זיס.

ווי דער פרילינג גרינער,
זיך דער הארבסט צעבליט.
ליבע אוקראינע,
ליב איז מיר דיין ליד!

יידיש — ש. טשערניאווסקי.

סעמען זשוראכאָוויטש

באם יאר

אין קיִעוו האָבן שוין א גאנצע וואָך באַלעבאַטעוועט די דײַטשן. די סענטיאבער־טעג זײַנען מיטאמאָל געוואָרן לאנגע. די נעכט — אָנגעגאָסן מיט שווערן אומרו. נעכט אָן איין פײַערל. אָן איין קלאנג.

בלויז די געקאָוועטע שטיוואַלעס פון די דײַטשישע פאטרולן האָבן געמאָסטן די צײַט: איין—צוויי—דרײַ.

קיִעוו האָט שוין געזען די ערשטע טליִעס. קיִעוו האָט געהערט די מוירעדיקע אופרײַסן אַף קרעשטשאטיק, ווו שרעקלעכע סרייפעס האָבן געפרעסן איין הויז נאָכן אנדערן.

און אָט איז ער, דער שוידערלעכער און אומפארשטענדלעכער באפעל.

פאר ניט יאווען זיך — שיסן. פאר אויסבאהאלטן — שיסן.

די אַלטיטשקע האנע איז גלײַך געקומען צו לויפן צו איר שנור, צו איר אייניקל. זי האָט שוין געוווּסט וועגן די קלאנגען, וואָס האָבן געפויזעט איבער דער שטאָט. אייניקע האָבן געזאָגט, אז מע וועט ארויספירן אַלע יידן קיין בעלעצערקווע. אנדערע האָבן זיך ערגעץ דערוווּסט, אז אפן סירעץ, אין דער פאָרשטאָט, דאָרטן, ווו עס איז פריִער געוועזן דער מיליטערישער לאגער, וועט מען שאפן עפּעס א געטאָ — האנע האָט צום ערשטן מאָל געהאט געהערט דאָס דאָזיקע וואָרט — וואָס באטײַט עס?

דער קליינינקער לעוווּנטשיק איז שטילערהייט צוגעפאלן צו דער באָבע. מאריאנע האָט אַף זיי א קוק געטאָן און אראָפּגעלאָזט די אויגן. שווער, ווי א שטיין וואָלט אָנגעבויגן איר פּלייצע, האָט זי זיך אופגעהויבן, אראָפּגעלאָזט די שווארצע שטאָרן איבער די פענצטער און אָנגעצונדן א ליכט. ניט טראכטנדיק וועגן דעם, האָט זי זיי איבערגעציילט, עס איז נאָך פארבליבן אכט ליכט.

— טראכט ניט, מאריאנע, טראכט ניט, — האָט טויבלעך געזאָגט האנע, — ניט איין צאָרע זײַנען מיר שוין אויסגעשטאנען אין לעבן. מירן דאָס אויך יאקאָס איבערקומען.

זי איז געבליבן נעכטיקן בא מאריאנען.

ביידע זײַנען זיי געלעגן מיט א פארטײַעטן אָטעם. נאָר יעדע איינע האָט געוווּסט, אז די צווייטע שלאָפט ניט און הערט זיך אײַן אין דער אָנגעשטרענגטער שווארצער שטילקײַט, וואָס האָט זיך אראָפּגעלאָזט איבער דער שטאָט.

מאריאנע האָט נאָכאמאָל און ווידעראמאָל איבערגעכאזערט די ווערטער פון דער שוויגער: „טראכט ניט, מאריאנע! טראכט ניט!“. נאָר דער קאָפּ האָט זיך געשפּאלטן פון די ביטערע גע־דאנקען. ערשט באגינען איז די מידקײַט זי גויווער געוועזן. אָבער דער שלאָף האָט זיך גיך איבערגעריסן.

ווען מאריאנע האָט פוו זיך אָפּגעשלײַדערט דעם שווערן, ווי א שטיין, אומרו, האָט די אַלטע זיך שוין געפּאָרעט אין קיך. „זי וואשט דאָס געפעס? צוליב וואָס?“ — האָט זי א טראכט געטאָן.

אין דער שלאָפלאָזער נאכט האָט האנע אויך טויזנט מאָל זיך געזאָגט: „טראכט ניט“, נאָר אין קאָפּ האָט זיך געפּלאָנטערט עפּעס א קנײַלכל אָן א סאָף און אָן א ברעג. דערזעענדיק מאר־יאנען, האָט זי זיך אופגעהויבן פון דער טאבורעטקע און געזאָגט דאָס, וואָס איר האָט געדאכט צו זײַן דער איינציקער אויסוועג אין זייער אויסוועגלאָזער לאגע...

— אָט וואָס, מאריאנע, איך האָב געטראכט און געטראכט... עפשער וואָלט בעסער געוועזן איבערלאָזן לעוווּנטשיקן בא מיר? ווי מיינסטו?

מאריאנע האָט א קוק געטאָן אַף דער שוויגערס ברייט, געקנייטשט פּאָנעם, אַף וועלכן עס איז געוועזן אויסגעצויגן גרענעצלאָזע גוטסקײַט און טרויער. מיט גרויס מי האָט זי זיך אײַנגע־האַלטן. „ניין, ניין, איך שווער, אז קיין טרערעלע וועט קיינער ניט זען“.

— ניין, מאַמע, — האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — מע טאָר נישט... זיי דראָען פֿאַר אויסבאַהאַלטן — צעשיסן.

— שוין זשע וועט עמעצער מאַסערן אַ קינד?

— איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז אײַער שאָכן איז געוואָרן אַ פּאָליצײַ.

— איוואַנטשוק? אָט יענע סטערווע? — אין איר שטים האָט זיך געפֿילט, אַז זי צווייפֿלט. און דאָך האָט זי ניט געקאָנט גלייבן, אַז אַפֿילו אַזאַ מענוול, ווי איוואַנטשוק, זאָל אויסגעבן אַ קינד.

— מע וועט הארגענען אײַך און... — מאַריאַנע האָט זיך אָפּגעקערט, געכאַפּט אַ קריגל מיט וואַסער, אָנגעגאָסן אויף די הענט און אַ כליופּע געטאָן זיך אין פּנים. ס'איז געוואָרן לײַכטער. ווישנדיק זיך מיט אַ גראָבן האַנטעך, האָט זי צוגעגעבן שוין אַ ביסל רויִקער: — איך וועל שוין ווי־ניט־איז זיך איבערמוטשען מיט אים, ווי שווער עס זאָל דאָרט ניט זײַן.

האַנע האָט געשוויגן. אין דער עמעסן, ווער איז פֿאַר אַ קינד די ערשטע רעטערן און פֿאַרטיידיקערן? אַ מאַמע! דאָס איז איר הייליקע רעכט.

און דאַן האָט האַנע געזאָגט מיט איר געוויינלעכער שטים, ווי עפּעס פּאַשעטס, וואָכעדיקס און זעלבסטפֿאַרשטענדלעכס:

— איך וועל אויך גיין מיט דיר און אַלץ! — און נאָך איידער מאַריאַנע האָט באַוויזן אויסריידן אַ וואָרט, האָט יענע בייז אַ געשריי געטאָן: — ניט וואַג מיר דערווידערן! געווינט געוואָרן קאָמאַנדעווען מיט עלטערע...

מאַריאַנע האָט ניט אַראָפּגענומען פֿון איר דעם בליק.

— נו, וואָס קוקסטו? ווילסט, איך זאָל זיצן אין מײַן כאַלופּע? קלײַבן נאַכעס פֿון מײַן שאָכן דעם פּאָליצײַ? מיכײַלאָ איז אָפּן פֿראָנט, גאַליע הינטער סאַראַטאָוו. איז וואָס האָב איך דאָ נישט געזען? נו, וואָס קוקסטו?.. זאָל איך אָפּקאָכן אַ קאַשע פֿאַרן קליינינקן?

— קאָכט, — האָט מאַריאַנע אַ שעפּטשע געטאָן.

דערנאָך האָבן זיי צונויפֿגעלייגט די זאַכן, זיך דורכגעוואָרפֿן מיט וואָכעדיקע ווערטער. שפּעטער האָט איינע דער אַנדערער אונטערגעגעבן די רוקזעקלעך אויף די פּלייצעס. די אַלטע האָט גענומען אַ קוישל מיט עסן, מאַריאַנע האָט פֿאַרדריקט אונטער דער פּאַכווע דעם האַנטבײַטל מיט דאָקומענטן און געלט. דאָס יינגעלע, וואָס זי האָט געפֿירט פֿאַר אַ הענטל, האָט געהאַלטן אַ געל פּליושן הינטעלע מיט גלעזערנע אייגלעך.

— מירן אונטערוועגס אַרײַנגיין צו מיר, — האָט געזאָגט האַנע, — איך וועל נעמען אַ וואַרעם קאָפּטל. און... איך האָב דאָך פֿאַרט דאָרט אָפּגעלעבט אַ לעבן...

פֿון טאַראַסאָווסקע האָבן זיי פֿאַרקערעוועט אויף ניקאָלסקע און ווײַטער אויף פּאַנקאָווסקע, וואָס איז געלאָפֿן באַרג־אַראָפּ, דערנאָך זיך געלאָזט מיט דער סאַקסאַגאַנסקי־גאַס.

ווען זיי זײַנען צוגעקומען צום בולוואַר, האָט האַנע געזאָגט, אַז ס'איז ניט קעדײַ, אַז אַלע זאָלן זיך שלעפּן צו איר, זי וועט אַליין צולויפֿן און מאַריאַנע מיטן אייניקל זאָלן צוּוואַרטן. האַנע האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון די אַקסלען דאָס זעקל און זיך אַוועקגעלאָזט צו איר געסל.

— מאַמע, קאַשטאַנען! — האָט לעוווּנטשיק אויסגעשריִען. — לאָז!

ער איז צוגעלאָפֿן צום בוים, אויפֿגעהויבן עטלעכע גלאַנציקע קאַשטאַנעס און זיי אַרײַנגערוקט אינעם קליינינקן קעשענקעלע פֿון זײַן רעקעלע. יעדן צווייטן קאַשטאַן האָט ער אַ טיטשע געטאָן זײַן פּליושן צוצעקל אונטער דער נאָז און געזאָגט:

— אָט דאָס איז מיר און דאָס איז דיר.

מאַריאַנע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אירע אויגן האָבן פֿון פֿאַרוווּנדערונג זיך ברייטער צעעפֿנט: אויף וואָס שטייט זי? אונטער די פֿיס האָט געכרושטשעט צעבראָכן גלאָז, צווישן צעריסענע שטיקלעך פּאַפּיר זײַנען געווען צעשאָטן מאַקאַראָנעס, הרעטשענע גרויפּן און עפּעס ווײַס — מעל אָדער קראָכמעל. אַ ווײַס שטעגעלע האָט געפֿירט ערגעץ צוריק. מאַריאַנע האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען די צעהאַקטע שויבן און די צעבראָכענע טירן פֿונעם גאַסטראָנאָם, וווּהין זי פֿלעגט אָפֿט אַרײַנגיין. דורך די צעבראָכענע פֿענצטער האָט מען געזען די הוילע פּאָליצעס, צעבראָכענע און צעוואָרפֿענע קעסטלעך און קאַסטנס, זעק, פּאַפּירן, גלעזערנע באַנקעס. אַלץ איז געווען פֿאַרפֿאַראָשעט מיט מעל.

מאַריאַנע האָט ניט געהערט, ווי עס איז אונטערגעקומען האַנע. דאָס פּאָנעם אירס איז געווען רויִק און לויטער:

— נו, אָט... איך האָב זיך גיך אָפּגעפּאַרטיקט. — אונטער דער פּאַכווע האָט זי געהאַלטן אַ צונויפֿגעדרייטע בלויע פּופּײַקע, וואָס איז געווען איבערגעבונדן מיט אַ שטריקל. אונטערן שטריקל איז געווען פֿאַרוקט אַן אויסגעניייטער האַנטעך. האַנע האָט צעבונדן איר רוקזאַק, אַרײַנגעלייגט אַהין די וואַטאָווקע און געזאָגט:

— דאָס איז איצט אַלץ. מיר קאָנען גיין.

אונטער די פיס האָבן געשורשעט אראָפּגעפאַלענע בלעטער. נאָר א סאַך האָבן זיך נאָך געהאַלטן אף די צווייַגן פון די קאַשטאַנעס און יעדער בלאַט — נאָך א גרינער — איז געווען ארומגערינגלט מיט א בראַנזן רעמעלע. אָבער אף די צעצווייַגטע קליאָנעס האָט שוין דער אָסיען איבערגעקאָוועט אַלע בלעטער אף בראָנזע.

„קיִעווער הארבסט! אומפארגעסלעכער קיִעווער הארבסט... גאָט מייַנער, ווי ווייניק איך בין געגאַנגען איבער אָט די גאַסן און סעדער. ווי ווייניק איך האָב זיך געשפּיגלט אינעם דניע־פּער, אין אָט דער ווייַט, צו וועלכער עס האָט מיך געצויגן, זינט איך קען זיך. פאַרוואָס בין איך אַזוי ווייניק ארומגעגאַנגען א באַרוועסע איבער דעם גראָז, פאַרוואָס האָב איך אַזוי ווייניק קווייטן געקליבן אף די לאָנקעס. איך האָב דאָך אַזוי ליב קווייטן! ס'וועט זיך ענדיקן די פאַרשאָלטענע מילכאָמע, — זי וועט זיך דאָך אַמאָל ענדיקן! — וועל איך אויסגיין גאַנץ קיִעוו, אַלע ווינקעלעך. איך וועל מיט יעדן טאָפּאָל, מיט יעדן קאַשטאַן זיך באַגריסן, ווי מיט אן אייגענעם. איך וועל בלאָנקען אין די פּאַרקן, ניט מיט די סטעזשקעס — פּאָשעט אַזוי, איבערן גרינעם גראָז... ניט בלויז זומער, נאָר אויך ווינטער וועל איך קומען אף אַסקאָלדס קייווער און פון דאָרט זיך אראָפּ־לאָזן צום דניעפּער, צום סאַמע דניעפּער. און ניט איינע אַליין, ניין. לעוווּנטשיק וועט אונטער־וואַקסן און איך וועל אים אויסלערנען אייַנאָטעמען אין זיך אָט די שיינקייט...“

און דאָ, ווי עס האָט זיך איר ניט געוואָלט, דאָך האָט זי זיך דערמאָנט אָן אַלעקסען און זיך געזאָגט: „טראַכט נישט“. באַלד וועט שוין זייַן א סקווערל, און דאָרטן וועט מען קאָנען א ביסל אָפּרוען.

נאָך פונדערווייַטנס האָט מאַריאַנע באַמערקט, אז אין סקווערל איז קיינער ניטאָ. אפן ראַנד פונעם טראָטואַר זייַנען געשטאַנען צוויי דייַטשישע סאָלדאַטן, האַלטנדיק אף רימענס גרויזאַמע „וואָלפן־הינט“, וואָס זייַנען געזעסן אף די הינטערשטע לאַפּעס. די סאָלדאַטן זייַנען געווען יונגע, פרייַלעכע, זיי האָבן געריבן אףביידע באַקן שאָקאָלאַד און אונטערגעשמייכלט, פון מאָל צו מאָל געוואָרפן פאַר זייערע קלאָווים שטיקלעך שאָקאָלאַד, און יענע, צעעפענענדיק די מייַלער, האָבן זיי געניט אונטערגעכאַפּט.

מאַריאַנע האָט זיך אָפּגעשטעלט. איינער פון די סאָלדאַטן האָט גלייַך אויסגעשריִען: „וועק!“. די קלאָווים האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן. מאַריאַנע האָט דערפילט, ווי עס האָט א ציטער געטאָן אין איר דלאָניע לעוווּנטשיקס הענטל, און האָט אים א צי געטאָן נאָך זיך:

— האָב ניט מוירע, מייַן ייִנגעלע, שרעק זיך ניט.

האַנע האָט שטילערהייט א זאָג געטאָן:

— קום שנעלער.

מאַריאַנע האָט דערהערט א גראָבע, פּרעכע זידלערייַ און זיך פאַרקוקט אף דער צווייטער זייַט טראָטואַר. דאָרטן זייַנען געשטאַנען צוויי ציווילע מאַנצבלען שוין אָן אָוטאָמאַטן, נאָר מיט ביקסן אף די אַקסלען. די אַרבל זייַנען בא זיי געווען איבערגעבונדן מיט סטענגעס. „פּאָלי־צייַ“, — האָט זי א טראַכט געטאָן און מיט שרעק א קוק געטאָן אף די פּאַרעטער. אונטער זייערע פיס איז געווען האַרטער אַספאַלט. איר האָט זיך געדוכט, אז אפילע די שטיינער און די ערד וואָלטן זיך געדאַרפט צעעפענען און זיי אייַנשלינגען.

— וואָס קוקסטו זיך ארום? — האָט איינער א ברום געטאָן מיט א מיִעסער זידלערייַ. — מע האָט דיר דאָך געזאָגט: „וועק!“

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין שנעלער. דורכגעגאַנגען צוויי אָדער דרייַ קוואַרטאַלן, האָט דאָס ייִנגעלע אופגעהויבן זייַנע גרויסע, שוואַרצע אויגן און א שעפּטשע געטאָן:

— מאַמע, איך האָב מוירע.

האַנע האָט געענטפערט דערוף אף איר אויפן:

— „וועק“!.. אז אָט די הינט זאָלן אייַך צערייַסן אף שטיקער! ס'זאָל אף אייַך ברענען די הויט, זי זאָל פּלאַצן, באַנדיוגעס. מע רעדט שוין ניט ווי קיין מענטשן. „וועק!“

— איך וויל מער ניט שפּאַצירן. די פיסעלעך טוען מיר ווי, — האָט זיך געקלאָגט דער קליינער.

— לאָמיר זיך צוזעצן, — האָט געזאָגט האַנע.

זיי זייַנען צוגעגאַנגען צו עפּעס א טיר, זיך צוגעזעצט אף א טרעפּל. די אַלטע האָט ארויס־גענומען פון דער קעשענע א פּאָר פּירעזשקעס, פאַרוויקלטע אין א טיכעלע, און געגעבן דעם אייניקל.

— עס, לעוווּנטשיק, עס.

פאַרבייַ זיי זייַנען געגאַנגען מענטשן, איינציקווייַז, פּאַרלעכווייַז, גאַנצע מישפּאָכעס — מיט קלומקעס, מיט וועגעלעך, אף וועלכע עס זייַנען געלעגן טשעמאָדאַנעס, קוישן, מיט קינדער־

וויגעלעך. אין איינציקע וויגעלעך זײַנען געווען אָנגעשטאָפּט שטוב־זאכן, אין אנדערע זײַנען גע־זעסן אָדער געלעגן קינדער. מאריאנע האָט זיך געסטארעט ניט קוקן די מענטשן אין די פּנע־מער, אין די אויגן, נאָר דאָך האָט זי געכאַפּט אָף זיך פארלוירענע בליקן, בליקן, פול מיט ווייטעק און שרעקלעכער פּײַן.

„וואָס וועט זײַן? וווהין וועט מען עס אונדז אוועקפירן? קיין בעלעצערקווע? פארוואָס עפּעס קיין בעלעצערקווע? אָך, דאָרטן וועט מען מאכן א געטאָ פאר אָט די אלע, וואָס האלטן אין איין גיין? וואָס פאר א ווילד, שרעקלעך וואָרט „געטאָ". ארום וועלן זײַן שטעכלדיקע דראָטן, קלאָ־ווים, וועכטער. גאָט מײַנער! און וויפל וועט עס דויערן?" א שווערער קנויל האָט זיך איר אונ־טערגעקײַקלט צום גאָרגל און שטיקנדיק געדראָט: „איך וועל דיך דערווארגן, אויב דו וועסט מיך ניט צעווייקן מיט דײַנע טרערן". „שטיק מיך, פארשאָלטענער, שטיק, איך האָב זיך געגעבן א וואָרט: קיין איינציקע טרער!"

זי האָט א קוק געטאָן אָף האנען און געזאָגט:

— מאמע, קערט זיך אום אהיים...

— אזוי גאָר, — האָט זי א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — עפּשער וועסטו זאָגן עפּעס קלוגערס?

— מאמע...

— שווײַג! איך וויל אפילע ניט הערן...

האנע האָט אנטשיידן זיך א הייב געטאָן פונעם אָרט. מע איז ווידער געגאנגען.

מאריאנע האָט געכאַפּט אָף זיך בליקן — מאנצבלשע און פרויִשע. דאָס איז פאר איר געווען ניט קיין נײַס. נאָר אויב פריִער האָט אין די בליקן געשײַנט אנציקונג, צײַטנווײַז מיט א צומיש פון מאנצבלשער מאמזערישקײַט אָדער פרויִשער קינע, האָט זיך אצינד די אופריכטיקע אנצי־קונג פאר איר שיינקײַט פארייניקט מיט א טיפן מיטגעפיל, מיט צאר און אומרו. דערפון האָט איר פארקלעמט דאָס הארץ, און זי האָט אָנגעהויבן טראכטן (דאָך טראכטן), סארא אומגליק און שוידער עס דערווארט זי אויך דערפאר, וואָס דער גוירל האָט זי באשאָנקען מיט אזא אויסער־לעכקײַט.

די בליקן האָבן איינצײַטיק ארומגעכאַפּט זי מיט איר זון, וועלכן זי האָט שוין איצט גע־טראָגן אָף די הענט. דאָס קינד איז געווען זייער ענלעך אָף איר, נאָר א שווארץ־אויגיקס אין דער צײַט, ווען אָף מאריאנעס מילדן ברוינעם פּאָנעם האָבן אונטער די שווארצע צעפליגלטע ברעמען, צווישן לאנגע וויִעס מיט אַן אומדערווארטן בלויען פײַער געברענט פארטראכטע אויגן.

דערנאָך האָבן די מענטשן איבערגעפירט זייערע בליקן אָף האנען. אין זייערע אויגן איז געווען צו באמערקן דער אויסדרוק פון פארווונדערונג און אפילע אינטערעס, כאָטש דעם טאָג האָט זיך געדוכט, אז די מענטשן, געטריבענע און געיאָגטע פון א ווילדן קויעך און פון שרעק, האָבן וועגן גאָרנישט ניט געטראכט אויסער וועגן דעם, וואָס עס דערווארט זיי. פארווונדערונג און נײַגעריקײַט האָט ארויסגערופן אָט די, ווי אלעמען איז קלאָר געווען, פּראָסטע אוקראַיִנישע פרוי מיט די גוטמוטיקע קארע אויגן אָף דעם צעאקערטן מיט אומצאָליקע קנייטשעלעך ברייט־לעכן פּאָנעם, פון וועלכן דו קאָנסט דערווארטן א באגריסנדיקן, קלוגן און אלץ פארשטייענדיקן שמייכל.

נאָר אצינד איז האנעס געזיכט געווען שטרענג, די קנייטשן טיפער, די איבערגעטריקנטע ליפּן — אײַנגעפאלן. זי איז געגאנגען אײַנגעבויגן ניט בלויז אונטער דער לאסט פון דעם זעקל, — ניט אזוי שווער איז דאָס געווען פאר איר. ווי אלע מאמעס, האָט זי געטראָגן אָף אירע פּלייצעס דעם שווערסטן און טרויעריקסטן אָל פון דער מילכאָמע.

זי איז ניט געווינט געווען צו קיין צארטקײַט — דאָס לעבן איז געווען ניט גרינג. דעם ערשטן טאָג פון דער מילכאָמע איז אוועקגעגאנגען אפן פראָנט איר עלטערער זון מיכײַלאָ. גניוויש האָט זי אויסגעווישט א טרער, אים ארומגענומען און קימאַט בייז געזאָגט: „געדענק זשע!" מיכײַלאָ האָט זיך צעלאכט. נאָך פון קינדווײַז איז ער געווינט געווען צו איר „געדענק זשע!". צי איז ער געגאנגען זיך גליטשן, צי צו דעם טײַך, און שפּעטער צו מיידלעך, פלעגט זי טאָמיד אים ארויסבאגלייטן מיט אָט דעם בייז־גוטמוטיקן, פארדײַגעטן און א ביסל דראָענ־דיקן: „געדענק זשע!"... גוט, וואָס מיכײַלאָ האָט זײַן פרוי מיטן קינד אוועקגעשיקט אָף אוראל. שפּעטער איז ארויסגעפאָרן גאליע. נו, דאָס איז שוין א פרויען־איניען — דאָ האָט מען שוין געקאָנט זיך א ביסל אויסוויינען. און וויינענדיק, האָט האנע דאָך באוויזן א געשריי טאָן אָף איר, אָף דער טאָכטער: „זיץ און ריפּע זיך ניט. איך וועל דיר ווײַזן, ווי צו אנטלויפן..." גאליע האָט געסמיקעט מיט דער נאָז, ווי א קליין קינד, און איינצײַטיק פאראקשנט געטײַנעט: „אפן פראָנט אנטלויפט מען ניט... מע אנטלויפט פון דאָרטן..." — „נו, נו, שווײַג! צו קלוג ביסטו בא מיר"...

און גלײַך שפּרינגען אריבער אירע געדאנקען אָף מאריאנען. און אָן ווערטער, מיט די ערלעכסטע שווערס שווערט זי פאר איר געוויסן, פאר דער גאנצער וועלט, אז זי וועט אין ערגעץ

און קיינמאָל ניט פאַרלאָזן מאַריאַנען מיט איר קליינינקן לעוואָנטשיקן, וווהין עס זאָל זיי ניט פאַרשליידערן דער שווערער גורל. ניט געווונט צו קיין צאַרטקייט — דאָס לעבן האָט זי גע־שלאָגן־געמיימעסט — און איצט ווילט זיך איר שטאַרק אַרומנעמען ביידן, צודריקן צו זיך, זאָגן זיי די ליבסטע און צאַרטסטע ווערטער, וואָס האָבן זיך שטענדיק אויסבאַהאַלטן בא איר אין האַרצן.

און פּלוצעם דערמאָנט זי זיך, וויאַזוי זיי זײַנען מיט זעקס יאָר צוריק געזעסן אָף אַלעקסעס כאַסענע אינצווייען — צוויי האַנעס, צוויי מוטערס, צוויי האַרעפּאַשניצעס. אַן אוקראַיִנישע מוטער האַנע און אַ ייִדישע מוטער האַנע, וויאַזוי זיי האָבן צוזאַמען געזונגען לידער, וועלכע מע האָט געקענט פון דער קינדהייט, ווי מע האָט געשלונגען טרערן, דערמאָנענדיק זיך אָן זייערע מענער, וועלכע האָבן ניט דערלעבט צו דער שאָ. אַלעקסעס פאַטער, דער שלאָסער גריגאָרי זובאַר, איז אומגעקומען אין די לעצטע שלאַכטן קעגן די מאַכנאָווצעס, און מאַריאַנעס פאַטער, דעם בעקער בערל דונאַיעווסקי, האָבן צעשאָסן די דעניקינצעס. און עס זײַנען געבליבן צוויי אַלמאָנעס, אַ סאַניטאַרקע און אַ נייטערן. ניט דערעסן, ניט דערשלאָפן, האָבן זיי אויסגעהאָדעוועט זייערע קינדער, זיי אויסגעלערנט, געמאַכט פאַר מענטשן.

ניט מיטאַמאָל האָט האַנע דערפילט, אַז איר איז צוגעקומען נאָך אַ טאַכטער — מאַריאַנע. די יונגע האָבן זיך געהאָט זייער אייגן לעבן... נאָר אָט איז געבוירן געוואָרן לעוואָנטשיק — און זי איז צוגעזאָטן געוואָרן מיטן גאַנצן האַרצן צו מאַריאַנען, כאָטש קיינער האָט ניט געהערט דערפון קיין וואָרט. און דערנאָך איז געשטאָרבן די אַלטע נייטערן, און מאַריאַנען איז פאַרבליבן איין מוטער.

„דאָס איז שוין, אַפּאַנעם, לוקיאַנאָווקע! — האָט אַ טראַכט געטאָן מאַריאַנע. — סאַראַ גרין ווינקל, סאַראַ שיינע געסעלעך... קיינמאָל בין איך דאָ ניט געווען. נאָר כ׳וועל שפּעטער קומען אויך אַהער. כ׳וועל קומען! גאָט מײַנער, סאַראַ שיינע אַסטרעס וואַקסן דאָ! אַסטרעס — האַרבסט־טיקע בלומען!"

איצט זײַנען זיי שוין געגאַנגען אין דער ענגשאַפט פון אַן אומענדלעכן מענטשן־שטראָם. פון פאָרנט, פון הינטן האָבן זיך געצויגן מענטשן, זיי האָבן שטילערהייט זיך דורכגערעדט און זיך אײַנגעהערט אינעם אַרום.

דער האַמוין האָט זיך באַוועגט לענגויס אַ הויכער ציגל־וואַנט, וועלכע, ווי עס האָט זיך געדוכט, האָט קיין סאָף ניט.

אומדערוואַרט האָט מאַריאַנע זיך אויך אָנגעהויבן צוהערן — פון דער ווײַט, פון יענער זײַט וואַנט, האָט זיך דערטראָגן אַ קלאַפּערײַ, ענלעך אַפן אײַנטאָניקן שטעפּן פון אַ נײ־מאַשין.

— ווו געפינען מיר זיך? — האָט זי שעפּטשענדיק אַ פרעג געטאָן בא אַ מענטשן מיט אַ באָרד, וואָס האָט געשפּאַנט אײנער אַליין אָן זאַכן.

ער האָט אַ קוק געטאָן אָף איר מיט ברייט־צעעפנטע אויגן. פון זײַן בליק איז אָף מאַריאַנען אָנגעפאַלן אַ קעלט. ער האָט געענטפערט אָף ייִדיש:

— שוין זשע ווייסט איר ניט? דאָס איז דער בעסוילעם. דער ייִדישער בעסוילעם...

„שוין זשע וועט אָט דאָ זײַן די געטאָ? — האָט אַ בליץ געטאָן אין מויעך. — אַ וואַנט איז שוין פאַרטיק... זיי זײַנען פייַק אָף אַלץ".

ניט אומקוקנדיק זיך, קעדיי ניט אַרויסגעבן איר שרעק, האָט מאַריאַנע פאַמעלעך געזאָגט:

— מאַמע, גייט אַהיים.

— אַזוי גאָר! — האָט אָף איר אַ קוק געטאָן האַנע.

— מאַמע, דאָ וועט זײַן שווער.

— איך האָב געזען שרעקלעכערס און אויך איבערגעלעבט...

— מאַמע...

— שווײַג און טראַכט ניט.

„טראַכט ניט, מאַריאַנע, טראַכט ניט".

די וואַנט האָט פאַרקערעוועט ערגעץ אין אַ זײַט, און די מענטשן זײַנען געגאַנגען גלײַך פאַרויס. פון רעכטס און לינקס, אָף אַ מעהאַלעך פון צוואַנציק—דרײַסיק שפּאַן, זײַנען געשטאַנען צו צוויי אָדער צו דרײַ דײַטשישע סאָלדאַטן מיט אווטאָמאַטן אָף די בײַכער. „שנעלער! שנע־לער!" — האָבן זיי געשריגן אָף די, וואָס זײַנען אָפּגעשטאַנען. אייניקע האָבן געהאַלטן אָף די רי־מענס אָווטשאַרקעס, וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט די לאַנגע פאַרסלינעטע צינגער און מיט וואַכ־זאַמע אויגן נאָכגעשפּירט די מענטשן.

— מאַמע, אַזוי לאַנג שפּאַצירן מיר שוין, — האָט פּלוצעם אָף אַ קאָל אַ זאָג געטאָן לעוואָנ־טשיק, — איך וויל אַהיים.

— באַלד, באַלד וועלן מיר גיין אַהיים, — האָט שנעל געזאָגט מאַריאַנע.

— לאָז, עפּשער וועל איך אים אַ ביסל טראָגן, — האָט אויסגעצויגן די הענט די באָבע, וועלכער עס האָט אַ שניט געטאָן אין הארצן דעם קינדס ווערטער.

— אײַך וועט זײַן שווער.

— עס איז געווען שווערער.

די ווערטער „עס איז געווען שווערער", „עס איז געווען שרעקלעכער" האָט זי ארויסגע־רעדט פּאַשעט, מיט דער איבערצײַגונג, אַז שרעקלעכער און שווערער, ווי איר איז געווען, וועט שוין ניט זײַן. און ווען זי האָט צוגעטוליעט צו זיך דעם קליינינקן לעוווּנטשיקן, האָט אָט די איבערצײַגונג באַקומען גאָר אַ נײַע קראַפט. קיין שום שלעכטס איז ניט שרעקלעך, ווען מע האָט ליב איינער דעם אנדערן.

זי איז געגאַנגען גלײַך, פילנדיק מיטן גאַנצן הארצן די באַרוּקנדיקע ווארעמקײַט פונעם קינדס גוף, און שוין מער ניט געקוקט אַף די אָנגעדראָלענע מאָרדעס פון די דײַטשן און פון די פּאָליציאַנטן. אָבער איוואַנטשוקן, דעם שאָכן, האָט זי דאָך באַמערקט. אָפּגעמאָסטן אים מיט אַ קאַלטן בליק, האָט זי זיך אָפּגעקערט אין דער אנדערער זײַט.

ער האָט זי אויך דערזען, פּאַרכידעשט אַ קנייטש געגעבן מיט די אַקסלען און אויסגעצויגן דעם האַלדז, ניט גלייבנדיק זיך אַליין. דערנאָך האָט ער געמאַכט צוויי שפּאַן פאָרויס.

— איי, דו, אַלטע, ביסט מעשוגע געוואָרן? וווהין טראָגט עס דיך?..

— אהין, וווהין אַלע מענטשן, — האָט אַ זאָג געטאָן האַנע, ניט אומקוקנדיק זיך אַף אים, — טשעפּע זיך אָפּ.

ער האָט זי אַ צי געטאָן פאַרן ארבל. האַנע האָט זיך אָפּגעשטעלט. מאַריאַנע איז אויך גע־בליבן שטיין.

— און ווער איז זי? — האָט דער פּאָליצײַ אײַנגעזויגן זיך מיט די אויגן אין מאַריאַנען, גלײַך ווי ער וואָלט זי ניט דערקענט. — די שנור?

— אַ טאָכטער...

— לײַגסט. איך קען דײַן טאָכטער. דאָס איז דעם זונס...

— אַ טאָכטער, זאָג איך דיר, טשעפּע זיך אָפּ!

— צו די זשידעס האָסטו זיך צוגעקלעפּט? גיי אהיים, ווײַל...

— וואָס ביסטו צוגעשטאַנען? וואָס איז דײַן אייסעק?

— אַ מעשוגענע אַלטע, — האָט מיט קאַס געזאָגט דער פּאָליצײַ, — נו, גיי, גיי! דאָרט שיסט מען אַלע, און דיך וועט מען אויך ניט שוינען.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו יענער זײַט, פונוואַנען עס האָט זיך איצט שוין דײַטלעכער דערטראָגן די שיסערײַ. האַנע און מאַריאַנע האָבן אַ קוק געטאָן איינע אַף דער צווייטער, און ביידע האָבן זיך געסטאַרעט ניט ארויסגעבן זייער שרעק און מוירע. מאַריאַנע האָט זיך די ערשטע גענומען אין די הענט. בלויז די טונקל געוואָרענע אויגן האָבן געברענט אַפן קרײַד־ווײַסן פּאָנעם. זי האָט פאַרטײַעט דעם אָטעם, קעדיי ניט אַ קרעכץ טאָן, קעדיי ניט איבערשרעקן דאָס יינגעלע.

— דאָס קינד... דאָס קינד דאַרף מען ראַטעווען... — האָט אַ שעפּטשע געטאָן האַנע.

די שנור האָט געקוקט אַף איר מיט אַ שטאַרן בליק. דערנאָך מיט אַ פרעמד, רוּיק און דער־פאַר מער נאָך שרעקלעכן קאָל געזאָגט:

— מאַמע, קערט זיך אום... איך בעט אײַך! — און אויסגעשטרעקט די הענט, קעדיי נעמען לעוווּנטשיקן.

נאָר די אַלטע האָט נאָך שטאַרקער צוגעדריקט צו זיך דאָס קינד:

— מאַריאַנע, טײַערע מײַנע, וואָס איז דאָס מיט דיר? לאָמיר ראַטעווען דאָס קינד.

מאַריאַנע האָט אָנגעהויבן ציטערן. מיט שרעק האָט זי ארומגעכאַפּט האַנען איינעם מיטן יינגעלע, אַ כליפּע געטאָן, זיי אַ קוש געגעבן, דערנאָך זיי אָפּגעשטויסן פון זיך און שוין אַליין געגאַנגען ווײַטער, ניט אומקוקנדיק זיך.

— מאַמע! — האָט אויסגעשריגן לעוווּנטשיק. — מאַמע, איך וויל גיין מיט דיר!

מאַריאַנע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, זי האָט ביז בלוט פאַרביסן די ליפּ און געשפּאַנט ווײַטער מיט פאַרדוביִעטע פיס. נאָר דאָ האָט זי דערהערט האַנעס הארצרײַסנדיק געשריי: „לאָז אָפּ, באַנ־דיטע, טשעפּע זיך אָפּ..." נאָכדעם האָט אַ שנײַד געטאָן איר געהער אַ שרעקלעכער קינדערישער געשריי: „מאַמע!". זי האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן אַף די פיס. מאַריאַנע האָט ניט געפילט, ווי זי איז צוגעשפּרונגען צו האַנען, באַ וועלכער איוואַנטשוק האָט געריסן דאָס קינד פון די הענט.

— ווילסטו ראַטעווען אַ זשידאָקל? וואַרף עס אַוועק און גיי זיך, דו, מעשוגענע. פאַרנעם זיך, ביז דער קאָפּ איז נאָך אַף די אַקסלען, אַניט וועסטו אויך ארײַן אין יאַר.

מאַריאַנע האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם זון, ער איז אין איין רעגע שטיל געבליבן און באַהאַלטן דאָס פּנימל אויף איר ברוסט.

— באַנדיוגע, באַנדיוגע! — האָט האַנע געשריגן אין פּנים אַרײַן דעם פּאָליציי. באַמערקנדיק, אַז עס דערנעענטערן זיך צו זיי דײַטשן, האָט זי אַ שלעפּ געטאָן מאַריאַנען אין דער געדיכטעניש פֿון אוילעם, וואָס האָט זיך געצויגן אָן אַ סאָף, אָן אַן עק, ניט וויסנדיק, מיט וואָס וועט זיך ענדיקן דער וועג און דער טאָג.

אַלץ, וואָס איז געשען ווײַטער, האָט מאַריאַנע געזען ווי דורך אַ געדיכטן נעפּל. פּענעמער, וועגעלעך, טשעמאָדאַנעס, בערד, דערשראָקענע אויגן, צעפּאַטלטע האָר, פּלייצעס — גלײַכע און געבויגענע — און ווידעראַמאָל פּלייצעס און פּלייצעס, און אַ שווער שווײַגן. פֿון מאָל צו מאָל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ קרעכץ, אַ זיפֿץ, אַ שווער אָטעמען. זי האָט אָבער גאָרנישט ניט געהערט. „ניין, דאָס קאָן ניט זײַן! — האָט געזאָגט צו זיך מאַריאַנע, — זאָל מען מיך הרגענען. מײלע. נאָר זיי קאָנען דאָך ניט אויסהרגענען אַזויפֿיל מענטשן! עפּשער ווילן זיי דורכקאָנטראָלירן די דאָקומענטן... עפּשער זוכן זיי עמעצן. נאָר קיין קינדער וועלן זיי דאָך געוויס ניט טשעפּען. אויב מע וועט מיך הרגענען, וועט די מאַמע צונעמען דאָס קינד“...

זי האָט מעכאַניש איבערגעשטעלט די פֿיס, און ווען זי האָט דערזען, ווי די מענטשן וואַרפֿן צונויף אין אַ קופּע זייערע זאַכן, לאָזן איבער די טשעמאָדאַנעס, וועגעלעך, זעק, האָט זי אויך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם רוקזאַק און שוין געוואָלט גיין ווײַטער. נאָר אין דער מינוט האָט עמעצער אַרויסגעריסן בײַ איר דאָס האַנט־בײַטעלע. זי האָט נאָך באַמערקט, ווי דער בײַטל איז געפֿאַלן אויפֿן גראָז, וווּ עס זײַנען שוין געלעגן טויזנטער ענלעכע בײַטלען, פּאָרטפֿעלן, קלומעקלעך. צווישן דעם אַלעם האָבן זיך געוואַלגערט דאָקומענטן, טויזנטער פּאַספּאָרטן.

— מאַמע, איך וועל מײַן צוציקל ניט אָפּגעבן, — האָט אַ שעפּטשע געטאָן לעוואָנטשיק, — איך וועל עס ניט אָפּגעבן.

ער האָט מיט איין ציטערנדיקער האַנט אַרומגעכאַפּט איר האַלדז און מיט דער צווייטער געהאַלטן דאָס פּליושענע הינטעלע, וואָס האָט מיט די גלעזערנע אייגעלעך אַרויסגעקוקט פֿון אונטער זײַן רעקעלע. ער האָט ביז איצט ניט געוווּסט פֿון קיין שרעק, ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פֿאָר אַרום, און דאָס רויִקע פּנים פֿון זײַן מוטער האָט אים אָפּגעהאַלטן פֿון אַ האַרצרײַסנדיקן געשריי. מאַריאַנע האָט געוווּסט, אַז ס'איז גענוג, דאָס קינד זאָל באַמערקן איין טרערעלע אויף אירע אויגן, — וועט עס זיך פֿאַרכלינען פֿון געוויין.

האַנע איז געגאַנגען באַנאַנד און, ניט גלייבנדיק זיך אַליין, פֿון מאָל צו מאָל איבערגעכאַזערט איינס און דאָס זעלבע:

— ער לײַגט, ער לײַגט, אָט דער איוואַנטשוק, די שיקערע מאָרדע... דו גלייב אים ניט, מאַריאַנע. ער וויל אָנשרעקן.

זי האָט די ערשטע דערזען אַ גרויסע גרופּע מענטשן, וואָס האָט זיך אויסגעטאָן נאַקעט, — מאַנצבלען און פֿרויען צוזאַמען. עסעסאָווצעס האָבן מיט שטעקנס אונטערגעטריבן די אויסגעטאָנענע. עפּעס אַ פֿרוי האָט אָנגעכאַפּט אַ דײַטש פֿאַרן גאָרגל און אים געשפּיגן אין פּאַרצעף. אין איין אויגנבליק איז זי פֿאַרשוווּנדן געוואָרן ערגעץ אונטער די סאָלדאַטישע שטיוול. דערנאָך האָט דורכגעשווינדלט אַ פֿיגור פֿון אַ ייִנגל מיט צעפּאַטלטע האָר, פֿון אַ יאָר פֿופֿצן, ניט מער. ער האָט אַ שלײַדער געטאָן אַ שטיין אָן עסעסאָוועץ אין קאָפּ און אַ שפּרונג געטאָן אויף אים, אויסגעכאַפּט דעם אויטאָמאַט. אין יענער רעגע, ווען די מענטשן האָבן דערזען דאָס פּנים פֿונעם ייִנגל מיט די גרויסע ברענענדיקע אויגן, פֿול מיט האַס און פֿאַראַכטונג, האָט אַן אויטאָמאַטןריי פֿון אַ צווייטן עסעסאָוועץ אים אומגעוואַלגערט פֿון די פֿיס.

„ער לײַגט, די שיקערע מאָרדע“, — האָט מיט טויט־געוואָרענע ליפּן איבערגעכאַזערט האַנע בלויז צוליב דעם, זי זאָל אַ ביסל אָפּווענדן מאַריאַנען. נאָר יענע האָט שוין באַמערקט די נאַקעטע מענטשן און זיך אָפּגעשטעלט: „זאָל מען מיך הרגענען אויפֿן אָרט, איך וועל זיך ניט אויסטאָן“.

און דאָ איז געשען אַזוינס, וואָס עס האָט ניט געקאָנט דערוואַרטן ניט מאַריאַנע, ניט האַנע און געוויס שוין ניט דער אָנגעבלאָזענער, האָנאָרדיקער בריגאַדענפֿיורער פֿון עסעס־מיליטער, וועלכער איז געשטאַנען פֿונדערווײַטנס און מיט קאַלטע גרויע אויגן געקוקט, ווי עס ווערט דורכגעפֿירט די „אַקציע“, אין פֿאַרגלײַך מיט וועלכער די באַשריבענע אין דער געשיכטע וואַרפֿאָלאָמייעווער נאַכט איז געווען אַ קינדער־שפּיל.

דער פּאָשעטער סאָלדאַט פֿון דעם ווערמאַכט קורט גלייוויץ, וועלכער איז פֿאַרוווּנדעט געוואָרן אין קאָפּ בײַם די שלאַכטן הינטער קיִעוו און איז נאָכן האָספּיטאַל אַרײַנגעפֿאַלן ניט אין זײַן דיוויזיע, נאָר אין אַ זאָנדערקאָמאַנדע, האָט געקלערט, אַז אים האָט אָפּגעגליקט. דעם דאָזיקן טאָג איז ער פֿון גאַנצפֿרי אָן געשטאַנען אויפֿן ראַנד פֿונעם יאַר און צוזאַמען מיט אַנדערע גע־

שפּירט נאָך דעם, אַז די מענטשן, וואָס מע האָט געטריבן אונטער די קוילנוואָרפער, זאָלן זיך ניט פאַנאַנדערלויפן. אויב עמעצער האָט זיך געפּרווט אַנטלויפן, האָט קורט גליוויץ אַרײַנגעזעצט אין אים אַ קורצע ריי פונעם אווטאָמאַט. און אויב זײַן קויל האָט ניט דעריאָגט, האָט געשאָסן אַן אַנדער עסעסאָווע, וואָס איז געשטאַנען אַ ביסל ווײַטער.

רעכטס, אַפּן באַרג, האָט זיך צעשפּרייט אַ וועלדל, וועלכן דער האַרבסט האָט ניט געקאַרגט זײַנע פאַרבן. קורט גליוויץ האָט אַלץ אָפּגעווענדט דעם בליק פון דעם, אַף וואָס ער האָט געמוזט אַכטונג געבן, און זיך פאַרקוקט אַפּן וועלדל און האָט געזען פאַר זיך דעם קעגנאיבערדיקן הויכן באַרג, וואָס האָט אים געצויגן צו זיך און באַרויִקט זײַן בליק. דאָרטן האָבן זיך געצויגן געלע פעלדער און גרינע סעדער פון עפּעס אַ קליין יישעוול. קורט גליוויצן האָט זיך געדוכט, אַז ווען ער קוקט אַף דעם אומבאַקאַנטן און דאָך מיט עפּעס וואָס נאָענטן לאַנדשאַפט, טוט אים ניט אַזוי שטאַרק וויי דער קאָפּ. פאַר די אויגן איז אים געשטאַנען זײַן ליבלעכער אַלטענדאָרף, ווו ער, קורט גליוויץ, איז געווען אַ לערער קימאַט פופצן יאָר. אויך דאָרטן איז איצט האַרבסט, בראָנזע־בלעטער און שטילקײַט. ער האָט געלעכצט נאָך שטילקײַט!

דער קאָפּ איז צונויפגעפּרעסט געווען, ווי מיט אײַזערנע צוואַנגען. צײַטנווײַז האָט אַ רויטער פאָרהאַנג פאַר אים פאַרדעקט די גאַנצע וועלט. צוויי אָדער דרײַ מאָל האָט עס אים אַ וואַקל געטאָן, דערנאָך האָט ער דערפילט עפּעס אַ נאָגעניש, וועלכע ער איז קוים געוויר געוואָרן. ער האָט פאַרקריצט די ציין, זשעדנע אײַנגעאָטעמט אין זיך די פרישע לופט, אָנגעפילט מיט האַרבסטיקע ריחות, וואָס האָט אויך דערמאָנט אין אַסיען הינטער דרעזדען.

דער קאָפּ האָט אַלץ שטאַרקער וויי געטאָן. עס האָט געקלאַפּט אין די שלייפן. אַלץ אָפטער האָט ער געקוקט מיט די אײַנגעפאַלענע אויגן אַף דער זון.

קורט גליוויצן האָט מען שוין קימאַט איבערצײַגט אין דעם, אַז היטלער האָט, לויט דער אָנווײַזונג פון גאָט, אים אײַנגעאַנצן באַפרײַט פון אַזעלכע אײַנריידעניש, ווי געוויסן, מאָראַל, אין נאָמען דערפון, אַז די ריינע נאָרדישע ראַסע זאָל קאָנען געוועלטיקן איבער דער גאַנצער וועלט. און דאָך האָט ער, דער נעכטיקער שטילער לערער פון אַלטענדאָרף, ניט מיט קיין גרינג האַרץ אויסגעפילט זײַן גרויסע שליכעס אַף מיזרעך. בעשאַס די שלאָפלאָזע נעכט אין שפּיטאָל האָט קורט גליוויץ אָפּצולאָכעס אַלע באַפעלן זיך דערלויבט דאָס, וואָס איז שטרענג פאַרבאָטן געווען דעם פיורערס סאָלדאַטן, — ער האָט זיך דערלויבט טראַכטן וועגן דער מילכאָמע און וועגן זײַן גורל. פון דעמאָלט אָן איז יעדער טאָג אין אָט דעם פרעמדן, אומפאַרשטענדלעכן לאַנד געוואָרן פאַר אים אַלץ לענגער און שווערער.

נאָר צו דעם הײַנטיקן טאָג וועט געוויס ניט נעמען קיין סאָף. ער וועט פאַרפולן זײַן גאַנץ לעבן. ביזן לעצטן אָטעם וועלן פאַר זײַנע אויגן שטיין די גרין געוואָרענע פּנעמער, די אופגעריסענע מײַלער פאַרן לעצטן געשריי, די אויגן, פון וועלכע עס גיסט זיך שוואַרצער שוידער. וויפל ער וועט לעבן, וועט ער הערן דאָס געשריי פון קינדער, דאָס קרעכצן און די קלאָלעס.

אָ, דער קאָפּ ווערט צעשפּאָלטן! די זון בראָט אויס די אויגן. ווען וועט זי שוין פאַרגיין, ווען וועט זיך שוין ענדיקן דער טאָג? „מײַן ליבער גאָט!“

קורט גליוויץ האָט באַטראַכט דעם אָרום מיט אַ פאַרנעפּלטן בליק, און מיטאַמאָל איז פאַר אים אַנטשטאַנען אַ וווּנדער. פאַר זײַנע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ געטלעכע זעונג, אַף וועלכער ער האָט געוואַרט און זיך געריכט. די זעונג האָט געשוועבט איבער די מענטשן, איבער דעם טויט. אַפילע די זון איז פאַרטונקלט געוואָרן. צו אים, פּאָשעט צו אים, איז געגאַנגען די מאַדאָנע, ראַפאַעלס מאַדאָנע. זי האַלט צאַרט אַרומגענומען איר זון. פון איר קאָפּ פאַלט כוואַליענדיק אַראָפּ איבער אירע פּלייצעס אַ ברוינער טוך, אַ לאַנגער ביז דער ערד. נאָר וואָס איז דאָס — ניט איבער דער ערד שפּאַנט די מאַדאָנע, נאָר איבער די לײַכטע וואָלקנדלעך, וואָס קנוילן זיך אונטער אירע פיס, שוועבט זי. דאָס איז ניט קיין שטויב, ניין, — האָט באַ זיך געפּויעלט קורט גליוויץ, — דאָס זײַנען עמעסע וואָלקנדלעך, וואָס רייכערן זיך, וואָס שוועבן.

וויפל מאָל איז ער צו איר געקומען און אַ פאַרקישעפטער געשטאַנען אינמיטן דעם מירמלנעם זאַל פון דער דרעזדענער גאַלעריי! איצט איז זי געקומען אַהער. אירע אויגן האָבן פאַרטײַעט אומגעהייערן ווייטעק און צאַר, נאָר סאַראַ רויִקײַט עס ליגט אַף איר געזיכט! וויפל קויעך איז פאַרבאָרגן אין איר אומגעוואַקלטן גאַנג, וויפל גרענעצלאָזע ליבע אין די דינע הענט, וואָס האַלטן דאָס קינד! מיט אַ שטומען אומרו קוקט זי זיך אײַן אין דער שוידערלעכער וועלט, אָן ווערטער, בלויז מיטן בליק, פרעגט: „וואָס וועט זײַן מיט מײַן זון? וואָס דערוואַרט אים?“ און קיינער ענטפערט איר ניט.

אָ, ווי עס טוט וויי דער קאָפּ! ער ווערט צונויפגעפּרעסט, ווי מיט אָנגעגליטע רייפן.

קורט גליוויץ האָט אויסגעריבן די אויגן. די מאַדאָנע גייט. און פאַר איר שפּאַנט ניט די הייליקע באַרבאַרע, ווי באַ ראַפאַעלן, נאָר עפּעס אַן אַלטע פרוי מיט אַ פּאָנעם, וואָס איז צעאַקערט

מיט אומצאָליקע קנייטשעלעך, אַ שטרענג, אומבאַוועגלעך פּנים, וואָס האָט ניט באַקומען קיין ענטפֿער אויף עפּעס אַ געהיימניס. אָט האָט זי פּאַמעלעך, מיט אויסגערעכנטע באַוועגונגען זיך צוגערירט צום קעפּל פֿונעם ייִנגעלע, צוגעגלעט די פּאַסמע האָר, וואָס איז געפֿאַלן איבער זײַנע אויגן. „צוליב וואָס? צוליב וואָס?" — ווײַל אויסשרײַען קורט גלייוויץ, קוקנדיק מיט שרעק, פּאַכעד און אַנציקונג אויף אָט דער אויסערגעוויינלעכער, נאָר איינציײַטיק לעבעדיקער זעונג. זי גייט, זי גייט צו אים! דורך ווי און צאַר האָט זי אַ שמייכל געטאָן צום קינד, אַ שמייכל געטאָן און אײַנגאַנצן זיך צעשײַנט... אין דער רגע האָט קורט גלייוויץ, ווי אַ דולער, גענומען שרײַען. מיט אַלע קויכעס אַ שלײַדער געטאָן דעם אויטאָמאַט אויף דער ערד און מיט הויך פֿאַרהויבענע הענט זיך געלאָזט גיין איר אַקעגן: „אָ, מאַדאָנע, מאַדאָנע!".

מיט אַן ענערגישער באַוועגונג האָט מאַריאַנע פֿאַרשטעלט מיט דער דלאָניע לעוונטשיקס געזיכט, ער זאָל ניט קוקן און זיך ניט שרעקן, און אַליין אַ פֿאַרלוירענע אַ קוק געטאָן אויף האַנען. זי האָט ניט געהערט, ווי אַן אָפֿיצער האָט מיט אַ בייזער שטים עפּעס אַ געשריי געטאָן צום סאָלדאַט. זי האָט בלויז דערהערט אַ טרוקענעם גרילץ. דער סאָלדאַט, וואָס איז פֿאַר איר פֿאַרגליווערט געשטאַנען אויף די קני, האָט זיך מיטאַמאָל אַ נייג געטאָן מיטן קאָפּ צום פֿאַרשטויבטן גראָז, זיך אָנגעבויגן ביז דער סאַמע ערד. דעם צווייטן שאָס האָט מאַריאַנע שוין ניט געהערט. זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, און ווען האַנע האָט אַרויסגעכאַפּט בײַ איר דאָס קינד, איז זי אומגעפֿאַלן אויף דער ערד מיט דעם זעלבן שרעקלעכן אויסדרוק פֿון רויִקײַט אויפֿן וווּנדערלעכן פּנים.

— פֿאַרשאָלטן זאָלט איר ווערן, מענטשנפֿרעסער! — האָט אויסגעשריגן האַנע.

זי איז געגאַנגען און געגאַנגען גלײַך אויפֿן אָפֿיצער, אַרויסשרײַענדיק אירע קלאָלעס, און ער האָט אָפּגעטראָטן פֿון איר און מיט יעדן טראָט אויף צוריק געשאָסן. און האַנע איז אַלץ געגאַנגען, געשריִען און געגאַנגען. אירע הענט, די ברוינע, געקאָרטשעטע, מיט די אָנגעבלאָזענע אָדערן, וועלכע קיינער, ווי עס זעט אויס, האָט קיינמאָל אין לעבן ניט געקושט, אירע ניט געפּעסטעטע הענט זײַנען פֿאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט. עס האָט זיך שוין צונויפֿגעמישט דאָס בלוט פֿונעם אומגעבראַכטן קינד מיט איר בלוט. מיטאַמאָל האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אונטער די פֿיס, ווי זי וואָלט וועלן געפֿינען אַ פֿרײַ אָרט, וווּ אַוועקצולייגן זיך, און האַלטנדיק דאָס קינד אין די אָרעמס, געפֿאַלן אויף אַ זײַט.

דערנאָך האָבן אַנדערע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן דעם טאָג קיין שום מאַדאָנעס ניט געזען, אַראָפּגעשלײַדערט די קערפּערס פֿון ביידע פֿרויען און קורט גלייוויצן אין יאַר אַרײַן און גלײַך נאָך זיי — מיט אַלע קויכעס — אַ שלײַדער געטאָן אינעם אָפּגרונט דעם פֿאַרבלוטיקטן קערפּער פֿונעם ייִנגעלע, וואָס האָט מיט די טויטע הענט פֿעסט צוגעדריקט צו זיך דאָס פּליושענע הינטעלע.

...ס'האָט זיך געענדיקט דער הונדערטסטער טאָג פֿון דער מילכאָמע. און דערנאָך איז צוגעפֿאַלן די נאַכט. און דערנאָך איז איבערן שוואַרצן יאַר געבליבן הענגען אַ שוואַרצע שטילקײַט. נאָר זי האָט געדויערט ניט לאַנג. ערגעץ אויפֿן ראַנד פֿונעם טאָג מיט דער נאַכט, ווען דער כמורנער פֿרימאָרגן האָט פּאַמעלעך און שווער זיך אויפֿגעהויבן איבער די קיִעווער בערג, זײַנען אַהער צוגעפֿאָרן לאַסט־מאַשינעס אין דער באַגלייטונג פֿון באַוואָפֿנטע מאָטאָציקליסטן. און אָט האָבן זיך אויפֿן ראַנד פֿונעם אָפּגרונט געשטעלט פֿיר הונדערט מענער און פֿרויען. דאָ זײַנען געווען אונטערערדלער, וואָס זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין דער נעץ פֿון געסטאַפּאָ. דאָ זײַנען געווען אַרבעטער־אַרסענאַלצעס און אַ מיידל, וואָס האָט דערלאַנגט אַ פּאַטש אַ דײַטשישן פֿעלדפֿעבל, וועלכער האָט אויסגעשטרעקט זײַן מיִעסע, האָריקע האַנט צו איר ברוסט. דאָ איז געווען אַ ייִנגל, וואָס האָט, שטרעבנדיק נעקאָמע נעמען און באַווײַזן העלדישקײַט, זיך געוואָרפֿן שנײַדן די דײַטשישע טעלעפֿאָן־דראָטן. דאָ זײַנען געווען געפֿאַנגענע, וועלכע האָבן זיך צונויפֿגערעדט אַנטלויפֿן, נאָר, ניט באַווײַזנדיק פֿאַרווירקלעכן זייער פֿאַרטראַכט, פֿאַראַטן געוואָרן אינעם לעצטן מאָמענט. איבערן יאַר זײַנען געשטאַנען, פֿאַרמוטשעטע פֿון וווּנדן און פּײַניקונגען, פּאַרטיידיקער פֿון קיִעוו — נעכטיקע פֿאַלטאַווער טראַקטאָריסטן, ווײַסרוסישע וואַלד־העקער, אוראַלער דאָמענשטשיקעס, מאָלדאַווער ווײַנציכטלער...

פֿיר הונדערט מאַנצבלען און פֿרויען. קימאַט קיינער האָט ניט געקענט איינער דעם אַנדערן. און איינציײַטיק גוט געקענט. אין דער מינוט האָט אַלעמען שטאַרקער ווי ווען־ניט־איז פֿאַראייניקט די סאָוועטישע ברודערשאַפֿט, די גרויסע ליבע צו אָט דער פֿאַרבלוטיקטער און צוליב דעם נאָך לײַבלעכערער ערד, אויף וועלכער זיי האָבן צום לעצטן מאָל געקוקט.

צענדליקער אויטאָמאַטן האָבן אַ שאָס געטאָן מיט פֿײַער און קוילן.

...ניט איין מאָל האָט געהילכט אַ שיסערײַ איבערן יאַר. די קאַלטע זאַמד האָט אײַנגעשלונגען, אײַנגעזויגן אין זיך דאָס הייסע בלוט, פּונקט ווי אין יענעם הונדערטסטן טאָג פֿון דער מילכאָמע, ווען די אַלטע האַנע איז געגאַנגען אַהין צוזאַמען מיט דער שנור און מיטן אייניקל.

פֿון אוקראַיִניש — הערשל פּאָליאַנקער.

לעאָניד ווישעסלאַווסקי

דער שעף-קאָנסטרוקטאָר

וועז ס׳קומט די שאָ און ס׳עפנט זיך א טיר
פון זײַנע ווונדערלעכע קאבינעטן,
ווו זײַן געדאנק טוט אומגלייבלעך א פיר
לעוואָנעס נײַע, קינסטלעכע פלאנעטן, —

איך קלער: ער לעבט, דוכט זיך, באנאנד מיט מיר
מיט זײַנע שטרעבונגען, מיט יעדן ריר.
די זעלבע האנט, וואָס האלט איצט די ראקעטקע,
די זעלבע האנט שאפט אויך ראקעטן!
קעדיי אין נײַע וועלטן פליִען אין דער טיף,
ער האָט פון מארך זײַנעם געבויט א שיף.

און אלץ איז אין דער שיף אי שטרענג, אי פרעכטיק.
פאר מענטשן שטערן־וועגן אויסגעבעט,
מיט גאָט אין שטערן־שאפונג זיך פארוועט —
ס׳א פראגע, ווער פון זיי איז מער אלמעכטיק.

יִדיש — וו. האפשטיין.

פעטראַ דאַראַשקאַ

אין דעם איז מײַן-גליק

ווי גוט, וואָס עס שפרייט זיך א פעלד פאר די אויגן,
און שמאָל איז דאָס שטעגל, וואָס לויפט צווישן סטויגן,
א דעמב א צעצווײַגטער די דעסנע באריִרט,
און טויען דאָ האָבן באפוצט אלע וועגן.
און איך, איך פארמאָג ניט קיין גוטס, קיין פארמעגן —
נאָר איך בין א גוויר.

איך הער, ווי עס שעפטשעט אין אָוונט די לאָזע,
פארשטיי איך דאָס לאָשן פון ביימער און גראָזן.
א לערכע אין הימלשע בלויען זיך וויגט, —
עס ווילט זיך די זינגערן הארציק באדאנקען
פאר אירע געראָטענע, שיינע געזאנגען —
און כ׳בין ניט באטריבט.

עס שײַנען די שטערן אף הימלשע שליאכן,
אפילע קאיאָר זע איך שטערנדלעך וואכן.
זאָל זײַן, אז דאָס לעבן געוויטערס אונדז שיקט,
נאָר אָרט וועט אין יעטווידער כאטע מיר סטײַען,
און זעצן עס וועלן מיך פרײַנט לעבן פײַער —
אין דעם איז מײַן גליק.

יִדיש — דאָרע כײַקינע.

מ ײ ע ר   י ע ל י ן

שטאבס־פעלדפעבל האנס פפאנקוך

אופרודערונג

דעם שטאבס־פעלדפעבל האנס פפאנקוכס פליישיקע נאָז האָט דער־שמעקט אין די קאַרטאָפל־קעלערן עפּעס זייער פאַרדעכטיקס, עפּעס זייער ניט גוטס, מע קאָן אפילו זאָגן — געפערלעכס.

ניט אין קעלער און ניט צווײ. א גאנצע סיסטעם אונטערערדישע אײַנריכטונגען איז עס געווען, א טייל פון א קאָמפּלעקס מיליטערישע ווירטשאַפט־בינייאָנים. געבויט האָט מען זיי אַמאָל, אין די צאַרישע צײַטן. איצט האָבן דאָ באַלעבאַטעוועט א פינף צענדליק דערזאָבערער פונעם מיזרעך־רוים מיט א לייטענאַנט אין דער שפּיץ. פול אָנגעשאָטן די קעלערס מיט קאַרטאָפל, האָט דער שטאבס־פעלדפעבל צופרידן זיך געריבן די הענט און בא יעדער געלעגנהייט איבערגע־כאַזערט:

„ניכטס צו מאַכען, די סאָוועטן זײַנען אויך אין ליטע פלײַסיק געווען, האָבן גוט געזייט. מיר, דעם פיורערס סאָלדאַטן, האָבן אָבער נאָך בעסער צונויפגענומען די גערעטעניש. זאָ, זאָ, דאָס, פאַרשטיי איך, אַן ארבעט־פּאַרטיילונג! קיין קליגערע וואָלט זייער מאַרקס אַליין ניט צוגעטראַכט".

פפאַנקוך פלעגט דאַן קוועלן פונעם שאַרפזין פון זײַנע אייגענע רייד. אָבער איצט, אַז דער ווינטער האָט א בושעווע געטאָן מיט שניי און פראָסט, איז נאַ דיר א געשיכטע! נאַר גאַרניט. קיינער וועט ניט אָפּנאַרן זײַן כוש־האַרייעך, קיין זאַך וועט זיך ניט אויסבאַהאַלטן פון זײַן וואַכ־זאַם אויג.

קאַמפּלוסטיק געשטימט, האָט דער שטאבס־פעלדפעבל אריבערגעטראָטן די שוועל פון זײַן שעפּס קאַבינעט. ארויסגעוואָרפן אין דער הייך די רעכטע האַנט צום „דײַטשישן גרוס", וויפל די קויכעס האָבן דערלויבט אויסגעצויגן זײַן נידעריק געפּאַקט גופל, א קלאַפּ געטאָן מיט די אָפּ־צאַסן פון זײַנע ביז שפּיגל־גלאַנץ אָפּגעפּוצטע שטיוול און אָפּגעראַפּאָרטירט:

— הייל היטלער! הער לייטענאַנט, די קאַרטאָפל פוילן!

דער יונגיטשקער, אויסגעכאַליעטער, בלאָס־הויטיקער לייטענאַנט, וואָס איז געזעסן באַם שרײַבטיש, האָט נאַכלעסיק א בורטשע געטאָן „הייל" און זיך אפילו ניט מאַטריעך געווען פון אָרט צו רירן. זײַן קאָפּ מיט די בלאָנדע, מיט בריליאַנטין אָנגעשמירטע און מיט א שרונט אין דער סאַמע מיט פאַרקעמטע האָר האָט אויסגעזען ווי צוגעקלעפּט צום גוף. צוגעקלעפּט און פאַר־שטאַרט. ווײַלעווײַז פלעגט בלויז א צוק טאָן זײַן לינקע, אין שראַמען צעפּאַסעוועטע באַק, וואָס האָט געטראָגן אָף זיך שפּורן פון שטורמישע סטודענטישע הוליאַנקעס און בלוטיקע דועלן.

— די קאַרטאָפל פוילן? נאָך א נײַס! — האָט ענדלעך ארויסגעצישעט דער לייטענאַנט און בייז א שטשירע געטאָן זײַנע צווײ גרויסע, ארויסטאַרטשענדיקע פאָדערשטע ציין.

— יאַוואָל! אזוי איז'ס, הער לייטענאַנט! — האָט געמאָלדן פפאַנקוך, א קנאַק טוענדיק מיט די אָפּצאַסן אזוי הילכיק, ווי צווײ קרישטאָלענע בעכערס וואָלטן זיך צוגעשטויסן: „פּראָזיט!"

אָבער ווי נאָר דער לייטענאַנט האָט א הייב געטאָן דעם קאָפּ און מיט זײַנע גרינע, אָלץ כמורער ווערנדיקע אויגן געגומען דורכדרינגען פפאַנקוכן, אזוי איז דעם שטאבס־פעלדפעבלס האַפּערדיקע דרייסטקײַט פאַרשוווּנדן.

די ברוסט אויסגעשטעלט, די הענט צוגעדריקט צו די זײַטן, ניט טוענדיק קיין ריר מיט קיין אייווער, קיין פינטל מיט אַן אויג איז פפאַנקוך געשטאַנען פאַר זײַן שעף. פון אויסן — קיין מינדסטער סימען ניט. אָבער אינווייניק האָט אין אים געוירט: וואָס קוקט אָף אים אזוי דער לייטענאַנט? עפּשער געפעלט ניט דעם דאָזיקן זויגלינג זײַן, פפאַנקוכס, ניט הויכער וווּקס, דאָס אײַנגעצויגענע בײַכל מיטן רימען? צי די אויפשריפט „גאָט מיט אונדז" אַפן שנאָל פונעם רימען? עמעס, פפאַנקוכס אויסזען איז ניט גרויסאַרטיק. דאָס אנערקענט ער אַליין, אָבער דער לייטענאַנט

ווייסט דאָך אויסגעצייכנט, אַז אין זײַנע, פּפאַנקוכס, אָדערן פליסט דאָס ריינע, שווערע, נאָרדישע גערמאַנען־בלוט. אף דעם האָט ער דאָקומענטאַלע באַווײַזן, אַן אָפּיציעל באַשטעטיקטן „שטאַם־בוים" מיט טיף אין דער פאַרגאַנגענהייט אַרײַנגעלאָזטע וואָרצלען... עס באַשטעטיקט זײַן אַרישן אָפּשטאַם אויך דאָס העלבלעכע בערדל, וואָס ער האָט בעקוועמע זיך פאַרלאָזט, ס'זאָל דינען אַלס קעגנגעוויכט צו די טונקעלע אויגן, טונקעלע ברעמען און דעם קרענצל שוואַרצע האָר, וואָס באַזוימט דעם פּליך אָפן קאָפּ.

— וואָס באַטײַט דאָס זינלאָזע האַקן אף אַן אָרט? — האָט דער לייטענאַנט געמאַכט אַ סאָף צו פּפאַנקוכס מאַכשאָוועס.

דער שטאַבס־פעלדפעבל האָט ווידער אינסטינקטיוו אַ קנאַק געטאָן מיט די אָפּצאַסן און, ווי געוויינלעך, בייס ער האָט ניט געהאַט וואָס צו זאָגן קאָנקרעטס, אויסגערופן:

— יאַוואָל, הער לייטענאַנט!

דאָ האָט דער לייטענאַנט אויך אויפגעהויבן זײַן שטים:

— וואָס אַזוינס, יאַוואָל?

— יאַוואָל, אַזוי איז'ס, זיי פוילן!

— וואָס הייסט, זיי פוילן?! — די קאַטעגאָרישקייט, מיט וועלכער דער לייטענאַנט האָט געשטעלט זײַן פראַגע, האָט מען געקאָנט טײַטשן אויך אַזוי: „וואָס פאַר אַ רעכט האָבן די קאַרטאָפּל צו פוילן? ווער האָט זיי דערלויבט? נאָר דײַטשן דערלויבן און פאַרבאָטן!"

אַבסאָליוט אײַנשטימיק דערמיט, אַז די קאַרטאָפּל האָבן ניט געטאָרט וואָגן אָנהייבן צו פוילן אָן דער דערלויבעניש פון די דײַטשישע מאַכטהאָבער, האָט פּפאַנקוך זיך שטראַם אַ ציי געטאָן און, אויסגלאָצנדיק די אויגן, דערקלערט:

— מע דאַרף זיי איבערקלײַבן, הער לייטענאַנט!

דעם לייטענאַנט האָט עס אַ וואָרף געטאָן אף צוריק, ווי די רער פון אַ האַרמאַט נאָך אַ שאָס. און זײַן בליק, ווי דער אַרויסגעשאָסענער סנאַריאַד, האָט ענדגילטיק פריטשמעליעט דעם צעכושטן שטאַבס־פעלדפעבל.

אַוועק אַ שיינע רעגע, ביז פּפאַנקוך האָט פאַרשטאַנען זײַן שולד. ווי האָט ער זיך דערוועגט? ווי האָט ער געקאָנט פאַרגעסן, אַז אַן אונטערגעאָרדנטער דאַרף בלויז אויספילן באַפעלן און ניט רוקן דעם שנאָבל אין איניאַנים פון מעלוכישער קאָמפּעטענץ, כאָטש, דעם עמעס געזאָגט, איז זײַן שנאָבל, דערצו נאָך אונטערן שטאַבס־פעלדפעבלשן קאָזירעק, שוין גאָר ניט אַזוי געמיין, — פּאָרט פון אַ רייַנראַסיקן אַריער.

פּלוצעם האָט דער לייטענאַנט זיך אויפגעשטעלט און לאַנגזאַם, אונטערשטרײַכנדיק יעדן זילב, באַוויליקט צו באַפעלן:

— די קאַרטאָפּל דאַרף מען איבערקלײַבן! פאַרשטאַנען?!

— יאַוואָל, הער לייטענאַנט, איבערקלײַבן! — האָט פּפאַנקוך מיט אַ געפיל פון דערלײַכטערונג אויסגעשריִען און שוין געהאַט אויפגעהויבן די האַנט צום געזעגענונגס־גרוס.

נאָר דאָ האָט דער לייטענאַנט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס פאַר אַ שיינהייט האָט איר זיך אײַנגעשאַפן, הער שטאַבס־פעלדפעבל?

ווי עס פּאַסט פאַר אַן אונטערגעאָרדנטן, האָט פּפאַנקוך, ניט פאַרלירנדיק קיין מינוט, אָפּגעראַפּאָרטירט:

— זי צירעוועט שטרימפּע, זאָקן, הער לייטענאַנט!

— אַלט אײַער דירעקטער שעף איז מײַן פליכט אײַך צו דערמאָנען, — האָט דער לייטענאַנט באַלערעוודיק אויסגעצויגן זײַנע רייד, גלײַך אַ פּאַסטאָר בייסן פריידיקן אין דער קירך, — איך וויל אײַך דערמאָנען, אַז דאָס געזעץ וועגן ראַסן־שאַנדע איז נאָך גילטיק. געזעצן בלײַבן געזעצן. אף אײַנצושפּאָרן פּאַפּיר פאַר אַנטשולדיקונגס־ביטעס און כאַראָטע־דעקלאַראַציעס, וויל איך, אויסדריקלעך באַטאָנענדיק די ערנסטקײַט פון דער זאַך, אַן איבעריק מאָל פאַרשלאָגן די דינסטן פונעם ראַסיש־קאָנטראָלירטן באָרדעל פאַר אונטער־אָפיצערן, וואָס איז געעפנט געוואָרן אין שטאָט. איך מעלדע עס אײַך איצט אָפיציעל. פאַרגעסט ניט, אַז ראַסן־שאַנדע... בּאַ דער געלעגנהייט, ווי אַלט איז דאָס מיידל?

— זיבעצן!

פּפאַנקוכס פּולע, אַראָפּגעהאַנגענע באַקן האָבן געפלאַמט, מאַשמאָעס צוליב דעם, וואָס ער האָט אָפּגעבראָקט אַ באַשײַמפּערלעכן ליגן — דערלייגט דעם מיידל אַ גוטע פּאָר יאָרעלעך.

— זיבעצן? — האָט אַ מרוקע געטאָן דער לייטענאַנט. — דאַן אַלזאָ געדולד. געדולד, הער שטאַבס־פעלדפעבל. איין יאָר אָפּוואַרטן, און די קאַרש וועט רײַף ווערן לויטן געזעץ.

— דאָס מיידל צירעוועט זאָקן, פּרעסט אויס אַ העמד, הייצט אונטער אַן אויוון, נו, און באַדינט דאָנאַרן, ס'הייסט, מײַן הונט. אויך מײַנער אַ דערצויגלינג. דערצו באַקט זי אַמאָל אָפּ

לאַטקעס. איך גיב צו, אָנערקען, כ׳האָב ליב קאַרטאָפל־לאַטקעס. און ליידער, פאַרמאָגט עס ניט די מעניו פון דער מיליטערישער קיך. און אויסער דעם, כ׳וויל קיין זאַך ניט פאַרבאַהאַלטן, אויסער דעם דינט מיר דאָס מידל אַלס מאָדעל, ווען איך ווידמע מיך דער קונסט, — האָט, שוין זאָגנדיק דעם עמעס, מיט א געוויסן שטאָלץ פאַרענדיקט פפאַנקוך.

— א מאָדעל? געוויס פאַר ספינקסן... — האָט א שמייכל געטאָן דער לייטענאַנט צום ערשטן מאָל פאַר זייער שמועס. — איר קאָנט גיין צו אייערע ספינקסן, הער שטאַבס־פעלדפעבל!

— יאַוואָל, הער לייטענאַנט! — האָט פפאַנקוך אָפּגעענטפערט און זיך אויסגעקערעוועט מיט אַזא קוראַזש, אַז דער געפלאַכטענער, איבער זיין ברוסט אַריבערהענגענדיקער זילבערנער שטאַבס־פעלדפעבלשער שנור האָט זיך א הייב געטאָן אין דער לופט.

פונעם לייטענאַנטס קאַבינעט איז פפאַנקוך אַרויס אַן אויסגעפּאַרעטער. וועלנדיק א ביסל קומען צו זיך, איז ער געבליבן שטיין, אָפּגעלאָזן דעם רימען, וואָס האָט אומבאַראַכמאָנעסדיק געקוועטשט דעם בויך, פאַרוקט דאָס שטייפע פאַראַד־היטל און גוט אָפּגעריבן דעם פאַרשוויצטן שטערן. שווערלעך האָט ער דאַן אוועקגעשפּאַנט צו זיך אין צימער אַריין.

פון אַלע אומאָנגענעמע רייד, וועלכע ס׳איז באַשערט געווען אָקאָרשט אויסצוהערן, האָבן אים באַאומרויִקט דעריקערשט די לעצטע ווערטער פונעם שעף. וואָס איז יענער אויסן געווען מיט די ספינקסן? וואָס אַזוינס, אויב ער, פפאַנקוך, האָט נעכטן אויסגעקנאָטן פון פרישן שניי א זיצנדיק געשטאַלט — האַלב־לייב, האַלב־פרוי מיט אַנטבלויזטע בריסט? באַ זיך אין דיסעלדאָרף נאָך יענעם קריג פלעגט ער קלעפּן פיל גרעסערע פיגורן און פלעגט נאָך אָנהענגען אַף זיי אַן אויפשריפט: „דייטשלאַנדס האָסער פּואַנקאַרע, זאָלסט צעגיין, ווי אָט דער שניי״.

וואָס פאַר א שייכעס דער דאַמאָלסט באַרימטער פראַנצויזישער פּאָליטיקער האָט געהאַט צו זיינע שניי־פיגורן, האָט פפאַנקוך ניט געפּרוּווט זיך צו דערקלערן. נאָר דער שניי פלעגט טאַקע צעגיין, פונעם באַרימטן פּאָליטיקער איז קיין זייכער ניט געבליבן, און פראַנקרייך — א געשענדעטע פּראָווענצימער אין א צעריסן העמד — ליגט שוין פאַר דייטשלאַנד אַף די קני... באַלד וועט דערגיין די ריי פון די סאָוועטן. דאָס וועט געשען, ווי אין ערשטן פאַל, — בליצשנעל, אומפאַרמיידלעך און מיטן דירעקטן אָנטייל פון אים, דעם שטאַבס־פעלדפעבל האַנס פפאַנקוך.

פאַרוואָס פוילן די קאַרטאָפל?

ווי שטענדיק, אַזוי אויך נאָך דער אָקאָרשט איבערגעלעבטער אופרודערונג האָט פפאַנקוך געפונען אין זיין צימער א מאָקעם־מיקלעט פון אַלע זאָרג, וואָס האָבן אַזוי אומדערוואַרט זיך א שאָט געטאָן אַף זיין קאָפּ.

ס׳איז געווען א גרויסער, געראַומער, כמורער צימער. אייגנטלעך, ניט קיין צימער, דאָס איז געווען אַן איינשטאָקיק מויערל, פון דרויסן — רויטע אָפּגעקרישלטע ציגל־ווענט, מיט גרויע פלעקן, ווי מיט לישייעס. געשטאַנען איז דאָס מויערל פאַרוואָרפן אין א העק פון דעם אַרומגעצוימטן מיליטערישן ראַיאָן. צוליב וואָס די צאַרישע בוי־מייסטערס האָבן צוריק מיט יאָרצענדליקער אויסגעבויט דאָס דאָזיקע מויערל, איז איצט שווער צו זאָגן. פפאַנקוכן איז אָבער אויסגעקומען, אַז שוין דאַן האָט די האַזשגאָכע, די פאָרזעונג געטראַכט וועגן זיין געפּאַרלאָזער איינקוואַרטירונג צווישן פאַרדעכטיקע מענטשן אַף דער פרעמדער ערד. פון דרויסן וועט קיינעם ניט איינפאַלן, אַז דאָ וווינט עמעצער. און אינווייניק, אונטערן נידעריק אַראָפּגעלאָזטן קרייצאַרטיק געוועלבטן סופיט, הינטער דער שווערער געפּאַנצערטער טיר, הינטער די עטלעכע שמאָלע, מיט אייזערנע שטאַנגען פאַרגראַטעוועטע פענצטערלעך פלעגן פפאַנקוכס נערוון זיך אָנגענעם אָפּרוען. דאָ האָט ער זיך געפילט באַשיצט פון אַלע געפאַרן. דאָ איז צו יעדער צייט מיט אים דאָנאַר, זיין אויסגעהאָדעוועטער, געפּעסטעטער און אויסגעדרעסירטער וואָלפסהונט.

אין דער שטענדיקער סומנעקייט פונעם צימער פלעגט אים אַרומכאַפּן א שטאַרק געפיל: ער טויכט אַרונטער אין די סוידעספולע טיפענישן פון דער פאַרגאַנגענהייט, לאָזט זיך אַראָפּ אין די אומהיימלעכע לאַבירינטן פון די יאָרהונדערטער, ווו ער דערפילט אַף זיך דעם אָטעם פון זיינע רייניראַסיקע אָוועס. דאַן פלעגט נאָך מער זיך שטאַרקן זיין איבערצייגונג, אַז ער איז א קרעפטיקער אָפּשפּראָץ פון זיין אַלטגערמאַנישן שטאַם, אַז ער הערט דעם רוף פון זיין אַרישן בלוט, און יעדער שלאָג פון זיין פולס ווערט געבענטשט דורך דעם אומבאַזיגבאַרן און אומבאַראַכמאָנעסדיקן דייטשישן גאָט... דאַן, מער ווי ווען־ניט־איז, פלעגט ער זיך דערשפּירן אַלס איבערמענטש...

פפאַנקוך איז געווען איבערצייגט, אַז אונטער אַזעלכע געוועלבן, ווי אין זיין צימער, האָבן אַמאָל געלעבט די גערמאַנישע ריטער, וואָס האָבן אָנגעהויבן דורכלייגן פאַר דער דייטשישער

נאציע איר גוירל־וועג קיין מיזרעך. אין אזעלכע ציטאדעלן האָבן זיי געהאַלטן פאַרקאָוועט אין אומשולד־גאַרטלען זייערע ווײַבער און געהיימע האַרצדאַמען... אויך ער האָט דאָס יונגע מיידל געהאַלטן אונטער שלאָס און ריגל.

— איי, דו, דו! דער טײַוול ווייסט, ווי מע האָט דיך דאָרט אָנגערופן באַם טויפן? — האָט פפאַנקוך זיך צעהאַלדערט, איבערטרעטנדיק די שוועל פון צימער.

דאַנאַר, זײַן הונט, איז לויט דער געוווינהײַט געלאָפן אים אַנטקעגן, זיך געשטעלט אָף די הינטערשטע לאַפּעס, די פאָדערשטע אָף דעם באַלעבאָס׳ אַקסל אַרופגעלייגט, שוין געוואָלט אַ לעק טאָן דעם שטאַבס־פעלדפעבלס בערדל. דאָס מאָל האָט אים פפאַנקוך אַוועקגעטריבן פון זיך.

פון הינטער אַ ווענטל, וואָס האָט אָפּגעצוימט אַ ווינקל פונעם צימער, האָט זיך באַוויזן אַ פלאַקסהאָריק, זייער מאָגער און זייער אויסגעבלייכט מיידל.

— פון איצט אָן וועט מען דיך רופן — גרעטכען! דאָס, פאַרשטיי איך, איז אַ נאָמען! — האָט געמאָלדן פפאַנקוך, אַ שלײַדער געטאָן אָף דער סאָפע זײַן היטל, אַראָפּגעוואָרפן פון די פאַרשוויצטע אַקסלען דעם מונדיר, אַראָפּגעלאָזט די הויזן־שלייקעס און שטרענג אָנגעזאָגט דעם מיידל: — אַלזאָ, גרעטכען, שטענדיק האָב גרייט זאָקן, מײַנע וואָלענע זאָקן, פאַרשטאַנען! דערזען דעם לייטענאַנט, דערהערט, ער קומט, — געכאַפּט זאָקן צירעווען. פאַרשטאַנען, גרעטכען?!

דאָס מיידל האָט, ווי געווײנלעך, אים אָנגעקוקט אַ שווײַגנדיקע, מיט פאַרשלאָסענע ליפּן. צי פאַרשטייט זי, וואָס מע וויל פון איר? פפאַנקוך האָט געצווייפלט. דעריבער האָט ער מיט פאַרשיידענע זשעסטן זיך באַמיט צו דערקלערן, וואָס ער מיינט. דאַן האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אין טיפן, מיט לעדער באַשלאָגענעם פאָטעל, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, און איז אַנשוויגן געוואָרן אָן אײַנגעשרומפּענער, צונויפגעצויגענער, ווי אַ שנעק אין זײַן האָרנשטיבל. און זלידנע געדאַנקען האָבן גענומען אַקערן זײַן מויעך...

מע האָט אים ניט געכאַפּט באַ דער האַנט. האָט קיינער קיין רעכט ניט פאָרצוואַרפן, אַז ער פאַרומרייניקט דאָס דײַטשישע בלוט. דאָס מיידל איז צו יונג, עס זאָל אופקומען אַ פאַרדאַכט... אָבער אָף יעדן פאַל האָט פפאַנקוך געוואָלט פעסטשטעלן, צי מע קאָן אים פאָרוואַרפן ראַסנשאַנדע.

ווער איז דאָס מיידל? ווי הייסט זי אין דער עמעסן? פון וועמען שטאַמט זי? ווער זײַנען די עלטערן? מיטן מיידל וועסטו זיך ניט צונויפריידן, דאָס זעט ער. דאַן, באַנאַכט, אינעם ברענענדיקן דאָרף, ווען ער האָט זי דערזען אַרומלויפן אין איין העמד, באָרוועס, מיט צעשויבערטע האָר, איז קיין צײַט ניט געווען צו דערגיין, ווער זי איז און וואָס זי איז. ער, אַ צאַרבאַלעכײַימניק פון פאַרן קריג, אָן אַקטיווער מיטגליד פונעם „טירשוץ־פאַריין“, האָט דאָס מיידל אַרײַנגענומען אין מאַשין, ווו מע האָט געלאָדן די געשאָסענע כאַזיירים, דעם גערייכערטן שפּעק, די קערב אייער, די הינער, גענדז... דאָס איז געשען ערגעץ אין „אָסטלאַנד“, באַ עפּעס אַ מאַלאָדעטשנע... ווער לעבט דאָרט: ווײַסרוסן, רוטענער, ליטווינער? ע, סײַווי מיסט. ס׳לוינט ניט דעם קאָפּ זיך צו דרייען. נאָר איין זאַך איז קלאָר: זײַן טראָפּיי — גרעטכען — איז בלאָנד, האָט גלײַכע פלאַקסהאָר. איר נעזל — פּאַריסן. אָן דעם מינדסטן הויקערל. אַלע דײַטלעכע סימאָנים פון נאָרדישן טיפּ. שליסלעך, דאָס אַליין, וואָס זײַן, פפאַנקוכס, אַריש בלוט גלוסט דאָס מיידל, איז דער בעסטער באַווײַז, אַז ס׳פאַרמאָגט איבערגענוג ראַסן־ריינקײַט.

קעדיי זיך ענדגילטיק צו באַרויִקן און איבערצײַגן, אַז ער ווערט ניט פאַרפירט פון בייזוויליקע קויכעס, ווי אויך וועלנדיק האָבן אַ פעסטן וויסנשאַפטלעכן באַווײַז פאַר דער פולווערטיקײַט פונעם מיידל, האָט ער באַשלאָסן אָנצווענדן דעם אַנטשיידנדיקסטן ראַסן־קריטעריִ. געהייסן דעם מיידל זיך שטעלן מיטן רוקן צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט.

דער שטאַבס־פעלדפעבל, ערנסט און קאָנצענטרירט, ווי אָפּטוענדיק אַ ביז גאָר וויכטיקע אַוודע, האָט דורכגעצויגן אַ שנירל קווער דעם מיידלס פּאָנעם — פון איין אונטערשטן ברעג אויערלעפּל ביזן צווייטן. די האָריזאָנטאַלע ליניע איז דורכגעגאַנגען העכער פאַרן נידעריקסטן פונקט פון דער נאָז. זייער גוט, פּרעכטיק — עכט אַריש!

בלײַבט די פראַגע פון יונגקײַט. אָבער וועמען קאָן עס אָנגיין, וואָס דאָס מיידל איז מינדעריעריק? ווער, צום דאָנערוועטער, קאָן פאַרבאָטן? די געזעצן? וועלכע געזעצן? אָן ערלעכער דײַטש האָט איין געבאָט — דעם פיורערס ווילן! און דער פיורער — צי ליגן אים אין קאָפּ אַזוינע נאַרישקײַטן, ווי דעם לייטענאַנטל, וועמעס גײַסטיקע ראַסן־ריינקײַט מע וואָלט געדאַרפט אַ קאָנטראָליר טאָן? וועמעס זײַט האַלט אונטער דאָס דאָזיקע אָפּיצערל? און דער פיזישער וווילשטאַנד פון דער אַרמיי, דאָס געזונט פון דעם פיורערס סאָלדאַטן — דאָס אַלץ גייט אים גאָרניט אָן, וואָס? גיכער פאַר אַלץ איז דער לייטענאַנט פּאָשעט מעקאַנע, וואָס אים, דעם שטאַבס־פעלדפעבל, פאַרבײַט דאָס מײַכלדיקע, העלהאָריקע פלאַטערל זײַן ווײַב — די פעטלײַביקע, צעפלאָסענע און גוט דורכגעזײַערטע ליזעלאָטע. אָט האָט ער, האַנס פפאַנקוך, איצט אַ רויִקן קאָפּ: מע

דאַרף זיך ניט אַרומשלעפּן, ווי דער לייטענאַנט שלאָגט פאָר, איבער עפּנטלעכע שאַנד־הײַזער. אויך אָן דעם האָט ער געגנוג דינסט־זאָרג. איצט פאַרלירט ער ניט אומזיסט קיין צײַט, און אַלע זײַנע פייִקײַטן און קרעפטן קאָן ער ווידמען דעם זיג פונעם גרויסדײַטשישן פאָלק און פיורער.

נײן, דער לייטענאַנט באַגרײַפט ניט דעם פּאַטריאָטישן זין פון פּפאַנקוכס האַנדלונג, זוכט אַ דאָרן אין יענעמס אויג און זינדיקט טאָגטעגלעך אַליין קעגן דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם: לאָזט אוועק מיטן ווינט דאָס, וואָס איז נייטיק פאַר דער אייביקײַט פון דער ראַסע, פאַר איר פאַרמערונג, פאַר איר הערשאַפט. אָט... פון די אָנגעוואָרפענע אויפן שרײַבטיש ביכער האָט דער שטאַבס־פעלדפעבל אַרויסגעשלעפּט דעם נײַעם „סאָלדאַטן־קאַלענדאַר“. אָט האָט ער נאָכאַמאָל אויפגעמישט דעם פיורערס הייליקע ווערטער: „יעדער קריג איז אַן אָפּפלוס פון בעסטן בלוט. דער נויטווענדיקער טויט פון די בעסטע מענער אויפן שלאַכטפעלד איז פאַרן דײַטשישן פאָלק נאָך ניט דאָס ערגסטע. פיל ערגער איז דאָס אויספעלן פון קינדער, וואָס זײַנען אין גאַנג פון קריג דורך די לעבעדיקע און נאָכן קריג דורך די טויטע ניט פּראָדוצירט געוואָרן. די אַלטע קלוגשאַפט, אַז שטאַרבן רויִק קאָן נאָר דער, ווער עס האָט געבראַכט קינדער אויף דער וועלט, דאַרף הײַנט ווערן אַ געבאָט פאַר אַלע סאָלדאַטן. ווער עס לאָזט ניט קיין קינדער נאָך זיך, דער איז אַ דעזערטיר פונעם פעלקישן פראָנט!“

קלאָר, אַז ער, פּפאַנקוך, האָט געוויסנהאַפט אויסגעפילט די פליכט פאַרן פאָטערלאַנד, באַרײַכערנדיק עס מיט גאַנצע פינף קינדער. עמעס, ניט מיט קיין סאָלדאַטן, נאָר מיט מיידלעך... האַרט פאַרן אָנהייב פון דעם גרויסן בלוט־אָפּפלוס האָט ער באַוויזן צו ברענגען אויף דער וועלט נאָך איין ראַסישן וועזן. און ווי רופט זיך דער לייטענאַנט אָפּ אויפן פיורערס באַפעל צו פאַרזאָרגן גרויסדײַטשלאַנד מיט קינדער? און דער דאָזיקער עמעסער דעזערטיר פונעם פעלקישן פראָנט דערוועגט זיך פאַרצוּוואַרפן... רעדט פּילדײַטיק וועגן ספינקסן...

פּפאַנקוך האָט איצט אַ כאַפּ געטאָן דעם אַרויסגעלאָזטן פאַר סאָלדאַטן קורצן ענציקלאָפּעדישן ווערטערבוך. אונטערברומענדיק דעם מאַרש „הײַנט געהערט אונדז דײַטשלאַנד, מאָרגן — די גאַנצענע וועלט“, האָט ער גענומען מישן די בלעטער. נאָר באַלד איז אים אַ טאַקט פון דער פריילעכער מעלאָדיע געבליבן שטעקן אין האַלדז. ספינקס, ספינקס... לויטן גריכישן מיטאָס — אַ געשפּענסט, וואָס מאָרדעט מענטשן, אַ טויט־דעמאָן.

דער שטאַבס־פעלדפעבל האָט אַ שלײַדער געטאָן דעם בוך, איז אויפגעשפּרונגען און אויפן קאָל גענומען עמעצן זידלען. ניט שווער געווען צו פאַרשטיין, וועמען ער מיינט.

— זויגלינג! מילכשנאָבל! ביסט אַליין אַ ספינקס! פּפאַנקוך האָט אין איצטיקן קריג קיין איין מענטש ניט דערהאַרגעט! די ווירטשאַפט, די באַזע פון יעדער זיג, דאָס איז דעם שטאַבס־פעלדפעבלס טעטיקײַט־געביט. טייטן — אײַער פאַך, הער שעף, און פון דער געסטאַפּאָ...

אַ דערשראָקענער פאַרן לעצטן וואָרט, איז פּפאַנקוך פאַרגליווערט געוואָרן: די אונטערשטע ליפּ — פאַרביסן, דאָס בערדל — ווי אַ לאָפּעטקע אַרויסגערוקט, די רעכטע האַנט — אין אײַנגעבויגענע אויפגעהויבן, ווי וועלנדיק זיך שיצן פון עמעצן. ניט שוין זשע דער לייטענאַנט? אַ האַרבע שטים האָט פרעך, מיט אַ צומיש פון שאָדנפרייד אַ פרעג געטאָן: „פאַרוואָס פוילן די קאַרטאָפל?“

דער שטאַבס־פעלדפעבל האָט אויטאָמאַטיש זיך אויסגעצויגן, די הענט צוגעפּלעטשט צו די היפּטן, און אין צימער האָט בראַוו אויפגעקלונגען דער קנאַק פון זײַנע אָפּצאַסן.

„פאַרוואָס פוילן די קאַרטאָפל?“ — די דאָזיקע שיקזאַל־פראַגע האָט פאַרטונקלט אַלץ אויף דער וועלט. ווער איז שולדיק? דער ווינטער? די פראָסט? אַליין די קאַרטאָפל? צי עפּשער האָט אַזוי געוואָלט דער זעלבער גורל, וואָס האָט דעם דײַטשישן פאָלק אַראָפּגעשיקט דעם פיורער, געטראָגן זײַנע אַרמייען פאָרויס און איצט צײַטווײַליק פאַרהאַלטן זייער שטורמישן מאַרש?

געוויס איז עס אַזוי, און ניט אַנדערש. ער, דער שטאַבס־פעלדפעבל האַנס פּפאַנקוך, האָט דאָ ניט די קלענסטע שולד. ער — אַ קאַדראָווער מיליטערמאַן — האָט שטענדיק לויטן בעסטן וויסן און געוויסן געדינט דער פון גאָט אַראָפּגעשיקטער מאַכט. ער איז געהאָרכזאַם, פליכטגעטרײַ, איבערגעגעבן. און דעריקער — זײַן ראַסן־ריין בלוט איז פאָרט די שטאַרקסטע גאַראַנטיע פון גוטן ווילן און ערלעכע געדאַנקען.

און פונדעסטוועגן האָט פּפאַנקוך זיך דערפילט ניט מיט אַלעמען.

— גרעטכען! — האָט ער אויסגעשריִען. — קאַווע! און זאָפּאָרט! און שנעל!

נאָר ביז וואָס־ווען איז ער צוגעגאַנגען צום געטראַנקען־שעפל און געגעבן עטלעכע הילכיקע זופּ קאָניאַק דירעקט פון דער פלאַש. דערפילט אַן אָנגענעמע ברענעניש אין דער ברוסט, האָט ער באַשלאָסן מער ניט צו כקירען. סײַווי טראַכט דער פיורער פאַר אַלעמען. ער, פּפאַנקוך, וועט אויספילן באַפעלן. דאָס איז פיל אײַנפאַכער און באַקוועמער.

„מע דאַרף זיי איבערקלײַבן!“

יאַוואָל, ער נעמט זיך דערצו!

אן אויסוועג

מיט א גרילץ האָבן זיך אופגעשלאָסן די לאנג ניט גערירטע שלעסער. שווער זייַנען געגאנגען אין זייערע געשטעלן די פארזשאווערטע ריגלען. נאָך שווערער האָבן זיך גערירט פון אָרט די קעלער־טירן. ס׳האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן זיך אנטקעגנגעשטעלט די יעניקע, וואָס קלייַבן זיך אריַינצודרינגען אין די אונטערערדישע באהעלטענישן, קעדיי אופצודעקן די סוידעס, וואָס זייַנען דאָרט פאר׳הוילן.

פפאנקוכס וויַיטערדיקע שריט האָבן איידעס געזאָגט וועגן זייַן אויסגערעכנטקייַט און ווייַטן בליק. מיט אן עלעקטרישן פראָזשעקטאָר האָט ער לאנג ארומגענישטערט אין די קעלערס, ביז ער האָט זיך איבערצייַגט: די קארטאָפל זייַנען פארומרייניקט, פול מיט שמוץ...

פארשאָלטענע ליטווינער! ער האָט זיך דערמאָנט, ווי זיי האָבן אויסגעלאָדן די קארטאָפל, קלוימערשט געסטארעט זיך אופצוקלייַבן פון דער ערד דאָס לעצטע קארטאָפעלע. און פאקטיש האָבן זיי אָנגעשלייַדערט בלאָטע אין די קעלערס. אויך האָבן זיי זיך דאָרט צופיל געפּאָרעט. די ווענטיליאציע־קאנאלן מיט שטרוי פארשטאָפּט!

דער שטאבס־פעלדפעבל איז אזוי צעקאָכט געוואָרן, אז ער האָט זיך געכאפּט פארן רעוואָלווער. ער וואָלט געשוואָרן באם פיורער, אז ניט געקוקט אף דעם, וואָס ער איז געווען אן אקטיווער מיטגליד פונעם „טירשוץ־פאריין“, אין דער אָפּטיילונג פון הינט, וואָלט ער איצט אָן צערעמאָניעס דעם ערשטן אָנגעקומענעם ליטווינער אריַינגעזעצט א קויל אין נאקן. אָן ראכמאָנעס! ער איז ניט קיין אידיאָט און פארשטייט, אז מע קאָן אים פאָרוואָרפן: „בראווע דייַטשישע סאָלדאטן האָבן זייער בלוט פארגאָסן, לענדער דעראָבערט, און איר, שטאבס־פעלדפעבל, האָט דערלאָזט, די קארטאָפל זאָלן אונטערגייַן!“ יאָ, מע קאָן אים צוטשעפּען, אז אָנשטאָט געטרייַ צו דערפילן זייַנע דינסט־פליכטן אייסעקט ער זיך גאָר ווי א צארבאלעכייַמניק מיט הינט און מינדעריעריקע מיידלעך.

יאָ, יאָ, מע דארף פארווישן די שפּורן. מע דארף האנדלען שנעל, אנטשיידן.

האָט ער ניט געמאכט קיין לאנגע שיִעס און אליין גענומען ארויסשלעפּן די שטרוי פון די ווענטיליאציע־קאנאלן. יעדן טאָג צוביסלעך וועט ער זיי אלע אויסרייניקן. א פרישער לופטצוג וועט דאָס דומפּע גערוך ארויסווייען. אָבער וואָס וועט זייַן מיט די פארפוילטע קארטאָפל? ער טאָפּט אָן איינע, א צווייטע... ווּ נעמט מען מענטשן זיי אָפּצוקלייַבן און ארויסווארפן? מענטשן! ארבעט־קראַפט!

פפאנקוך פלעגט שטענדיק זיך אן אייצע געבן. אויך דאָס מאָל איז אים אייַנגעפאלן א דערלייזערישער געדאנק: ייִדן! ייִדן פון געטאָ — אומזיסטע ארבעט־קראַפט! באוואכטע מיט געווער, וועלן זיי די נייטיקע ארבעט אָפּטאָן ווי ס׳באדארף צו זייַן. אויב עמעצער פון זיי וועט אפילע פארשטיין, פארוואָס די קארטאָפל פוילן, וועט קיין זייַטיקער סייַווי זיך ניט דערוויסן. הארבע געזעצן, שטעכדראָט־צוימען און ביקסן איזאָלירן זיי פון דער גאָרער וועלט. אלזאָ, אן אויסוועג! ייִדן!

געווען בלויז איין כיסאָרן — מע האָט ווידער געדארפט אָנקומען צום לייטענאנט. נאָר פפאנקוכן האָט, קאָן מען זאָגן, אָפּגעגליקט. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אין זייַן שעף, בייס יענער האָט ארומגעשפּאנט איבערן ראיאָן פון די שפּייַז־סקלאַדן.

דער לייטענאנט פלעגט לעצטנס זעלטן־ווען מאטריִען זייַן דעם קאָוועד זייַנעם צו מאכן אן אינספּעקציע איבער זייַן מאלכעס. דעריבער האָט עס פפאנקוכן א קאָראָבע געטאָן: „ניט שוין זשע האָב איך פארלאָרן דעם צוטרוי?“ נאָר ווי עס פאסט פאר דעם פיורערס א זעלנער, האָט ער זיך בארויִקט. פארוואָס, שליסלעך, דארף ער מוירע האָבן? דער שניי פון די וועגן און שטעגן איז זאָרגעוודיק אָפּגערייניקט. די וואך איז אף אירע ערטער. אומעטום זייַנען אויסגעהאנגען צייַגערס: „צום שפּייַז־לאגער“, „צום באקליידונגס־לאגער“, „צו די אָפּטרעטן“ און אזוי ווייַטער. עס פארנעמען אן אויג די שילדן מיט דראָענדיקע וואָרענונגען. ער קוויקט זיך מאמעש מיט זייערע טעקסטן. אשטייגער אזא אופשריפט: „א טראָט ווייַטער — און ביסט א קילאָמעטער נעענטער צום טויט!“ געניִאל, קלאסיש! ניט אזוי? דאָס איז זייַן שאפונג. אליין צוגעטראכט און אליין געצייכנט! אים קאָן מען קיין פאָרוואורפן ניט מאכן. אומעטום איז אייַנגעפירט די בעסטע אָרדענונג. דערצו נאָך אזא פרעכטיקער וועטער. איז ער אופגעהייַטערט, מיט א פעסטן טראָט געגאנגען אנטקעגן זייַן שעף.

אָפּיציִעל זיך באגריסט, האָט דער שטאבס־פעלדפעבל אָנגעהויבן:

— ניט מיינענדיק פון פאָרויס צו באווירקן די הויכע מיינונג און די צו דערווארטנדיקע באפעלן פון דעם הער לייטענאנט, דערוועג איך זיך פאָרצושלאָגן, דער הער לייטענאנט זאָל באווייליקן צו דערלויבן נעמען ייִדן אף איבערצוקלייַבן די קארטאָפל.

ווי געוויינלעך, ווען דעם לייטענאַנט פֿלעגט עפּעס איבעראַשן, האָט זײַן קאָפּ א צוק געטאָן אַף צוריק און איז פֿאַרשטאַרט געוואָרן. זײַנע אויגן פֿון אונטער דעם אַראָפּגערוקטן קאַזיריק האָבן אַרײַנגעשאָסן אין דעם שטאַבס־פֿעלדפֿעבל א דורכדרינגלעכן שטאָלענעם בליק:

— ייִדן?

— יאַוואָל, הער לייטענאַנט! אומזיסטע אַרבעט־קראַפֿט! בא די קריגסגעפֿאַנגענע הערשט טיפֿוס. געפֿערלעך זיי צוצולאָזן צו שפּײַז! — האָט פֿפּאַנקוך, זיכער אין דער גענִיאַלקײַט פֿון זײַן פֿאַרשלאָג, זיגרײַך אויפֿגעהויבן די אויגן צום פֿיל העכערן פֿון זיך לייטענאַנט.

דער לעצטער האָט זיך א רגע פֿאַרטראַכט. און דאָס איז געווען א סימען, אַז ער האָט ניט וואָס צו דערווידערן. פֿפּאַנקוך האָט שוין טריומפֿירט. נאָר אומגעריכט האָט זײַן שעף א פֿרעג געטאָן:

— דאָס, אַז ייִדן פֿאַרפּעסטן די לופֿט שוין אַליין מיט זייער אָטעם, איז אײַך ניט באַוווּסט? — דער לייטענאַנט האָט באַדײַטונגספֿול אויפֿגעהויבן זײַן צײַג־פֿינגער: — לאַטײַן: פֿאָעטאָר יודאיִקוס! ייִדיש גערוך!

פֿפּאַנקוך איז געווען פֿריטשמעליעט. דאָנערוועטער! וויִאַזוי האָט ער עס ניט געוווּסט? מיסטאַמע, ווײַל ס'איז אין לאַטײַן. קאָנטיק, אַז ער איז נאָך ניט גענוג שטאַרק אין דער ראַסןטעאָריע. פֿונדעסטוועגן איז דער שטאַבס־פֿעלדפֿעבל באַלד געקומען צו זיך.

— דעם טײַוולס אויסגעבריטע, — האָט ער סוידעספֿול אָנגעהויבן, — באַווירקן מײַנסטנס דעם גײַסט. אים קאָנען זייווירקלעך פֿאַרפּעסטן. אָבער שפּײַז זײַנען זיי ניט אימשטאַנד אָנצושטעקן! — האָט'ער האָפֿערדיק פֿאַרענדיקט.

דער לייטענאַנט האָט אויפֿגעהערט דיסקוטירן. דער שעף און אונטערגעאָרדנטער האָבן שווײַגנדיק געמאַכט עטלעכע טריט. פּלוצעם איז דער לייטענאַנט ווידער אַרויס מיט לאָשן:

— און ווער, ווער איז שולדיק?

דער שמועס האָט אָנגענומען א נײַע, פֿאַר פֿפּאַנקוכן געפֿערלעכע ווענדונג.

— די פֿאָרזעונג! — האָט מיט ייִראַס־האַקאָווּעד א ציטער געטאָן זײַן ענטפֿער.

— איר זײַט גאָטספֿאָרכטיק, הער שטאַבס־פֿעלדפֿעבל.

— אַלץ ליגט בא גאָט אין די הענט.

— באַם קאַטוילישן?

— אויך אונדזער פֿיורער איז פֿון געבורט קאַטויליש. מײַן גלויבן איז דער גערמאַנישער גאָט פֿון די דײַטשן און זײַן גענאַלבטער, דער אונדז געשיקטער פֿיורער, הײַל!

דער לייטענאַנט האָט מיט קאָנטיקער גרינגשעצונג געהערט דעם שטאַבס־פֿעלדפֿעבל. אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ האָט ער מאַיעסטעטיש געשפּרײַזט, ווי ער וואָלט באַגליקט די ערד, וואָס איז זויכע געווען פֿון אים געטראָטן צו ווערן.

ווי ס'מוז א מיליטערמאַן פֿון א נידעריקערן ראַנג, האָט פֿפּאַנקוך אַרויסגעוויזן זײַן שעף די נייטיקע אַכטונג — געשפּאַנט פֿון דער לינקער זײַט, האַלטנדיק א געהעריקן אָפּשטאַנד. צײַטנווײַז פֿלעגט ער אומרויִק א קאָסיע טאָן צום לייטענאַנט, אַף יענעמס האַדרעסדיקן מאַמעש קלאַסיש אויסגעשניצטן פּראָפֿיל, אַף דער אין שראַמען צעפּאַסעווּעטער לינקער באַק, וואָס האָט אין פֿפּאַנקוכס אויגן צוגעגעבן דעם פּאָנעם ווירדע, אָנזען, מענערשע שיינקײַט. קיינמאָל, קיינמאָל וועט שוין אים, פֿפּאַנקוכן, ניט זײַן באַשערט צו דערגרייכן הויכבילדונג, דערוואָרבן אַזוינע שראַמען, דערדינען זיך געפֿלאָכטענע זילבערנע אָפּיצער־שליפֿעס...

— די אַרויספֿאָדערונג אַף ייִדן וועט זײַן, — האָט אומדערוואַרט אַרויסגעזײַט דער לייטענאַנט, בלײַבנדיק ווי בעקיוון שטיין לעבן דער קלומבע, אַף וועלכער פֿפּאַנקוך האָט געהאַט אויסגעקלעפּט א שניי־ספֿינקס. — דאָס איז אײַער קונסט, ניט אַזוי? קאָנטיק, איר האָט פֿיל פֿרײַע צײַט, הער שטאַבס־פֿעלדפֿעבל. און פֿאַרוואָס בייגט דער ספֿינקס דעם קאָפּ זײַנעם? דערשפּירנדיק זיך שולדיק, האָט ער זיך פֿאַרשעמט, וואָס?

— די זון איז שולדיק, הער לייטענאַנט. זי וואַרעמט.

אַז דעם לייטענאַנטס שטאַלטנע, ריטמיש זיך וויגנדיקע פֿיגור איז פֿאַרשוווּנדן, ווי זי וואָלט צעשמאָלצן געוואָרן אינעם שימער פֿונעם בלענדיק־העלן, זוניקן ווינטערטאָג, האָט פֿפּאַנקוך גענומען אויסלאָזן זײַן ביטער האַרץ צו דער אייגענער שאַפֿונג — צעבריקעט, צעטראָטן די שנייפֿיגור, געמאַכט מיט דער ערד צוגלײַך.

דערנאָך, אַרײַנפֿאַלנדיק אין זײַן צימער, האָט ער גענומען רײַסן פֿון די ווענט זײַנע מאָלערײַען — די בילדער פֿון די נאַקעטע פֿרויען, וואָס ער האָט געצייכנט פֿון פֿאַרשיידענע גראַטעס און גראַטכענס, מיט וועלכע ער האָט געהאַט צו טאָן, און די איבערגעקאָפּירטע פֿון פּאָרנאָגראַפֿישע אויסגאַבעס און קאַרטלעך. צעריסן אַלע צייכענונגען אַף פּיצפּיצלעך, אַז קיינער זאָל מער ניט

קאנען טייטלען מיטן פינגער, — קוקט, מיט וואס עס באשעפטיקט זיך א מיליטערמאן, אנשטאט אופצופאסן, קארטאפל זאלן ניט פוילן, אנשטאט צו זארגן פארן זיג.

פארייגזאמט איז געבליבן הענגען אף דער גרויער שארכעוואטער וואנט דער פארטרעט פונעם דייטשישן סאלדאט אין דער קאסקע — אלס איינציקער אידעס פון פפאנקוכס פארנעמען זיך מיט קונסט. דאס פארגרעבטע פאנעם, די אויסגעסטארטשעטע אויגן האבן, לויטן שטאבס־פעלדפעבל, געדארפט אויסדריקן גרענעצלאזע קארבאנעס־גרייטקייט, העלדנטום און פאטערלאנדס־ליבע.

ווידער פארברעכער

פפאנקוך האט מאמעש געשטראלט: אט דאס איז אן ארדענונג!

יעדן פרימארגן ברענגט זיי א באוואפנטע וואך — פינקטלעך אויסגעציילטע, אויסגעמושטרירטע צו פיר אין א ריי. אף דער ברוסט און אפן רוקן איז בא יעדן פון זיי צוגענייט א גרויסער, פון ווייטן גוט קענטלעכער געלער זעקסעקיקער שטערן. באטאג ארבעטן זיי שטרענג געהיטע, פון שפיצריטער אנגעטריבן. אף נאכטלעגער פארשפארט מען זיי ווידער הינטער דער שטעכדראט־צוים פון דער געטא.

אזא ארדענונג געפעלט פפאנקוכן ביז גאר. ווען אזוי ווערן געארדנט אלע איינוווינער פון די דעראבערטע געביטן, וואלט געווען מער טאלק פון די מינדערווערטיקע טיפן, וואס דרייען זיך ארום אף דער פריי, און ס׳וואלט געוויס ניט פאסירט דאס, וואס האט פאסירט מיט די קארטאפל. צוערשט האט ער ניט פארשטאנען, פארוואס דער פיורער גיט ניט קיין באפעל אריינצוטרייבן הינטער שטעכדראט אלע ליטווינער, אלע ביז איינעם. נאר באלד האט ער זיך געכאפט: עהע, דאס וואלט געפאדערט צופיל דייטשישע וואכלייט. געדולד! געדולד! נאך דער מילכאמע, אז די ארמייען וועלן זיך צוריקקערן פון פראנט, וועט מען שוין וויסן וואס צו טאן.

און דערווייל האבן די געטא־יידן איבערגעקליבן קארטאפל. אף טראגבערעטער ארויסגעטראגן פון די קעלערס די איבערגעפירטע און צעפוילטע, צונויפגעווארפן זיי אין קופעס. פפאנקוך איז ניט געווען פויל א קאנטראליר צו טאן לויטן זייגער, וויפל דויערט, א טרעגער־פאר זאל אראפגיין אין קעלער מיט ליידיקן און אופהייבן זיך מיט פולן. די פארשפעטיקטע האט ער מעכאבעד געווען מיט זיין שפיצרוט. ער פלעגט אויך אראפטרייבן זיינע וואכלייט כאפן א קוק, וואס עס טוט זיך אין די קעלערס. אליין האט ער ניט געטראכט עס צו טאן. דער טייוול ווייסט, ס׳קאן זיין, אז פונעם גיפט, וואס די יידן אטעמען ארויס, און דעם גערוך פון די פוילנדיקע קארטאפל שאפט זיך א געפערלעכע כימישע מישונג, וואס קאן פארדארבעריש ווירקן אף ראסן־ריינעם בלוט.

די אליך וואקסנדיקע הויפנס צעפוילטע קארטאפל, אנגעווארפענע אפן ווייסן שניי, האבן גענומען באומרויקן דעם שטאבס־פעלדפעבל: וואס וועט בלייבן אין די קעלערס? ווו וועט ער נעמען קארטאפל פאר די צאלרייכע מיליטערישע קיכן? ארום — אנגעפראפטע קאזארמעס. פון פראנט ברענגט מען און מע ברענגט טראנספארטן פארווונדעטע, וועלכע פילן אן די שטאטישע לאזארעטן. און ווו זיינען די געליטענע פון דעם רוסישן ווינטער? אויך דאס דאזיקע אומנייטיקע מיסט שלעפט מען אהער. פארן פאטערלאנד זיינען עס בלויז אומזיסטע עסערס, אן אבסאליוט אומנייטיקער סקארב, און ער, פפאנקוך, דארף זיי שפייזן, בייס די קארטאפל־רעזערוון צעגייען.

ניט אנדערש, אז אליין די פארזעונג האט א שטופ געטאן דעם שטאבס־פעלדפעבלס האנט א רודער צו טאן די הויפנס מיטן שטעקל פון דער שפיצרוט. דער פריערדיקער אינערלעכער אומרו איז איצט פארוואנדלט געווארן אין גרימצארן: א, דאנערוועטער, שלאקסדאנערוועטער נאכאמאל! אזויפיל גוטע קארטאפל צונויפגעוואלגערט אינעם אפפאל! עך, די פארשאלטענע יידישע אונטערמענטשן!

פון אלע קעלערן, ווו זיי האבן געשטעקט, האט מען זיי צונויפגעטריבן, אויסגעשטעלט אין א שערענגע. די וואך, לויטן באפעל פונעם שטאבס־פעלדפעבל — מיט די ביקסן אין שלאכטגרייטקייט. ער אליין — אין נאפאלעאנס פאזע — די פיס פאנאנדערגעשפרייט, די רעכטע האנט ארייינגעשטעקט אין לאץ — האט זיי אנגעקוקט מיט א פינצטערן בליק פון אונטער די דיקע האריקע ברעמען. אט זיינען זיי, די פארשאלטענע, אומויסבעסערלעכע וועלט־פארברעכער, שטייען מיט אנטבלויזטע קעפ, די היטלען אין די הענט. א פארשיידנפארביקע מאסע — צעפליקטע מאנטלען, אפגעטראגענע קורטקעס, שמוציקע רעקלעך, מיט שטריק ארומגעגארטלטע שמאטעס. די פענעמער — בלוטלאז. די באקן — איינגעפאלן, באוואקסן מיט שטשעטינע. בלויז די אויגן פון טיפע גריבער ארויס האבן געברענט. געוויס האבן אין זיי זיך געמינעט פונקען פונעם סאטנס פייער. אבער פפאנקוך איז דעם פיורערס א סאלדאט, וועלכן עס שרעקט ניט אף דער טייוול אליין!

ניט געקוקט אַף דער געפאַר, וואָס האָט געלויערט פון דער נאָענטקײַט מיט אָט דער מאַסע גענעם־ברוים, איז פּפאַנקוך אופגעשפּרונגען פון אָרט און, ווי לאָזנדיק זיך אין אַטאַקע, גענומען לויפן לענגאויס דער שערענגע אַרעסטאַנטן, שפּריצנדיק און שלײַדערנדיק פלאַם־פײַער:

— און איר וואָגט נאָך! איר! איר, אַזוינע, וואָס זײַט שוין, לויטן פירערס אויסדרוק, א מוזעאַלע זעלטנהײַט! איר, וועמענס אָרט ס'איז באַם אורפאָטער אבראַהאַם, ווי ס'איז דער פאַל מיט דער מערהײַט אײַערער. פרייט זיך, אַז מע לאָזט אײַך פויזען אַף דער ערד, פּראַלאָנגירטע טויטע! פאַרן דאָזיקן גנאָד דאַרפט איר אָפּדאַנקען מיט ערלעכער, איבערגעגעבענער אַרבעט. און דאָ...

דאָ האָט זיך פּפאַנקוך פאַרהאַקט, איז אַנשוויגן געוואָרן. אַרום זײַנען געשטאַנען די וואַכ־לײַט נאָך אַלץ מיט די ביקסן אין שלאַכט־גרייטקײַט און געוואַרט אַפן באַפעל. דער שטאַבס־פעלדפעבל האָט זיך פאַרהאַקט? ס'הייבט זיך ניט אָן! פּפאַנקוך ווייסט, ווען צו שטעלן א פּונקט, מעג עס אין אים ברענען און בראָטן. ער זאָל עפנטלעך אויספּלאַפּלען, וואָס די דאָזיקע קאַרטאָפּל־סאָרטירער האָבן אָפּגעטאָן, וועט עס דערגיין צום לײַטענאַנט. אַהאַ, וועט ער זיך פרייען, וואָס ס'פאַלט אַזוי שענדלעך דורך דעם שטאַבס־פעלדפעבלס אַקציע צו ראַטעווען די קאַרטאָפּל... צו די צונויפגעטריבענע האָט ער אָבער געדאַרפט זאָגן עפּעס זייער שטרענגס. האָט ער זיך צעריטשעט:

— וואַנצן זײַט איר! צעקוועטשן דאַרף מען אײַך, קיין שפּור זאָל פון אײַער שטינקעדיק געביין ניט בלײַבן! יאָ! איך טראַכט אָבער ניט צו פאַרשמוצן מײַנע הענט מיט קרעציקע לומפּן! דער געסטאַפּאָ וועל איך אײַך איבערגעבן, וועט איר זיך אויסלערנען אַרבעטן!

— פון אײַלעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס! — האָט עמעצער פון דער שערענגע א זאָג געטאָן אין א גוטן דײַטש. א זאָג געטאָן גאַנץ הילכיק און אַזעסדיק.

לויט זײַן אופגעהויבענעם קאָפּ און צוקנדיקע קינבאַקן איז ניט שווער געווען צו דערקענען דעם שולדיקן כאָצעף.

— דרײַ טריט פאָרויס, מאַרש! — האָט פּפאַנקוך אים געגעבן א קאָמאַנדע. — דו וועסט גיין מיט מיר, און איר — צו דער אַרבעט! איך וואָרן! איצט ווייסט איר, ווי מע דאַרף אַרבעטן. און אָרדענונג זאָל מיר זײַן!

קוים שלעפּנדיק די פיס, דורך די וואַכלײַט אונטערגעטריבן, געשטויסן פון זייערע ביקסן־קאָלבעס, זײַנען די יידן אַראָפּ אין די קעלערס.

דעם פאַרזינדיקטן האָט פּפאַנקוך אַוועקגעפירט מיט זיך.

דער פאַרהער

נייך, ניט זײַן באַלעבאָס האָט עס דאָנאַר באַגעגנט מיט אַזאַ שטורעם. אַן אָפּגעפּיטערטער, ווי א קאַלב די גרייס, וואָיענדיק, שטשירענדיק די ציין, האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון זײַן אָפּגע־צוימט ווינקל און זיך געוואָרפן אַפן פרעמדן, וואָס איז די שוועל אַריבער. עס האָט אויסגעזען, אַז דער הונט וועט באַלד איבערבײַסן דעם גאָרגל פונעם אַרײַנגעקומענעם. דאַן האָט פּפאַנקוך באַפוילן:

— דאָנאַר, האַלט!

אופגעריסן די געמבע, איז דער הונט פאַרגליווערט געבליבן שטיין אַף די הינטערשטע פיס. דאַן — א געהאַמעוועטער אַראָפּגעזונקען, גענומען זיך דרייען אַרום פרעמדן און יאָמערלעך געוואָיעט אַפן פעטן ביסן, וואָס מע האָט אים אַרויסגעריסן פון מויל.

פּפאַנקוך האָט געקוועלט: אָט דאָס הייסט דרעסור, מושטראַ! ווירקלעך, קלאַסיש! זײַן מי איז ניט געווען אומזיסט!

דער אַרײַנגעקומענער איז געשטאַנען מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ, ווי אַן אָפּגעמישפּעטער. די געלע שטערנס אַף זײַן ברוסט און רוקן האָבן אָפּגעשײַנט אין דער אַרומיקער סומנקײַט מיט אויסזיכטלאָזער פאַרורטיילטקײַט און ווי אָפּגעשטעמפּלט דעם גוירל פון מענטשן, וואָס האָט זיי געטראָגן.

דער הונט זאָל זיך ניט פּלאָנטערן אונטער די פיס, האָט אים פּפאַנקוך אַרײַנגעטריבן אין זײַן ווינקל. אַליין האַרכאָוועדיק א וואַלגער טועדיק זיך אַף דער ברייטער, זייער ווייכער, מיט פּראַנדזן אַרומגעהאַנגענער סאָפע, איז ער צוגעטראָטן צום פאַרהער:

— שפּרעכסטו דויטש?

— יאָ.

דאָס איז פאַר פּפאַנקוכן ניט געווען קיין איבעראַשונג. לויט דער אויסגערופענער פּראָזע אין

דער שערענגע האָט מען עס געקענט דערוואַרטן. דערצו מאַכט דער דאָזיקער קאַרטאָפל־סאָרטירער אַן אײַנדרוק פֿון אַ גאַנץ אינטעליגענטן מענטשן, כאָטש זײַנע קליידער זײַנען אָפּגעטראָגן, דאָס פּנים — פֿאַרוויטערט. ניין, ער זעט ניט אויס ווי קיין גאַרנישט, דער דאָזיקער העלהאָריקער, וווּקסיקער, גוט געבויטער יונגערמאַן מיטן הויכן שטערן, מיט דער שמאָלער גראָדליניקער נאָז און מיט די גרויסע גרויע אויגן.

— און דו ווייסט אַף זיכער, אַז דו ביסט אַ ייִד? — האָט פּפאַנקוך פֿאַרווּנדערט אַ פֿרעג געטאָן. — האָסטו אַ שטאַמבוים? גענעאַלאָגישע דאָקומענטן? ביסטו זיכער, אַז דיך האָבן פּראָדוצירט דײַנע ייִדישע עלטערן? דו זעסט מיר אויס פֿאַרדעכטיק. איעדער אַריער וואָלט געמעגט זיך ווינטשן אַזאַ אויסזען. דערצו, ווי איך זע, ביסטו דרייסט. וואַגסט אַנטקעגנריידן דײַטשן. ווי קומט צו וואַנצן דרייסטקײַט?

דער יונגערמאַן, ווי אים וואָלט קיין זאַך ניט אָנגעגאַנגען, האָט גלײַכגילטיק געשוויגן.

— קום נעענטער. נעם דעם שטול. זעץ זיך, — איז פּפאַנקוך אַרײַן אין קוראַזש, אופֿגעשטאַנען פֿון דער סאָפֿע.

דער יונגערמאַן האָט געפֿאָלגט.

— און איצט שטיי אויף!

ניט אָן אַ גרונט איז דער שטאַבס־פֿעלדפֿעבל געוואָרן אומרויִק. וואָס טוט זיך דאָ? דער געבוי פֿון דאָזיקן מענטשן האָט ניט אַנטשפּראָכן דאָס, וואָס די ראַסן־לערע זאָגט וועגן סעמיטן. אין אירע ביכער שטייט שוואַרץ אַף ווײַס, אַז אַ זיצנדיקער ייִד קאָן אויסזען הויכוווּקסיק. שטייט ער אָבער אויף, זעט מען, אַז ער איז גאָר נידעריק, ווײַל זײַן אונטערשטער טייל קערפּער איז אומפּראָפּאָרציִאָנעל קליין — די שענקלען און פֿיס זײַנען קורץ און קרום.

— נו, דריי זיך אָקאָרשט אויס! — איז שוין פּפאַנקוך געוואָרן אומגעדולדיק. — ווײַז אָקאָרשט דײַנע אָפּצאַסן. המ... אָפּגעטראָטן פּונקט אין דער מיט. מאָדנע. ייִדן טרעטן אָפּ די אָפּצאַסן אַף אויסן...

פּפאַנקוך האָט באַקוקט, צי באַם געפּאָרשטן אָביעקט זײַנען ניט פּירקאַנטיק די נעגל, צי די אויערן — אָפּגעשטאַנען, ווי עס דאַרף טעאָרעטיש זײַן בײַ ייִדן. ער האָט קאָנטראָלירט די „אויערן־נאָז־ליניע״. נאָר אויך זי האָט קיין איבערצײַגעוודיקן ראַסן־באַווײַז ניט געגעבן. ניט אהער, ניט אהין, — די שפּיץ נאָז און די אויערן זײַנען געלעגן אַף איין האָריזאָנטאַלער ליניע.

— דו דאַרפֿסט גוט אַ טראַכט טאָן, גענוי אויסקלאָרן דײַן אָפּשטאַם, — האָט דער שטאַבס־פֿעלדפֿעבל געמורמלט אַ צעטומלטער. ער איז איצט געווען ניט אַזוי באַזאָרגט וועגן דעם סוביעקט, וועלכן ער האָט אונטערזוכט, ווי וועגן דעם פֿאַקט, אַז אַלע זײַנע מיטלען פֿעסטצושטעלן די ראַסן־אָנגעהעריקײַט האָבן אופֿגעהערט צו גילטן. ווּ איז דער ראַסן־פֿאַקטאָר? ווּ זײַנען די ראַסישע מינוס־וואַריִאַנטן? דעריבער האָט ער אַ בורטשע געטאָן: — עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק.

פֿונדעסטוועגן האָט ער זיך געטרייסט: עס זײַנען דאָך פֿאַראַן אויסנאַמען. אָט, צום בײַשפּיל, ער אַליין: אַ ריכטיקער אַריער און — טונקלהאָריק, טונקלהויטיק, נידעריק, פּולבלעך, מיט פֿיס, וואָס טרעטן אָפּ די שיך אַף אויסן...

וועלנדיק פֿאַרטושן די אומאָנגענעמע געפֿילן, וועלכע די אַלע איבערטראַכטענישן האָבן פֿאַרשאַפֿט, האָט דער שטאַבס־פֿעלדפֿעבל אַ קערעווע געטאָן דעם פֿאַרהער אין אַ נײַער ריכטונג:

— נו, און מיט וואָס האָסטו ביזן קריג געהאַנדלט?

— איך בין אַ מאָלער.

— אַ מאָלער? אָ, דאָס איז בײַ אונדז אַן ערנפֿולער באַרוף. אַדאָלף היטלער איז אויך געווען אַ מאָלער. איצט איז ער אַ פֿירער. און איך אַליין, איך דין אויך די מוזעס. בין אַ מײַסטער פֿון קלעפּן שניי־פֿיגורן און האָב זיך געגעבן אַ וואָרט, אַז דעם קומענדיקן ספֿינקס וועל איך אויסקנעטן פֿון מאָסקווער אָדער אוראַלער שניי. איך צייכן, איך מאָל. ליידער, איז מיר איצט בלויז דער־אָ פּאָרטרעט געבליבן. — און ער האָט מיט כשיוועס אַ ווונק געטאָן אַפֿן בילד פֿונעם סאָלדאַט מיט די אויסגעסטאַרטשעטע אויגן. — נו, און איבערצייכענען פּאָסטקאַרטלעך אָדער, לאָמיר זאָגן, פּאָטאָס קענסטו?

— כ׳וועל טרעפֿן.

פּפאַנקוך האָט אים באַלד אונטערגערוקט אַ ריין שטיקל פּאַפּיר, אַ בלײַער, אַ גומי־מעקער. דערלאַנגט אַ פּאָטאָ. דער מאָלער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. דער שטאַבס־פֿעלדפֿעבל האָט מיט קינע נאָכגעפֿאָלגט די פֿלינקע באַוועגונגען פֿונעם בלײַער, ווי געשיקט עס באַקומט זיך דאָס איבערגעצייכנטע בילד. אים, פּפאַנקוכן, גיט זיך אַזוי ניט אײַן. ער מוז נאָכאַנאַנד מעקן, פֿאַריכטן, ווידער מעקן. און דאָ — אַזוי שנעל און פֿונעם אָריגינאַל קוים צו אונטערשיידן. דער דײַטש האָט ניט אויסגעהאַלטן און פֿריידיק אויסגערופֿן:

— דו האָסט טאַלאַנט!

— טאַלאַנט... — האָט ביטער א שמייכל געטאָן דער צייכנער, — וואָס איז טאַלאַנט, בייס דו ביסט פארשפארט אין געטאָ.

— און פון דאָרט וועסטו קיינמאָל ניט ארויס! — האָט אנטשלאָסן געפּאסקנט פפאנקוך.

ניט אומזיסט איז ער א קאַדרעווער מיליטערמאַן, בעמעשעך פון יאָרן דערפאָלגרייַך אָנגעפירט מיט מיליטערישע ווירטשאפט־איינהייַטן. שטענדיק פּראַקטיש, איז ער געניט צו ציִען נוצן פון אַלץ און פון אַלעמען. אויך איצט האָט אים באפליגלט א ווונדערלעכער אייַנפאַל: דער דאָזיקער טיפּ וועט פאר אים צייכענען בילדער, פארגרעסערן פאָטאָס, און ער, פפאנקוך, וועט די דאָזיקע פּראָדוקציע אָפּזעצן אלס אייגענע ארבעט. מע ווייסט דאָך, אז ער צייכנט. ווער פון די קאַמעראַדן וועט ניט וועלן שיקן אהיים א פרישן גרוס פון זייער פעלדצוג אין מיזרעך. פון איין קאַמעראַד וועט ער פאר א פארגרעסערטן פּאָרטרעט באקומען א פלאש קאָניאַק, פון א צווייטן — אונטערכאַפּן עפּעס־וואָס פון די אין שטאָט „אָרגאַניזירטע״ זאכן. דורך די דאָזיקע טראַנזאַקציעס ערלעך דערוואָרבענע שפּייַז־פּראָדוקטן, קליידערשטיק און ווערטזאכן וועט ער אויך שיקן זייַן ליזעלאָטען, די קינדער.

געבליבן בלויז צו באטראכטן, ווי מע באגעגנט זיך מיטן מאָלער, עס זאָל בא קיינעם קיין פארדאכט ניט ארויסרופן. פפאנקוכס מויעך, אינטענסיוו אן ארבעט טוענדיק, האָט ווידער געפונען, לויט זייַן מיינונג, א געניאַלע ליזונג. דעם מאָלער וועט ער באשטימען פארן עלטסטן פון די קארטאָפל־סאָרטירער. יעדן אינדערפרי וועט דער דאָזיקער עלטסטער זייַן פארפליכטעט אָפּצוראַפּאָרטירן, וויפל מענער און פרויען עס זייַנען ארויס צו דער ארבעט; פון אָוונט — וואָס זיי האָבן אופגעטאָן פארן טאָג. דאַן וועט ער, פפאנקוך, אויך ניט זייַן אזוי פארשקלאָפּט בא די פארשאָלטענע קארטאָפל. אָן דעם האָט ער איבערגענוג מעלוכישע איניאָנים. צי קאָן מען זיך צערייַסן: סקלאַדן, פערד־שטאַלן, אפּראָוויזאַציע און אנדערע אָנשיקענישן...

— פון אייַלעניש קומט קיין גוטס ניט ארויס? ס׳הייסט, מע דאַרף ניט אָנטרייַבן? — האָט דער שטאבס־פעלדפעבל געטראַכט אפן קאָל. און אין די מאכשאָוועס איז ער שוין מאסקים געוועזן מיטן געדאַנק, אז מע דאַרף טאַקע ניט ארויסיאָגן די נעשאָמע פון די לעבעדיקע מייסים. דאַן וועט די קארטאָפל־סאָרטירונג זייַן דערפאָלגרייַכער. יאָ, ס׳זעט אויס, אז דעם דאָזיקן פארשוין פעלט נ״ט קיין פארשטאנד. האָט ער אים געפרעגט:

— ווי רופט מען דיך?

און זיך באלד פארכאַפּט:

— דייַן נומער?

— פינף טויזנט נייַן הונדערט צוויי און זעכציק.

— שווער צו פארגעדענקען. שליסלעך, איז אויך דער נומער ווערט א שפּייַ. איך באשטים דיך פארן עלטסטן פון דייַנע לומפּן און וועל דיך רופן... רופן... בריגאַדע־פיורער... פוי, דאָס איז דאָך דער טיטל פון אן עסעס־גענעראַל... קאָלאָנען־פיורער? ניין, ניין! וואַנצן קענען קיין פיורערס ניט זייַן. ניין, ניין! דיך וועל איך טיטולירן קורץ און שאַרף: מאָלער. זאָל זייַן אזוי, מאָלער! — פפאנקוך האָט ווי אויסגעפּרוווט דעם קלאַנג פונעם וואָרט „מאָלער״. — אַלזאָ, מאָלער, אויב ס׳וועט ניט ווערן אן אבסאָליוטע אָרדענונג אין די קעלערס, וועל איך דיך דעם ערשטן באזאָרגן מיט אן אומזיסטער רייַזע־קארטע צו דייַן אור־פאָטער אבראהאם, זאָלסט קענען איבערקלייַבן זייַנע קארטאָפל! פארשטאַנען?! און מאַרש!

נאָך דעם, ווי ער האָט ארויסגעטריבן דעם אָקאָרשט אוילע־לעגדולע געוואָרענעם מאָלער, איז פפאנקוך צוגעפאַלן צו די פענצטערלעך, אופגעפּראַלט זיי. מע האָט געדאַרפט אויסלופטערן דעם צימער. די שעדלעכע סובסטאַנץ, מיט וועלכער דער פרעמדער האָט דאָ געוויס פארפּעסטעט די לופט, טאָר א ריינראַסיקער אריער ניט אייַנעטעמען. ניט אזוי?

זאָרג איבער זאָרג

פפאנקוכס פערזענלעכע איניאָנים זייַנען געגאַנגען גאָר ניט שלעכט.

אף דעם ערדקייַלעך זייַנען גאַנצע וועלטן אופגעטרייסלט געוואָרן ביזן יעסאָד. ערגעץ־ווו האָט זיך טייַכנווייַז געגאָסן בלוט. פון די טיפענישן ארויסגעריסענע זייַלן ערד, שווארצע רויךקוילן, גענעמדיקע פלאַמען־צינגער האָבן ארייַנגעשפּארט אזש אין די הימלען. עס האָט געברויזט, געגרעוועט דער מילכאָמע־שטורעם. אָבער אַלץ — ערגעץ־ווו. אין דער שטאָט, וואָס איז געבליבן ווייַט הינטערן פראָנט, אין דעם אָפּגעצוימטן ראַיאָן, ווו ס׳האָט באַלעבאַטעוועט אונדזער שטאבס־פעלדפעבל, האָט זיך אייַנגעשטעלט רו, קימאַט אן אידילישע שטילקייַט.

דער לייטענאַנט איז, קאָנטיק, שטאַרק באַשעפּטיקט געווען מיט אַסאַקים, נעענטערע פּאַרן האַרצן. ער האָט שוין, ווער ווייסט ווי לאַנג, קיין טראָט ניט געשטעלט אַף דער ראַיאָן-טערי-טאָריע. פּפאַנקוך האָט דעריבער געהאַט פרייַע הענט צו טאָן אַלץ לויט זייַן אייַנזען. האָבן איצט אַלע אונטערגעאָרדנטע געהאַט פאַר אים נאָך א גרעסערן אָפּשיי, זייַנען געווען, דאַכט זיך, גע-האָרכזאַם, פאָלגעוודיק, געזוכט גויסע־כיין צו זייַן אין זייַנע אויגן.

און פונדעסטוועגן איז דעם שטאַבס-פעלדפעבלס שטימונג געווען ניט אַזוי געהויבן. דעם לייטענאַנטס קימאַט דעמאָנסטראַטיוו שטיין אין א זייַט פון אַלע איניאַנים האָט קיין גוטס ניט געקאָנט באַטייַטן. צי לויערט ניט אַף אים דאָס דאָזיקע אויסגעכאַליעטע אָפּיצערל ערגעץ פון זייַן באַהעלטעניש, אַזוי ווי א רויב-כייַע אַף איר קאָרבן?

— יאָ, יאָ, יאָ! — האָט אונטערגעקרעכצט פּפאַנקוך. — א מענטש א מענטשן איז א וואָלף. אַזוי געווען, אַזוי איז עס, און אַזוי מוז זייַן!

אויך גרעטכען האָט אים פאַרשאַפט איבעריקע זאָרג. אַזוי לאַנג לעבט זי בא אים און האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. ניט א קרעכץ, ניט א לאַך געטאָן. טויבשטום איז זי, צי וואָס? פונ-דעסטוועגן הערט זי, פאַרשטייט, ווען מע באַפעלט ברענגען קאַווע, אויסבאַקן לאַטקעס, צירעווען זאַכן, אופראַמען דאָס צימער. טוט אַלץ און שווייַגט, ווי א פאַרשאָלטענע. קאָן עפּשער זיך ניט אָפּכאַפּן, קאָן ניט פאַרגעסן יענע נאַכט, ווען די שטראָף-קאָמאַנדע האָט אוועקגעלאָזט מיטן רויך איר געבורטס-דאָרף? עפּשער האָט זי באַמערקט, ווי מע האָט איר פאָטער געשאָסן, געזען, ווי מע האָט איר מוטער צוזאַמען מיט די איבעריקע יאָמערנדיקע פרויען און קינדער צונויפגע-שלייַדערט אין מאַשינעס און אַרויסגעפירט? אָבער אים, איר רעטער און אָפּעקון, קאָן זי קיין זאַך, טאַקע קיין זאַך ניט פאַרוואַרפן. אין יענער נאַכט האָט ער זיך באַשעפּטיקט נאָר מיט ווירט-שאַפטלעכע פראַגן און אויסשליסלעך מיט זיי. אַזוי אויך איצט... און גרעטכען? אין אַזא שווערער קריגסצייַט לעבט זי זיך אין רו און זיכערקייַט, אין דער וואַרעם, ווי באַם טאַטן אין ווייַנגאָרטן. צו פרעסן האָט זי איבערגענוג. האָט זי זיך פאַריכט, צוגענומען אין וואָג. פאַרזוכט בא אים פונעם דערקענטעניש-בוים, דעם טאַם פון ליבע-עליקסיר. נאָר שוין צו בלייך איז זי. און אינעם בליק פון אירע אויגן, כאָטש העלע זייַנען זיי, — א סך פינצטערע הינטערקאַווענעס. און קיין סימען פון א שמייכל אַפן פּאָנעם. איין מאָל האָט זיך אַף אים יאָ באַוויזן א שמייכל. וואָס פאַרא רייצנ-דיקע כיין-גריבעלעך אין אירע באַקן! איין מאָל און מער קיינמאָל. ניין, דעם מיידלס שטימונג געפעלט אים ניט, זעט אויס אַזש פאַרדעכטיק. עפּשער טראַכט זי אַנטלויפן? וועט אַנטלויפן און אַלץ אויספּלאַפּלען? ע, נאַרישקייַטן, וועט ניט אַנטלויפן! דער ראַיאָן איז גוט אַרומגעצוימט. בא די טויערן — א שטאַרקע וואַך. און עפּשער האָט גרעטכען, זייַן גרעטכען, צוגעטראַכט עפּעס שרעקלעכס? וועט אים באַנאַכט קוילען...

און כאָטש ער פאַרשליסט זי אַף באַנאַכט הינטער א שלאָס, און כאָטש דאָנאַר איז שטענדיק בא דער זייַט, האָט דער שטאַבס-פעלדפעבל אַלץ קיין רו ניט. זייַנע צווי טיפע קנייטשן, ווער-טיקאַל אייַנגעשניטענע איבער דער פליישיקער נאָז, זייַנען געווען די בעסטע איידעס פון די דייַגעס, וואָס מאַטערן אים.

קיין גרונט פאַר איבערגעטריבענע זאָרג איז, אייגנטלעך, ניט געווען. מע האָט געדאַרפט זיך נאָר פרייען: די הויפּנס אַרויסגעוואָרפענע קאַרטאָפל זייַנען ווינציקער געוואָרן. דער מאָלער, א דאַנק גאָט, האָט אים באַפרייַט פון דער קאָפּדרייעניש מיטן איבערקלייַבן די קאַרטאָפל און האָט שוין געגעבן א געלעגנהייַט צו פאַרדינען א פלאַש פונש און דרייַ פאַר זייַדענע פרויען-זאָקן. און דער עמעסער ביזנעס איז נאָך פאַרגעשטאַנען. פּפאַנקוך האָט אונטערגעכאַפּט א סעריע פראַנצויזישע, אַפילע אין פראַנקרייַך גופע פאַרבאָטענע פאָטאָס פונעם אינטימען פאַריזשער נאַכט-לעבן. דער מאָלער דאַרף זיי איצט איבערצייכענען אין פאַרבן, פאַרגרעסערן. באַלאַנים אַף אַזא סכוירע וועלן ניט פעלן.

אויסער דעם האָט אין איינעם א פרימאָרגן באַם אַרופציִען די שטיוול פּפאַנקוכן אופגעבליצט א נייַער אייַנפאַל. זייגערמאַכערייַ איז שטענדיק געווען א ייִדישע פּראָפעסיע. זייַן האַנטזייגער איז שוין לאַנג איבערגעפירט. זאָל דער מאָלער פאַריכטן. פאַרשטייט זיך, ניט ער אַליין. פאַריכטן זאָל א ריכטיקער מייַסטער פון זייער געטאָ דאָרט.

נאָר אַז דער זייגער איז פאַרזונקען באַם מאָלער אין קעשענע, האָט פּפאַנקוך גענומען צווייפלען, צי מע קאָן אָנטרויען אַן ערעסטאַנט אַזאַ ווערטפולע זאַך. וואָס וועט זייַן, אויב מע שיקט אוועק דעם זייגערמאַכער אַף יענער-וועלט? דאַן — שיט אים זאַלץ אַפן עק. פּפאַנקוך האָט ריזיקירט. און אָט טיקעט ווידער אַף זייַן האַנט דאָס פאַריכטע זייגערל.

יאָ, ס'איז קלאָר, אַז מיטן מאָלער האָט דער שטאַבס-פעלדפעבל געטראָפן. יעדע פרייַע מי-נוט פון זייַנע פליכטן אַלס עלטסטער פון די קאַרטאָפל-סאָרטירער מוז ער זיצן, דער מאָלער, און צייכענען. אין א זייַטיק קעמערל, וואָס קיינער אין דער וועלט וועט ניט אַנטדעקן, האָט

ער זיך זײַן „אַטעליע“. פֿפֿאַנקוך כאַפּט זיך אַרײַן צו אים פֿון צײַט צו צײַט אַ קאָנטראָליר טאָן, צי ער זיצט ניט מיט צונויפֿגעלייגטע הענט. איינמאָל האָט ער אים אָפּגעשטאַט אַ וויזיט מיט אַן אַנדער ציל.

— אָן צווייפֿל, — האָט אָנגעהויבן דער שטאַבס־פֿעלדפֿעבל, — זײַנען צווישן אײַך פֿאַראַן יוּועלירער, גאָלדשמידן. אויך ייִדישע פּראָפֿעסיעס. אַלזאָ, זאָלן זיי מיר מאַכן אַ צירונגסשטיק. מיר׳ן זאָגן...

און ער האָט געוויזן אַ געליִענעם באַ אַ קאַמעראַד זילבערנעם רינג מיט אַ גאָלדן פּלאַטקעלע, אויף וועלכן ס׳איז געווען אויסגראַווירט אַ מאָנאָגראַם.

— אָט באַקומסטו רוישטאָף, — האָט פֿפֿאַנקוך, ניט וואַרטנדיק אויפֿן מאָלערס צושטימונג, אַרויסגעקראַצט פֿון טײַסטער אַ זילבערנע מאַטבייע און באַטאָנט: — זילבער! און ניט ווייניק. דיר וועט נאָך איבערבלײַבן. דערפֿאַר וועסטו דערלייגן דאָס נייטיקע גאָלד פֿאַר דער פּלאַטקע. אַזאַ סוּווענירן געפֿעלט מיר גרײַלעך. און אָט איז זאָגאַר די מאָס פֿון מײַן פֿינגער, — האָט ער אויסגעשטרעקט אַן אויסגעבויגן אין אַ רינג שטיקל דראָט.

עס זאָלן ניט בלײַבן קיין דאָקומענטאַלע באַווײַזן פֿון דאָזיקן אייסעק, האָט פֿפֿאַנקוך מינדלעך אָנגעזאָגט, וואָס מע דאַרף אײַנקריצן אויף דער גאָלדענער פּלאַטקע: דעם בוכשטאַב „ה“ איבערגעפֿלאָכטן מיטן בוכשטאַב „פֿ“, ס׳הייסט, די איניציִאַלן פֿון זײַן נאָמען און פֿאַמיליע־נאָמען. אויף דער אינווייניקסטער זײַט פֿונעם רינג — אַן „אָ“, אַ „פֿ“ און די צאָל „42“.

עטלעכע מאָל האָט דער שטאַבס־פֿעלדפֿעבל איבערגעכאַזערט זײַנע אָנווײַזונגען, אויסגעפּרוּווט דעם מאָלער, צי ער פֿאַרגעדענקט, און זיך צעשמייכלט: וועט עמעצן אײַנפֿאַלן, אַז „אָ“ באַטײַט „אָסטלאַנד“, „פֿ“ — „פֿעברואַר“ און „42“ — דאָס לויפֿנדיקע יאָר 1942? ניט יעדער וועט אויסשיפֿרירן די דאָזיקע מערקווירדיק־טיפֿזיניקע סימבאָלן.

פֿפֿאַנקוך איז געווען אַזוי באַגײַסטערט פֿון זײַן אײַנפֿאַל, אַז ערשט נאָך דעם, ווי דער מאָלער האָט פֿון זײַן האַנט אַרויסגענומען די מאַטבייע, האָט ער זיך געכאַפּט: צום טײַוול! די האַנט פֿון אַ ניט־אַריער האָט זיך צוגערירט צו זײַנער!

אויף יעדנפֿאַלס האָט ער אַרומגעוואַשן די הענט מיט ספּירט, דעריקער גוט אָפּגעריבן דאָס אָרט, אויף וועלכן ער האָט נאָך אַלץ געפֿילט די באַרירונג פֿונעם פֿאַרשאָלטענעם סעמיט.

מע דאַרף זײַן אָביעקטיוו און אָפּמערקן, אַז פֿפֿאַנקוכן האָבן געקאָראָבעט זײַנע געשעפֿטן מיטן ייִדן. עמעס, קיינער ווייסט ניט פֿון זיי. נאָר פֿאַר זײַן גערמאַנישן געוויסן האָט ער ניט געפֿונען קיין פֿולע באַרעכטיקונג פֿאַר די קאָנטאַקטן מיט אַ פֿאַרשטייער פֿון סוינע. אַזוי, קאָנטיק, איז אים באַשערט: קוים האָט ער אַ שטיקל נוצן, אַנטשטייען באַלד אומאָנגענעמלעכקײַטן, קומען אויף זאָרג. מע זאָל נעמען די געשיכטע מיטן רינג. וועט עפּעס אַרויס?

דעריבער איז ער ווידער אַוועק צום מאָלער. אַוועקלייגנדיק פֿאַר אים אַן אײַנגעוויקלט פּעקל אין פּאַפּיר, האָט ער צו וויסן געגעבן:

— דאָ האָסטו ברויט. פֿאַרבאַהאַלט. ווייסט, וואָס עס באַטײַט ברויט?

— מיר ווייסן שוין צו גוט, — האָט אָפּגעזיפֿצט דער מאָלער, אַרײַנגעשטופּט דאָס פּעקל אין קעשענע און, אַריבערגעבויגן איבער דער צייכענונג, ווײַטער געטאָן זײַן אַרבעט. — מיר באַקומען צו הונדערט גראַם אַ טאָג. דאָס ברויט איז מיט פֿאָלעווע, אויף דײַטש — זעגעמעל.

— זעסטו, און דאָ האָסטו ריכטיק ברויט. ניט זייער פֿריש, אָבער דעם שימל קאָן מען אויסשנײַדן. און אין אַלגעמיין איז פֿאַרעלטערט ברויט געזינטער פֿאַרן מאָגן. מיינסט, אַלע דײַטשן זײַנען שלעכט? איך האַלט פֿונעם פּרינציפּ: ווער ס׳איז ניט קאַפּוט געמאַכט, האָט רעכט צו פֿרעסן. — דאַן איז פֿפֿאַנקוך צוגעטראָטן צום איניען: — פּאַס אויף. פֿאַרצי ניט מיטן רינג... זעט דיר ניט אויס, אַז פֿון זילבערנעם געלטשטיק קאָן אַרויס נאָך אַ רינג? לאָמיר זאָגן, פֿאַר מײַן עלטסטער טאָכטער. די מאָס, לאָמיר זאָגן, פֿון דײַן קלענסטן פֿינגער.

דער מאָלער האָט צוגעזאָגט. ער וועט זיך מיִען, וועט באַשטעלן אויך דעם צווייטן רינג. איצט האָט ער אַליין געוואַגט עפּעס צו בעטן: דערלויבן זײַנע מענטשן, די, וואָס סאָרטירן קאַרטאָפֿל, מיטנעמען צו ביסלעך אָפּפֿאַל. זיי וועלן פּרוּוון קאָכן.

פֿפֿאַנקוך האָט ניט דערווידערט. זאָלן זיי זיך טראָגן מיטן מיסט. וועט מען ווייניקער דאַרפֿן אַרויספֿירן. וועט מען אײַנשפּאָרן טראַנספּאָרט־הוצאָות. וועלנדיק אונטערשטרײַכן זײַן וווילטועריש־קײַט, האָט ער אָנגעהויבן:

— אין פֿאַבריקן וועלט־קריג האָט מען אויך געגעסן געפֿראָרענע קאַרטאָפֿל. נאָר ניט צופֿיל. אין קעגנפֿאַל קאָן מען זיך פֿאַרגיפֿטן. נאָר וואָס קאָן מען טאָן? קריג איז קריג. אָבער ווער איז שולדיק, ווער האָט דעם קריג אַרויסגערופֿן? אַ?

דער מאָלער, ניט אופֿהערנדיק צייכענען, האָט געשוויגן.

— ווייסט ניט, אַ? — האָט פּפאַנקוך צופרידן געשמייכלט. — אין פּאָליטיק פאַרשטייסטו גאָרניט. איר, ייִדן! אָט ווער ס'איז שולדיק!

דער מאָלער, ווי ער איז געווען אריבערגעבויגן איבער דער צייכענונג, איז אַזוי פאַרגליווערט געוואָרן. זײַן בליק — צוגעשמידט צום בלײַער־שפּיץ.

און דער שטאַבס־פעלדפעבל, סוידעספּול שעפּטשענדיק, האָט זיך אוועקגעלאָזט אופקלערן, ווער עס זײַנען די עמעסע שולדיקע פון קריג. צוויי און זיבעציק ייִדן, די זיקניי־ציען, די צוויי מאָל זעקס און דרײַסיק אומזיכטבארע, וועלכע מע רופט ניסטאָרים, אָט זיי פירן עס די וועלט פאַר דער נאָז. איין מאָל א יאָר קומען זיי זיך צונויף אין איינער א שטאָט און באַשליסן, מיט וועלכע ריטער שמײַסן די וועלט אין פאַרלויף פון די קומענדיקע צוועלף לעוואָנע־כאַדאָשים. דעם פראָטאָקאָל שרײַבן זיי אונטער מיט אריש בלוט. ווו זיי האלטן אָפּ די זיצונגען, איז שווער צו דערגיין, ווײַל אַלץ ווערט געמאַכט שטרענג געהיים און יעדעס מאָל אין אַן אַנדער אָרט. פאַרשיידן מאַסקירטע, דרייען זיי זיך ארום איבער דער וועלט, פאַרשטענדיקן זיך איינער מיטן צווייטן דורך א שיפר פון צייכנס און קלאַנגען. מע קאָן אמאָל טרעפן א בעטלער, אַן אָפּגעריסענעם, אָפּגעשליסענעם ייִדן, וואָס דערוועקט צו זיך מיטלייד. און פאַקטיש איז דאָס איינער פון יענע וועלט־פאַרברעכער, וואָס שטרעבן דורך פאַרשיידענע אופרודערונגען, עפּידעמיעס און קריגס־האַנדלונגען אומצוברענגען די ארישע ראַסע. בלײַבט דער דאָזיקער ראַסע איין אויסוועג: אומברענגען אַלע ייִדן, עס זאָלן מיט זיי צוזאַמען אונטערגיין די שולדיקע אין אַלע לײַדן פון דער מענטשהײַט.

— איצט פאַרשטייסטו שוין? — האָט פּפאַנקוך פאַרענדיקט ברײַען די טוירע, מיט וועלכער ס'איז געווען אָנגעשטאָפּט זײַן קאָפּ. — אָט ווו עס שטעקט דער שליסל צו פּאָליטיק! — און ער האָט צוגעקלאַפּט די טיר פון דעם מאָלערס ארבעטס־קאַמערל.

דער שטאַבס־פעלדפעבל איז שוין לאַנג געווען אונטערן זיכערן געוועלב פון זײַן צימער, ווען ס'האָט אים א זעץ געטאָן אין מויעך: וואַרט נאַר, וואַרט נאַר, האַנס! דײַן מאָלער מיט די אומקלאָרע ראַסן־מערקצייכנס זאָל אָקאָרשט ניט זײַן איינער פון יענע... פון יענע פאַרשטעלטע ניסטאָרים! אונטער דער מאַסקע פון אַן אריער...

אוי, וויפל זאָרג עס האָט אויסצושטיין אונדזער שטאַבס־פעלדפעבל! וויפל קלעמעניש, פאַרדראָס און לײַד עס דאַרף אויסטראָגן זײַן אריש האַרץ! ווײַט פון דער היימאַט, אַן דער מישפּאָכע, אַן פרײַנט, ארומגערינגלט פון אַזוינע גרויסהאַלטערישע און ערגײַציקע לייטענאַנטן, צעקוועטשטע גרעטכענס, אומקלאָרע מאָלערס, — צי קאָן מען רויק לעבן? נאָך גאָט צו דאַנקען, איין־איינציקער טרײַער פרײַנט איז פאַראַן — דאַנאַר! אָף דעם דאָזיקן וואָלפסהונט קאָן מען זיך פאַרלאָזן מער, ווי אָף א צענדליק צוויפיסיקע וואַכלײַט מיט וואָפן.

— דאַנאַר, דאַנאַר...

דער הונט האָט שטיל זיך צוגעשאַרט צום שטאַבס־פעלדפעבל, וואָס איז צעכושט אראָפּגעזונקען אין פאָטעל, און ארופגעלייגט זײַן שנוק אָף דעם באַלעבאָס' קני.

פּלוצעם...

דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן ווי געוויינלעך.

א גרוילעכער, קילבלעכער, עכט־ליטווישער מאַרט־פרימאָרגן האָט דורך די שמאָלע פענצטער־שפּאַרונעס גענומען ארײַנדרינגען צו פּפאַנקוכן אין צימער. ווי נעכטן, אַזוי האָט דער שטאַבס־פעלדפעבל אויך הײַנט אָנגעהויבן זײַן טאָג־אָרדענונג מיט גימנאַסטיק, קעדיי אראָפּצוזעצן דאָס פעטס פון בויך, מיט זײַן דערפונדעם מעטאָד פאַנאַנדערצוטרײַבן דאָס בלוט אין די אָדערן, זיי זאָלן ניט פאַרקאַלכט ווערן. דער טאָך פון דאָזיקן מעטאָד — אָנשפּאַרן זיך מיט די הענט אין דיל, א וואָרף טאָן די פיס אָף אַרוף, בלײַבן שטיין אָף די הענט. פאַרלירנדיק דאָס גלײַכגעוויכט, אָנשפּאַרן זיך מיט די פיס אין דער וואַנט און האַלטן, האַלטן זיך קאָפּ־אראָפּ, פיס־ארוף וויפל עס לאָזט זיך.

אין אַזאַ פּאַזע — שטייענדיק אָף די הענט, האָט דעם שטאַבס־פעלדפעבל הײַנט געטראָפן דער מאָלער, בייס ער איז ארײַן מעלדן וועגן אָנקום פון דער ארבעט־בריגאַדע. פּפאַנקוך האָט זיך פאַרוונדערט: צי דען זײַנען די לומפּן געקומען פריער, ווי שטענדיק, אָדער ער איז אַזוי געווען פאַרטאָן מיט דער פּראָצעדור און ניט געמערקט, ווי די צײַט איז אוועק? אַזוי צי אַזוי, ער האָט ניט געטראַכט איבערצורײַסן זײַן באַשעפטיקונג. פאַרקערט, געוואָלט איבערראַשן דעם מאָלער. מיט די פיס ארוף, דאָס פּאָנעם אָנגעגאָסן מיט בלוט, האָט ער גענומען באַפעלן: וויפל מענטשן זאָלן איבערקלײַבן קאַרטאָפל, וויפל — ארויסטראָגן דעם אָפּפאַל, וויפל זאָלן זעגן און האַקן האָלץ. (אויך אָף דעם האָט דער פּראַקטישער שטאַבס־פעלדפעבל גענומען אויסניצן אומ־

זיסטע ארבעט־קראַפט). און אויך איצט האָט ער ניט דורכגעלאָזן די געלעגנהײַט א כויזעק צו טאָן:

— וואָס איז הײַנט פאר א טאָג?

— מיטוואָך, — האָט, קיין זאך ניט כוישעד זײַענדיק, געענטפערט דער מאָלער.

— אייזל, — האָט ארויסגעפּלאַצט דער שטאַבס־פעלדפעבל. — הײַנט איז פײַערטאָג. הײַנט הענגט מען עפנטלעך קאָמוניסטן. ווען וועט מען שוין אײַך אלעמען אופהענגען?

— דאָס ווייסן מיר ניט.

— יאַוואָל! דאָס באַשטימען מיר, דײַטשן! — איז פּפאַנקוך פארכלינעט געוואָרן פון פרייד, און זײַן אָפּגעפּיטערטער גוף, פארלירנדיק דאָס גלײַכגעוויכט, האָט דומפּ א זעץ געטאָן אין דיל. — ארויס פונדאַנען, ארויס! — האָט ער, אומגעשיקט אופהייבנדיק זיך, געשריגן.

צום טײַוול, ווער ווייסט, ווי לאַנג ס'וואָלט אים געראָטן הײַנט שטיין אף די הענט, ווען ניט דער דאָזיקער פארשאָלטענער... געקאָנט שלאָגן א רעקאָרד.

פלוצעם... אזוינע „פלוצעמס" באַרײַכערן א געשיכטע, גיבן זי אומדערוואַרט א ווענד אין א נײַער ריכטונג, פארגרעסערן איר שפּאַנונג, פארפּלאָנטערן די אינטריגע. און אין לעבן קערן זיי אָפּט אלץ איבער מיט דער פוטער אראָפּ.

יענער טאָג האָט אָנגעטראָגן פּפאַנקוכן אזוינע „פלוצעמס" פון אלע זײַטן.

דאכט זיך, פּאָטער געוואָרן פון דעם אָנגעקומענעם מאָלער, האָט דער שטאַבס־פעלדפעבל פלוצעם באַמערקט, אז זײַן גרעטכען זעט אויס פארדעכטיק. דאָ ניט לאַנג זײַנען די זאכן לויז געהאַנגען אף איר, און הײַנט איז דאָס קליידל אָנגעצויגן אפן לײַב... דער ביסן איז פּפאַנקוכן געבליבן שטעקן אין האלדז. ניט פארענדיקט דעם פרישטיק, האָט ער מיט איין שלונג אויסגעטרונקען א גלאָז אייער־ליקער, קעדיי אויסצוברענגען מיט זײַן זיסקײַט דעם גיפט, וואָס פארסאַמט דאָס לעבן, און איז האַסטיק ארויס אפן ראַיאָן.

און דאָ האָט ער פלוצעם דערזען פון דער ווײַטנס דעם לייטענאַנט. אהאַ, דער שעף פעדערט זיך, נעמט שוין ווידער די לייצעס אין זײַנע הענט. פּפאַנקוך האָט זיך אויסגעדרייט אין דער קעגנזײַטלעכער ריכטונג.

און דאָ איז ווי פון אונטער דער ערד פלוצעם אויסגעוואַקסן א פּאָסטן, וואָס האָט געמאָלדן, אז דער שטאַבס־פעלדפעבל ווערט דערוואַרט בא איינעם פון די איבערגעסאָרטירטע קעלערן. האָט אויך אָנגעגעבן זײַן נומער. וואָס פאר א סורפּריז דערוואַרט אים דאָרט? לאָזט זיך אויס, אז ווען מע האָט געעפנט א קעלער, קעדיי ארויסצוגעבן קאַרטאָפל א מיליטערישן שפּיטאָל, האָט ארויסגעזעצט פון דאָרט א גערוך ווי פון א גאזקאַמער. אָנשטאָט קאַרטאָפל — א שיטערע פארפּעשטע קאַשע. מע האָט געעפנט א צווייטן, א דריטן — דאָס זעלבע.

דאָנערוועטער! מע האָט אים, דעם שטאַבס־פעלדפעבל, ווידער אָפּגענאַרט! געמיין, פּרעך אָפּגענאַרט! נאָר איצט וועט נעמען א סאָף! ער וועט ניט נאָכגעבן און ניט פארגעבן! א צעיושעטער איז ער געלאָפן צום מאָלער, האָבנדיק פעסט באַשלאָסן אים צעשיסן, ווי א קרעציקן הונט, און אלס צולאָג מינדעסטנס א צענדליק פון די זײַניקע.

אונטערוועגס האָט דער שטאַבס־פעלדפעבל אָפּגעשפּיליעט די קאָבורע, אָנגעטאַפּט דעם רעוואָלווער... נאָר פלוצעם האָט אים פארהאַלטן דעם לייטענאַנטס א שאָליעך:

— דער הער שטאַבס־פעלדפעבל ווערט דערוואַרט באַם הער לייטענאַנט.

און אָט איז פּפאַנקוך אזוי אומדערוואַרט ווידער פאר זײַן שעף: א פריטשמעליעטער, מיט א פארוועלקטן פּאָנעם און אן אײַנגעפּאַלענער ברוסט.

— קורץ און שאַרף, הער שטאַבס־פעלדפעבל, — האָט אָן פּאָרעדעס אָנגעהויבן דער לייטענאַנט, — איר האָט זיך אויסגעצייכנט, דערפילנדיק פליכטן. ניט אזוי? אונדזער העכערע אָנפירערשאַפט האָט הויך אָפּגעשאַצט אײַערע אדמיניסטראַטיווע פייִיקײַטן. ענדלעך וועט איר ווערן אליין א שעף. איר ווערט באַשטימט קיין... — דער לייטענאַנט האָט זילבנווײַז געלייענט פון פּאַפּיר: — קיין קיי־שיא־דאַ־ריס אָנצופירן מיטן פארגרייטן באַהייצונג. זומער — טאַרף, ווינטער — האָלץ. ארבעט־קראַפט — ארעסטאַנטן. ס'וועלן דאָרט זײַן אויך יידן. איר האָט דאָך שוין דערפאַרונג. אין אײַער דיספּאָזיציע וועלן זײַן ליטווינער, רוסן, פּאָליאַקן, ס'הייסט א גאַנצער אינטערנאַציאָנאַל. די געפענקעניש זײַנען פול מיט פארשיידענעם מיסט...

בלויז די צוקנדיקע ברעם פון לינקן אויג האָט ארויסגעגעבן פּפאַנקוכס צעטרודערונג. פארשטענדלעך, ער האָט ניט געקאָנט זאָגן: ניין, איך וויל ניט, איך בין אומצופרידן! קיין אויסוועג איז ניט געווען. דעם מענטשנס שיקזאַל ליגט ניט אין זײַנע הענט. ער ווערט געפורעמט ערגעץ הויך, אין די הימלען.

אוועק א רעכט ביסל, ביז פּפאַנקוך האָט באַנומען, אז מע דאַרף אפן קאָפּ אויסדריקן געהאָרכזאַמקײַט. ער האָט צוגעקלאַפּט די אָפּצאַסן און ארויסגעפּרעסט דורך די ליפּן:

— יאוואָל, הער לייטענאַנט! אָנפירן מיט פאַרגרייטונג!

און וואָס ווײַטער? מעלדן וועגן אומגליק מיט די קאַרטאָפל? געוואָלט פאַרשווײַגן, נאַר, א טראַכט טוענדיק, אז באַם איבערגעבן די ווירטשאַפט וועט די אַל סײַווי אַרויסקריכן פון זאַק. באַשלאָסן בעסער אָפּצוטעמפּן דעם שפּיץ. האָט ער אונטערטעניק אָנגעהויבן:

— געערטער הער לייטענאַנט, איר ווייסט...

דעם לייטענאַנטס בליק האָט אַרומגעוואַנדערט איבערן צימער.

דאַן האָט פפאַנקוך אַרויסגעלאָזט א פּרווו־באַלאָן:

— די קאַרטאָפל, ס'הייסט ניט אַלע...

איצט האָט דער לייטענאַנט קאָנצענטרירט זײַן גאַנצע אויפמערקזאַמקײַט אַף די נעגל. פפאַנקוכס ווערטער האָבן זיך איבערגעריסן. האָט זײַן שטאַמלערײַ פּלעגמאַטיש פאַרגעזעצט דער שעף:

— ניט אַלע... מאָדנע... וואונדערלעך... געקאָנט זײַן אַלע... — דאָ האָט ער זיך ווי אופגע־כאַפּט פון דרעמל און געגומען באַפעלן: — זאָלן איצט אײַערע יידן אַרויסוואַרפן פון די געפּענטע קעלערס זייער מיסט. אַרויס מיט דעם שײַסדרעק! די איבעריקע קעלערס ניט אָנרירן! זאָלן הענגען פלאַמבעס! סײַווי איז אומעטום שײַסדרעק! מירן אַרויסשיקן אונדזערע מענטשן אין דאָרף. זײַט זיכער, די ליטווינער האָבן אויסגעהיט די קאַרטאָפל בעסער פאַר אײַך. קאַרטאָפל איז ניט קיין שפּעק, וועלכן מע קאָן ערגעץ־ווו באַהאַלטן, ניט קיין פּי, וואָס מע קאָן אין וואַלד פאַרטרײַבן. ניטאָ מער קיין פּרעסט. קאָן מען עפענען די קאַרטאָפל־גריבער. אַף דער נאָענטסטער צײַט וועלן מיר ווי־ניט־איז פאַרשטאָפּן די העלדזער פון די באַשטעלער. און ווײַטער — זאָלן אונדזערע נאָכפאָלגער ברעכן זיך דעם קאָפּ. מירן זיי איבערלאָזן א הייליקן געבאָט: מאַכט ניט קיין רעזערוון! זאָלן עס טאָן די פויערים. איין אַרבעט לאָזט פאַר זיך: פּאָרן און נעמען! אַלזאָ, א טאָג צען בלײַבט אונדז איבערצוגעבן די ווירטשאַפט, און דאַן... — דער לייטענאַנט האָט אוועקגעלייגט אין א זײַט דעם נאָגל־רייניקער און גאַליק פאַרגעזעצט: — מיך הייבט מען אַריבער קיין אָסטן, נעענטער צו דעם זון־אויפגאַנג, ווו ס'איז זודיק... און דעם שטאַבס־פעלדפעבלס פּאַטריאָטישע טעטיקײַט וועט זיך פאַנאַנדערוויקלען הינטער די רוקנס פון עטלעכע הונדערט אַרעסטאַנטן. אײַך וועט זײַן קילער. אַלזאָ, טראַגט זיך אָפּ און מאַכט ריין עטלעכע קעלערס! מאַכט פּלאַץ פאַר די נײַע קאַר־טאָפל, וואָס מע וועט ברענגען! איך וויל אויסמײַדן טומל, אויספאַרשונגען... איר האָט מער גליק, ווי פאַרשטאַנד, הער שטאַבס־פעלדפעבל.

— יאוואָל, הער לייטענאַנט! — האָט פפאַנקוך אַוטאָמאַטיש אויסגעשאָסן.

דעם לייטענאַנטס דינע ליפּן האָבן זיך אָן עפּן געטאָן, אויסגעפורעמט קימאַט א שמייכל. זײַנע צוויי גרויסע אייבערשטע ציין, ווי בא א הריזן־כײַעלע, האָבן נאָך לאַנג געסטאַרטשעט אינעם אָפענעם מויל.

אַזוי איז עס: דער מענטש טראַכט, און גאָט לאַכט. וואָסערע פּלענער האָט ניט אופגעשטעלט דער שטאַבס־פעלדפעבל: פאַרלייגן דאָ א גרויסן גאָרטן מיט די אומזיסטע אַרבעט־הענט פון די יידן, באַנײַען די שילדן און ווײַזערס, אײַנשאַפן זיך ראַסעווע קי. דער מאָלער ענדיקט עטלעכע באַשטעלטע פּאָרטרעטן, און וויפל אַנדערע איניאָנים וואַרטן דערלײדיקט צו ווערן.

קומט, הייסט עס, א סאָף צו אַלץ. און אים בלײַבט איין אויפגאַבע: אַרויסקריכן פון דער בלאָטע און לאָזן נאָך זיך א מער־ווייניק ריינעם טיש. ווי ס'באַקומט זיך: דער לייטענאַנט מיינט, אז ער, דער שטאַבס־פעלדפעבל, האָט מאַזל. אָן אידיאָט! מאַזל האָבן גאָר די יידן! איצט איז געפערלעך זיי אָנצולערנען פאַרן איבערלאָזן אין די קעלערס צעפוילטע קאַרטאָפל מיטן צוועק אָנצושטעקן די געזונטע. א קלאָרער סאַבאָטאַזש! ער דערמאָנט זיך, ווי זיי פלעגן אַראָפּטראָגן עמערס וואַסער אין די קעלערס, קלוימערשט צום טרינקען. ער, א געוויזענער צאַרבאַלעכײַימניק, האָט ניט געקאָנט פאַרבאָטן לעבעדיקע ווענס שטילן דעם דאָרשט. און די וואַסער האָבן זיי, אָן צווייפל, אויסגעגאָסן אַף די קאַרטאָפל, זיי זאָלן נאָך מער פוילן. ווער ווייסט, מעגלעך, אז אָנשטאָט אָפּפאָל האָבן זיי, אָנגעלאָדענע ווי די קעמלען, געטראָגן אין געטאָ זעק געזונטע קאַרטאָפל. עד, האַנס, ווי מע האָט דיך געמאַכט צום נאַר! און ווער...

דער קאָפּ האָט געקאָנט פּלאַצן פון די אַלע געדאַנקען און פּלוצעמדיקע איבעראַשונגען. ער וואָלט געוויס געפּלאַצט, ווען פפאַנקוך געפינט ניט קיין אויסוועג: געלאָפן צו זיך אין צימער און אַרײַנגעקערט א מעכטיקע דאָזע פון דעם סאַמע שטאַרקסטן און ביטערסטן געטראַנק, וואָס ער האָט געפונען. און, ווי אָנשפּײַענדיק דער גאַנצער וועלט אין פּאָנעם, אַרײַנגעוואַלגערט זיך אין בעט — א ניט אויסגעטאָנענער — אין מונדיר, אין די שטיוול.

פפאַנקוך האָט אַלץ פאַרגעסן. אפילו דאָס, אז ס'איז געווען באַפוילן קומען אָנטיילצונעמען אין דער צערעמאָניע פון הענגען עפּנטלעך קאָמוניסטן.

דאָס מאָל האָט מען אים געקאָנט מוחל זײַן דעם דיסציפּלין־ברוך. באַרעכטיקנדיקע סיבעס האָבן ניט אויסגעפעלט.

אין נאָמען פון בלוט

עס האָט זיך שוין געזען דער ברעג: די ווירטשאַפט — באַלד איבערגעגעבן; די טשעמאָדאַנעס — קימאַט אַלע פאַרפאַקט, די פּערזענלעכע אַסאַקים — באַלד געשלאָסן, די אופגעפלאָמבירטע קעלערס — מער ווייניק אויסגערייניקט פון דער פוילנדיקער מאַסע.

בעמעשעך פון די עטלעכע, מיט זאָרג פאַרפולטע טעג האָט פּפאַנקוך באַוויזן אָפּצוטאָן נאָך א מעלוכיש־וויכטיקן אַקט. צוויי וואַכלײַט האָט ער איבערגעגעבן, ווו מע דאַרף. ער האָט אונטערגעהערט, ווי זיי קלאָגן זיך אַפן קריג. דאָס האָט נאָך געפעלט! ניט גענוג, וואָס די דאָזיקע טויגעניכצן האָבן אַזוי געראָטן אופגעפאַסט די קאַרטאָפּל־סאָרטירונג, וואַגן זיי נאָך צו אָכצן און קרעכצן.

נאָך דעם דאָזיקן פּאַטריאָטישן שריט איז זײַן שווערע שטימונג א ביסל געלינדערט געוואָרן. מע וואָלט אויך געדאַרפט צונויפירן די רעכענונג מיט די ייִדן. די לעצטע צײַט זײַנען זיי געוואָרן נאָך מער פאַרפינצטערט, באַוועגן זיך ווי שאָטנס מיט גרויע פּענעמער. וואַרטן אַף עפּעס ניט גוטס צי וואָס? זאָלן זיי! זאָלן זיי ציטערן! מער וועט אים קיינער ניט פירן פאַר דער נאָז! ער וועט נאָך אײַנפירן אָרדענונג! זאָלן אָקאָרשט די לעבעדיקע מייסים מאַכן און ברענגען דעם באַשטעלטן רינג פאַר דער טאָכטער. זײַנעם טראָגט ער שוין. דער רינג פאַרשײַנט די גאַנצע האַנט, גיט צו עלעגאַנץ זײַן באַזיצער. פּפאַנקוך האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט, ווי ער וועט נאָך דער מילכאָמע, פאַרנעמענדיק א הויכן מיליטערישן פּאָסטן, אויסזען מיט דעם דאָזיקן צירונגס־שטיק אַפן פינגער און מיט אן אײַזערנעם קרייץ אַף דער לינקער זײַט ברוסט.

דעם באַשטעלטן רינג פאַר דער טאָכטער האָט דער מאָלער אַלץ ניט געבראַכט. עס האָבן ניט געהאָלפן קיין מאָנונגען, וואָרענונגען. צופיל דראָען האָט פּפאַנקוך געהאַלטן פאַר ניט צוועקמעסיק. וואָס טוסטו, אז דער מאָלער נעמט און גייט אַרויס צו דער אַרבעט מיט אַן אַנדער בריגאַדע? ווי ווועסטו אים דאַן אופזוכן? אין געטאָ באַלעבאַטעוועט די געסטאַפּאָ. צי ווועסטו איר מעלדן, אַז דו האָסט נייטיק א ייִדן מיט אַזאַ און אַזאַ נומער? גאָר אַנדערש וועט אַלץ אויסזען, ווען דער מאָלער וועט זיך געפינען הינטערן שטעכדראָט פונעם לאַגער, ווו ער, פּפאַנקוך, וועט זײַן האַר און געביטער.

יאָ, פון אַלע שטאַנדפּונקטן לוינט א ביסל צו באַשירעמען דעם מאָלער. עס לוינט אַפילע מעלדן, אַז ווען מע וועט צונויפשטעלן דעם קאָנטינגענט פאַרן לאַגער, זאָל דער מאָלער אומבאַדינגט אין אים אַרײַנגעצויגן ווערן. ערשטנס — די רינגען, צווייטנס — די בילדער, וועלכע מע קאָן צייכענען, ניט נאָר זײַענדיק דער עלטסטער פון די קאַרטאָפּל־סאָרטירער.

גאָט צו דאַנקען, אויך די דאָזיקע פראַגע איז געלייזט. ניט געלייזט בלײַבן נאָר די אינטימע אָנגעלעגנהײַטן, גרעטכען. ווער וועט אונטערזאָגן, ווי אויסצופלאָנטערן דעם דאָזיקן שלימאַזלדיקן קנופּ?

א באַשלוס האָט מען געדאַרפט אָנעמען גלײַך. אַלץ דײַטלעכער איז צו זען, אַז אינעם מיידל קוועלט אָן א קנאָספּ. אָט־אָט, און עס ווערט רײַף א פרוכט, אין וועלכן ס׳האָבן זיך איבערגעקרייצט צוויי בלוט־סאָרטן און געוויס אויך צוויי ראַסעס. א קנאָספּ, א פרוכט. אַז גאָט גיט, א מיידל. זײַנס א זעקסט? ווו וועט ער עס אַהינטאָן? דערצו מיט געמישטן בלוט...

ס׳האָט זיך ניט געוואָלט גריבלען אין דעם דאָזיקן מישמאַש. און עפּעס טאָן האָט מען באַדאַרפט. עפּשער וועט אונטערזאָגן א גוטע אייצע אַזאַ פונדאַמענטאַל ווערק פון דער ראַסן־וויסנשאַפט, ווי ראָזענבערגס „דער מיטאָס פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט“?

ער האָט זיך א צי געטאָן צום בוך, ווי א זיך טרינקענדיקער צו א רעטונגס־רייף. לאַנג אים געבלעטערט. אין דעם געפּלאָנטער פון אומענדלעך לאַנגע, געדריידלטע זאַצן האָט ער פונדעסטוועגן אַרויסגעלייענט, אַז ס׳איז געקומען די צײַט פון נײַעם דײַטשישן מיטאָס. דער מיטאָס פון ריינעם בלוט און פון דער פרײַער נעשאָמע, וואָס באַטײַט דעם סאָף פונעם ראַסן־כאַאָס, דער מיטאָס, וועלכער דערוואַכט צו א נײַ לעבן נאָך א לאַנגן לעטאַרגישן שלאָף.

דער מיטאָס דערוואַכט, און זײַן מויד מיט איר צוקינפטיקן אָפּשפּראָץ שטערט אופצופראַלן פאַר דער גערמאַנישער ראַסע די טויערן פון אייביקער גליקזעליקײַט און אויסלייז. ער, פּפאַנקוך, צעמישנדיק זײַן בלוט מיטן בלוט פון עפּעס א מינדערווערטיקן ווען, פּענטעט דעם מיטאָס. וואָס טאָן? ווי זיך העלפן? איצט, ווען ער שטייט אַפן דינסט־לייטער, קאָן אים די געשיכטע מיטן מיידל אַלץ איבערפירן. נאָר דער פיורער, אַליין דער פיורער, וועט העלפן אַרויסקריכן פון דעם דאָזיקן שרעקלעכן זומפּ.

מיט א טיאָכקעניש אין האַרצן האָט ער א נעם געטאָן דעם אין ברוינעם לעדער אײַנגעבונדענעם היטלערס „מײַן קאַמף“. מיט ציטעריקע פינגער האָט ער געבלעטערט די ערזאַץ־פּאַרמע־

טענע זײַטלעך פון דער עוואַנגעליע פון דריטן רײַך. ביז ער איז שטיין געבליבן בא די שלוס־ווערטער:

„Ein Staat, der im Zeitalter der Rassenvergiftung sich der Pflege seiner besten rassischen Elemente widmet, muss eines Tages zum Herrn der Erde werden“[1].

גענוג פֿילאָסאָפֿירן! ער, פפאַנקוך, קאָן ניט ווערן אַזאַ האַר, פֿאַרגרעסערנדיק דעם ראַסן־כאַאָס, פון וועלכן עס לײַדט אומבאַשרײַבלעך די מענטשהײַט. אויב ווילסט זײַן אַן עכטער גערמאַנער, דאַרפסטו זײַן אַנטשיידן און אַזוי שנעל ווי מעגלעך אַנטפלעקן דײַן אײַנגעבאָרענעם באַרוף צו הערשן. אַזוי שנעל ווי מעגלעך!

און פפאַנקוך האָט זיך גענומען אײַלן. ער האָט פלינק געגאָסן זיך אין האַלדז שפּאַנישן מאַלאַגאַ און דײַטשישן דאָפּעל־קימעל, געמישט פראַנצויזישן קאָניאַק מיט יוגאָסלאַווישער סליוואָוויצאַ און אונגאַרישן טאָקײַער...

אַף מאָרגן האָט ער קוים אופגעהויבן זײַן שווערן, ווי מיט בלײַ אָנגעגאָסענעם קערפּער. באַם ערשטן טראָט זיך אָנגעשטויסן אין איינער פון די לײדיקע פלעשער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אַפן דיל, און זי צעבראָכן. „שערבלעך ברענגען גליק“, — האָט ער זיך געטרייסט.

די אײוורים — ווי זיי וואָלטן אַרויסגעשרויפט געווען פון זייערע שלעסער. ביז צום ווײנען האָט עס גענאָגט אין דער ברוסט. פאַר די אויגן — אַ נעפּל, און אין קאָפּ — אַ געדיכטער טשאַד, וואָס האָט אַרויסגעשטופּט אַלע ווונטשן און שטרעבונגען. געבליבן בלויז איין באַגער — אײַנגאַנצן באַרוישט צו ווערן פון דער ביז ווײטעק אָנגענעמער ביטערניש. און ער האָט אויסגעזשליאָקעט ביזן דעק די ערשטע אין די הענט אַרײַנגעפאַלענע פלאַש מיט אַ פאַרביקן עטיקעט.

הײַנט איז צעשטערט געוואָרן די טאָג־אָרדענונג. אויס געניטונגען און מאַציִאָנען. ניט באַמערקט אַפילע דאָנאַרן, וואָס האָט מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג געוואַרט אַף די עטלעכע שטיקלעך צוקער, וואָס קומען אים יעדן פרימאָרגן אַפן ניכטערן האַרצן.

פפאַנקוך האָט זיך אַנטשלאָסן. אָפּגעמאָסטן אַפן אויג דעם אָפּשטאַנד פון טיש ביז צום אײַזערנעם האָק אין סאַמע צענטער סופיט, ווו ס׳קרייצן זיך די דיִאַגאָנאַלע ריפּן פון געוועלב. וואָס מער ער האָט געקוקט אַפן האָק, אַלץ מער האָט אים אויסגעזען, אַז זײַן אויערל איז אַרומגעזוימט מיט אַ לײַכטנדיקן אָרעאָל. דער האָק! ס׳איז אַן אויסגעשטרעקטע האַנט פון דער פאָרזעונג...

„דירעקט אונטערן האָק צורוקן דעם טיש, אַרופשטעלן אַף אים אַ בענקל“, — האָט דיקטירט דער ווילן פון שיקזאַל. דער שטאַבס־פעלדפעבל איז אַרופגעקראָכן אַפן טיש, זיך געשטעלט אַפן בענקל, אויסגעפרווט, צי דער האָק זיצט פעסט. אין קעשענע איז שוין געווען צוגעגרייט דער נײטיקער שטריק.

— גרעטכען, אַ, גרעטכען... — האָט ער, אַראָפּקריכנדיק פון טיש, ליבלעך צוגערופן דאָס מיידל. — קום אַהער...

אין דעם מיידלס פּאָנעם — קיין סימען פון שרעק, בלויז קאַלטער גלײַכגילט. ווי היפּנאָטיזירט האָט זי נאָכגעפאָלגט פפאַנקוכס זשעסטן, וועלכע האָבן דערקלערט, אַז ער נעמט זיך ווידער צום צייכענען. צײַט צו באַצירן די הוילע ווענט פונעם צימער מיט נײַע בילדער. דערײַבער דאַרף אים גרעטכען פּאָזירן, ווי פריִער. נאָר דאָס מאָל וועט מען זיך ניט דאַרפן אויסטאָן. דערפאַר אָבער דאַרף מען אַרופקריכן אַפן טיש. און דערווײַל האָט ער געפרווט אַרײַנשטופּן דעם מיידל אַ גאַנץ טעוועלע שאָקאָלאַד.

דאָס מיידל האָט אָפּגעשטופּט די מאַטאָנע. נאָר דאָס האָט ניט געשטערט דעם שטאַבס־פעלדפעבל צאַרט זי אַרומצונעמען און צופירן נעענטער צום טיש. דעם וועג האָט ער פאַרזיסט מיט אַן אומענדלעכן שטראָם לאַקריצדיקע רייד, וועלכע דאָס מיידל האָט, ווײַזט אויס, ניט פאַרשטאַנען, נאָר האָבן זי געדאַרפט פאַרטומלען, באַרוישן. און וואָס נאָך וויכטיקער — זיי האָבן דעם שטאַבס־פעלדפעבל גופא געדאַרפט צוגעבן מוט. ער האָט אָנגעבאַלעבעטשעט אַ סאַך. ניט אַלץ ריכטיק פאָרמולירט. זײַן פלוידערײַ האָט מען געקאָנט, נעמלעך, פאַרשטיין אַזוי:

— האָב ניט קיין אַנגסט, קינד מײַנס. איך בין טאַקע פון דיסעלדאָרף. פון דער שטאָט, וואָס איז באַרימט מיט אירע וואָפן־פאַבריקן און דעם „דיסעלדאָרפער וואַמפּיר“. יענער פלעגט מאַכן וווּרשט פון מיידל־פלייש. האָב ניט קיין אַנגסט. איך בין ניט קיין ווּרשטמאַכער. איך בין אַ שטאַבס־פעלדפעבל. געווען אַ צײַט, ווען כ׳האָב דיך געראַטעוועט פון פײַער, פון אומקום. מיר האָבן אָבער ניט אָפּגעמאַכט אַף וויפל. זײַ דאַנקבאַר פאַר יענע גליקזעליקע מינוטן און טעג,

---

[1] „אַ מעלוכע, וואָס גיט זיך אָפּ אין אַן עפּאָכע פון ראַסן־פאַרגיפטונג מיט דער פלעגע פון אירע בעסטע ראַסישע עלעמענטן, מוז אַמאָל ווערן דער האַר איבער דער ערד“.

וועלכע כ׳האָב דיר געשאָנקען. און איצט דאַרפסטו פאַרשטיין, אַז יעדער מענטש ווערט געבוירן מיט זײַן און נאָר מיט זײַן שיקזאַל. קעמפן קעגן אים, אַנטקעגנשטעלן זיך אים — איז מער ווי נאַריש. דיר, פלאַטערל מײַנס, איז היינט באַשערט אויפצוהייבן זיך אין די הימלען. דו ביסט דאָך פאַרשטענדיק, געהאָרכיק. הייב זיך!

דאָס מיידל האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. דאַן האָט פּפאַנקוך מיט גוואַלט זי אוועקגעשטעלט אויפן טיש. אויך איצט איז זי געשטאַנען פאַרשטאַרט. העלע האָר־פּאַסמעס האָבן באַדעקט אירע פּלייצעס. אין דעם גרוילעכן ליכט פונעם צימער האָט אומעטיק זיך געוויזן דעם מיידלס פּאַנעם, די איבערגעקרייצטע אויף דער ברוסט נאַקעטע הענט. און פּפאַנקוך מיטן צייכן־בלאָק אין דער האַנט האָט זיך געמאַכט צייכנענדיק.

פּלוצעם האָט אַ פיבער אַרומגעכאַפּט דעם מיידלס קערפּער, און אירע בלוטלאָזע ליפּן האָבן זיך גענומען באַוועגן.

— ניט דאַוונען! — האָט דערשראָקן אויסגעשריִען דער שטאַבס־פעלדפעבל. דערנאָך איז זײַן שטים ווידער געוואָרן צוקער־זיס: — דו ביסט יונג, קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן. פאַר דײַן זעל זײַנען אָפן דעם הימלס טויערן, די טויערן פון גאַניידן. דיך וועלן דאָרט ווײַסע מלאָכים באַגעגענען... איך וועל דיך אויספּוצן מיט בלומען, אַ קרייז פון יונגע בירקען־ביימער אוועקשטעלן. בעסער, ווי דערשטיקט צו ווערן אין אַ גאַזקאַמער אָדער ברענען אויף אַ שײַטער... נאָר דו, ווי איך זע, פאַרשטייסט סײַ ווי ניט, וואָס כ׳דערקלער דיר... — און ער האָט אויפגעברילט: — גענוג! זאָלן שפּורלאָז פאַרשווינדן געהיימניס־טרעגער! מיט די וואָרצלען זאָלן אויסגעריסן ווערן מישלינגען, וועלכע האַלטן אויף דעם ראַסן־כאַאָס אין דער וועלט. מעלוכע־אינטערעסן איבער אַלעס! גאָטס ווילן אַנטפּלעקט זיך אין די טאַטן פון מענטשן. איז אין נאָמען פון בלוט, שיקזאַל און גאָט!

דערפילנדיק זיך אַלס פאַרווירקלעכער פון גאָטס ווילן, האָט ער אַרופגעפויזעט אויפן טיש, אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע דעם שטריק און האַסטיק אים אויפגעהאַנגען אויפן האָק.

— דעם שלייף אָנטאָן! אויפן האַלדז! — האָט ער באַפוילן, ווײַזנדיק דעם מיידל, וואָס זי דאַרף טאָן. — אַליין, מיט די אייגענע הענט, פרײַוויליק אָנטאָן!

דאָס מיידל האָט אַזוי גענומען קוויטשען, אַרויסגעפּלאַצט מיט אַזאַ געיאָמער, אַז פּפאַנקוכן איז אַזש שלעכט געוואָרן. איצט האָט מען שוין ניט געטאָרט וואַרטן, לאָזן זיך באַווירקן פון סענטימענטן און ווייכהאַרציקע געפילן פון אַ מיטגליד פונעם „טירשוץ־פאַריין“. און דאָ נאָך — בייזע פײַערן, ניט־אַרישע פײַערן האָט ער פּלוצעם דערזען אינעם מיידלס אויגן. ווי מיט אײַזערנע צוואַנגען, האָט ער אָנגעכאַפּט זײַן גרעטכען, אַרויף מיט איר אויפן בענקל, אין אויגנבליק אָנגעטאָן איר דעם שלייף און, אַרונטערשפּרינגענדיק פון טיש, אַרויסגעשטויסן דאָס בענקל פון אונטער די פיס פונעם שרײַענדיקן, זיך צאַפּלענדיקן מיידל...

אַרום — די בעסטע אָרדענונג. קיינע צייכנס פון גוואַלט — ניט אין צימער, ניט אויפן מיידלס קערפּער. דערצו דאָס אומגעוואַלגערטע בענקל אויפן טיש, — אַלץ האָט געוויזן, אַז דאָס מיידל איז אוועק פון דער וועלט פרײַוויליק.

אײַלנדיק צו פאַרשווינדן פון צימער, האָט פּפאַנקוך דערפילט אַ שאַרפע נאָגעניש אויף דער באַק. אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט — בלוט! זעסט, וואָס פאַראַ נעגל דאָס דאָזיקע פלאַטערל האָט זיך געלאָזט אויסוואַקסן! זעסט, ווי מע דאַרף זײַן וואַכזאַם! איצט וועט עס מער זיך ניט דראַפּען...

מיט אַ געפיל פון דערלײַכטערונג איז דער שטאַבס־פעלדפעבל אַרויס צו זײַנע דינסטלעכע פליכטן.

א באַלעבאָס פאַר זיך

ענדלעך! ניטאָ דער לייטענאַנט. קיינער רײַט אים ניט אויפן קאַרק. ער אַליין איז אָנפירער, שעף. מע קאָן אויסשפּרייטן פליגלען. ענדלעך איז פּפאַנקוך אין זײַן אייגענעם קיניגרײַך.

באַראַקן הינטער שטעכדראָט. אַרום און אַרום — אַ דאָפּלטע צוים, וואַכטורעמס. אומגעפער אַזוי האָט ער זיך די זאַך פאָרגעשטעלט. פאַרשטענדלעך, ווען ער אַליין וואָלט געבויט דעם דאָזיקן לאַגער און ניט איבערגענומען פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע טויגעניכצן, וואָס זײַנען אַפילו ניט געווען פייִק שפּורלאָז צו ליקווידירן די טויטע קערפּערס פון די פריִער געהאַלטענע דאָ קריגסגעפאַנגענע, וואָלט ער אַנדערש אויסגעפּלאַנירט די טעריטאָריע. די וואַכשטוב מיט זײַן פּערזענלעכן צימער וואָלט ער אָפּגעטראָגן ווײַטער פון דער אַרעסטאַנטישער וואַנצן־נעסט און

וואָלט זי מער פּאַרפּעסטיקט. אין דער צוים ארום לאגער וואָלט ער אומבאדינגט אריַינגעלאָזט עלעקטרישן שטראָם.

דער נײַער שעף, דער נײַער לאגערפיורער שטאבס־פעלדפעבל האנס פּפאנקוך האָט זיגע־ריש א שמייכל געטאָן: אים, דעם אלטן הינערפרעסער, דארף מען ניט לערנען! ער איז גענוג אָנגעלערנט און איז מער ניט גענייגט צו טרײַבן שפּאַס. דער בעסטער באווײַז: בא יעדן באראק איז לויט זײַן באפעל אופגעשטעלט געוואָרן א טליע. און דאָס זײַנען געווען די איינציקע קאָנ־סטרוקציעס פון פרישן געהילץ אינעם גאנצן לאגער־ראיאָן.

אין זײַן נײַעם קיניגרײַך איז פּפאנקוכס געדריקטע שטימונג באלד פארשוווּנדן. די קאַ־לאָריענפולע און וויטאמינרײַכע שפּײַז, וועלכע די וואכלײַט פלעגן אים „אָרגאניזירן“ בא די ארומיקע פויערים, די פרילינגדיקע לופט, אָנגעזאפּט מיט דופט פון לאָנקעס און סאָסנע־וועלדער, האָבן געווירקט אפן שטאבס־פעלדפעבל ווי די בעסטע סאנאטאָריע. די שלאבעריקע הויט אף זײַן פּאָנעם איז שטײַפער געוואָרן, א ראָזלעכע פארב באקומען. די שטענדיק ראזירטע באקן האָבן געגלאנצט, און דאָס אקוראט ארומגעשוירענע לאָפּעטקע־בערדל האָט דערמאָנט אין די קינ־אָנשפּארן פון די אוראלטע פארעס, וואָס האָבן געדארפט האלטן שטאָלץ פאריסן זייערע פּנעמער. פּיפּיקער האָבן זיך באוועגט די פיס, אזש לײַכטער איז געוואָרן צו טראָגן דעם אייגענעם קערפּער. און די געדאנקען — אופגעהײַטערטע, באפליגלטע — האָבן זיך געריסן אין די הייכן.

און ווי זאָל ער ניט זײַן גוט געשטימט, אז ער אליין פירט אײַן אָרדענונג אף דער וועלט און ס'איז פארווירקלעכט געוואָרן זײַן הייסער באגער: איצט זײַנען שוין ליטווינער אויך הינטערן שטעכדראָט! און רוסן, און פּאָליאקן! א לויב דעם פיורער, אויך מיט זיי אלעמען ענדיקן זיך די קאָמעדיעס! וואָס די קרייצטרעגער האָבן ניט דערגרייכט מיט דער שווערד און בלוט אין מעשעך פון יאָרהונדערטער, ווערט אין דעם פיורערס צײַטן איינס־צוויי פארווירקלעכט. דער מיזרעך — אָסטלאנד — וועט ענדלעך זײַן באוווינט נאָר פון מענטשן מיט גערמאנישן בלוט, און די אײַנ־געבוירענע וועלן פארוואנדלט ווערן אין באמיסטיקונג.

מע דארף נאָך אָפיציעל ענדערן דעם נאָמען פון דער אָרטשאפט. א ריין־ראסיקער דײַטש קאָן זיך אויסדרייען די צונג, וועלנדיק אויסריידן דעם ליטווישן נאָמען קיי־שע־רא־דיס צי קא־שע־רא־מיס, דער טײַוול ווייסט, ווי סע הייסט דאָרט. האָט ער געטראכט, געטראכט און באשלאָסן: פון הײַנט וועט עס הייסן — קוישערדע. א פארבינדונג פון די צוויי עכט־דײַטשישע ווערטער — אומשולד און ערד. די דאָזיקע ערד דארף זיך אָפּגעבן די דײַטשן, ווי אן אומשולדיק מיידל דעם באשערטן.

א סאך צײַט און אָרט וואָלט פארנומען, ווען מע זאָל וועלן שילדערן אלע מאָמענטן פון פּפאנקוכס טעטיקײַט, אנטפלעקן זײַן אלזײַטיקן אָרגאניזאטאָרישן און מיליטערישן טאלאנט. איין מאָמענט טאָר מען אָבער ניט פארבײַגיין מיט שטילשווײַגן. דאָס איז די פּרעציזע און עפעקט־פולע דורכפירונג פון די שטראָפן איבער די פארזינדיקטע ארעסטאנטן. ער האָט קיינמאָל ניט געשטראָפט אָן א גרונט. דעריבער איז זײַן געוויסן געווען אין אָרדענונג. ער האָט געוואָרנט מינדלעך און דאן אויסגעהאנגען דעם מאָלערס אָנגעצייכנטע, דײַטלעכע און גוט לעזבארע מעל־דונג: „דערלויבט איז דאָס, וואָס דער לאגער־פיורער באפעלט. אלדאָס אנדערע איז פארבאָטן!“

די באשולדיקטע פלעגט מען שטראָפן. דאָסראָוו הענגען, אין אָנוועזנהײַט פון גאנצן לאגער. אלע זאָלן זען, ווי ס'ענדיקט זיך אומגעהאָרכזאמקײַט דער מאכט פון דײַטשן. געפירט פון דער־הויבענעם ווילן צו פארהיטן די איבעריקע לאגערניקעס פון טרויעריקן סאָף, פלעגט דאן פּפאנ־קוך אזוי זיך פאנאנדערלאָזן:

— קוישערדער ארעסטאנטן! איר אלע — קאָמוניסטן, טעראָריסטן, ניט־אריער! אומצו־פרידענע מיט דער נײַער אָרדענונג און אזוי צוליב אָרדענונג אהער ארײַנגעפאלענע, האקט זיך ארײַן אין אײַערע מינדערווערטיקע געהירן: אײַער וועלט איז איצט קוישערדע, און דאָס גאָר! פארשטאנען?! איך האָף, אז די, וועלכע ווילן ניט פארזוכן דעם פארגעניגן פון א שלייף ארום האלדז, וועלן עס יאָ פארשטיין!

לײדער האָט פּפאנקוך געמוזט פעסטשטעלן, אז זײַן לאגער איז פול מיט טעמפּקעפּיקע ברוים, וואָס ווילן ניט פארשטיין זײַנע פאָטערלעכע ווערטער. די צאָל פארזינדיקטע איז גע־וואקסן. ס'האָבן אפילע פּאסירט פאלן פון אנטלויפן. דאן האָט ער געשטראָפט די געבליבענע. דער שיקזאל, בלויז דער שיקזאל, פלעגט אויסקלײַבן די אָביעקטן פאר די באלערנדיקע שטראָף־צערעמאָניעס. לויטן גורל פלעגט ווערן פעסטגעשטעלט, ווער עס ווערט אופגעהאנגען אָנשטאָט דעם אנטלאָפענעם. אויסער דעם פלעגט יעדער צענטער לויט דער ריי עפנטלעך באקומען צוואנ־ציק שמיץ אפן נאקעטן געזעס. אויב מע קאָן אויסדרעסירן הינט, טאָ פארוואָס זאָל מען צווייפי־סיקע באשעפענישן ניט קאָנען אײַנגעוווינען צו דיסציפּלין און אָרדענונג?

אָבער אופהאלטן אין קוישערדע אן אײַזערנע דיסציפּלין און מוסטערהאפטע אָרדענונג איז

ניט געווען פון די לײַכטע זאַכן. געוויסע האַנדלונגען פון די אַרעסטאַנטן האָבן שוין געשמעקט מיט ווידערשפּעניקײַט און ריכטיקן סאַבאָטאַזש. ס'איז, צום בײַשפּיל, קלאָר געזאָגט געוואָרן: די טאָרף־פּליטעס לייגן אין שטאַבלען פון לינקס אַף רעכטס. און עפּעס אַ לומפּ האָט אָנגעהויבן דאַפּקע פון רעכטס, ווי ער וואָלט געשריבן אָדער געלייענט ייִדיש. פפאַנקוך, וואָס האָט זיך ניט פאַרלאָזן אַף זײַנע וואַכלײַט און איז אומעטום פול געווען, האָט עס באַמערקט.

— וואָס טוסטו? — האָט אופגעדונערט זײַן פראַגע.

און יענער, צי ער האָט ניט פאַרשטאַנען אָדער געמאַכט זיך ניט פאַרשטייענדיק, טוט זיך דאָס זײַניקע. פפאַנקוך האָט איבערגעכאַזערט, וויִאַזוי מע דאַרף אַרבעטן. נאָר זעענדיק, אַז עס העלפט ניט, גענומען דערקלערן, וואָס עס הייסט אָרדענונג און דיסציפּלין, מיט דער פאַרשטענדלעכסטער שפּראַך — מיט דער שפּיצרוט איבערן קאָפּ, איבער די זײַטן.

דער אַרעסטאַנט האָט קיין פּיפּס ניט אַרויסגעלאָזט. אַן אײַנגעהויקערטער איבער דער לאָפּעטע, בלויז נאָך מער זיך צונויפגעקאָרטשעט. וואָלט ער כאָטש אַ צוק געטאָן, באַוויזן, אַז דעם לאַגער־פּיורערס באַמיִונגען גייען ניט אין ניוועץ. שטייט ער, ווי אַ שטיק פאַרגליווערטע ליים. איז פפאַנקוך געווען געצוווּנגען אָנצווענדן דאָס לעצטע מיטל אַף בײַצוקומען טעמפּע אַקשאָנעס — אַרויסגעריסן די לאָפּעטע פון דעם אַרעסטאַנטס הענט, פאַרפאָרן מיט איר שאַרף איבער יענעמס אידיִאָטישן קאָפּ און אים צעשפּאָלטן אַף העלפט.

גלײַך נאָך דעם האָט ער געכאַפּט אַן אַרעסטאַנט קײַען אַף דער אַרבעט. און דערצו — שפּעק! הייסט עס, צוויי צי גאָר דרײַ פאַרברעכנס אַפּאַמאָל. ערשטנס — עסן אין דער אַרבעטסצײַט. צווייטנס — עסן שפּײַז, ניט פאָרויסגעזעענע אין דער מעלוכיש־פעסטגעשטעלטער נאָרמע פאַר אַרעסטאַנטן. דריטנס — שפּעק! קלאָר, אַז באַקומען פון עמעצן אויסער דעם לאַגער. וויִאַזוי? פון וועמען?

דעם דרײַפאַכיקן פאַרברעכער, מיט וועלכן ער האָט זיך ניט געקאָנט צונויפריידן אַף דײַטש, האָט פפאַנקוך געלאָזט שפּירן, וואָס עס באַטײַט ניט אַכטן טאַקאָנעס און וואָרענונגען, אויסגעהאַנגענע אַף שריט און טריט.

ניט דאָס ערשטע מאָל, אַז ער ווענדט אָן פיזישע קראַפט, אויספּילנדיק פליכטן פון זײַן היסטאָרישער מיסיע. דערפאַר האָט פפאַנקוך זיך פאַרוווּנדערט, וואָס נאָכן צופאַל מיטן אײַנגעאַקשנטן טאָרפגרעבער און דער געשיכטע מיטן שפּעקפרעסער איז אים אַרײַנגעפאַלן אַ ווייטעק אין דער רעכטער האַנט. פאַרנאַכט־צו האָט זיך דער ווייטעק אַריבערגעוואָרפן אין דער פּלייצע. דאָס האָט אים איבערגעשראָקן און געצוווּנגען זיך צו פאַרטראַכטן. עפּשער פאַרשווענדט ער שוין צופיל פיזישע קרעפטן, וואָס זײַנען נאָך אַזוי נייטיק גרויס־דײַטשלאַנד?

מאַכשאָוועס זײַנען אָפּט אַ מאָקער פון קווענקלעניש. האָט פפאַנקוך טאַקע אָנגעהויבן צווייפלען, צי ער וועט בלויז מיט דער שפּיצרוט קאָנען אויסקומען אַף לעהאַבע.

פון אָוונט, ווי ס'איז געווען אײַנגעשטעלט, האָט זיך געמאָלדן דער מאָלער. ער איז שוין מער ניט קיין עלטסטער. בלויז אַ מאָלער פון שילדן, פּאָרטרעטן און מעלדונגען. געבליבן איז ער אָבער נאָך אַלץ אַ פּריווילעגירטער אַרעסטאַנט און, אין אַ געוויסער הינזיכט, דער ליפעראַנט פון זײַן מאַיעסטעט דעם לאַגער־פּיורער.

דעם רינג פאַר זײַן טאָכטער האָט פפאַנקוך באַקומען נאָך פאַרן אַרויספאָרן אין לאַגער. איצט איז געקומען ליזעלאָטעס ריי. ס'וועט זײַן אויך פאַר איר אַ רינג. זאָל זי זען, וואָס פאַר אַן איבערגעגעבענעם מאַן זי האָט. אויסער ליזעלאָטען קאָן מען נאָך באַשטעלן רינגען פאַר אַנדערע גוטעפרײַנט. ס'איז נאָר געווען שווער צו פאַרבינדן זיך מיטן יוּוועליר, וואָס איז געבליבן אין דער שטאָטישער געטאָ.

— ווייסט דעם יוּוועלירס נומער? — האָט פפאַנקוך זיך נאָכגעפרעגט באַם מאָלער. — איך וועל אים אויסבײַטן אַף אַן אַנדערן אַרעסטאַנט מיט אַ געלן שטערן. כ'וועל אָפּגעבן עפּעס אַ וועלכן טויגעניכץ און וועל האָבן אַן אייגענעם יוּוועליר! ווי איז זײַן נומער?

— איך ווייס בלויז זײַן נאָמען און פאַמיליע.

צוויי מאָל פאַר איין טאָג האָט פפאַנקוך זיך אָנגעשטויסן אין דער אומפּראַקטישקײַט פון די נײַע פאַרוואַלטונגס־מעטאָדן. פריִער — דאָס ניט קענען די אָרטיקע שפּראַך, איצט — דאָס ליקווידירן די פאַמיליע־נעמען. נאָר גאָרניט, ער וועט שוין געפינען אַן אויסוועג.

— געוויס קענסטו גוט ליטוויש, — האָט ער אַ ווענד געטאָן זײַן בליק צום מאָלער.

— איך קען.

— און רוסיש?

— אויך.

— אויך פּויליש?

— אַ ביסל.

— גוט! זייער גוט! — האָט זיך דערפריידט דער שטאַבס־פעלדפעבל. — איך וועל, ווייַזט אויס, דאַרפן אַן איבערזעצער, א דאָלמעטשער, הייסט עס. — דאָ האָט פּפאַנקוך פאַרקנייטשט זייַן שטערן, אויסגעגלאָצט די אויגן, ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל דערזען דעם מאָלער: — וויפל, אייגנטלעך, שפּראַכן באַהערשסטו? נאָר ניט לייַגן! ביסטו ניט אמאָל איינער פון יענע, די דאָזיקע... ווייסט דאָך, די דאָזיקע געהיימע, וואָס ווייסן אַלץ, קענען אַלץ... איינער פון...

דער מאָלער איז געשטאַנען ווי צוגעוואַקסן צום אָרט, אומגעדולדיק געוואַרט, דער לאַגער־פּיורער זאָל שוין זאָגן, וואָס ער וויל. אָבער קיין זאַך אויסערגעוויינלעכס איז ניט געשען. ניט פאַרענדיקט דעם זאַץ, איז פּפאַנקוך אַריבער צום איקער:

— הער אויס. גאָלד, גאָלד דאַרף איך איצט. אַרמבענדער, פּאַרטסיגאַרן, קייטעלעך. נאָר איבערהויפּט — גאָלדן געלט, מינצן...

— דער לאַגער־פּיורער ווייסט דאָך, אַז מע האָט בא אונדז אַלץ צוגענומען.

— צוגענומען. אויב צוגענומען, האָט עס דער שטאַאַט, דאָס רייַך. און ניט אַלץ האָט איר דאָך אָפּגעגעבן. מיך וועסטו ניט אָפּנאַרן. איך ווייס, אַז איר האָט פאַרבאַהאַלטן. און אויב דו ביסט איינער פון די, פון יענע, וואָס ווייסן אַלץ... וועסטו מוזן זיך דערוויסן, ווו... וועסט מיר מוזן ווייַזן, ווו עס זייַנען פאַרגראָבן די אַלע זאַכן... גאָלד, בריליאַנטן!

— כ'וועל זיך באַמיִען, — איז אָן קוּוענקלעניש מאַסקים געווען דער מאָלער.

דער לאַגער־פּיור־ער, אויסשעפּנדיק אַלע איניאַנים, האָט אים געגעבן א צייכן זיך אָפּצוטראָגן.

פּפאַנקוך האָט נאָכגעקוקט דעם אַרויסגייענדיקן מאַנצבל, באַמערקט, אַז די גדלע שטערנס אַף זייַן ברוסט און רוקן זייַנען גוט אָפּגעבליאַקעוועט. ער האָט ניט געצווייפלט, אַז באַנייַען זיי וועט יענער פאַרשפּאָרן, און שוין זיך פאַרגעשטעלט, ווי עס פאַרשווינדט אויך זייַן דאָזיקער געהיימניס־טרעגער. אַרויסקריגן פון אים וואָס מעגלעך און פאַרענדיקן די אַזאַרט־שפּיל.

שלאָפן גיין איז נאָך געווען צו פרי, האָט פּפאַנקוך אָף טשיקאַוועס א בלעטער געטאָן די היינטיקע צייַטונג. שוין לאַנג, ווי ער נעמט ניט קיין צייַטונג אין די הענט. ניצכוינעס ווערן ניט געמאָלדן. און אויסגלייַכונגען אָדער פאַרקירצונגען פון פראָנט־ליניעס האָבן אים וויניק אינטערעסירט. ער פלעגט קיינמאָל ניט לייענען קיין נעקראָלאָגן, אַזש מוירע געהאַט א בליק צו טאָן אַף דער אָנגעפּיקעוועטער מיט שוואַרצע ראַמלעך לעצטער צייַטונגס־זייַט. נאָר היינט — קאָנטיק, דער שיקזאַל אַליין האָט עס באַפוילן, — היינט האָבן די אויגן, אַנטלויפנדיק פון די נעקראָלאָגן, זיך אָנגעשטויסן אין א סורפּריז. און וואָס פאַר אַן איבעראַשונג! דער לייטענאַנט, זייַן געוועזענער שעף האָט געפונען דעם העלדנטויט אַף מיזרעך!

פון אָנהייב איז פּפאַנקוך פּאַשעט צעטומלט געוואָרן. איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט ער גענומען לאַכן, דאַן הירזשען, ווי ניט גלייבנדיק זיך אַליין, נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל איבערגע־לייענט די עטלעכע קאַרגע נעקראָלאָג־שורעס. און זיך איבערצייַגט: ס'איז אזוי און ניט אַנדערש.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער יעדיִע און צום אָנדענק פון זייַן געוועזענעם שעף האָט ער זיך אָנגעגאָסן אַן איבערפולן בעכער.

— פּראָזיט, הער לייטענאַנט! פּיל גליק אַף יענער־וועלט! צום וויל, בראַווער פראָנט־העלד! „לעקן זי מיך אַם אַרש"! ס'הייסט, קושט מיך אין... און גיט איבער די בעסטע גרוסן דעם ספינקס' עלטערבאָבען!

פאַרגעסן דעם ווייטעק אין דער האַנט, האָט פּפאַנקוך ווויליונגעריש אַרופגעזעצט אָפן קאָפּ דאָס פּאַראַד־היטל, צוגערופן דאַנארן און, ווי שטענדיק פאַרן שלאָפן גיין, אַרויס מיט אים אַף א שפּאַציר. אומקערנדיק זיך, האָט ער, ווי יעדן אָוונט, פאַרענדיקט דעם לאַנגן, מיט דינסטפליכטן איבערגעלאָדענעם טאָג: געבליבן אָפן גאַנעק פון דער וואַכשטוב, ווו זייַן צימער איז געווען. אַרומגעפירט א לעצטן, שאַרף־קאָנטראָלירנדיקן בליק איבער אַלע ווינקעלעך פונעם לאַגער און זייַענדיק איבערצייַגט, אַז אַלץ איז אין בעסטער אָרדענונג, פאַרצויגן אַף דער מיטגעבראַכטער פון דער היים מויל־האַרמאָניקע דעם באַליבטסטן נומער פון זייַן רעפּערטואַר — „וואָלגאַ, וואָלגאַ"...

די אין דער גאַנצער וועלט פּאָפּולערע רוסישע מעלאָדיע האָט זיך אוועקגעטראָגן אין די געהיימניספולע, אין כאַשכעס פאַרזונקענע ווייַטן, אָפּגעהילכט אין די דערבייַיקע וועלדער, וואָס האָבן מיט זייערע געטאָקטע קרוינען געזוימט דעם זיך אויסלאָשנדיקן האָריזאָנט.

אַלדאָס לעבעדיקע האָט גערוט אינעם שויס פון א מילדער פרילינג־נאַכט. בלויז דעם לאַ־גער־פּיורערס באַלויכטן פענצטער איז אויף געווען. בלויז געלע פּאַסמעס פראָזשעקטאָרן־ליכטער האָבן געהויערט איבער דער שטעכדראָטענער לאַגער־צוים. און דעם שטאַבס־פעלדפעבלס האַר־מאָניק האָט געמאָלדן דעם אַרום, אַז זייַן באַלעבאָס איז אָפן פּאָסטן, שטייט אַף דער וואַך פון דיסציפּלין און אָרדענונג.

דעם הונטס סאָף

פאַקטן האָבן דערוויזן, אַז דער דיסעלדאָרפער אַסטראָלאָג, וואָס האָט אויפגעשטעלט האַנס פּפאַנקוכס האָראָסקאָפּ און פאָרגעזאָגט דעם אויפשטײַג פונעם שטאַבס־פעלדפעבלס שטערן אין גאָר גרויסע הייכן, האָט קיין טאָעס ניט געהאַט.

זײַן שטערן! פּפאַנקוך פלעגט אָפט גלאָצן צום הימל, זוכנדיק זײַן שטערן. דער סאַמע העלסטער איז היטלערס, דעם פיורערס. די, וועלכע שעמערירן אַ ביסעלע שוואַכער, — געהערן זײַנע קאַמפּס־גענאָסן געריגנג, געבעלס, הימלער. די בלאַסע, קוים לויכטנדיקע שטערנדלעך, גלײַך זעמדעלעך, אויסגעשאָטענע אויפן הימל, זײַנען פון קליינע מענטשעלעך, מינדערווערטיקע וועזנס. „וועלכער קאָן זײַן מײַן שטערן?“ — פלעגט פּפאַנקוך פרוּוון טרעפן. אָן צווייפל, איינער פון די פינקלענדיקע.

נאַכט. שטערנס. אָבער אַ גוירלדיקע ווענדונג אין דעם שטאַבס־פעלדפעבלס געשיכטע איז פאָרגעקומען דאַפקע באַ זונענשײַן, אין דער מיט פון אַ לויטערן זומערטאָג, וואָס האָט געצווּנגען אָנצוהייבן צווייפלען אין דעם דיסעלדאָרפער העלזעערס גאוויִעס.

דער טאָג איז געווען לויטער, זוניק, זומערדיק. אַלץ אַרום האָט כּיִעסדיק געגרינט, געבליט, געלעבט. בלויז דאָנאַר איז געווען טויט! ער איז געלעגן אויף אַ זײַט, אויסגעצויגן אין זײַן גאַנצער אומגעוויינלעכער לענג, מיט בייז אויסגעשטשירעטע ציין, מיט אַן אויסגעגלאָצטן מוטנעם אויג.

וויִאַזוי? פאַרוואָס? קיינער וועט אײַך דערווײַל אויף דעם קיין ענטפער ניט געבן. אַפילו ניט דער אַלמעכטיקער, אַלץ ווייסנדער באַלעבאָס פונעם הונט. דער אומגליק האָט פּפאַנקוכן געפּלעט, ווי מיט אַ דונער איבערן קאָפּ.

— מאָלער, וואָס ווּעסטו זאָגן, מאָלער? — האָט ער געקרעכצט, נערוועז אַרומשפּאַנענדיק איבערן צימער, און געהייסן אָפּגיסן אַ טויטן־מאַסקע פון זײַן בעסטן פרײַנט. גיפּס צו דעם צוועק איז באַלד באַזאָרגט געוואָרן.

אויף צו באַשטאַטן זײַן טרײַסטן דינער האָט פּפאַנקוך באַפוילן מאַכן אַן אָרן פון געהובלטע דעמבענע ברעטער. דער מאָלער האָט זיי ברוין באַפאַרבט, אינעם טאָן פונעם ניפּטערס פעל, און אויפן דעקל אָנגעצייכנט אַן אימפּאָזאַנטן הינטישן קאָפּ פון דאָנאַרס ראַסע.

אונטערן פענצטער פון פּפאַנקוכס צימער, אויף אַ פרישן אָנגעשאָטענעם, מיט בלומען באַצירטן בערגל ערד, איז געוואָרן אויפגעשטעלט אַ בערעזע־פלעקל מיט אַ שוואַרצן שילד, אויף וועלכן ס'איז מיט ווײַסע גאָטישע אותיות געווען אָנגעשריבן: „דאָ רוט פון דער שיקזאַלהאַנט פאַרשניטן ד אָ נ אַ ר, דער טרײַסטער פון די טרײַסטע באַשיצער פון זײַן האַר און געוועלטיקער, און דערפאַר, — פון דעם רײַכס גרויסקײַט און דעם פיורערס אייביקן רום“.

— וואָס ווייסטו, מאָלער, וואָס דאָנאַר איז געווען! — האָט דער שטאַבס־פעלדפעבל אויסגעגאָסן זײַן ביטער האַרץ. — ווען די אַלטע גערמאַנער פלעגן אַרויס אין שלאַכט, האָבן זיי געזונגען לידער צו דאָנאַרס ערע. ער איז געווען זייערער אַ גאָט און דער דעמאָן פון געוויטער, זייער ערשטער קריגער אויפן שלאַכטפעלד, און איצט איז אונדזער דאָנאַר, דאָנאַרכען ניט געוואָרן...

דער מאָלער האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אויפן לאַגער־פיורער. פון צײַט צו צײַט געוואָרפן אַ בליק אויפן סופיט, אויפן הענגענדיקן איבערן טיש עלעקטרישן לאָמפּ.

קיין וואָרט וועגן געשעפטלעכע אָנגעלעגנהײַטן. איצט זײַנען טרויער־טעג, טרויער נאָך דאָנאַרן, און פּפאַנקוך האָט צום וויפלטן מאָל זיך אויסגעטײַנעט:

— וואָס ווייסטו, מאָלער, וויפל זאָרג ס'איז געווען, ביז כ'האָב אויפגעהאָדעוועט אַזאַ דאָנאַר. ניט קיין הונט, אַן אויבערהונט! ווערטער קאָן מען גלייבן און ניט גלייבן. אָבער דאָקומענטן מוז מען גלייבן.

אין אַ שיינער לעדערנער פּאַפּקע האָט פּפאַנקוך געהיט זײַן פּערזענלעכע קאָרעספּאָנדענץ. אויסדרוקפול, ערטערווײַז טיף אויפגערעגט, האָט ער בעקאָל גענומען פאָרלייענען דעם ייִכעס־בריוו פון דאָנאַרן.

— יאָ, — האָט פּפאַנקוך שווער אָפּגעזיפּצט, צומאַכנדיק די בריוו־פּאַפּקע און איבערקערנדיק אין האַלדז אַ פאַרציע קאָניאַק, — אַזויפיל מי פאַרטאָן. אַזאַ פרײַנט דערצויגן. קיינעם, קיינעם אויסער מיך ניט אָנערקענט. זאָגאַר דיך, וואָס דו ביסט באַ מיר אַן אָפּטער אַרײַנגייער, געוואָן גרייט אויף מײַן ווונק צו צערײַסן. און ניטאָ, ניטאָ איצט אַזאַ פרײַנט! וויסט און לער... שרעקלעך... שרעקלעך...

אָפּגעשפּיליעט דעם מונדיר, איז פּפאַנקוך אַראָפּגעזונקען אין פאָטעל, פאַרגראָבן דאָס פּנים אין די דלאָניעס. נאָר לאַנג שווײַגן האָט ער ניט געקאָנט. דומפּ האָט געהילכט זײַן שטים:

— אַזוי אָפּגעפּיטערט, אַזוי שיין און פּיפּיק. און דער פאַרשטאַנד — פון אַ ריכטיקן מענטשן.

ניין — פון א טייַוול! און אויס מיט אלץ! עך, דיסעלדאָרפער אסטראָלאָג, העלזעער מייַנער... ווער האָט מייַן דאָנארן געקאָנט אוועקשיקן אף יענער־וועלט, א? צי דען די פאָרזעונג?

דער שטאבס־פעלדפעבל האָט געפילט, אז מיטן טויט פון זייַן בעסטן פרייַנט איז אים ארויסגעריסן געוואָרן א שטיק הארץ. א טייל פון זייַן בלוט האָט ער פארלאָרן, און פון אונטער די פיס — דעם זיכערן אָנהאלט. איצט איז יעדער איינער פארדעכטיק. יעדער צווייטער — א פייַנט. ארום זיך האָט ער געזען די קאָנקרעטע פארקערפערונג פונעם ראסן־כאָאָס: הינטער די צוימען — א באנדע פארשיידנשטאמיקע אונטערמענטשן. ארום די צוימען — די לאגערוואך, צונויפגעשלעפטע פון פארשיידענע לענדער קאָנוואָיִרן. זעלטן ווער פון זיי — א ריינבלוטיקער דייַטש. דערצו די ארומיקע אייַנוווינער! אומקלאָר, פארוואָס זיי דרייען זיך נאָך ארום אף דער פרייַ און פילן אָן די וועלדער מיט באנדיטן. איינער אליין אין א יאם פון אומפרייַנט, איינזאם אינעם ארומיקן געווירבל. אף וועמען בלייַבט זיך צו פארלאָזן? סייַדן אפן מאָלער. דעם שטאבס־פעלדפעבל האָט אויסגעזען, אז דאפקע דער דאָזיקער אומקלאָרער טיפ ווינטשט אים ניט קיין שלעכטס. פארקערט, העלפט אים זיך אָריענטירן אין דעם לעבנס־ווירוואר. ניט בלויז אלס מאָלער, אויך אלס איבערזעצער דינט ער אים. דאכט זיך, געטרייַ. בלויז איין מאָל. פפאנקוך האָט אופגעכאפט אין די לאגערן פארדעכטיקע ווערטער: „קיישענע" — בא די ליטווינער, „יאָישניצא" בא די רוסן צי פאָליאקן... האָט ער באפוילן דעם מאָלער איבערזעצן אָט די ווערטער, מיט וועלכע עס באגעגענען און באגלייטן אים אָפט די ארעסטאנטן.

באמערקנדיק דעם אופשפראָץ פון א שמייכל אפן מאָלערס פאָנעם, האָט דער שטאבס־פעלדפעבל בייזלעך אופגעהויבן די שטים:

— שמייכלסט, שפראכן־קענער מייַנער! דאָס שמייכלען וועט דיר אינגיכן פארגיין. מיין ניט, קוים האָסטו איבערגעלעבט דאָנארן, וועסטו אויך אונדז אלעמען איבערלעבן. זייַ וויסן, אויב מיר איז באשערט, ווי דאָנארן, וועל איך באווייַזן פריִער דיך אהין אוועקצושיקן, דיך און אלע דייַניקע.

— א דאנק פאר דער געפעליקייַט. ניט געוווּסט, אז איר האָט אונדז אזוי ליב, אז אויך דאָרט קאָנט איר אָן אונדז ניט אויסקומען. נו, וועלן מיר דאָרט צייכענען פאָרטרעטן פון מאלאָכים... — ווי וועלנדיק פארלויפן דעם שטאבס־פעלדפעבלס רעאקציע אף די דאָזיקע גאנץ כוצפעדיקע רייד, האָט דער מאָלער פלוצעם דערלאנגט פפאנקוכן א קידושן־רינגעלע: — הער לאגער־פיורער, דאָס איז פאָרלויפיק. עכט גאָלד.

— ווידער א רינג, — האָט זיך פפאנקוך פארקרימט. פונדעסטוועגן האָט ער אים צוגענו־מען. — ווו האָסטו עס אָרגאניזירט? איז עס ניט אמאָל דייַן הייראטסרינג? דייַנעם פארלאנג איך ניט. דו פארצי ניט און זאָג בעסער, ווו ס'איז פארשטעקט דאָס גאָלד. דעם דאָזיקן רינג, אויב ער איז דייַנער, קער איך דיר אום בא דער ערשטער ביטע. בא מיר איז, ווי אין א באנק־סייף. איך וואָרן אָבער: פארליר ניט קיין צייַט! איך גיב דיר א טערמין — איין וואָך! ביז איצט בין איך געווען פון דיר צופרידן. ביסט א קלוגער יונג. א שאָד, ווירקלעך א שאָד, וואָס האָבנדיק אזא היפשן אויסזען, ביסטו פאָרט ניט קיין אריער. וואָס קאָן מען מאכן. יעדער מיט זייַן שטערן...

— הער לאגער־פיורער! — האָט דאן גענומען דאָס וואָרט דער מאָלער, מיליטעריש־שטראם זיך אויסציִענדיק. — איך וויל מעלדן אייַער גנעדיקער האָהייַט, אז דאָ איז פאראן א ליטווישער ארעסטאנט. ארייַנגעפאלן פאר היטן אייגנטום פון יידן, געלאָפענע מיט די סאָוועטן. מע זאָגט, אז ער האָט באגראָבן א גרויס פארמעגן, א גאנצן שאץ...

ניט באוויזן האָט ער צו פארענדיקן, ווי פפאנקוך איז אופגעשפרונגען און באפעלעריש אויסגעשריִען:

— זאָל ער קומען!

ארויסגעשריִען, דאן א רעגע געשטומט און פאָרגעזעצט מיט א טאָן פון א הערשער:

— איך וועל קאָנטראָלירן, צי דו לייַגסט ניט. קאָנטראָלירן לויט די דאָקומענטן, צוליב וואָס פאר א זינד דייַן ליטווינער איז ארייַנגעפאלן. דאן וועל איך באפעלן, מע זאָל דיך לאָזן מיט אים זיך בעראטן. ביסט דאָך מייַן דאָלמעטשער. נו, און זאָלסט מעגן צו יעדער צייַט מיט אים צוזא־מען קומען צו מיר, וועל איך באפעלן. זע, אלץ זאָל זייַן אויסגעקלאָרט, אלץ ביז דער קלענסטער דעטאל: ווו, וואָס און ווי... פארשטאנען? ווו און ווי דער שאץ איז באגראָבן! קאָנסט זאָגן דייַן מענטשן, אז ער וועט באקומען פארלייַכטערונגען, אויב די זאך וועט געלינגען. זאָג, אז איך וועל אים אינגאנצן באפרייַען פון לאגער. ארויסלאָזן, פארשטאנען? און דיך וועל איך ניט פארגעסן...

די שיקזאל־שאַ פונעם הונטס באלעבאָס

בלויז עטלעכע טעג זײַנען פאַרבײַ, זינט דאָנאר האָט אויסגעצויגן די פיס, און פפאנקוך איז געוואָרן ניט צו דערקענען: בלאס, אָפּגעצערט, ווי נאָך א שווערער קרענק. ס׳האָט אים ניט געטרייסט די האָפענונג אינגיכן פאַנטאַסטיש רײַך צו ווערן. ווו וועסטו באַהאַלטן דאָס פאַרמעגן, אז געפאַרן לויערן פון אלע זײַטן? איז ער געשלאָפן בא ליכט, מיט אן אוטאָמאַטישן פיסטויל צוקאָפּנס. בא יעדן שאָרך אופגעכאַפּט זיך, גרייט צו שיסן. אַפן גאַנעק פאַר זײַן וואַכשטוב האָט ער אוועקגעשטעלט א ספּעציעלן מיט אן אוטאָמאַט באַוואָפנטן פאָסטן, אויסגעקליבן פון די סאַמע פאַרטרויטע, — א רײנבלוטיקן דײַטש.

ניט לאַנג האָט געדויערט, און ס׳האָט זיך באַשטעטיקט, אז זײַן שרעק איז געווען באַגרינדעט.

אין איינעם אן אָוונט האָט זיך דערהערט בא אים אַפן גאַנעק א פאַרדעכטיק פאָרען זיך. עמעצער האָט באַלד אָנגעקלאַפּט אין זײַן טיר: צוויי מאָל צו דרײַ האַסטיקע קלעפּעלעך. גאָט צו דאַנקען, אָנגעקלאַפּט מיטן אָפּגעמאַכטן צייכן. עמעס, א ביסל צו פרי. נאָר, גאָט צו דאַנקען, ס׳איז געווען דער מאָלער. ווי שטענדיק, האָט ער ערפאָרכטיק אראָפּגענומען דאָס היטל, טיף זיך פאַרנייגט, זייער העפלעך געזאָגט דעם „גוטען אבענד“ און פלוצעם... ווידער א פאַטאַלער „פלוצעם“... דער מאָלער האָט א הוסט געטאָן, און אין דער טיר איז אויסגעוואַקסן א מאַנצבל אין קליידער פון אן ארעסטאַנט, נאָר מיט אן אוטאָמאַט אין די הענט... די רער פונעם וואָפן געווענדט דירעקט אַף אים, דעם שטאַבס־פעלדפעבל, דעם לאַגער־פיורער!

פפאנקוך האָט שאַרף א קוק געטאָן אַפן מאָלער, ווי פאָדערנדיק א דערקלערונג, וואָס דאָ קומט פאָר. נאָר וואָס פאַר אן אומגעהייערע פאַרוואַנדלונג! ניט דער געהאָרכזאַמער, אונטערטעניקער, העלהאָריקער, העל־אויגיקער מאָלער איז פאַר אים געשטאַנען. גאָר אן אַנדערער איז עס געווען — אן אופגערעגטער, מיט פלאַם־פײַערדיקע אויגן. און דער דאָזיקער אונטערמענטש האָט ניט מיט זײַן ווייכער, געלאַסענער שטים, נאָר כוצפּעדיק־באַפעלעריש געהייסן אים, דעם לאַגער־פיורער, ניט רירן זיך פון אָרט, אין קעגנפאַל וועט ער דערשאָסן ווערן! און אליין, א וואָרף טוענדיק זיך צום הענגענדיקן מונדיר אַף דער וואַנט, פאַרכאַפּט זײַן, דעם שטאַבס־פעלדפעבלס, פערזענלעכן וואָפן — דעם פּאַראַבעלום.

פפאנקוכן איז די צונג צוגעקלעפּט געוואָרן צום גומען. ער האָט א צופּ געטאָן דאָס בערדל: צי כאָלעמט זיך עס אים ניט? און דער מאָלער, איצט שוין אויך צילנדיק אין אים מיט געווער, האָט באַפוילן נאָך מער אָפּציִען זיך פון געלעגער, ווו ס׳איז געלעגן דער אוטאָמאַטישער פיסטויל...

— דאָס וואָפן נידערלייגן! לאָס! וועלכער שפּאַס!!! — האָט ענדלעך, ברענגענדיק אין באַוועגונג זײַן אָפּגענומענע צונג, זיך צעריטשעט פפאנקוך. ער האָט אויך א טופּע געטאָן מיט דעם פוס.

— ניט טומלען, ניט אופרעגן זיך. ווי מע זאָגט אין דײַטש: „שטענדיק רו און קאַוועהאַג“, — האָט זיך קאַלטבלוטיק גערעדט דער מאָלער. — מירן, הער לאַגער־פיורער, אלע געשעפטן דערלײדיקן קורץ און שאַרף, ניט פאַרלירנדיק קיין קאָסטבאַרע צײַט. דעם שטול אַפן טיש און ניט הייבן די שטים!

פפאנקוך, רויט־אָנגעצונדן, מיט אופגעבלאָזענע באַקן, האָט א הייב געטאָן געבײַלטע פויסטן. געטריבן פון געקרענקטע הערשערישע געפילן, האָט ער אופגעזאַמלט קויכעס און אויסגעציִשט:

— הערט נאָר, איר, מינדערוועַרטיקע אונטערמענטשן! פאַרגעסן, ווער איך בין?!

טייקעף געענטפערט האָט אים דער מאָלער:

— ניט פאַרגעסן, ניין! דערפאַר באַפעלן מיר: אוועקשטעלן דעם שטול אַפן טיש! שנעל! ווען ניט — וועלן מיר דערשיסן!

— מיך, ע, ע, מיך? — האָט געשטאַמלט פפאנקוך. — דאָס איז אומעגלעך. איך וועל שרײַען!

— באַם ערשטן פּיפּס — באַקומסטו א קויל.

דאָס געווער האָט בעעמעס געצילט דירעקט אינעם שטאַבס־פעלדפעבל. האָט ער געפאָלגט, אופגעשטעלט דעם שטול אַפן טיש.

— דאָ איז א שרעקלעכער טאָעס, א מיספאַרשטענדעניש...

— יאָ, באַלד פאַרגעסן, — האָט זיך געכאַפּט דער מאָלער, — די האַרמאָניקע אהער!

— די האַרמאָניקע, האַרמ... — האָט פפאנקוך א ביסל לײַכטער אָפּגעעטעמט. — צוליב איר אזא וועזן געמאַכט. אָ, ביטע. גלײַך פאַרשטאַנען, אז איר שפּאַסט.

מיט די רייד האָט ער ארויסגעשלעפּט פון קעשענע דאָס אינסטרומענטל, געפעליק עס אויסגעשטרעקט דעם מאָלער, מאַכנדיק עטלעכע טריט צו אים.

— ניט פון אָרט! — האָט באַפוילן דער מאָלער. — וואַרף צו! אָט אַזוי. אויך די שליסלען פון געווער־קאַמער — אַהער!

פפאַנקוך האָט נאָך אַלץ ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך. עפּשער ווירקט הײַנט אַזוי שטאַרק דער אויסגעזופּטער שנאַפּס? אַ שרעקלעך געטראַנק די רוסישע וואָדקאַ... דאַפקע הײַנט מיט איר זיך אָנגעזשליאָקעט... זי איז שולדיק, וואָס אין צימער זײַנען אָנגעקראָכן געשפּענסטער מיט רעוואָלווערן און אווטאָמאַטן. פון לינקס, פון רעכטס — אומעטום זײַנען זיי פול. אַפילע פון הינטן... ער האָט דערשפּירט אויף זײַן רוקן דעם קאַלטן הויך פון אַ געווער־לופע... דאַן ווידער פון פאָרנט. דער פינגער זאָל נאָר ניט אָפּקוועטשן דאָס צינגל. איין קוועטשעלע, און דאָס קליינע קײַלעכדיקע מײַלכל וועט דיר אַרײַנשפּײַען דעם טויט דירעקט אין האַרצן אַרײַן. ווי פאַרהאַלט מען דעם פינגער? ווי פאַרציט מען די צײַט, אַז די פאָרזעונג זאָל באַווײַזן קומען צוהילף? ער וועט פאָלגן, אויספילן באַפעלן, דער פינגער זאָל נאָר ניט אַ דריק טאָן פּריצײַטיק דאָס צינגל... אויך די שליסלען פון דער געווער־קאַמער זײַנען שוין בײַ די אַרײַנדרינגלער. און זיי איז אַלץ ווייניק. ווילן אומבאַדינגט, ער זאָל אַרופקריכן אויפן טיש. ניין. דאָס איז שוין צופיל!

— איך וואָרן צום לעצטן מאָל! וואַכמ... — האָט ער געפּרוווט אויסרופן.

— ניט שרײַען! — האָט אים איבערגעשלאָגן דער מאָלער. — דער וואַכמאַן ליגט מיט אַ צעשפּאָלטענעם שיידל אינעם פּירהויז. דערקענסט ניט דעם אווטאָמאַט? — און ער האָט געוויזן אויף זײַן מיטהעלפער, וואָס האָט דראָענדיק־פאַרגליווערט פאַרשטעלט די טיר און ניט אויפגעהערט צו צילן אין פפאַנקוכן מיטן געווער, ווי וואַרטנדיק אויפן באַפעל צו שיסן.

און ווידער איז קיין אויסוועג ניט געווען. מע האָט געמוזט פאָלגן. ניט לײַכט איז אָנגעקומען פפאַנקוכן אַרופצוהייבן זיך אויפן טיש. לײַכטער איז שוין געווען זיך שטעלן אויפן שטול. ער האָט נאָר געוואָרטשעט:

— כ׳ווייס ניט, וואָס איר ווילט פון מיר. דאַכט זיך, געווען אַזוי גוט צו דיר, מאָלערל, אַזוי גוט...

און דער מאָלער, אָנשטאָט אָפּצודאַנקען זײַן וווילטוער, האָט אים פּרעך געדוצט און אונטער־געטריבן:

— פּרוּוו אויס דעם האָק, יענעם, אויף וועלכן ס׳הענגט דער לאָמפּ. זיצט פעסט? — און אין די רייד דערלאַנגט פפאַנקוכן אַ שטריק.

אויף איין ברעג פון דעם שטריק איז געווען אַ קליין פּעטלקע — אויפצוהענגען אויפן האָק, אויפן צווייטן — אַ פרײַער שלייף.

— און איצט — דעם קליינעם שלייף אויפן האָקן! — האָט שטרענג געפאָדערט דער מאָלער, פאָכענדיק מיטן פאַראַבעלום.

דערזען, אַז מיטן מאָלער וועט ער זיך ניט צונויפריידן, האָט פפאַנקוך זיך געווענדט צום צווייטן אַרעסטאַנט, געזוכט בײַ אים מיטגעפיל, געבעטלט מיטלײַד. אָבער יענער האָט עפּעס אַ ברום געטאָן אויף אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך, פאַרענדיקנדיק מיט די געהיימניספולע „קײַ־שענע“ און „יאַישניצאַ“, און דערצו נאָך אַ דראָע געטאָן מיטן אווטאָמאַט. מע האָט ווידער געמוזט פאָלגן.

— און איצט דעם שלייף אויפן האַלדז! — האָט אויפגעהילכט אַ גרויזאַמער באַפעל, גלײַך די האַק, וואָס פירט אויס די טויט־אורטיילן אינעם דריטן רײַך, וואָלט זיך דומפּ אַרײַנגעזעצט אינעם לאַגער־פירערס נאַקן. — אויפן האַלדז! דרייסטער!

פפאַנקוכס באַקן — אײַנגעפאַלן, דאָס אויסגעטריקנטע מויל — אויפגעריסן, דאָס בערדל — מאַכטלאָז אַראָפּגעהאַנגען, און פון גאַנצן קערפּער האָט געזעצט אַ הייסער שווייס, ווי דורך אַ זיפּ.

— שנעלער, שנעלער! — האָבן אונטערגעטריבן שוין ביידע אַרײַנדרינגלער, ניט אויפהערנ־דיק דראָען מיטן געווער.

ווי האָט געקענט פּאַסירן, אַז די וועלט, וואָס מיט זײַן, פפאַנקוכס, אָנטייל האָבן די גער־מאַנער שוין באַלד פאַרענדיקט אָרדענען, איז איבערגעקערט געוואָרן מיט די פיס אַרויף? דער ראַסן־כאַאָס האָט, ווײַזט אויס, באַקומען די אויבערהאַנט, פאַרכאַפּט די וועלט־הערשאַפט. די דאָזיקע אונטערמענטשן — באַוואָפנט מיט דײַטשישן געווער, און ער, דער ריינבלוטיקער זון פונעם הערן־פאָלק — מיט הוילע הענט, הילפלאָז... פול געשפּענסטער... ניין, ס׳איז ניט דער מאָלער, ס׳איז איינער פון יענע צוויי מאָל זעקס און דרײַסיק... אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאַס־קע... ניטאָ פון זיי קיין רעטונג... איינער פון די, וועמענס נאָמען ער האָט מוירע איבער די ליפּן צו ברענגען...

— איצט ווייס איך! דו! דו! — אײַנגעקלאַמערט מיט ביידע הענט אין דעם אַראָפּהענגענדיקן שטריק, אײַנגאַנצן אַ דורכגעפּיבערטער, האָט פפאַנקוך אַראָפּגעקוקט צום מאָלער מיט אויגן,

פולע אומענדלעכער שרעק. — דו, פון יענע מאסקירטע! פון יענע... זאָג, מײַן אורטייל איז אונטערגעשריבן מיט בלוט?

— יאָ, מיט בלוט!

— אָ, גאָטער! דאָנאר, וואָטאן, טאָר! — איז צוזאמענגעבראָכן דער שטאבס־פעלדפעבל. — איך בין פארלוירן! מײַן שיקזאל־שאָ! גאָטס ווילן אנטפלעקט זיך אין די טאטן פון מענטשן, א? — און דער שטריק, אין וועלכן ער האָט זיך געהאלטן, ווי פון דער פאָרזעונג אראָפּגעלאָזט צו אים אין אָפּגרונט פון לייד, האָט אים געדארפט אויסלייזן פון כאאָס, ארופהייבן הויך איבער אלע שרעקן...

— אָט אזוי, פעסטער פארצי! — האָט דעם שטאבס־פעלדפעבעלס באוועגונגען באגלייט דעם מאָלערס הארב קאָל. — מיר זײַנען בארעמהארציק — דער שטריק איז אָנגעזייפט.

ענדלעך איז דער שטול ארויסגעפלויגן פון אונטער פפאנקוכס פיס.

דער שטריק האָט זיך אָנגעשפאנט, א טרעשטשע געטאָן, שיר ניט געפלאצט: די לאסט איז ניט לײַכט געווען. פפאנקוך האָט זיך גענומען אויסציִען, לענגער ווערן. זײַן בויך איז דאָס מאָל אײַנגעפאלן אָן יעטווידער גימנאסטיק. די פיגור, וואָס האָט אים ניט ווייניק זאָרג פארשאפט, האָט זיך אויסגעגליכן, געוואָרן אזוי שטראמיק־שלאנק, אז באם לעבן וואָלט ער וועגן אזא אפילע טרוימען ניט געוואגט.

די ליכט אינעם לאגער־פיורערס פענצטער, די לעצטע אינעם לאגער, איז פארלאָשן געוואָרן.

און דאָ וואָלט מען געקאָנט שטעלן א פונקט. מיר האָבן פאקטיש געענדיקט דערציילן וועגן דעם שטאבס־פעלדפעבל האנס פפאנקוך, וועלכן די ארעסטאנטן האָבן געגעבן די צונעמענישן „פײַנקוכן“, „קיאושינענע“, „יאישניצא“, „יאיענטשניצא“, — בוכשטעבלעך איבערזעצנדיק זײַן פאמיליע־נאָמען אין זייערע מוטערשפּראכן.

דעם שטאבס־פעלדפעבלס געשיכטע וועט אָבער בלײַבן ניט פארענדיקט, אויב מיר וועלן ניט, כאָטש בעקיצער, אינפאָרמירן דעם לייענער וועגן די ווײַטערדיקע געשעענישן אין פפאנקוכס געוועזענעם קיניגרײַך.

דער ניפטער (זאָל ער זיך איצט פרייען, קענענדיק אייביק בלײַבן אין קרײַז פון זײַנע גאָטזעליקע ראסן־ריינע אָוועס) האָט ניט אָן גרונט ארויסגעוויזן דעם מאָלער מער צוטרוי, ווי עמעצן אָן אנדערן פון זײַנע לאגערניקעס. די געלע שאנדצייכנס אויף דעם מאָלערס ברוסט און רוקן האָבן אויסגעזען אלס בעסטע גאראנטיע, אז דער דאָזיקער פארשוין איז מער פון די איבעריקע איזאָלירט און פולשטענדיק פארורטיילט. אָבער די איינציקע מעגלעכקײַט פון קומען אין בארירונג מיטן ארום — די באשטימונג אלס „דאָלמעטשער“ — האָט דער מאָלער ווי געהעריק אויסגעניצט. ער האָט באקומען סאם מעכאבעד צו זײַן דעם קריגערישן דאָנאר און צוזאמענגערעדט זיך מיט מענטשן, גרייטע אָפּצווישן פון דער ערד דעם הונטס באלעבאָס.

און איצט האָט א זומערנאכט מיט א ריזיקן בלוילעך־שווארצן העלם איבערגעדעקט די ערד. ווארעם, שטיל, רויִק. בלויז די שפּרינגערלעך האָבן אומופהערלעך געציקעט, ווי שאפנדיק קלייזאיִן פאר דער אנטשיידנדיקער שלאכט. שטערן האָבן ערנסט אראָפּגעקוקט פון זייערע הייכן, וואכזאם נאָכגעפאָלגט די געשעענישן, וועלכע האָבן זיך אנטוויקלט אזוי, ווי די אופשטענדלער האָבן געהאט פלאנירט.

דער מאָלער, באוואָפנט מיט פפאנקוכס רעוואָלווער און אווטאָמאטישן פיסטויל, איז געבליבן שטיין אויפן גאנעק פון דעם שטאבס־פעלדפעבלס וואכשטוב. ווי יעדן אָוונט פפאנקוך, אזוי האָט ער הײַנט גענומען שפּילן אויף דער הארמאָניקע. אָנגעהויבן ענלעך צו „וואָלגא, וואָלגא“, אָבער באלד מיט אלע קויכעס גענומען בלאָזן סטאם אין דער וועלט ארײַן. און דאָס איז געווען א צייכן. פון דעם נאָענטסטן לאגער־באראק איז ארויס א גרופּקע מענטשן און זיך געלאָזט צו דער געווערקאמער. איר טיר איז שוין געווען געעפנט דורך דעם מאָלערס מיטהעלפער. באוואָפנטע ארעסטאנטן האָבן זיך געטראָגן צו דער צוים און צום לאגער־טויער. פון אלע באראקן האָט זיך דאן ארויסגעשאָטן די ארעסטאנטן־מאסע.

די וואכטורעמס האָבן נערוועז גענומען ארומשארן די פינצטערניש מיט זייערע פּראָזשעקטאָרן. ליכט־פאסמעס, באגלייטע פון א שיסערײַ, האָבן זיך געוואָרפן אין אלע זײַטן. אווטאָמאטןסעריעס האָבן דאָ אופגעריסן, דאָ געשטעפּט די נאכטיקע לופט, וואָס איז געוואָרן פארפולט מיט אופגעצאפלטע אויסרופן און א טומל בא די צוימען, מיט קרעכצן, געשרייען און א טופערײַ פון לויפנדיקע מענטשן...

אופגעבראָכן געפאנגענשאפט־צוימען, האָבן אונטערן צודעק פון דער נאכט גרופּקעס געוועזענע ארעסטאנטן זיך אוועקגעריסן צו דער נאָענטסטערביימער־געדיכטעניש, זײַנען ארײַנגעדרונגען אלץ טיפער און טיפער אין וואלד, וואָס האָט זיי אופגענומען מיט אָפענע אָרעמס, ווי א מאמע.

ב. האלפערן

מאָניע דער פּראָראַב[1]

די פלאניאָרקע האָט זיך געענדיקט. פאנאנדערוקנדיק די בענקלעך און טאָפּטשענדיק מיט די שטיוול, איז מען זיך פאנאנדערגעגאנגען. מאָניע איז געבליבן אליין בא זיך אין קאָנטאָרל. אין דער לופט איז געהאנגען א געדיכטער וואָלקן רויך. מאָניע איז צוגעגאנגען צום פענצטער און עס ברייט געעפנט. די פרישע הארבסטיקע לופט האָט זיך ארייַנגעריסן אין צימער, און מאָניע האָט טיף אָפּגעעטעמט. מע דארף צופאָרן אין פּראָיעקט־אינסטיטוט, האָט ער א טראכט געטאָן. ס׳מאכט ניט אויס, ער קאָן זיך אָפּרייַסן אף א האלבן טאָג: ערשטנס, האָט ער עטלעכע פראגן צו דערליידיקן דאָרטן, צווייטנס...

נאָר וועגן „צווייטנס“ וויל ער ניט טראכטן, ווייַל גראָד „צווייטנס“ איז דאָס, וואָס ציט אים אין אינסטיטוט. ער האָט ליב די אייגנארטיקע אטמאָספער זייַנע, אן אטמאָספער פון אויסערלעכער געלאסנקייַט און אינערלעכער אינטענסיווער, אָנגעשטרענגטער ארבעט. די דאָזיקע אטמאָספער איז אומעטום: סייַ אין די שטילע צימערן, ווו מענטשן זיצן איַינגעבויגן איבער די צייכנברעטער און שרייַבטישן, סייַ, עפשער אפילע נאָך מער, אין ברייטן קאָרידאָר, ווו מע גייט ארויס א רייכער טאָן, אויסציִען די פארזעסענע גלידער און פארייַנס אויסהערן א פרישן אנעקדאָט, א שארפן וויץ אָדער טאקע א לייַדנשאפטלעכן וויקועך וועגן א לעצטער פארטיע שאָך פון טשעמפּיאָנאט.

ווי ווייַט דאָס איז אלץ פון דער אטמאָספער אף דעם בוי־פלאץ מיטן אייביקן הו־הא, מיט זייַן געפּילדער און מיט זייַנע טאָגטעגלעכע וואָכעדיקע זאָרגן און קלעמענישן! בייס ער קלערט וועגן דעם, פילט מאָניע מיט זייַן גאנצער נעשאָמע, אז, אייגנטלעך, וואָלט זייַן, מאָניעס, ארבעטס־פלאץ געדארפט זייַן דאָרט, אין אינסטיטוט, און ניט דאָ, אפן בוי־פלאץ.

מאָניע שטופּט ארייַן אין פּאָרטפעל די נייטיקע צייכענונגען און גייט ארויס פון זייַן צימער אינעם באראק. ווען ער איז שוין ארויס אין דרויסן, האָט ער זיך מיטאמאָל אָפּגעשטעלט. מע דארף צוגיין צום קאָרפּוס 22. דער בריגאדיר, וואָס ארבעט דאָרטן, האָט נעכטן געקראָגן דעם קראן און האָט הייַנט, 8 אזייגער אינדערפרי, געדארפט אָנהייבן לייגן דעם פונדאמענט. אף דער פלאניאָרקע האָט ער האָפערדיק געמאָלדן, אז „אלץ איז אין אָרדענונג“, נאָר עפּעס איז זייַן טאָן ניט געפעלן מאָניען. נאָך פונדערווייַטנס זעט מאָניע דעם קראן. זיך באוועגנדיק צווישן די הרוּדעס אָנגעגראָבענע ערד, ציטערט ער מיטן גאנצן גוף, האלטנדיק אין די ציין א שווערן פונדאמענט־בלאָק. מאָניע קוקט ארייַן אין דער טראנשיי: אינגאנצן עטלעכע שטיינער. ער זאָגט צום בריגאדיר אין דער ברעזענטענער קורטקע, וואָס איז צוגעגאנגען מיט פולע טריט צום פּראָראַב:

— ווידער פארשפּעטיקט, הא?

א קורצער געשפּרעך. דער בריגאדיר קוקט אין א זייַט, ער קאלופּעט מיטן שפּיץ פון דעם קערזעווען שטיוול א שטיק ערד, וואָס וואלגערט זיך אונטער די פיס. לעסאָף שלייַדערט ער זיך מיט קאס אָפּ און זאָגט אנטשלאָסן:

— מיר׳ן אָניאָגן ביזן סאָף טאָג! מאָרגן וועלן מיר ארייַן אין גראפיק!

— פארוואָס האָסטו ניט אָפּגערייניקט דעם וועג, דער קראן זאָל זיך קאָנען פרייַער באוועגן?

— כ׳האָב ניט געוואָלט פארלירן קיין צייַט. כאָטש עטלעכע בלאָקן אוועקלייגן...

— געוווסט, אז איך וועל קומען קאָנטראָלירן?

ביידע שמייכלען, ווי מענטשן, וועלכע פארשטייען גוט איינער דעם אנדערן.

[1] ארבעטס־אָנפירער אף א בויונג.

צוריקוועגס מיידט מאַניע אויס די קאָנטאָר — מע קאָן אים דאָרט פאַרהאַלטן — און גייט גלייך צום אווטאָבוס.

אין אווטאָבוס, וואָס פאָרט צום צענטער, איז אין דער צייט פריי. מאַניע זעצט זיך צום פענצטער. פאַר זיינע אויגן וויקלט זיך פאַנאַנדער א באַקאַנט בילד: א ראַכוועסדיק פעלד, פריִער איז דאָ געווען א בלאָטע פאַרזונקען צו ווערן, איצט בויט זיך א נייער אינדוסטריִעלער ראַיאָן. עס סטאַרטשען די פאַריסענע העלדזער פון די בוי־קראַנען; זיי קאָרמענען פון זייערע שנאָבלען די נידעריקע קאָרפּוסן, וואָס פאַשען זיך אַרום. צייטנווייז טראָגט זיך פאַרביי א פאַרטיקער בלאַנק־ווייסער מויער, וואָס איז אויסגעבויט האַרט לעבן שאָסיי און בלישטשעט מיט זיינע ריזיקע פענצטער. אַרומגעגאַרטלט מיט שוואַרץ־לאַקירטע טרויבן, באַהאַלט ער הינטער זיינע בלישטשענדיקע שויבן א סוידעספּול לעבן. מאַניע קוקט אויף דער פּאַנאָראַמע, וואָס וויקלט זיך פאַנאַנדער, ווי א סטענגע פון א פילם מיט גוט באַקאַנטע קאַדרען. זיינע געדאַנקען זיינען בייסמייסע ווייט.

פון יענעם טאָג, זינט מאַניע איז געקומען אויף דער בויונג, זיינען שוין אַריבער פיר יאָר. נאָר ביז איצט, אַז ער האָט אַזאַ אומגעריכטע פרייע מינוט, פאַרטראַכט ער זיך, צי איז ער, דער אויסגעצייכנטער סטודענט, וואָס האָט געקאָנט אויסקלייבן וועלכן אינסטיטוט ער וויל, געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט דער קאָמיסיע, מע זאָל אים שיקן פאַר א מייסטער אויף א בויונג.

דער באַשלוס איז געווען א גאַנץ אומגעריכטער, די פּראָפעסאָרן האָבן אים געהאַלטן פאַר א געבוירענעם פּראָיעקטירער. ער אַליין, דאַכט זיך, אויך.

ער דערמאָנט זיך דעם טאָג פון דער פאַרטיילונג.

אין קאָרידאָר שטייט א גרופּע סטודענטן און מע שמועסט. די אויפרעגונג פון די עקזאַמענס איז שוין פאַרביי. איצט — נייע איבערלעבונגען: די פאַרטיילונג. אָקאָרשט האָט זיך פאַרשפּרייט א קלאַנג, אַז פאָדערונגען אויף אינזשעניערן זיינען פאַראַן א סאַך אי פון אינסטיטוטן, אי פון בוי־טרעסטן, נאָר די אָנפירונג פון אינסטיטוט איז גענייגט אַלעמען צו שיקן אַלס מייסטערס אויף די בוי־פּלעצער.

— נו, ריכטיק, — רופט זיך אָפּ מאַניע, — קודעמקאָל דאַרף מען קריגן פּראַקטיק. וואָס פאַר אַן אינזשעניער איז מען אָן פּראַקטיק?

דאָס וואָרט „אינזשעניער" אין באַצוג צו זיך איז פאַר זיי ניי און קלינגט, ווי מוזיק.

— מיר'ן הערן, וואָס דו וועסט זינגען, אַז דו וועסט אַריינפאַלן אין א העק, ווו מע בויט א נייעם קאָמבינאַט, שלאָפן אין פּאַלאַטקעס און טאָפּטשען זיך אין בלאָטע ביז איבער די קני, — רופט זיך אָפּ דער לאַנגער שטענדיק אַפּאַטישער יורעק.

— עט, כעוורע, וואָס איז דאָ צו ריידן... פּראַקטיק איז פּראַקטיק, העק איז העק... אונדז פרעגט מען ניט. — דאָס זאָגט קאַזיק, א שיינער, קרעפּטיקער יונג. זיינע בלויע אויגן קאָסען עטוואָס, נאָר ווייל זיין בליק איז שטענדיק א פרעכער און זעלבסטזיכערער, מערקט מען עס קימאַט ניט.

— אין דאָרף איז אויך געווען ניט שלעכט. געדענקסט, יורעק? — דער קליינער, באַוועגלעכער וויטיע פּינטלט צו יורעקן, נאָר יענער ענטפערט אים ניט. די שטימונג איז צו ערנסט פאַר שפּילערייען.

— נו, און דו, מאַניע, אַגיטירסט יענעם, און אַליין קלייבסטו זיך געוויס אין אַן אינסטיטוט. — קאַזיקס קאָסאָקע אויגן באַטאַפּן שפּאָטיש־פרעך מאַניעס פּאָנעם.

— פאַרוואָס דען ניט? ער האָט דאָך די בעסטע מיינונגען? — זאָגט עמעצער.

— נו, איז וואָס? ער זאָגט דאָך, אַז דער איקער איז פּראַקטיק.

דער פרעכער טאָן קאַזיקס מאַכט א שווערן איינדרוק. ס'איז עפּעס, ווי אויף א טיש, ווו מע זיצט באַם עסן, וואָלט עמעצער אַרופגעוואָרפן א געפּייגערטע מויז. מער פאַר אַלעמען איז גע־פּלעפט מאַניע. ער ווערט אָנגעצונדן, נאָר עפּעס דריקט אים, שטערט מאָמענטאַל צו רעאַגירן.

דער ערשטער כאַפּט זיך אַליק:

— ווער־ווער, קאַזיק, נאָר דו מעגסט שווייגן, — זאָגט ער פאַרדראָסיק, — דו וועסט זיך דאָך אוואַדע אַרויסדרייען. דו האָסט דאָך א פעטער אין די הויכע פענצטער!..

דאָ טאַקע אויפן אָרט האָט מאַניע אָנגענומען דעם באַשלוס — ער גייט אויפן בוי־פּלאַץ.

פאַר דער צייט, וואָס ער אַרבעט אויף דער בויונג, איז מאַניע צונויפגעוואַקסן געוואָרן מיט זיין פּראָפעסיע, זי ליב באַקומען. פון א מייסטער איז ער שוין לאַנג געוואָרן א פּראָראַב. די טויזנטער זאָרגן — קלענערע און גרעסערע, מאַטעריעלע און טעכנישע, פון וועלכע עס באַשטייט די טעטיקייט פון א פּראָראַב, — זיינען געוואָרן די לופט, מיט וועלכער ער אָטעמט. אפילע אויסער דער אַרבעט פלעגט ער טראַכטן וועגן ציגל, מיט וועלכע מע דאַרף באַזאָרגן דעם באַ־צירק, וועגן א קראַן, וואָס מע דאַרף אַרויסרייסן באַם טרעסט, וועגן א טראַנספּאָרטיאָר, וואָס מע דאַרף איבערשטעלן. ער האָט ליב געקראָגן דאָס קאָנטאָרל, שטענדיק א צייטווייליקס, מיט א

בײַכיק אײװעלע אין דער מיט, צו װעלכן די ארבעטער, װאָס קומען אַרײַן אין קאָנטאָר, שטרעקן אויס, זיך זשמורענדיק פון פאַרגעניגן, די רויטע פאַרפראַרענע הענט. און דער איקער האָט ער ליב געקראָגן די מענטשן, אזוינע פאַרשײדנאַרטיקע, אָפטמאָל מיט שװערע כאַראַקטערן, מיט װידערשפּרעכלעכע אינטערעסן. ער האָט ליב געקראָגן דעם עצעם פּראָצעס פון בויען.

און פונדעסטװעגן װײסט מאַניע, אז ערגעץ טיף אין דער נעשאָמע איז בא אים נאָך פאַר־בליבן א שטיקל בענקעניש נאָכן אינסטיטוט, נאָך זײַן שטילן, אינטענסיװ־רוקנײַעסדיקן לעבן.

אין אינסטיטוט איז מאַניע קוידעמקאָל אװעק אין ארכיװ. פון די צװײ מײדלעך, װעלכע באַ־דינען דעם ארכיװ, איז באַם טיש געזעסן בלויז טאַמאַרע. דאָס איז גוט: מיט איר איז לײַכטער דורכצוקומען.

— א, מאַניע־פראַראַב! — האָט זי אויסגערופן א דערפרײטע און לאַנג ניט אַראָפּגענומען פון אים דעם צופרידענעם בליק. — א מעכײַע צו קוקן אף דיר, מאַניע, אָן אָפּגעברענטער, א פּאַרהאַרטעװעטער, מאַמעש א ספּאָרטסמען. אף אונדזערע יאַטן איז כאַלאַשעס צו קוקן: בלאַסע, צעקראַכענע.

מאַניע האָט איר דערקלערט, װאָס ער דאַרף. א פּאָר צײכענונגען זײַנען בא אים קאַליע געװאָרן פון צופיל זײַן אין געברויך. ער װאָלט װעלן, זי זאָל לאָזן אָפּדרוקן פונזײַנטװעגן נײַע.

— דאָס איז אַלץ? — טאַמאַרעס רויטע געפאַרבטע ליפּן קרימען זיך מיט א ביסל פאַר־דראָס. — מאָרגן װעסטו האָבן נײַע.

— טאַמאַראָטשקע, דו ביסט א גאָלד!

— און איך? — דערהערט זיך א כװיזעקדיקע שטים פון דער טיף פון צימער. פון הינטער די פּאָליצעס באַװײַזט זיך א דינע, בלאַסע נאָז, אָנגעזאָטלט מיט א בריל.

— װיטאַ, דו ביסט אויך דאָ?! — מאַניע פאַרלירט זיך א ביסל.

— אװאַדע בין איך דאָ און הער, װי איר פלירטעװעט. טאַמאַראָטשקע איז א גאָלד, און איך װאָס בין?

— דו... דו... ביסט אוראַן.

— אוראַן? פאַרװאָס עפּעס אוראַן?

— אוראַן, פאַר אַטאָם־באָמבעס.

— כאַ־כאַ־כאַ, — װיטאַס געלעכטער קלינגט א ביסל געצװוּנגען, — נו, זאָל זײַן אזוי, אוראַן איז הײַנטיקע צײַטן טײַערער פון גאָלד.

— אװאַדע, אװאַדע, — איז געערן מאַסקים מאַניע און װאַרפט א פאַרשטײענדיקן בליק אף טאַמאַרען.

פון ארכיװ גײט מאַניע אין בוי־סעקטאָר. דאָס איז א גרױסער צימער, װו עס ארבעטן א מאַן צװאַנציק. קימאַט אַלע זײַנען באַקאַנטע. מאַניע לאָװירט צװישן די צײכן־ברעטער, טישן און קולמאַנס, זיך באַגריסנדיק מיט אײנעם, איבערװאַרפנדיק זיך מיט א װאָרט מיט א צװײטן, ביז ער קומט צו אײנעם פון די לעצטע טישלעך.

— גוט־מאָרגן, קאַזיק.

— א, מאַניע־פראַראַב, זעץ זיך.

מאַניע זעצט זיך אװעק, נישטערט אין פּאָרטפעל, נעמט ארויס א צײכענונג, װיקלט זי אָן אײַלעניש פאַנאַנדער און זוכט מיט די אויגן די אונטערשריפט. קלוימערשט ער װײסט ניט, װעמעס אונטערשריפט עס שטײט דאָרטן אין דער רובריקע „פּראָיעקטירט“.

— דײַן ארבעט, א?

— נו, מײַנע. װאָס איז?

מאַניע הײבט אָן צו דערקלערן. לעכאַטכילע זעט אויס דאָס בעטאָנענע װענטל, װאָס שפּאַרט אונטער דעם ארײַנפאָר אין צעך, עפּשער ניט שלעכט. נאָר װען מע גײט א קוק אפן גענפּלאַן, זעט מען, אז דער רעליעף איז דאָרט א מעשופּעדיקער. װי מײנט ער, קאַזיק, דאָ װעט קלעקן א פּאָשעט בעטאָנען װענטל?

קאַזיק נישטערט נערװעז איבער דער צײכענונג. װאָס מער ער דרינגט ארײַן אין אינין, אַלץ פינצטערער װערט זײַן פּאָנעם.

— װײסט זײ דער טײַװל, װאָס זײ האָבן דאָרט געמאַכט אין גענפּלאַן, — מורמלט ער צװישן די צײן.

— אָבער דו האָסט דאָך געמאַכט דײַן צײכענונג אפן סמאַך פון גענפּלאַן.

קאַזיק קוקט מיט קאַסאָקע אויגן אף מאַניען. ער קאָן שוין מער ניט באַהאַלטן זײַן פאַר־לוירנקײַט.

— און דו האָסט שוין געמאַכט דאָס װענטל?

— געמאַכט.

— לויט אָט דער צייכענונג?

— קיין אַנדערע האָב איך דאָך ניט געהאַט.

קאַזיק שווייַגט. מאַניע צוקט אומגעדולדיק מיט די אַקסלען. אים כאַפּט אָן אַן עקל, און ער האָט שוין קימאַט כאַראַטע, וואָס ער האָט פאַרפירט דעם דאָזיקן אומנוצלעכן געשפּרעך. ער קלייַבט צונויף די צייכענונגען, רוקט זיי אַרייַן אין פּאָרטפעל און הייבט זיך אויף.

— דו גייסט שוין אוועק? — פרעגט קאַזיק אומרויִק.

— ניין, איך דאַרף נאָך צו די סאַנטעכניקער.

— נו, וועלן מיר דיר שפּעטער געבן אַן ענטפער. כ'וועל זיך מעיִאַשעוו זייַן מיט וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטשן.

בא די סאַנטעכניקער גייט עס צו לעבעדיק. מאַניע לייגט פאָר צו ענדערן די טראַסע פון די קאַנאַליזאַציע־טרויבן. ער פירט דורך מיטן בלייַער איבער דער צייכענונג אַ נייַע ליניע: אויב מע זאָל מאַכן אַזוי, שפּאָרט מען אייַן אַ סאַך ערד־אַרבעט, ווייַל דאָרט איז דאַפקע איצטער אַרויסגענומען די ערד פאַר די פונדאַמענט־אַרבעטן. די סאַנטעכניקער קוקן סקעפּטיש אויף דער נייַער ליניע, זיי זייַנען שטאָל־און־אייַזן פאַר זייער פאָרשלאָג. עס הייבט זיך אָן אַ וויקועך. דערהערט דעם טומל, קומט אַרייַן דער פּאַרוואַלטער. ער הערט אויס ביידע צדדים, פאַרטראַכט זיך אַ ווייַלע, מאַכט עטלעכע פלינקע באַוועגונגען מיט דער לאָגאַריפמישער ליניקע און קוקט מיט כיטרע אויגן אויף מאַניען: „אויפן אָרט איז, פאַרשטייט זיך, קענטיקער". דערנאָך נעמט ער אַרויס מיט אַ ברייטן זשעסט די אויטאָמאַטישע פּעדער און שרייַבט קווער איבער דער צייכענונג זייַן האַסקאָמע.

מאַניע גייט אַרויס אַ צופרידענער אין קאָרידאָר. ער שטויסט זיך אָן אויפן פּאַרוואַלטער פון בוי־סעקטאָר, וואָס גייט אַרום איבערן קאָרידאָר און פאַרציט זיך זשעדנע מיטן רויך פון אַ פּאַפּיראָס.

— וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטש, איך גיי צו אייַך.

— כ'ווייס... כ'ווייס... דאָס וועלנטל... אַ מיִעסע מייַסע... גוט, וואָס איר האָט זיך געכאַפּט — מע וועט דאַרפן ברעכן דאָס וועלנטל און מאַכן אַ נייַס, פון אייַזנבעטאָן... מיר'ן אַרויסגעבן אַ נייַע צייכענונג און צונויפשטעלן אַן אַקט. די שולד, פאַרשטייט זיך, נעמען מיר אויף זיך.

— וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטש, מע דאַרף ניט.

— וואָס הייסט, מע דאַרף ניט?

— איך האָב דאָס וועלנטל געמאַכט ניט נאָך דער צייכענונג.

וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטשעס פּאַפּיראָס בלייַבט שטיין פאַרגליווערט אויפן וועג צום מויל.

— אַזוי גאָר? איז ווי האָט איר עס געמאַכט?

מאַניע דערקלערט צוערשט מיט די הענט, דאַן מיט אַ בלייַער אויף אַ ווינקל פון עפּעס אַ דיאַגראַם, וואָס הענגט אויף דער וואַנט. וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטש זופּט מיט קליינע שלונגען דעם רויך און שאָקלט מיטן קאָפּ. זייַן פּאָנעם ווערט אויסגעלייַטערט.

— מאַלאָדיעץ, מאַניע, מאַלאָדיעץ! אַזוי איז ריכטיק. אַבי יענער איז אַרייַנגעפאַלן אין פּאַניק. צו וואָס האָט איר אים איבערגעשראָקן?

— סטאַם אַזוי... — ענטפערט מאַניע אַ ביסל פאַרלעגן. ער פילט זיך איצט ווי אַ פאַרזינדיקט ייִנגל אַנטקעגן אַן עלטערן און קוקט מיט אָפּשייַ אויף יענעמס צעקנייטשט פּאָנעם מיט די רונדע ברילן אויף דער ברייטער נאָז.

— אַלטע כעזשבוינעס, האַ?

— עפּשער.

— און צו מיר זייַט איר איצט געגאַנגען, איך זאָל הייסן אייַנשליסן אָט די אַרבעט אייַערע אין סמעטע?

— נו, יאָ.

וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטש לאַכט זיך פאַנאַנדער. ס'איז אַ פּאַרקייַטער, הייזעריקער געלעכטער פון אַ פאַרביסענעם רייכערער. דערנאָך וואַרפט ער אַוועק דעם פּאַפּיראָס, קוקט אַ ווייַלע דורכדרינגלעך אויף מאַניען, ציט אַרויס פון קעשענע אַ פּעקל פּאַפּיראָסן און שטרעקט עס אויס צו מאַניען. ביידע פאַררייכערן. וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטש נעמט מאַניען אונטערן אָרעם, און זיי לאָזן זיך ווייַטער איבערן קאָרידאָר: צוויי מענער, וואָס פירן אַ מענערשן געשפּרעך.

— איך האָב שוין לאַנג געוואָלט מיט דיר ריידן, סאָלאָמאָן איסאַקאָוויטש, — זאָגט וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטש און ווערט אויף אַ ווייַלע אַנשוויגן. דער פּלוצלינגדיקער „דו" און „סאָלאָמאָן איסאַקאָוויטש" קלינגען פאַרטרויִלעך, און דאָס טוט האַנאָע מאַניען. וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטש טוט אַ טיפן ציִ דעם רויך און רעדט ווייַטער:

— איך טראַכט אָפט וועגן דיר. דו האָסט שוין אָפּגעאַרבעט אָף דער בויונג דײַנע דרײַ יאָר. האָסט באַקומען פּראַקטיק, נו, און טעאָרעטיש איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידן...

ער שטעלט זיך אָפּ, לאָזט ארויס מאַניעס אָרעם, אַפּן פּאָנעם בא אים איז אויסגעגאָסן אַן ערנסטער און פײַערלעכער אויסדרוק. ער רעדט לאַנגזאַם, וואָרט בא וואָרט:

— איז אָט! איצט איז געקומען די צײַט. גיי אַריבער צו אונדז. כ'וואָלט דיך אַפילע גענומען פאַר מײַנעם אַ פּאַרטנער. אין מיניסטעריום וועלן מיר פּויעלן, מע זאָל דיך אַריבערפירן.

די דאָזיקע ווערטער רופן אַרויס אַ צעטרודערונג אין מאַניעס געמיט. וועגן דעם האָט ער גאָר ניט לאַנג געקלערט נאָר כאָטשמען. עס האָט זיך אָבער עפּעס אין אים געענדערט.

— אַ דאַנק, וואָלאָדימיר ניקאָלאַיעוויטש, פאַרן צוטרוי... נאָר ס'וועט, דאַכט זיך, דערפון קיין זאַך ניט אַרויסקומען.

— פאַרוואָס?

— איך וויל ניט. כ'וועל נאָך דערווײַל בלײַבן אָף דער בויונג.

— ביזוואַנען? — בייזערט זיך וואָלאָדימיר ניקאָלאַיעוויטש. — ביז אַן אינפאַרקט?

דאָס איז אַן אָנצוהערעניש. מיט אַ קורצער צײַט צוריק איז בא דעם הויפּט־אינזשעניער פון איינעם אַ טרעסט געווען אַן אינפאַרקט. אַז ער איז געזונט געוואָרן, איז ער אַריבער אַרבעטן אין אינסטיטוט.

— נו, ביז אַן אינפאַרקט איז נאָך ווײַט, — שמייכלט מאַניע. דאָס איז דער אייביקער שמייכל פון יוגנט איבער עלטקײַט.

וואָלאָדימיר ניקאָלאַיעוויטש שטייט נאָך אַ ווײַלע. איבער זײַן קאָפּ זאַמלען זיך בייזע קנוילן פון רויך. שוין אוועקגייענדיק, דרייט ער זיך אויס:

— נו, ווי דו ווילסט. אַ גוטן. — דערנאָך שטעלט ער זיך אָפּ נאָכאַמאָל. — פונדעסטוועגן טו נאָך אַ קלער, סאָלאָמאָן איסאַקאָוויטש. אַזעלכע פאָרשלאָגן מאַכט מען ניט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק.

מאַניע גייט לאַנגזאַם איבערן אָנגעררייכערטן קאָרידאָר צום אַרויסגאַנג. ער לאָזט זיך אַראָפּ איבער איין מאַרש טרעפּ, אַ צווייטן, און בייס די שווערע טיר פאַרקלאַפּט זיך הינטער אים, אָטעמט ער מיט אַ פולער ברוסט אַרײַן די פרישע לופט. און ער לאָזט זיך מיט פעסטע טריט צום אויטאָבוס.

רעפאָעל גאָלדענבערג

די באָבע מיט איר איי‍ניקל

פון שעפּעטאָווקע קיין צעלינאָגראַד

זלאָטע באַראַכאָוויטש פון שעפּעטאָווקע איז געקומען צוגאַסט צו איר טאָכטער קיין צעלינאָגראַד. געבראַכט, פאַרשטייט זיך, אַלעמען מאַטאָנעס. דער טאָכטער קאַפּראָנאָווע זאָקן, דעם איידעם אַן עלעקטרישע ראַזיר־מאַשינקע „ניעוואַ" און מישענקען, דעם איי‍ניקל — אַן עראָפּלאַן.

מישענקען איז דער עראָפּלאַן זייער געפעלן. צוערשט האָט ער אים באַטראַכט פון אַלע זײַטן, געפּרוּווט אַלע זײַנע איוורים, צי זיי זײַנען גענוג פעסט. דערנאָך איז ער מיט אים אַרומגעלאָפן איבער אַלע צימערן און געהודעט, ווי אַן עמעסער פאַרניכטלער.

אַז ער האָט זיך שוין גאַנץ פײַן אָנגעשפּילט מיט אים, געוואָרן מיד און אָפּגעגאָסן מיט שוויס, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט שטילינקערהייט אין אַ ווינקעלע און גענומען אים דעטאַל אויספאָרשן. צוערשט האָט ער אָפּגעדרייט דעם פּראָפּעלער, דערנאָך אָנגעבראָכן דעם רודער און צולעצט האָט ער זיך גענומען צו די פליגל.

— מישענקע, — פרעגט בא אים די באָבע, — וואָס טוסטו? וועסט צעברעכן דעם עראָפּלאַן, וועט ער דאָך ניט קענען פליִען.

— איך צעברעך אים ניט, — ענטפערט מישענקע, — איך מאַך פון אים א ראַקעטע.
— און וואָס וועסטו טאָן מיט דער ראַקעטע?
— איך וועל פליִען אַף דער לעוואַנע.
— אזש אַף דער לעוואַנע? און די מאַמע? זי וועט בלײַבן אליין און וועט דאָך בענקען נאָך דיר.
— אויב זי וועט בענקען, וועט זי קומען צו מיר צוגאַסט.
— אזוי ווײַט?
— נו, איז וואָס, אז ס'איז ווײַט, — ענטפערט מישענקע, ניט לאַנג פאַרטראַכטנדיק זיך, — אַט ביסטו דאָך געקומען צו אונדז אזש פון שעפּעטאָווקע, וועט די מאַמע ניט קענען קומען צו מיר אַף דער לעוואַנע?

נאָכן רעגן

באַלד נאָכן רעגן איז די לופט געוואָרן פרישער. ס'איז ארויס די זון, און אַפן הימל האָט זיך באַוויזן א פילפאַרביקער רעגנבויגן. דער הויף איז נאָך געווען פאַרפלייצט מיט וואַסער, קליינע און גרויסע ריטשקעלעך האָבן געבלישטשעט קעגן דער זון און, ווי א מאַגניט, געצויגן צו זיך דאָס גאַנצע קליינוואַרג פון הויף.

מישענקע איז געשטאַנען בא א גרויסער קאַליוזשע אין זײַנע נײַע סאַנדאַליקעס, וואָס מע האָט אים ערשט נעכטן געקויפט, פאַרליאַפּעט מיט בלאָטע פון אויבן ביז אראָפּ און מיט א לאַטּ-פּעטקע אין די הענט עפּעס געגראָבן. די באָבע האָט אים דערזען אין פענצטער, איז איר געוואָרן א לאַך אין האַרצן.

— מישע, מישענקע! — האָט זי גענומען שרײַען און קלאַפּן אין פענצטער.

נאָר דער קליינער איז געווען אזוי פאַרטיפט אין זײַן ארבעט, אז ער האָט גאָר ניט געהערט. אַפּגיך ארופגעכאַפּט אַף זיך דאָס שאַלעכל, איז זי האַסטיק ארויס פון שטוב, צוגעלאָפן צו אים און איז א דערשטוינטע געבליבן שטיין...

מישענקע, ווײַזט זיך ארויס, האָט געגראָבן א רינשטאָק פון דער גרויסער קאַליוזשע צום קליינעם ווינשל-ביימעלע, וואָס מע האָט הײַנטיקן פרילינג פאַרפלאַנצט אין הויף און וואָס האָט שוין אָנגעהויבן פאַרטריקנט ווערן איבער די הייסע ווינטן, וועלכע האָבן געווייעט א גאַנצן זומער. א ווײַלע איז זי געשטאַנען און געקוקט אַף זײַן פאַרמורזעטן פּנעמל און אַף זײַן פלײַסיקער ארבעט. דערנאָך האָט זי אָפּגעזוכט אין הויף עפּעס אן אײַזנדל און גענומען אים העלפן דורכפירן דעם רינשטאָק צום ביימעלע. אז די וואַסער פון דער קאַליוזשע האָט זיך א לאָז געטאָן און גענומען פאַרגיסן דעם שטאַם ארום און ארום, זײַנען זיי ביידע געשטאַנען און געקליבן נאַכעס פון זייער אופטו. דערנאָך האָט זי אים גענומען פאַרן הענטעלע און אוועקגעפירט אין שטוב ארײַן, קעדיי אים איבערטאָן אין טרוקענעם.

אין וועג צום קינדערגאָרטן

ביכלאַל איז מישענקען זייער געפעלן דער קינדערגאָרטן. דאָרט איז טאָמיד פריילעך, פאַראַן א סאַך קינדער, פאַרשיידענע צאַצקעס, שפּילצײַג, קליינע קראַליקעס אין א שטײַגעלע. די דערציִערן, סימע אבראַמאָוונע, איז דאַפקע א שטרענגע, נאָר זייער א גוטע. אָבער אופשטיין אינדערפרי, ווען עס ווילט זיך אזוי שלאָפן, זיך וואַשן, אָנטאָן זיך און גיין אין קינדערגאָרטן ווילט זיך זייער און זייער ניט. נאָר די באָבע וועקט. פריִער מיט גוטן, דערנאָך הייבט זי זיך אָן בייזערן, הייבט אוף דאָס איינִיקל מיט גוואַלד און נעמט אים אָנטאָן.

מישענקע רײַבט די אויגן, כליפּעט און טײַנעט מיט א וויינענדיקן קאָל:

— יאָ, וואָדען, די גרויסע זײַנען כיטרע, אליין גייען זיי זיך אַף דער ארבעט און איך דאַרף אַלע טאָג גיין אין קינדערגאָרטן.

— שאַ, קינד מײַנס, — באַרויִקט אים די באָבע, אָנטועדיק אים בעשאַס מײַסע די זאָקע-לעך. — דו ביסט דאָך א קליינינקער, דאַרפסטו גיין אין קינדערגאָרטן. וועסט גיין אזוי לאַנג, — זעצט זי פאָר, — ביז דו וועסט אויסוואַקסן און ווערן א גרויסער, וועסטו דעמאָלט אויך גיין אַף דער ארבעט.

— און ווען דו ביסט געווען א קליינע, — פרעגט מישענקע בא דער באָבען, — ביסטו אויך געגאַנגען אין קינדערגאָרטן?

— ניין, האַרציקער מײַנער, ווען איך בין געווען א קליינע, זײַנען בא אונדז אין שעפּעטאָווקע קיין קינדערגאָרטנער נאָך ניט געווען.

— וויִאזוי זשע ביסטו געוואָרן א גרויסע?

דער גרעסטער פאַרגעניגן בא דער באָבען איז גיין אָפּנעמען מישענקען פון קינדערגאַרטן. באַמערקט זי פונדערווייַטנס, לויפט ער איר אַנטקעגן, כאַפּט זי אַרום מיט בײדע הענט און דריקט זיך צו מיט זײַן גאַנצן קערפּערל צו איר. גייענדיק אַהיים, האַלט ער אין איין שטעלן פראַגעס: פאַרוואָס איז אינדערפרי געגאַנגען אַ רעגן און איצט שײַנט די זון? וווּהין גייט אַוועק די זון, ווען עס גייט אַ רעגן? פאַרוואָס קענען טײַבעלעך פליִען און די קאַץ ניט? ווען מע זאָל צומאַכן צום טאַטנס „מאָסקוויטש" אַ פּאָר פליגל, וועט ער קענען פליִען? פאַרוואָס איז זאַמדצוקער זיס און זאַמד ניט? איין „פאַרוואָס" נאָכן אַנדערן. די באָבע באַוויַיזט ניט צו ענטפערן אויף איין פראַגע, ווי ס'איז שוין גרייט אַ צווייטע.

קעדיי צו איבעררײַסן דעם שטראָם שאַלעס, באַנוצט זי זיך מיט אַ דיפּלאָמאַטישן גאַנג. זי שלאָגט אים איבער און טוט אים אַליין אַ פרעג:

— וואָס האָט איר הײַנט געטאָן אין קינדערגאַרטן?

— הײַנט? הײַנט האָט אונדז סימע אַבראַמאָווּנע געלייענט אַ ביסעלע וועגן לענינען. מאָרגן איז דאָך זײַן געבורטסטאָג. מאָרגן וועט אים ווערן פיר, פיר... אוי! איך האָב פאַרגעסן, וויפל ס'וועט אים מאָרגן ווערן...

— פיר און נײַנציק, — זאָגט אים אונטער די באָבע.

— יאָ, טאַקע פיר און נײַנציק. סימע אַבראַמאָווּנע האָט אונדז אויך געזאָגט פיר און נײַנציק. — מישענקע פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און זעצט פאָר, — באָבעניו, דו האָסט געזען לענינען?

— ניין, מישענקע, איך האָב לענינען ניט געזען. נאָר איך געדענק, ווען ער איז געשטאָרבן...

מישענקע רײַסט האַסטיק אַרויס דאָס הענטל פון דער באָבעס האַנט און מיט אַ געבייזער אין קאָל שרײַט ער אויס:

— דו ווייסט ניט, לענין איז ניט געשטאָרבן. בא אונדז אין שפּילצימער הענגט אַ פּלאַקאַט, דאָרט איז אָנגעמאָלט לענין און עס איז אָנגעשריבן... — טראַכט אַ ווײַלע — „לענין האָט געלעבט! לענין לעבט! לענין וועט לעבן!" סימע אַבראַמאָווּנע האָט עס אונדז געלייענט און מיר האָבן איבערגעכאַזערט: „לענין האָט געלעבט! לענין לעבט! לענין וועט לעבן!" און דו זאָגסט, אַז ער איז געשטאָרבן...

וואָס קאָן מען ענטפערן דערויף? אַדרעבע, זאָגט...

באַם טעלעוויזאָר

די יעדיִע, אַז ליבערמאַן האָט געקויפט אַ טעלעוויזאָר, האָט זיך פאַרשפּרייט אין איין קעהערעף־אַיִן. און אַזוי ווי דאָס איז געווען דער ערשטער טעלעוויזאָר בא אונדז אין הויף, האָבן אַלע שכיינים געײַלט גיכער זען, וואָס פאַר אַ וווּנדער דאָס איז. ווער עס האָט געהאָלפן אים צעפּאַקעווען, ווער אַרופשטעלן אויף אַ ספּעציִעלן טישל, ווער עס האָט געשטודירט די אינסטרוקציע, ווי צו באַגיין זיך מיט אים. דער באַלעבאָס גופע, אַבראַם מאַרקאָוויטש, האָט זיך לאַנג געפּאָרעט בא אים, ביז ער האָט אים אָנגעשטעלט.

ליבערמאַנס פרוי האָט געהאַלטן אין איין דערציילן, וויאַזוי עס האָט זיך איר אײַנגעגעבן צו באַקומען דעם טעלעוויזאָר, און האָט אַלעמען און איטלעכן באַזונדער אײַנגעלאַדן אויף אַכט אַזייגער, ווען מע וועט טראַנסלירן דעם פילם „פריילעכע כעווירע".

כאָטש דער פילם איז ווײַט ניט קיין נײַער און אַלע האָבן אים שוין ניט איין מאָל געזען, דאָך איז די נײַגעריקײַט געווען אַזוי גרויס, אַז קיינער האָט אַפילע ניט געפּרוווט זיך אָפּזאָגן. צו אַכט אַזייגער איז דער עסצימער, ווו ס'איז געשטאַנען דער טעלעוויזאָר, געווען פול געפּאַקט מיט אוילעם. קעדיי מע זאָל קאָנען אַלעמען באַזעצן, האָט מען דעם טיש אַרויסגעטראָגן אין אַן אַנדער צימער, צעשטעלט ווו עס האָט זיך געלאָזן בענקלעך און בענקעלעך. דאָס קלײנוואַרג איז געזעסן אויפן דיל, און אַלע זײַנען געווען צופרידן.

עמעס, דער עקראַן איז געווען זייער אַ קליינינקער, עטוואָס גרעסער פון אַ פּאָטשט־קאַרטל, און ווען ניט די לינזע, וואָלט מען ביכלאַל גאָרנישט ניט געזען. קיינער האָט זיך אָבער ניט געקלאָגט דערויף, מ'איז געזעסן ביזן סאָף און געקוקט.

פון דעמלט אָן פלעגט מען זיך צונויפקומען צו די ליבערמאנס אלע אָוונט קוקן דעם טעלעוויזאָר. מאריִא יאָסיפאָוונא ליבערמאן איז מיטאמאָל געוואָרן די סאמע כאָשעווע פערזאָן אין הויף. נאָר ווי זאָגט מען עס: „צייַטן בייַטן זיך". אין א פאָר כאדאָשים ארום האָט זיך געיאווועט נאָך א טעלעוויזאָר בא אונדז אין הויף, בא די שולרופערס. דער נייַער טעלעוויזאָר פון סיסטעם „רעקאָרד" האָט געהאט א גרעסערן עקראן, און דערמיט האָט ער בא די שכיינים מער אויסגענומען, ווי ליבערמאנס טעלעוויזאָר.

ס'האָט ניט לאנג געדויערט, און שולרופערס קווארטיר איז געוואָרן דער צענטער פון טעלעוויזיע. מאריִא יאָסיפאָוונא האָט עס זייער שווער איבערגעלעבט. ווען עס פלעגט נאָר צופאלן דער אָוונט און קיינער פלעגט ניט אריַינקומען צו איר קוקן דעם טעלעוויזאָר, פלעגט זי זיך קיין אָרט ניט קאָנען געפינען. זי האָט ניט געקאָנט בעשום־אויפן מויכל זייַן די שולרופערס, לעמייַ זיי האָבן בא איר צוגענומען די גאנצע „קליִענטור". געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס זי האָט זיך אופגעהערט צו גריסן מיט דער שולרופערקע.

ווער ווייסט, ווי לאנג דער ברויגעז וואָלט זיך געצויגן, ווען איך איין שיינעם פרימאָרגן פאָרט ניט אריַין אף זייַן „פאָבעדע" דער כאָווער יאקאָוולעוו און טראָגט ניט אריַין צו זיך א גרויסן קארטאָנענעם קאסטן מיט א שפּאָגל־נייַעם טעלעוויזאָר „זנאמיא". פארשטייט זיך, אז דער דאָזיקער טעלעוויזאָר מיט זייַן גרויסן עקראן איז געוואָרן דער סאמע פּאָפּולערער אין הויף. פון איצט אָן איז יאקאָוולעווס דירע געווען אלע אָוונט געפּאקט מיט צושויער און אין הויף האָט מען נאָר געקאָנט הערן, ווי אלע לויבן יאקאָוולעווס טעלעוויזאָר. אזא רעקלאמע האָט גלייַך פארדראָסן ביידע ערשטע פרעטענדענטקעס אף טעלעוויזאָר־מאָנאָפּאָליע, און דאָס האָט געבראכט דערצו, אז זיי האָבן זיך ביידע איבערגעבעטן...

ווער עס האָט געבראכט דעם פערטן טעלעוויזאָר, דעם פינפטן, דעם זעקסטן אאוו., דאָס געדענקט שוין קיינער ניט, נאָר נאָך יעדן נייַעם טעלעוויזאָר זייַנען צוויי פרויען ברויגעז געוואָרן איינע אף דער אנדערער און צוויי האָבן זיך איבערגעבעטן.

דאָס איז אלץ פאָרגעקומען מיט א פאָר יאָר צוריק. אָבער איצט, ווען דער טעלעוויזאָר־פיבער איז שוין לאנג פארבייַ און אלע שכיינים אין הויף האָבן אייגענע טעלעוויזאָרס, ווערט שוין קיינער ניט ברויגעז אף זייַן שאָכן און פארשפּאָרט זיך דערפאר איבערצובעטן. איצט קאָן מען נאָר אָפט הערן, ווי איינער פרעגט באם אנדערן: „ווי געפעלט אייַך עפּעס דער נעכטיקער קאָנצערט?" און יענער ענטפערט: „שוין איינמאָל א קאָנצערט"...

פאַר קליין און גרויס

שיקע דריז

פאלט, פאלט, שנייעלעך

אין א וואלד א גרויסן,
אין א וואלד א שיינעם
האָבן זיך צונויפגעגנומען
טענעלעך איניינעם.

פיר און פופציק עלטערע,
פיר און זעכציק יונגע
האָבן זיך צונויפגעגנומען
און א ליד געזונגען:

„פאלט, פאלט, שנייעלעך,
מאכט א וועג דעם שליטן.
פאלט אראָפּ צו אונדז אין וואלד
סאמע אינדערמיטן“.

האָט באם זיידן־פראָסט די ליד
זייער אויסגענומען,
און דער זיידע האָט באפוילן,
שנייען זאָלן קומען.

האָט א שיט געטאָן א שניי
און צוגאסט פארפלויגן
צו די גרינע טענעלעך
גוטהארציק זיך פארנויגן.

האָבן זיך די טענענביימער,
עלטערע און יונגע,
אין א ראָד צונויפגענומען
און א ליד געזונגען:

„ווינט, ווינט, קום צו פליען,
וועסטו פון די שנייען
אָן א נאָדל, אָן א פאָדעם
מאנטעלעך אונדז נייען“.

האָט די ליד באם זיידן־פראָסט
זייער אויסגענומען,
און דער זיידע האָט באפוילן,
ווינטן זאָלן קומען.

איז אוועק צום וואלד א ווינט
די ביימעלעך דערפרייען,
אָן א נאָדל, אָן א פאָדעם
מאנטעלעך זיי נייען.

„גרייט זײַנען מיר, טענעלעך,
מיר ווילן שוין געשווינדער
אפן שיינעם נײַיאָר־יאָמטעוו
פאָרן צו די קינדער“.

האָט באם זיידן־שנייער
דאָס לידל אויסגענומען,
האָט ער גלײַך באפוילן
פערד און שליטן קומען.

ברענגען זאָלן אים די וועלף
זײַנע טויזנט קוישן,
זאָל דער פוקס אים אָנטאָן
זײַנע רויטע פוישטן.

און א פוטער מיט א גארטל
ברענגען זאָל דער בער,
און א קוטשמע מיט א דענעק —
כ׳וויס אליין ניט ווער.

זיבן פײַערדיקע פערד
זײַנען אָנגעקומען
און דעם זיידן אף א שליטן
באלד ארופגענומען.

און געלאָזט זיך פײַל־און־בויגן,
פון א בליץ געשווינדער,
אף דעם גרויסן יאָמטעוו
צו די קליינע קינדער.

דאָס אײַזנדל

דערוווסט האָט זיך בעניע:
די קינדער פון הויף
קלײַבן פארשיידענעם
אלטווארג צונויף:
א שטייסל,

א פרעסל,
א גאָפל, א שער,
א פענדל, וואָס קיינער
באדארף שוין ניט מער.

געהערט האָט ער זאָגן:
דאָס אַלטווארג מע בראַקט,
מע שמעלצט
און מע שמידט,
און מע שלײַפֿט,
און מע טאַקט,
און ס'ווערט פֿונעם אַלטווארג
געמאַכט —

א שטייסל א פּריילעכס,
אַן אײַזן, וואָס פּרעסט,
א צוועגנל אַף קנאַקן
די ניסלעך פאַר געסט.
א שערל, וואָס אויסשערן
מענטשעלעך קאָן,
א פענדל — א צאַצקע,
כאַטש שפיגל זיך אָן.

איך ווייס ניט

געטראַכט האָב איך, און גאָרניט
צוטראַכטן געקענט —
וווהין זאָל איך אַהינטאָן
ביידע מײַנע הענט?

האַלט איך זיי אין קעשענע
און פיר זיך, ווי עס פאַסט,
הער איך, ווי מע שושקעט זיך:
א ליידיקגייער וואַקסט!

נעם איך עפּעס טאָן מיט זיי —
עס פויקט, עס פלאַמט, עס ברענט;

זע איך, ווי מע טײַט אַף מיר:
א קינד מיט פּוסטע הענט!

שטיי איך און איך טראַכט מיר
און ווייס ניט וואָס צו טאָן...
דאָס ליידיק פעסל — קײַקל ניט,
דאָס קעצל — ריר ניט אָן,

א שטיינדל כ'וואַרף אין טײַך אַרײַן,
טאָר מען ניט, מע הייסט ניט...
וווהין זאָל איך אַהינטאָן
די הענט מײַנע, איך ווייס ניט!

לאָמיר ציילן

בערל און שמערל און סאָסי,
זאָרעך און באָרעך און דוואָסי,
לאָמיר א צייל טאָן איינינעם,
וויפל פאַרמאָגן מיר שכיינים.
איינעם — א הויכן,
איינעם — א קליינעם,
איינעם — א מיִעסן,

איינעם — א שיינעם,
איינעם — א קויטיקן,
איינעם — א ריינעם,
איינעם — א גאָרנישט,
וואָס האָט ניט קיין גראָם.
איינעם א גאַנצן
יאַ טאָבי דאָם.

קומט, קומט, נאַרעלעך

קומט, קומט, נאַרעלעך,
זײַט ניט קיין מעפּונעקעס,
לאָמיר לויפן רייסן
גוליעס, בײַלן, סיניקעס —
געזאַלצענע, געשמאַלצענע,
געבאָדענע, געצוואָגענע,
געמיימעסטע, גענעריקטע,
און נאָכאַמאָל געשלאָגענע.

נו, און טאָמער זײַנען זיי
זויערלעך און ביטערלעך,
מאַכט מען דען א טאַראַראַם,
רוקט מען אָן די היטעלעך?
ווי א מענטש אַן עלטערער,
ווייס איך אַף געוויס,
אַז זיי ווערן סאָפקאָלסאָף
טאָם-גאַניידן זיס.

נאַכעס

מיר האָט געשווירן
דער פעטער נאָכעם,
אַז אים האָט געשווירן
די מומע בראָכע,
אַז מע האָט איר געשווירן,
זי געדענקט שוין ניט ווער,

כאַים-איטשע,
צי איטשע-בער,
אַז דווירעלע קאָן שוין
פון נעכטן —
די צעפּלעך
פאַרפלעכטן.

מײַן שפּאַקטיוול

כ'האָב אַזאַ שפּאַקטיוול
מיט אַלערלײ מין גלאָז,
װײל איך — װערט די סטעליע
געל און גרין און ראָז.
מײַן זײדנס באָרד די װײַסע
קאָן װערן װידער שװאַרץ,

און רויט, װי טינט אין פלעשל, —
דאָס הינטל און די קאַץ.
װילט איר — גלײבט מיר,
װילט איר — ניין,
װילט איר — נעמט
און קוקט אַלײן.

אונדזער פּרינץ דער קאָטער

ס'האָט אַן אומגליק אונדז געטראָפן —
אונדזער קאָטער איז אַנטלאָפן.
געקראָכן בין איך אױף די דעכער,
אַרײַנגעקוקט אין אַלע לעכער,
אין טיפע קעלערס, פּוסטע שטאַלן —
אונדזער קאָטער איז פאַרפאַלן.
איז שולדיק מײנט איר װער אַשטײגער?
מײַן זײדעס פּיניעס אַלטער זײגער,
װו געלעבט האָט די פּרינצעסע, די קוקאװע,
אַ געשלײערטע אין פעדערן טשיקאַװע.
אױ, װי ליב געהאַט זי האָט ער,
אונדזער פּרינץ דער קאָטער!
טאָג און נאַכט אַנטקעגן איר געזעסן,

מיט די אױגן זי געשלונגען און געגעסן,
זיך געדראַפּעט אױף די גלײַכע װענט,
נאָר דערלאַנגען דיזע קוקע ניט געקענט.
ניט געגעסן, ניט געטרונקען, ניט געשלאָפן
און פון שמערצן אין דער װעלט אַרײַן אַנטלאָפן.
נאָר באַלד װעל איך אַ קוק טאָן אין דעם
בריװנשטעלער —
צי דאַרף איך אים גאָר זוכן אין אַ קעלער,
רופן „קיצי־קיצי" אױף די דעכער
און אַרײַנקוקן אין אַלע לעכער —
צי האָט ער ניט, װי שטאָלצע פּרינצן קענען,
דאָס לעבן זיך געטון־טאָן נעמען?..

שיכעלעך

הײבט נאָר אָן צו שמעקן
מיט פרילינג דער קאַיאָר,
גײט די מאַמע קױפן
מיר שיכעלעך אַ פּאָר:
מיט פּאַסיקלעך, מיט לעכעלעך.
געשטופּלט װי אַ זיפּ,
מיט לעדערנע פּידעשװעלעך,
מיט ראַנטן, מיט אַ סקריפּ.
טאַטע־מאַמע זאָגן:
— אַ שיכל, װי אַ קװייט.

באָבע־זײדע זאָגן:
— טראָג געזונטערהײט!
װען אַלע קינדער קױפט מען
אַזעלכע שיך פון לעדער,
װאָס סקריפּען פונקט װי מײַנע,
װי ניט געשמירטע רעדער, —
װאָלטן אַלע טױבע
סאַפּקאַלסאָף דערהערט,
װי קלײנע קינדער טופּען
אױף דער גרױסער ערד.

דאָװיד בראָמבערג

אַ מײַסעלע װעגן נעכטיקן טאָג

נאָך דער יויך און דעם געבראָטנס
איז דער מעלעך צוגעזאָטן
צו דעם װיגשטול און האָט שװער
זיך געהוידעט הין און הער.
ס'זאָל נאָר קומען אױפן זינען,
װאָס אַ האר קאָן זיך פאַרגינען,

װאָס אין לעבן גײט אים אָפּ, —
װאָס אַ מעלעך ליגט אין קאָפּ!
מײנט איר װאָס? אײנמיטנדרינען
האָט דער ראָש פון דער מעדינע
אױסגעבלאָזן פול־און־פױל
קוים אַ גענעץ פונעם מױל.

און דערנאָך זיך אויסגעצויגן,
צוגעמאַכט די אַלטע אויגן,
און, בימכילע, ווי א שאָף
דער אדוני מעלעך שלאָפט...
די מעדינע כאַפּט א ציטער:
לעבן מעלעך טויזנט היטער,
מיט קלייזייַען — ביקס און שפּיז —
פון דעם קאָפּ און ביז די פיס.
צוגעשלאָסן אלע טירן,
ס'זאָל, כאַלילע, ניט פּאַסירן,
ס'זאָל, כאַלילע, וויס איך ווען,
ניט געשען, וואָס קאָן געשען...

און אין שלאָף דערזעט דער מעלעך
(כ'וועל דערציילן אייַך פּאַמעלעך),
זייַן מעדינע ברייט און גרויס
פאַר די אויגן שפּרייט זיך אויס.
בלוט און שוויס זיך גיסן טייַכן,
ס'ווערט דער מעלעך רייַך און רייַכער,
און געהאַרכזאַם טעג און נעכט
קניען־מיִען זיך די קנעכט.

דאַרף געשען און דאַרף זיך טרעפן:
ס'טוט די טיר זיך א צעעפן,
ווי געווייינלעך, האַסטיק שנעל —
א שאַלִיעך אַף דער שוועל!
און זייַן צונג איז ווי צעבראָכן,
ווייַל קיין גוטס האָט ניט געטראָפן.
ער צעוויקלט און באַווייַזט
א פּאַפּיר, ווו שוואַרץ אַף ווייַס
שטייט געשריבן: „רויבער, הערט!
מירן מער ניט זייַן קיין קנעכט!
אויס מיט דאַכקעס, אויס מיט נויט!
גיט אונדז פרייַהייַט! גיט אונדז ברויט!"
ווערט דער מערדער רויט און רויטער,
ווערט דער ראָשע טויט פון טויטער:
סאַרא רייד די מוירדים שיטן!
ווי מע דראָט, זאָל גאָט באַהיטן!
זינט עס גייט און שטייט די ערד,
נאָך אזעלכעס ניט געהערט...

און פון אלע זיבן זאַכן
דאַרף זיך טרעפן, דאַרף זיך מאַכן:
ס'גיט דער מעלעך זיך א דריי,
זיך א דריי און א געשריי:
— וואָס איז דאָס? ווער טוט מיך וועקן?
כ'וועל אייַך ווייַזן באַלד דעם שטעקן!
אויב פאַר אייַך איז נאָך ניט קלאָר —
גייט צו אַלדי שוואַרצע יאָר!
טוט דער עלטסטער פון דער סוויטע
פאַרן מעלעך שטאַרק א ציטער
און ווי הויך און גרויס ער איז,
טוט א פאַל אים צו די פיס:

— אָ, דו מעלעך, הער אונדז אויס,
די געפאַר איז זייער גרויס!..
דאָס פּאַפּיר ער טוט א ווייַז,
טוט א ווייַז דאָס שוואַרץ אַף ווייַס...
קוקט דער מעלעך, רייַבט די אויגן:
ס'איז א כאַלעם גאָר פאַרפלויגן!

וואָס מעדינע, ווער מעדינע,
איר זייַט אלע פונעם זינען!
ס'קאָן ניט זייַן, ס'איז ניט געווען,
ס'קאָן אזעלעכס ניט געשען!

נאָר די דינער, וואָס דערונטער,
אין איין קאָל אים זאָגן אונטער:
— האָסט אין כאַלעם עס געזען,
דאָס איז נעכטן דאָך געווען!

ווערט דער מעלעך — בייזע ווונדן,
ווי א פייַער אָנגעצונדן:
— נעכטן, נעכטן... זאָל זייַן נעכטן...
ניט מיט גוטן, איז מיט שלעכטן! —
און ער שרייַט, מאַכט מיט די הענט,
די רעציכע אין אים ברענט.

טוט דער אייבערשטער פון שטייסל
זיך א נייג און נעמט אים טרייסטן:
— מעלעך, כ'וועל דעם נעכטן ברענגען,
און אויב ניט, זאָלסטו מיך הענגען!
קאָנסט מיר אָפּהאַקן דעם קאָפּ,
אויב, מייַן מעלעך, כ'נאַר דיך אָפּ...

און דער מעלעך — בייזע ווונדן,
האָט זיך ווידער אָנגעצונדן,
פלאַם און פייַער, פלאַם און פייַער —
א באַפעל דעם גאַנצן כאַיִל,
א באַפעל — אָן איימע פאַלט,
אז עס ווערט אי הייס, אי קאַלט:
— שינדן, צינדן, הענגען, שעכטן, —
ברענגען דרינגענד מיר דעם נעכטן!
— רעכט! — עס שרייַען אַף א קאָל
אלע זעלנער מיטאַמאָל.

און דער אייבערשטער פון שטייסל
גיט א נייג זיך און א טרייסל,
אין א רעגע — איינס און צוויי,
שטייען אלע אין א ריי —
ביקס צו ביקס און שפּיז צו שפּיז
פונעם קאָפּ און ביז די פיס.
און מע גייט. נאָך וואָס? — זיי ווייסן,
וואָס דער מעלעך האָט געהייסן...

שטייען קינדער אַף די וועגן,
לויפן קינדער זיי אַנטקעגן,
און עס ווערט אזא מין ראַש,
אזא ראַש, אזא קאַראַש...

און דער עלטסטער, וואָס פון פאָרנט,
שרײַט און וואָרנט, שרײַט און וואָרנט:
— ווער עס ווייסט און זאָגט ניט אויס,
נעכטן ווו ס׳באהאלט זיך אויס,
זאָל ניט מיינען, זאָל ניט האָפן —
ס׳וועט דער מעלעך שטרענג אים שטראָפן!

לאכן קינדער: — וועלכער נעכטן?
סארא נארישקייט, בארעכן...
ניט געהערט און ניט געזען,
ס׳זאָל אזא מין זאך געשען.

טוט דער אייבערשטער פון שטייסל
גלייך א נייג זיך און א טרייסל —
און, דערציילן איך, דער ראָשע
טוט א לייג אוועק א דראָשע
מיט אזא מין האס און קאס,
אז עס הערט די צענטע גאס:
— כ׳וועל אייך, שיידים, ווייזן וויצן,
פאר די וויצן בלוט וועט שפריצן!
פאר די רייד אזעלכע מיִעסע
כ׳וועל אין קייטן אייך פארשליסן
און פארשיקן, ניט געשפאסט,
ווו דער שווארצער פעפער וואקסט!

דאָ דארף טרעפן: ס׳קומט א יונג,
טוט א פײַף און טוט א שפרונג,
ווידער — פינגער צוויי אין מויל,
ווידער פײַפט — ס׳פאלט אָן א גרויל!
און אין איין מינוט, אָן שפאס,
א האמוין פארפולט די גאס,
אלע שלעגער דאָ — ביז איינעם,
ווער מיט העק און ווער מיט שטיינער,
ווער מיט דאָס און ווער מיט יענץ:
— ווי געפעלט אייך? שרעקט די געגנדז...
— ווי געפעלט אייך? מיינט, ס׳איז נעכטן...
— זעט, ניט אויסגיין זאָל צום שלעכטן!
גייט מיט גוטן גלייך אוועק,
אויב איר ווילט נאָר זײַן מיט קעפ!
און פארשרײַבט אייך אפן שטערן:
ס׳וועט דער נעכטן זיך ניט קערן;
איר זאָלט זײַן מיט קעפ מיט צען,
וועט אזעלעכס ניט געשען...

האָט דער ראָשע שלעכט דערפילט זיך,
האָט דער ראָשע אָפגעקילט זיך.
טאָמער וואָס און טאָמער ווען —
גאָט באהיט, ס׳זאָל ניט געשען...
און בעקיצער, ס׳האָבן היטער
צו דעם הער געלאָזט זיך ווידער.

און דער מעלעך האָט געהייסן:
ברענגט דעם אייבערשטן פון שטייסל!
שווארץ דער דראָנג איז און פארוויסט,
טוט א פאל אים צו די פיס,
טוט א פאל — די שרעק איז גרויס,
אין איין אָטעם שיסט ער אויס:

— אָ, מײַן מעלעך, קאָנסט באשליסן,
קאָנסט מיך הענגען, קאָנסט מיך שיסן,
קאָנסט מיר אָפהאקן דעם קאָפּ,
הענגען מיטן קאָפּ אראָפּ...
ווערט דעם מעלעך מלאָסנע, הייס,
אים באגיסט א קאלטער שווייס.
און ער ווייסט ניט וואָס צו קלערן,
וואָס צו טאָן, וווהין זיך קערן,
וואָס צו קלערן, וואָס צו טאָן...

ערשט, די מײַסע הייבט זיך אָן.

ביז באגין ווישט אויס די שויבן —
מאכט ער שוין ניט צו די אויגן,
ברעכט דעם קאָפּ זיך, קלערט און טראכט,
און עס גיט זיך אים א דאכט:
אָט פארבינדט מען אים די אויגן,
אפן האלדז א שטריק פארצויגן,
און מע שטעלט אים צו דער וואנט,
און —
פארלאָרן דעם פארשטאנד,
הויל און בלויז, זיך ניט געשעמט,
איז אנטלאָפן אין איין העמד.
און ביז איצט, איך דארף אײַך זאָגן,
לויפט ער, ווו די אויגן טראָגן...

נו, און ווײַטער? דאָס איז קלאָר אײַך,
און דערציילן איך פארשפאָר אײַך.
איך פארשפאָר, ווײַל, ווי דאָסראָוו,
יעדע מײַסע האָט איר סאָף...
סאָף איז סאָף, נאָר הערט א מײַסע:
ס׳בלײַבט די מײַסע דאָך א מײַסע.
וועט איר פרעגן — וואָס און ווען,
וואָס און ווען און ווו געשען?
האָט געדולד, איך קאָן אײַך שווערן —
בלײַבן בלײַבט אײַך נאָר צו הערן:
ערגעץ דאָרטן, ווײַט פונדאנען,
ווו איר שטויסט זיך אָן מיסטאמע,
ברידער, אייגן בלוט, און דאָך
אײַנגעשפאנט אין שווערן יאָך.
רויבער שינדן, רויבער שעכטן,
רויבער מיינען, ס׳איז זיי נעכטן,
רויבער מיינען...
נאָר — אומזיסט!
כאָטש מע הענגט און כאָטש מע שיסט,
וועט ניט העלפן זיי, די מערדער,
מעכטיק ס׳קאָל קלינגט אף דער ערד הײַנט:
— אויס מיט דאכקעס, אויס מיט נויט!
גיט אונדז פרײַהײַט! גיט אונדז ברויט!
ס׳שלאָגט די שאָ, עס גייט די צײַט,
ס׳גייט די צײַט — זי איז ניט ווײַט!
ניט קיין מײַסע איז עס — וואָר,
וואָר, וואָס איז שוין יעדן קלאָר,
און אין דעם עס איז פארבאָרגן
ניט דער נעכטן,
נאָר דער מאָרגן.

אויסלענדישע פובליציסטן —
בא אונדז צוגאַסט

פײַסעך נאָוויק

ס'איז דאָ א וועלט מיט ארבעט

(ארויסטרעטונג אף א באגעגעניש אין דער רעדאקציע „סאָוועטיש היימלאנד")

טײַערע פרײַנט, כאווײרים!

זאָל מיר דערלויבט זײַן צו באטראכטן דעם הײַנטיקן צוזאמענקונפט מיט אײַך, סאָוועטיש־ייִדישע שרײַבער, קולטור־טוער, געזעלשאפטלעכע טוער, ווי אן איניען פון געזעלשאפטלעכן באדײַט, ווי אן איניען, וואָס וועט מיטווירקן דער דערנעענטערונג צווישן אײַך דאָ מיט אונדז, פראָגרעסיווע ייִדן אין אמעריקע, אין קאמף פאר פראָגרעסיווער ייִדישער קולטור, אין קאמף פאר שאָלעם.

עס איז פאר אלעמען, דאכט זיך, קלאָר, אז די סאָוועטישע ליטעראטור האָט איר אָרט אין דער וועלט־ליטעראטור, אז מענטשן, וואָס קאָנען אָן ליטעראטור ניט לעבן, וואָלטן זיך געפילט אומגליקלעך, ווען עס וואָלט פאר זיי מיטאמאָל אָפגעהאקט געוואָרן דער צוטריט צו דער סאָוועטישער ליטעראטור. דאָס זעלבע אומגעפער קאָן געזאָגט ווערן וועגן ייִדישע מענטשן, וואָס לייענען ייִדישע ליטעראטור. אזוי האלט עס מיטן ייִדישן לייענער ביכלאל און א פשיטע שוין מיטן פראָגרעסיוון ייִדישן לייענער.

דאָס דערשײַנען פון דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" איז פאר אונדז דעריבער געווען א גרויסע געשעעניש. ער איז אויך אונדזער זשורנאל, דאָס איז א זשורנאל פון וועלט־באדײַט, יעדער נומער פונעם זשורנאל ווערט בא אונדז דערוואַרט פון טויזנטער מענטשן. יעדער נײַער בוך, וואָס גייט בא אײַך ארויס, ווערט בא אונדז דערוואַרט. שוין דער אָנזאָג פון זײַן דערשײַנען פארמאָגט א געזעלשאפטלעך־פּאָליטישן באדײַט. די גאנצע סאָוועטיש־ייִדישע קולטור־פּאָזיציע, וואָס ווערט דאָ געבויט, און לאָמיר האָפן, אז זי וועט געבויט ווערן נאָך שטארקער, — איז גאָר א וויכטיקע פּאָזיציע אין דעם גאנצן פראָגרעסיוון ייִדישן קולטור־פראָנט.

דאָס קאָן עפשער קלינגען ווי א צו הויכע פראַזע, אָבער איך פארזיכער אײַך, אז דאָס איז דער עמעס. ס'איז ניט קיין צו הויכע פראַזע, ווען איך וועל אונטערשטרײַכן די גרויסע אכרײַעס, וואָס ליגט אף אײַך — סאָוועטישע שרײַבער, רעדאקטאָרן. אף די אויסיעס, וואָס איר דרוקט אָפּ, קוקט מען מיט א פארגרעסער־גלאָז. טאָ זאָלן אײַערע ווערק קעסיידער פרייען די פרײַנט פון פראָגרעס.

איך האָב דעם קאָוועד צו ריידן צו אײַך סײַ ווי דער שעף־רעדאקטאָר פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" און סײַ ווי דער באפולמעכטיקטער פון אונדזער פראָגרעסיוון ייִדישן קולטור־פראָנט אין די פארייניקטע שטאטן.

די ארבעט פאר אמעריקאניש־סאָוועטישער פרײַנטשאפט, פאר פראָגרעס ביכלאל קומט אָן ניט גרינג. ווי פאטריאָטן פון אונדזער לאנד, פון דער עמעסער אמעריקע, פון דער אמעריקע פון דזשעפערסאָן, לינקאָלן, דעבס, פאָסטער, ראָבסאָן, האָבן מיר קעגן זיך די אנדערע אמעריקע — די אמעריקע פון מאקארטי, מאקארען, ראַקוועל, גאָלדוואָטער. ווי ייִדן, וואָס גייען אין די וועגן פון אָלגין און ווינטשעווסקי, זשיטלאָווסקי, מארמאָר, מוישע קאץ, האָבן מיר קעגן זיך די פארביסענע קאלטע־מילכאָמע־לײַט פון דער עקסטרעם־רעכטער סאָציאַל־דעמאָקראטיע, האָבן מיר קעגן זיך אלערליי שאָוויניסטן און אָבסקוראנטיסטן. דער אָבסקוראנטיזם פון גער און קאָצק און סאטמאר האָט זיך אריבערגעקליבן קיין אמעריקע, — און כאָווער ארן ווערגעליס, ווען ער איז פאראיאָרן געווען בא אונדז, האָט געזען דאָס מיטלאַלטערלעכע ווינקל אין וויליאמסבורג, ברוקלין, — א ווינקל, וואָס איז ניט כאראקטעריסטיש פארן ברייטן ייִדישן לעבן בא אונדז אין לאנד, אָבער אן אָנזעעוודיק ווינקל פונדעסטוועגן. פונקט ווי מאקארטיס און די אנדערע זײַנען ניט די עמעסע אמעריקע, אזוי קאָן מען ניט די קאלטע־מילכאָמע־לײַט און די אנדערע אָנעמען פאר דעם מוסטער פון די קארגע זעקס מיליאָן ייִדן אין די פארייניקטע שטאטן.

עס איז געוואָרן 25 יאָר, זינט מוישע אָלגין, אײנער פון די הויפט־גרינדער און לאנגיאָריקער רעדאקטאָר פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט", איז פון אונדז אוועק. אין א גרויסן זאל אין ניו־יאָרק, טאון־האָל, האָבן זיך פארזאמלט בא 1500 ייִדישע ארבעטער און פאָלקס־מענטשן באערן זײַן אָנדענק. אזעלכע צוזאמענקונפטן קומען פאָר יעדן יאָר אין אלע גרעסערע שטעט אין די פארייניקטע שטאטן. אָלגין איז בא אונדז בעעמעס אומפארגעסלעך, זײַן בילד איז יעדן טאָג אף דער ערשטער זײַט פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט". און אָט דער אומפארגעסלעכער אָלגין האָט ניט לאנג פאר זײַן אוועקגיין אָנגעשריבן אן עסיי: „דערכערעץ פארן פאָלק". ער האָט דאָרט געזאָגט:

„ווער עס וויל ארבעטן מיטן פאָלק אף זײַן וועג צום ליכטיקן לעבן, דער דארף האָבן דערכערעץ פארן גײַסט פון פאָלק, וואָס איז א גײַסט פון סאָציאַלן יוישער און באפרײַונג. ווער עס וויל העלפן דעם פאָלק א שפאן טאָן פאָרויס און ארוף, דער דארף גלייבן אין די שאפנדיקע קרעפטן פונעם פאָלק, אין זײַן ווילן, אין זײַן גרויסער קעמפערישער אקשאָנעס. ווער עס וויל רײַכער מאכן דאָס לעבן פונעם פאָלק, דער דארף ניט קומען, ווי א נאָדעוו, נישט ווי א גוויר, וואָס גיט א ברעקל פון זײַן טיש דעם אָרעמאן, נאָר ווי אן אייגענער, ווי א פאָלקס־מענטש, ווי

איינער, וואָס איז אַליין דורכגעציטערט מיטן ווייטעק און מיט דער בענקעניש און מיטן גלויבן און מיט דער קראַפט פונעם פאָלק".

אונדזער אויפגאַבע — און ניט נאָר אונדזערע — איז צונויפצוקומען זיך מיט פאָלקס־מענטשן, צו פאַרשטיין זיך מיט זיי. און דאָס באַטײַט, אַז די פּראָגרעסיווע טוער זאָלן צונויפקומען זיך בענעגייע פראגן, וואָס קאָנען אונדז פאַרייניקן, און ניט דערלאָזן, אַז פראגן, בענעגייע וועלכע ניט אַלע שטימען אײַן, זאָלן אונדז צעטיילן. דאָס איז אַ גרויסע קונסט, וואָלט איך געזאָגט, — די קונסט פון געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען. מע דאַרף זי באַהערשן. און די קונסט באַשטייט אין דעם, וואָס מע טאָר ניט אַלעמען אַרײַנוואַרפן אין איין טאָפּ.

אַף אַזאַ צוגאַנג פון צונויפקומען זיך מיט מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען — און נאָר אַף דעם, — שטיצט זיך די האָפענונג, די אויסזיכט אַף שטאַרקן די שאָלעם־באַוועגונג, שטיצט זיך די האָפענונג צו דערלעבן, אַז די אידייען פון אַלגינען זאָלן דורכדרינגען וואָס ברייטער די ברייטע יידישע מאַסן אין אַמעריקע. מיר ווילן, אַז די אידייען זאָלן ניט זײַן די מאָנאָפּאָליע פון יעכידים, פון אויסדערוויילטע קרײַזלעך, נאָר פון וואָס ברייטערע פאָלקס־שיכטן. דעריבער קומען מיר צום פאָלק מיט לאָזונגען פונעם הײַנטיקן טאָג, פאַרן הײַנטיקן טאָג און ניט מיט לאָזונגען פון נעכטן, וואָס שטימען ניט מיט דער הײַנטיקער צײַט. מיר זײַנען מאַרקסיסטן, און מיר געדענקען דעריבער גוט דעם פּאָסעק, אַז מאַרקסיזם איז ניט קיין דאָגמע, נאָר אַ ריכט־שנור פאַר אַרבעט.

איך וואָלט געוואָלט, איר זאָלט זען אַמעריקע אַזאַ, ווי זי איז, און די אַמעריקאַנער ייִדן אַזעלכע, ווי זיי זײַנען. נאָכאַמאָל — ניט דורך די פאַרבן פון ווײַס און שוואַרץ און אַוואַדע ניט פון בלויז ווײַס אָדער בלויז שוואַרץ. אַמעריקע איז אַ לאַנד מיט הויכן לעבנס־סטאַנדאַרט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך אַנקלײַבן גרויסע פאַרמעגנס, אַ גרויסע אינדוסטריע, אַ געוואַלדיקע טעכניק, געשאַפן דורך נאָענט פון הונדערט יאָר מוירעדיקער עקספּלואַטאַציע. אַזוי איז אַמעריקע, לעמאָשל, געשילדערט אין עפּטאָן סינקלערס „דזשאָנגל" פון די טשיקאַגער שעכטהײַזער מיט אַרום 60 יאָר צוריק, אין דזשאָן סטיינבעקס „סרויבן פון צאָרן" — די וואַנדערונגען פון פאַרמערס מיט דרײַסיק יאָר צוריק. אַמעריקע האָט אַנגעקליבן אשירעס אין צוויי וועלט־מילכאָמעס, ווען אייראָפּע איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט — און איר דאָ מער ווי אַלע. באַדײַטנדיקע טיילן פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג לעבן אַף אַ הויכן סטאַנדאַרט. אָבער ווען איר וועט זיך אָפּקערן אין ניו־יאָרק אינגאַנצן אַ פּאָר קוואַרטאַלן פון דער פינפטער עוועניו און פּאַרק־עוועניו, אָדער קומען אַף די זעלבע עוועניוס העכער, אין האַרלעם, וועט איר זען אַ בילד, וואָס שרײַט צום הימל וועגן דעם באַנקראָט פון קאַפּיטאַליזם. אין אַ לאַנד מיט אַזאַ טעכניק, וואָס האָט גרינג געקאָנט באַוואָרענען פאַר אַלעמען אַ לעבן פון שעפע — אַז אויך אַנדערע לענדער זאָלן געניסן, — זאָלן זיך געפינען, לויט אָפיציעלע ציפערן, 36 מיליאָן אָרעמע מענטשן, פאַקטיש 77 מיליאָן!..

איך קאָן זיך, ליידער, ניט אויסברייטערן וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע אין אַמעריקע, אויך וועגן דער ייִדישער אַמעריקע קאָן איך זיך ניט פאַרברייטערן צופיל. איך וואָלט אָבער געוואָלט בענעגייע דעם ייִדישן לעבן אונטערשטרײַכן אַ פּאָר מאָמענטן.

פון די קאַרגע זעקס מיליאָן ייִדן אין די פאַרייניקטע שטאַטן זײַנען 80 פּראָצענט אַמעריקאַנער געבוירענע. זיי ריידן ענגליש. מיר זאָגן וועגן די ענגליש־ריידנדיקע ייִדן, אַז מע טאָר זיי ניט צוליב דעם אַליין באַטראַכטן פאַר אַסימילירטע — איז אָבער אויך ריכטיק, אַז דאָס אַריבערגיין אַף ענגליש רופט זיך אָפּ אַפן גוירל פון ייִדיש. עס איז נאָך דאָ אַ גרויס פעלד פאַר ייִדיש, אָבער עס זײַנען געוואַלדיק גרויס די שוועריקײַטן, אַף וויפל קיין מעלוכע־הילף איז ניטאָ, אַף וויפל ציִוניסטיש־געשטימטע פירער זײַנען, אַלס קלאַל, קעגן ייִדיש און אַף וויפל די „פאָרווערטס"־עלעמענטן פאַרנעמען זיך מיט מאַקאַרטיזם, מיט שפּאַלטן, דיסקרימינירן. אויב עס איז ניטאָ קיין גוטער ייִדישער טעאַטער (טעאַטער ביכלאַל איז דאָ צוביסלעך, אַ שלעכטער), איז דאָס אַדאַנק דער שפּאַלטונג־פּאָליטיק און דער אָריִענטאַציע פון די דערמאָנטע פירער. דאָס זעלביקע קאָן געזאָגט ווערן בענעגייע דעם ייִדישן בוך.

עס איז דאָ אַף ייִדיש דער פּראָגרעסיווער קולטור־פראָנט. מיר, פּראָגרעסיווע ייִדן, האָבן, צום באַדויערן, געהאַט פאַרנאַכלעסיקט די ייִדישע קולטור־אַרבעט אַף ענגליש, טאַקע צוליב פאַלשע אײַנשטעלונגען. מיר פּרובירן אָניאָגן, אָבער גרויס זײַנען די שוועריקײַטן, מיינסטנס די מאַטעריעלע. שטערונגען און שוועריקײַטן האָבן מיר באַם פירן די „מאָרגן־פרײַהײַט". קיין געזעצן קעגן דער „מאָרגן־פרײַהײַט" זײַנען טאַקע ניטאָ, אָבער זי ווערט פאַרפאָלגט, מע זאָגט זיך אָפּ צו פאַרקויפן זי אין פּיל קיִאָסקן. מענטשן ווערן אָנגעשראָקן, זיי זאָלן זי ניט לייענען, ניט קריגן זי אַהיים דורך פּאָסט.

ניט געקוקט אָבער אַף די שוועריקײַטן, האָבן מיר אַ היפּשן פאַרמעגן, דעריקער אַף ייִדיש.

מיר זוכן צו האַלטן לעבעדיק די טראַדיציע פון אָלגין און ווינטשעווסקי, זשיטלאָווסקי און קאָברין, עדעלשטאַט און יאַנקעוו גאָרדין, פון אַש און רייזען, פון לייוויק און אָפּאַטאָשו, פון די אַלע גרונטלייגער פון אַן אַמעריקאַנער ייִדישער ליטעראַטור און פּרעסע, וועלכע זײַנען געבאָרן געוואָרן אַפן אַמעריקאַנער באָדן, אין די קאַמפן פאַרן אַכטשאָיִקן אַרבעטסטאָג, קעגן דער שוויץ־שאַפּ־סיסטעם. די לידער פון ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, באָוושאָווער, מאָריס ראָזענפעלד זײַנען געזונגען געוואָרן אַף דער פּיקעט־ליניע בײַם היסטאָרישע שטרײַקן, אין די מײַ־דעמאָנסטראַציעס. ייִדיש איז דעריבער ניט נאָר פאָרם, — דאָס איז אויך פּראָגרעסיווער אינהאַלט. און די, וואָס ווערן דערצויגן אין די קאַמף־טראַדיציעס אַף ייִדיש, זײַנען קעמפער קעגן נאַציִאָנאַליזם, זײַנען אינטערנאַציִאָנאַליסטן פון אַלגינס שניט.

אַ פּאָר ווערטער וויל איך זאָגן וועגן „איקוף". דאָס איז, אייגנטלעך, אַ באַוועגונג און ניט אַן אָרגאַניזאַציע מיט צוגעשריבענע מיטגלידער. אַף די צוזאַמענקונפטן פון „איקוף" — ליטעראַרישע אָוונטן, רעפעראַטן, גרעסערע פײַערונגען — קומען אַ סאַך טויזנטער מענטשן אין די פאַרשיידענע שטעט איבערן לאַנד. דער „איקוף" האָט צענדליקער לייען־קרײַזן, קימאַט דורכויס פון פרויען. מע לייענט צוזאַמען ליטעראַטור, מאַטעריאַלן פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט", פון „סאָוועטיש היימלאַנד". דער „איקוף" גיט אַרויס דעם זשורנאַל „ייִדישע קולטור". ווי אַ מיטרעדאַקטאָר פון דעם דאָזיקן זשורנאַל, דריק איך אויס מײַן דאַנק די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער פאַר שיקן אונדז ווערטפולע קינסטלערישע שאַפונגען. עס איז דאָ אַ קונסט־סעקציע באַם „איקוף", וואָס אָרדנט אײַן אויסשטעלונגען. עס איז דאָ אַ שרײַבער־פאַריין באַם „איקוף",

וועלכער גיט ארויס דאָס פּערטליאָר־בוך „זאמלונגען". דער „איקוף" דרוקט ייִדישע ביכער (איך וועל דערמאָנען אזעלכע, ווי די אנטאָלאָגיע „אמעריקע אין ייִדישן וואָרט", „דאָס מענדעלע־בוך", „ייִדישע דראמאטורגיע" אאַ.). א זאמלונג איבערזעצונגען פון דערציילונגען פון 26 ייִדישע אמעריקאנער שרײַבער איז ארויס אין ענגליש. נאָרוואָס איז ארויס אין ענגליש א זאמלונג לידער פון מאָריס ראָזענפעלדן.

די ביכער ווערן ארויסגעגעבן מיט גרויסע שוועריקײַטן, געוויינלעך מיט דער הילף פון יעכידים־מעצענאטן. שרײַבער אין די צוויי דערמאָנטע זשורנאלן קריגן ניט קיין האָנאָראר, קיין געהאלט באקומען ניט די רעדאקטאָרן. מעכאברים דארפן זיך געוויינלעך אליין באשעפסיקן מיט דער פארשפרייטונג פון זייערע ביכער.

מײַן שמועס האָט זיך עטוואָס פארצויגן. דערלויבט דעריבער צו פארענדיקן, אומקערנדיק זיך ווידעראמאָל צו דער דאטע, וועלכע ווערט איצט פארצייכנט אין ניו־יאָרק, — דער 25־טער יאָרצײַט פון מ. אַלגין. עס געדענקט זיך גוט דער טאָג פון 22 נאָיאבער 1939, ווען אַלגין איז אף אייביק פון אונדז אוועק. מיטוואָך איז דאָס געווען. איך בין געלאָפן אָן אָטעם צו אַלגינען אהיים און שוין געטראָפן אים אָן אָטעם. ווען איך האָב זיך ארומגעקוקט אף זײַן שרײַבטיש, האָב איך דערזען דאָרט ליגן אן עסקיז פאר אן ארבעט וועגן דער סאָוועטיש־ייִדישער פּאָעזיע. דאָס איז געווען די סאמע לעצטע ארבעט זײַנע, און ניט אלפּי צופאל. די סאָוועטיש־ייִדישע פּאָעזיע, די גאנצע סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראטור איז, ווי איך האָב צום אָנהייב געזאָגט, אויך אונדזערע, זי איז אויך אונדז נייטיק — הײַנט און מאָרגן, ווי מיט 25 יאָר צוריק און פריִער. איך האָב דאָ ערשט גערעדט וועגן די טראדיציעס, די אָנזאָגן פון ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט און אנדערע. אָבער אף אונדזער קולטור־פראָנט פארנעמען גאָר א כאָשעווו אָרט די ווערק פון בערגעלסאָן און מארקיש, קוויטקאָ און פעפער, האָפשטיין און דער ניסטער און אזוי ווײַטער און ווײַטער — די יערושע פון דער גאנצער הערלעכער, אומפארגעסלעכער פּלעיאדע אוועקגעגאנגענע, אומגעבראכטע אין די יאָרן פון סטאלין־קולט שרײַבער. א וויכטיק אָרט אין אונדזער קולטור־ארבעט פארנעמען די הײַנטצײַטיקע סאָוועטיש־ייִדישע דיכטער, פּראָזאיִקער, ליטעראטור־פאָרשער.

פונקט מיט א יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען צו שטיין צוזאמען מיטן הויפּט־רעדאקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאנד" באם מאָנומענט פאר אַלגינען אף זײַן קייווער אף א בעסוילעם לעבן ניו־יאָרק. אף דעם פּאָשעטן, אָבער אײַנדרוקספולן זײַל־מאָנומענט זײַנען אין סאמע צענטער אויסגעקריצט צוויי ווערטער: „געלעבט — געקעמפט". דאָס איז דער נאָמען פון אַלגינס א דערציילונג פון דער רעוואָליוציע פון 1905. די צוויי ווערטער זײַנען אן אָנזאָג: געלעבט — געקעמפט! און מע קאָן זאָגן אויך פארקערט: געקעמפט — געלעבט!

אף אַלגינס מאָנומענט איז אויך דאָ אן אנדער אופשריפט: „ס'איז דאָ א וועלט מיט ארבעט". דאָס זײַנען די לעצטע ווערטער זײַנע, ארויסגערעדטע, בעשאס ער האָט זיך קעגן דעם ווילן פון די שטוביקע אָנגעטאָן צו גיין אין רעדאקציע — און איז אוועקגעפאלן. אויך דאָס איז אן אָנזאָג: ס'איז דאָ א וועלט מיט ארבעט...

אין דער וועלט מיט ארבעט בא אַלגינען, ווי איר ווייסט, האָט פארנומען א וויכטיק אָרט דער קאמף פאר דער אנערקענונג פונעם סאָוועטנפארבאנד און פאר דער אנערקענונג און דערקענונג פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. נאָך זײַן באזוך דאָ, אין 1920, האָט ער געבראכט צו אונדז אין אַמעריקע דעם אָטעם פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. יאָרנלאנג איז ער געווען דער ניו־יאָרקער קאָרעספּאָנדענט פון דער מאָסקווער „פראוודא", דורך וועלכער ער האָט געזוכט צו באקענען דעם סאָוועטישן מענטשן מיט אמעריקע. אָט די ארבעט זײַנע פאר אמעריקאניש־סאָוועטישער פרײַנטשאפט זעצן מיר פאָר. לאָמיר אלע זי פאָרזעצן, ווי מיר זעצן פאָר אַלגינס ארבעט פאר דער פּראָגרעסיווער ייִדישער קולטור. עס איז ניט געווען קיין שום סתירע צווישן אַלגינען דעם קעמפער פארן פאָלק, פאר די נאציאָנאלע אינטערעסן, און אַלגינען דעם אינטערנאציאָנאליסט, דעם לײַדנשאפטלעכן, טאלאנטפולן און מעסירעסנעפעשדיקן קעמפער פאר סאָציאליזם!

ס'איז דאָ א וועלט מיט ארבעט, טײַערע פרײַנט, א וועלט מיט שעפערישער, בעשוטפעסדיקער ארבעט פאר דער ליטעראטור, וואָס איז נאציאָנאל אין פאָרם און אין דער טעמאטיק און סאָציאליסטיש אין אינהאלט; א וועלט מיט בעשוטפעסדיקער ארבעט פאר סאָציאלן יוישער, פאר פּראָגרעס, פאר סאָוועטיש־אמעריקאנישער פרײַנטשאפט, א וועלט מיט שעפערישער בעשוטפעסדיקער ארבעט פאר א געזיכערטן שאָלעם!

מוישע אלטמאן

מײַן געבאָלעמטער גאנײדן

פון בלאָקנאָט

איז פילזײַטיקײַט בא א קינסטלער א בראָכע צי א קלאָלע?

אָט די פראגע קומט מיר אָפטמאָל אין זינען, און ארײַנטראכטנדיק זיך, איבערקלײַבנדיק אין געדאנק פארשיידענע קאָנקרעטע בײַשפילן, מוז איך מיר ענטפערן: עס הענגט אָפּ... פון וואָס? פון אומשטענדן אָביעקטיווע, אָדער ווי רופט מען עס — גוירל. אויך פון כאראקטער, דיסציפּלין, וואָס דער קינסטלער צווינגט אַף זיך ארוף.

פּערעץ איז געווען פילזײַטיק. פונדאנען זײַן אומרו, זײַן בלאָנדזשען און זוכן. לויטן טעמפּעראמענט — אַן אקטיווער געזעלשאפט־מענטש, וועמען עס רעגן אלע פּראָבלעמען, וואָס זײַנען שײַעך סײַ דעם קלאל, סײַ דעם יאָכיד. לויט דער שטימונג — א לירישער פּאָעט. עס האָבן אין אים געקעמפט דער ראָמאנטיקער־אינדיווידואליסט מיטן רעאליסט, דער פּעסימיסט מיטן אָפּטימיסט, דער נאציאָנאלער מאָמענט מיטן אוניווערסאלן. ער האָט געוואָלט דאָס נאציאָנאלע דערהייבן ביז צום אוניווערסאלן.

אין דעם זין איז פּערעץ אין דער יִידישער ליטעראטור געווען אַן ערשטער, א וועגלייגער. עס האָט אים אָבער אויסגעפעלט סוויווע. און סוויווע איז פאר א קינסטלער לופט צו אָטעמען. דערפון זײַן צעשפליטערטקײַט, זײַן אומרו. און ער האָט דאפקע געזוכט שליימעס.

געפונען האָט ער זי, לויט מײַן קוק, אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן". דאָ האָט זײַן אומרויִקער גײַסט געפונען רו.

* * *

אין די „פאָלקסטימלעכע" זײַנען פאראן אייניקע געשיכטן, ווו דער קינסטלער האָט גויוער געווען דעם שטימונגס־מענטש און אין זיי דערגרייכט דעם סינטעז פון זײַן פילזײַטיקײַט, ווו ער איז אינגאנצן דער הערשער. דאָ האָט אים געהאָלפן דאָס פאָלק. דאָס פאָלק גופע איז צוגלײַך נאציאָנאל און אוניווערסאל־אלמענטשלעך. נאציאָנאל לויט דער אויסדרוק־פאָרם, אלמענטשלעך לויט דער לעבנס־פילאָסאָפיע און לויט דעם עטישן וועלט־באנעם.

אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" האָט זיך פּערעץ אונטערגעוואָרפן דעם פאָלק, אָבער ניט פארבלענדט געוואָרן פון דעם. אומעטום געפינט מען בא פּערעצן דעם אונטערטעקסט, דעם אויסטײַטשער. און דער פּשאט פאר דעם, וואָס קאָן טיפער לייענען, איז אלמענטשלעך. ער האָט זיך צו אים דערגרונטעוועט אין דעם נאַיִוון פאָלקסטעקסט. קומען ארויס דאָס נאציאָנאלע מיטן אוניווערסאלן האנט־בא־האנט, אין א גליקלעכן זיווג.

ווי שוין געזאָגט: אין אייניקע געשיכטן... זאָל דער לייענער לויט זײַן געשמאק אויסוויילן זיי. די רייד וועט דאָ זײַן וועגן איינער. די דאָזיקע געשיכטע קומט מיר צו כאָלעם, גיט ניט קיין רו, מאָנט. עס איז די געשיכטע מיט רעב זײַנוועלע פורימאָווער.

רעב זײַנוועלע דארף דורכמאכן זײַן לעצטן „גילגל" אַף אָנצוקומען גלײַך אין... גאנײדן. אזוי האָט מען באשלאָסן אויבן... קעדיי עס זאָל אים אָנקומען גרינג, האָט מען אים געגעבן אלצדינג, צו וואָס א באָסער־ווּדאָם קאָן גלוסטן: טוירע און כאָכמע, אלע גוטע מײַלעס, פּארנאָסע בעשעפע און א קאָשערע פּארנאָסע, לײַטישע קינדער; דאכט זיך, גוט? ניט גוט. דער סאָטן פארשטעלט זיך פאר אן אוירעך און באם אָוונט־עסן פארדרייט ער רעב זײַנוועלען אין א פּילפּל. רעב זײַנוועלע גייט ארויס שפּאצירן, קעדיי צו קריגן הארכאָוועס־האדאאס, און פּארבלאָנדזשעט אין קרעטשמע, ווו פּויערים און פּויערטעס טרינקען בראנפן און ריידן ניבל־פּע (דער סאָטן ווייסט, וווּהין צו פארפירן!), און רעב זײַנוועלע, דער כאָכעם, דער לאמדן, און נאָך און נאָך, איז מעקאנע די פּויערים און פּויערטעס, וואָס טרינקען בראנפן, פארבײַסן מיט א זויערער אוגערקע און ריידן ניבל־פּע. געזינדיקט, הייסט עס, מיט קינע... עס הייבט זיך אָן א נײַע סעריע „גילגולים". די „סיאָטאָ דישמײַע", די שטיצע פון אויבן, האָט ניט געהאָלפן, באנקראָטירט. דאָס ערדישע און גאשמיִעסדיקע — דער סאָטן — איז שטארקער.

אָנגעשריבן איז די געשיכטע ווּנדערלעך: שפּראכלעך, סטיליסטיש. אלצדינג שפּילט צו. עס איז איינע פון די סאמע שליימעסדיקסטע געשיכטעס. דער אווטאָר שטייט קלוימערשט אין א זײַט, אין שאָטן. מע הערט (און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע!) א נאַיִוון קינסטלער־דערציילער, א באגאבטן פאָלקסמענטש, וועלכער האָט ליב די דערציילערישע קונסט, וואָס לעבט אין זײַן באוווסטזײַן.

און דאָך, פאר דעם, וואָס קאָן טיפער לייענען, וועט ניט בלײַבן פארהוילן די קאוואָנע פונעם קינסטלער...

דער מאָטיוו פון געשטרויכלט ווערן, פון מאָראלישער יערידע, און פון מוזן אָנקומען צו נײַע „גילגולים", דאָס הייסט — אָנהייבן פונסנײַ און ווידער זײַן אויסגעשטעלט צו שטרויכלונגען, אָט דער מאָטיוו איז אן עכט פּערעציִשער, שטאמען שטאמט ער ווידער פונעם פאָלק, פון זײַן דערפארונג און לעבנס־פילאָסאָפיע.

דאָס פאָלק האָט אכטונג פאר כאראקטער, פאר שטאנדהאפטיקײַט. עס האָט אָבער אויך פארשטענדעניש פאר מענטשלעכע שוואכקײַטן. דאָס פאָלק מישפּעט. דאָך ניט פאנאטיש־דאָגמאטיש. דאָס פאָלק ווייסט, ווי לײַכט עס איז צו פאלן און ווי שווער דאָס אופהייבן זיך. מישפּעט עס מיט ראכמים און פארגעבונג דעם שויגעג, דעם ניט־ווילנדיק אָדער געצוווּנגען זינדיקנדיקן, לאָזט אים אָפּן א טיר פאר מאָראלישער אופריכטונג. דאָס פאָלק מישפּעט שטרענג און אומדערבארעמדיק דעם מייזיד, דעם בייזוויליקן און רישעסדיקן. דעם לעצטן לאָזט עס אפילע אָפּהאקן א האנט. (זע בא פּערעצן די געשיכטע מיט די צוויי ברידער. דעם ברודער, דעם ראָשע, געשעט דאָס, וואָס ער האָט פארטראכט וועגן זײַן ערלעכן ברודער: דער פּאָרעץ האקט אים אָפּ די האנט).

איז אָט, וועגן „גילגולים". מע דארף זיי פארשטיין אייִנפאכער און דאָס הייסט — טיפער. עס קומט אויס

אַפּטמאָל דורכצומאכן גילגולים אין לעבן. און גאָר שווערע, טראגישע. און דאָס סאמע טראגישסטע באשטייט ס׳ראָוו אין דעם, וואָס דאָס פאלן איז א רעזולטאט פון א קלייניקייַט, אָדער, ווי פּערעץ דריקט זיך אויס: „איבער א בארג פאלט מען נישט, מע פאלט איבער א שטרוי״. אָבער די שטרוי קאָן זייַן פאטאל פארן גאנצן לעבן.

דער וועג צום „גאניידן״, צו מאָראלישער און גייַסטיקער פולקאָמענהייַט (און דאָס איז די העכסטע, די אידעאלסטע פרייַהייַט!), איז ניט קיין גרינגער. די פּראָבלעם האָט געפּלאָגט מער ווי איין פילאָסאָף און מאָראליסט. עס איז, מיין איך, די הויפּט־פּראָבלעם אין שפּינאָזעס פילאָסאָפיע. אויך א פּראָבלעם באם פאָלק, דעם פילאָסאָף פון פילאָסאָפן. פּערעץ האָט עס באם פאָלק דערהערט.

ער קערט זיך אום צו דער פּראָבלעם, צו דער פּראָבלעם פון געשטרויכלט ווערן, מער ווי איין מאָל. צומאָל — טיף־ערנסט. צומאָל — הומאָריסטיש: דער כעלעמער ראָוו ווערט געשטרויכלט איבער זייַן טייַווע צו... א שמעק טאבעקע.

° ° °

וואָס פּלוצעם האָב איך אָנגעשריבן אָט די שורעס איצט, פיר אזייגער פארטאָג? וואָס האָט מיך אופגעטראָגן און געבראכט צום שרייַבטיש?

א רעמיניסצענץ וועגן א פּאסירונג און א באדערפעניש זיך מיסוואדע צו זייַן, איידער עס ווערט שפּעט. איך האָב געזינדיקט מיט קינע.

עס איז געשען, דאכט מיר, אווגוסט כוידעש זיבן און פערציק. געפאָרן קיין מאָסקווע צוליב א ליטעראַרישן איניען. אין וואגאָן טשערנאָוויץ — מאָסקווע, כוץ מיר, נאָך א יונגע סימפּאטישע פרוי מיט א קליין קינדעלע. איך ליג אף מייַן פּלאַץ אויבן. זי זיצט אונטן מיטן קינד. אָפּגעפאָרן עטלעכע סטאנציעס, באמערק איך: דאָס קינד איז אומרויִק, די יונגע מוטער קאָן זיך קיין אייצע ניט געבן. איך פרעג: וואָס איז מיטן קינד? ענטפערט זי מיט טרערן: „זאבאָליעל״[1]...

אן עלטערער מענטש מיט דערפארונג, לאָז איך זיך אראָפּ פון מייַן אָלימפּ. זיך באלד אָריִענטירט. געבראכט וואַרעמע וואסער, צוגעלייגט דעם קינד א קאָמפּרעס צום בייַכעלע. דאָס קינד האָט זיך בארויִקט, אנשלאָפן געוואָרן.

אָט אזוי זיך באקענט. זיך דערוווּסט: אן אוזבעטשקע פון טאשקענט. עס האָט מיר האנאָע געטאָן. אָפּגעצאָלט א טראָפּן פון דעם כויוו, וואָס מיר זייַנען שולדיק פאר דער רעטונג, וואָס א סאך ייִדישע קינדער האָבן געפונען אין אוזבעקיסטאן. נישט איך פּערזענלעך, מיך האָט דער גוירל אהין ניט געבראכט. אָבער דער כויוו איז אונדזערער, אלעמענס. און אָט ווייס איך: זי איז פון טאשקענט. איר מאן, א לייטענאנט, דינט אין טשערנאָוויץ (אים האָב איך געזען בעשאסן געזעגענען זיך). זי פאָרט מיט איר ערשטלינג צו די עלטערן קיין טאשקענט.

אף איר פראגע האָב איך געענטפערט, ווער און וואָס איך בין. עס איז אוועק א שמועס. און דאָ האָב איך געהאט אן אָנגענעמענעם סורפּריז. און איך האָב געזינדיקט מיט קינע...

דער שמועס — אייגנטלעך, בין איך געווען נאָר דער צוהערער — האָט געדויערט שיינע עטלעכע שאָ. זי האָט גערעדט וועגן נאוואָיִ.

צי דארף איך דערציילן דעם ייִדישן לייענער, ווער און וואָס ס׳איז נאוואָיִ? דער גרויסער אוזבעקישער און ביכלאל מיטל־אזיִאטישער הומאניסט פון פופצעטן יאָרהונדערט.... איך וואָלט באדארפט א גרויסן פאָרטראָג אויסלייגן, און סייַווי וואָלט איך ניט אלץ דערציילט נאָך דעם, וואָס כ׳האָב פון דער יונגער פרוי געהערט. זאָל דער וויסנדורשטיקער לייענער זיך מאטריִען זייַן צו די אנטשפּרעכנדיקע ליטעראטור־היסטאָרישע קוואלן (עס איז ווערט די טירכע!). וואָס איך וויל צוגעבן: אין מייַן געדאנק אסאָצייִרט זיך דער נאָמען נאוואָיִ מיטן פּאָעט פון דער אזויגערופענער גאָלדענער ספּארדישער עפּאָכע שמואל האנאָגיד, אָדער לויט זייַן אראבישן נאָמען, איבן נאגדעלא. קימאט פינף הונדערט יאָר טיילט זיי אָפּ (האנאָגיד — איבן נאגדעלא איז פון דער ערשטער העלפט פון עלפטן יאָרהונדערט), און דאָך אין מייַן טראכטן רופן זיי זיך איבער.

פונקט ווי דער גרויסער מיטל־אזיִאטישער הומאניסט פון פופצעטן יאָרהונדערט, איז האנאָגיד פון עלפטן יאָרהונדערט צו גלייַכער צייַט פּאָעט, וויסנשאפטס־מאן, מעלוכע־מאן... און דורךביידע רופט זיך איבער אין מייַן געדאנק דער אמאָליקער אופבלי פון דער אראבישער קולטור, וועלכע האָט איבערגענומען און מאמשיך געווען די גריכישע און אין וועלכער ייִדן האָבן איבערגעלאָזט א באדייַטנדיקן שפּור. האָבן מיר דאָך צו פארדאנקען דער אראבישער קולטור סייַ דאָס באווייַזן זיך פון מוישע בען מייַמען (דעם ראמבאם), סייַ פון כאסדאַי בען אווראָם קרעסקאס (סאָף XIV יה.), שפּינאָזעס א פאָרגייער. און אויך די העברעיִשע פּאָעזיע פון דער גאָלדענער ספּארדישער טקופע איז געבוירן אונטער דעם אייַנפלוס פון דער אראבישער פּאָעזיע פון יענער צייַט.

די יונגע פרוי האָט גערעדט וועגן נאוואָיִ. איך האָב געהערט און געגאפט. ווי איך האָב שוין געזאָגט, בין איך אין די מילכאָמע־יאָרן ניט דערפאָרן קיין מיטל־אזיע. מייַנע פּערזענלעכע דערפארונגען מיט די מיטל־אזיִאטישע פעלקער האָבן געשטעקט ערגעץ אין דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, ווען אוזבעקן זייַנען געווען מאָביליזירט בלויז אפן טראנספּאָרט און אין הינטערלאנדארבעט. דעם נייַעם מענטשן, דעם אויסגעפורעמטן אין דער סאָוועטישער עפּאָכע, האָב איך ניט געקענט. און אָט איז ער דאָ פאר מיר, לעבן מיר, אין דער פּערזאָן פון דער יונגער פרוי.

זי האָט גערעדט וועגן נאוואָיִ. מיט וויפל וויסן, טאקט, באשיידנקייַט. ניט בארימעריש, ניט ארויסגעשטעלט דעם נאציִאָנאלן שטאָלץ, כאָטש ס׳איז דאָ פאראן מיט וואָס.

איך האָב געהערט, געגאַרט, האנאָע געהאט און — מעקאנע געווען.

° ° °

און אצינד, אז כ׳האָב מיך מיסוואדע געווען אין מייַן כעס פון קינע, וויל איך האָבן אָנצוקומען אין מייַן געכאָלעמטן גאניידן:

זייַן ארומגערינגלט פון אזעלכע פרויען — נייַע שאבראזאדעס פון אונדזער מערכן־צייַט. זיי זאָלן מיט מיר ריידן ניט פון אטאָם־באָמבעס, ניט פון נאציִאָנאליזם, — זיי זאָלן זייַן אזעלכע, ווי יענע. ווער וועגן נאוואָיִ, ווער וועגן שעקספּירן, א דריטע וועגן פּושקינען, א פערטע וועגן בעטהאָווענען, א פינפטע וועגן מאָליערן, א זעקסטע וועגן געטע, און נאָך און נאָך.

עפּשער וועט זיך געפינען איינע, וואָס וועט אויך אזוי גייַסטרייַך, מיט אזויפיל טאקט און וויסן ריידן וועגן פּערעצן....

---

[1] קראנק געוואָרן.

הילעל אלעקסאנדראָוו

ייִסראָעל צינבערג און זײַן ארכיוו

ניט געקוקט אף דעם, וואָס י. צינבערג האָט איבערגעלאָזט זייער א גרויסע ליטעראַרישע ירושה, איז זײַן נאָמען אין די ברייטע לייענער־קרײַזן געווען ווינציק באַקאנט. דערפאר אָבער האָט מען אין דעם קליינעם קרײַז פון קריטיקער און פאָרשער פון ייִדישער ליטעראַטור גוט געוווסט, אז אין פעטערבורג (שפּעטער — אין לענינגראד) איז פאראן אן אינזשעניר סערגיי לאזארעוויטש (ייִסראָעל) צינבערג, וועלכער איז א גרויסער באָקי אין דער ייִדישער ליטעראַטור. צו אים קאָן מען זיך ווענדן נאָך א ליטעראַרישער „ספּראַווקע", און ער וועט געבן, און גיך געבן, א גענויעם ענטפער, אף וועלכן מע קאָן זיך פארלאָזן.

ייִסראָעל צינבערג איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל לאָנאָוויץ, וואָלינער גובערניע, אין יאָר 1873 אין א פאמיליע פון א פארמעגלעכן ארענדאר פון פאָלווארקן. אייגנארטיק איז געווען זײַן דערציִונג. אין כיידער איז ער ניט געגאַנגען. אין א ישיווע האָט ער ניט געלערנט. דער פאָטער האָט געבראכט פאר אים פון אָדעס (דאכט זיך, לויט דער רעקאָמענדאציע פון מענדעלע מויכער־ספאָרים) א געוועזענעם לערער פון דער זשיטאָמירער ראבינער־שול[1]. שוין אין די יונגע יאָרן האָט צינבערג זיך אויסגעטיילט מיט זײַנע פייִקײַטן און ארבעטזאמקײַט. מע האָט ניט געדארפט זײַן קיין טיפער באָאָבאכטער און מענטשן־קענער, קעדיי צו דערזען אין דעם יונגן צינבערג א „ביכער־פרעסער", אן „אילוי" און א „מאסמיד"[2].

הויכע בילדונג האָט י. צינבערג באקומען אין אויסלאנד: אין קארלסרוע האָט ער געענדיקט דעם פּאָליטעכניקום אלס אינזשעניר־כימיקער און אין באזעל האָט ער פארטיידיקט א דיסערטאציע און באקומען דעם טיטל דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע. א כימיקער און א הומאניטאר־וויסנשאפטלער — אזא האָט ער זיך אומגעקערט פון אויסלאנד צוריק אהיים. אין יאָר 1898 האָט ער זיך באזעצט אין פעטערבורג און באקומען א שטעלע אלס פארוואלטער פון דער כימישער לאבאָראטאָריע אפן גרויסן פּוטילאָוו־זאוואָד (איצט קיראָווער).

אין יאָר 1900 זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן י. צינבערגס ערשטע צוויי ארבעטן: 1) אין ייִדיש — „וואָס טוט זיך אף דער וועלט" (ווארשע, 73 ז.) — א פּאָפּולער־וויסנשאפטלעך ביכל אף נאטורוויסנשאפט, 2) אין רוסיש — „ייִצכאָק־בער לעווינזאָן" (פּט״ב, 75 ז.), א מאָנאָגראפיע

ייִסראָעל צינבערג

וועגן איינעם פון די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון דער בורזשואזער האסקאָלע. דעם אינטערעס צו לעווינזאָנען האָט ער ארויסגעוויזן אויך שפּעטער אין דעם ארטיקל „ייִצכאָק־בער לעווינזאָן און זײַן צײַט" („יעווריייסקאיא סטארינא", 1910).

אין יאָר 1901 האָט י. צינבערג אָנגעהויבן ארבעטן אין ייִדיש־רוסישן זשורנאל „וואָסכאָד", און פון דעם יאָר אָן (ביז 1918) איז ער געוואָרן א שטענדיקער מיטארבעטער אין דער ייִדיש־רוסישער פּרעסע (וועכנטלעכע זשורנאלן — „סוואָבאָדא אי ראווענסטוואָ", „יעווריייסקי מיר", „יעווריייסקאָיע אָבאָזרעניע", „נאָווי וואָסכאָד", „יעווריייסקאיא ניעדעליא" אא.); דאָרט פירט ער א שטענדיקן אָפּטייל „איבערזיכט פון דער ייִדישער פּרעסע" (אונטערן פּסעוודאָנים Z). אין דער זעלבער צײַט שרײַבט ער גרעסערע פאָרשערישע ארבעטן, וועלכע ער דרוקט אין „וואָסכאָד" („שיילאָקס אָפּשטאמונג", „צוויי שטרעמונגען אין ייִדישן לעבן"), אין די היסטאָרישע זאמלביכער „פּערעזשיטאָיע" („די ערשטע סאָציִאליסטישע אָרגאנען אין דער ייִדישער ליטעראַטור", ב. 1, „פּיסארעווטשטשינע אין דער ייִדישער ליטעראַטור", ב. 2, „די פאָרגייער פון דער ייִדישער זשורנאליסטיק אין רוסלאנד", ב. 4 אא.), אין היסטאָרישן זשורנאל „יעווריייסקאיא סטארינא". א גרויסע ארבעט פירט י. צינבערג אין דער זעכצנבענדיקער „יעווריייסקאיא ענציקלאָפּעדיִא" (1908—1913), אין וועלכער ער רעדאגירט דעם אָפּטייל „נײַ־העברעיִשע און ייִדישע ליטעראַטור". ער איז ניט נאָר א רעדאקטאָר, ער שרײַבט אליין גרויסע ארטיקלען, וואָס אייניקע פון זיי שטעלן מיט זיך פאָר קימאט מאָנאָגראפיעס („די נײַ־העברעיִשע ליטעראַטור", „די ייִדישע ליטעראַטור", „פּעריאָדישע פּרעסע", „האסקאָלע" אא.), ארטיקלען וועגן איינצלנע שרײַבער און פּובליציסטן (אבראמאָוויטש, פּערעץ, שאָלעם־אלייכעם, מענדעלסאָן, אכאד־האָאָם, ליליענבליום, לעווינזאָן אא.), וועגן מיטלאלטערלעכע פּאָעטן (יעהודע האלייווי, אימאנועל האָרומי). אויסער דעם שרײַבט ער גרויסע ארטיקלען, וועלכע זײַנען, אייגנטלעך, ניט פארבונדן מיט ליטעראַטור־געשיכטע (אסימי־

[1] צום 30־יאָריקן יובילעי פון י. צינבערגס ליטעראַרישער טעטיקײַט האָט צווי פּרילוצקי אָנגעשריבן אין „מאָמענט" אן ארטיקל „ד״ר ייִסראָעל צינבערג" („א בינטל זיכרוינעס"). פון דאָזיקן ארטיקל האָבן מיר אויסגעניצט דעם מאטעריאל וועגן יונגן צינבערגן — ביזן אָנהייב פון זײַן ליטעראַרישער ארבעט.

[2] א י ל ו י (פון העברעיִש) — אזוי האָט געהייסן א פענאָמענאל־פייִקער יונגערמאן, וועלכער פלעגט זיך אויסטיילן מיט זײַן זיקאָרן און שארפזיניקײַט. מ א ס מ י ד (פון העברעיִש) — אזוי האָט מען גערופן אין די ישיווע די פלײַסיקע טאלמידים.

ליאציע — צוזאמען מיט ד. פאסמאניקן; וואלאָזשינער יעשיווע; ענגלישע מיסיאָנערישע געזעלשאפטן; צענזור פון ייִדישע ביכער אין רוסלאנד — צוזאמען מיט יו. העסען אא.). אזעלכע גרויסע ארטיקלען האָט י. צינבערג אָנגעשריבן עטלעכע צענדליק. ער האָט אויך געשריבן קלענערע ארטיקלען, וועלכע זיינען אין דער ענציקלאָפעדיע אונטערגעשריבן מיט דער ציפער 7.

אין דער גרויסער קאָלעקטיווער ארבעט „געשיכטע פון ייִדן אין רוסלאנד“ (אף רוסיש, פארלאג „מיר“, 1914) האָט י. צינבערג אָנגעשריבן פאָלגנדיקע קאפיטלען: „די אנטוויקלונג פון דער ראבאָנישער ליטעראטור“, „פאָלקס־ליטעראטור“, „מיסטישע שטרעמונגען“.

אין די נאָך־רעוואָלוציאָנערע יאָרן האָט י. צינבערג פאָרגעזעצט זיין ארבעט אין פארשיידענע ייִדיש־רוסישע זאמלביכער („יעווריייסקאיא מיסל“, „יעווריייסקי אלמאנאך“, „יעווריייסקאיא ליעטאָפיס“ אא.). אין די ייִדישע וויסנשאפטלעכע אויסגאבעס („צייטשריפט“ אא.) האָט ער פובליקירט א ריי ליטעראטור־היסטאָרישע מאטעריאלן.

באזונדערס דארף אויסגעטיילט ווערן פון י. צינבערגס ארבעטן אף רוסיש זיין גרויסע מאָנאָגראפיע „די געשיכטע פון דער ייִדישער פרעסע אין רוסלאנד אין פארבינדונג מיט די געזעלשאפטלעכע שטרעמונגען“ (1916, פט׳ג, 264 ז.), וועלכע האָט באקומען די פרעמיע פון דער „געזעלשאפט צו פארשפרייטן בילדונג צווישן ייִדן אין רוסלאנד“ („אָפע“). די געשיכטע פון דער פרעסע איז דערפירט געוואָרן ביזן יאָר 1881 און נעמט ארום די „פרעסע פאר ייִדן“ אף דריי שפראכן — ייִדיש, העברעיִש און רוסיש.

איבערגייענדיק צו י. צינבערגס ארבעטן אף ייִדיש, דארף מען פריִער פאר אלץ אָנווייזן, אז זיין באציִונג צו ייִדיש איז געווען שטענדיק א פאָזיטיווע. ער האָט אָנגעהויבן ארבעטן אין ייִדיש־רוסישן „וואָסכאָד“ אין דער צייט, ווען אין דעם זשורנאל האָט געהערשט א נעגאטיווע באציִונג צו דער פאָלקס־שפראך. מאָרדכע ספעקטאָר דערציילט, אז ווען ער איז געקומען אין יאָר 1883 צום רעדאקטאָר און ארויסגעבער פון „וואָסכאָד“ אדאָלף לאנדאו און פאָרגעלייגט א רעצענזיע אף צוויי ביכלעך, זיינס און שאָלעם־אליייכעמס, וועלכע זיינען דעמלט געדרוקט געוואָרן, האָט דער רעדאקטאָר געענטפערט: „זשארגאָן איז ניט קיין ליטעראטור, דעריבער קאָן איך קיין רעצענזיעס ניט געבן אין מיין זשורנאל“. דער זעלבער גייסט, קימאט אָן קיין ענדערונגען, האָט געהערשט אין דעם זשורנאל מיט א יאָר 18־20 שפעטער, ווען י. צינבערג האָט אָנגעהויבן דאָרט ארבעטן.

אין 1903 יאָר האָט ער געדרוקט אין „וואָסכאָד“ (מארט—אפרעל) אן ארבעט, וואָס האָט געהייסן „די זשארגאָנישע ליטעראטור און אירע לייענער“. דאָס איז געווען איינער פון די ערשטע פרוּוון אפן געביט פון ייִדישער ליטעראטור־געשיכטע. אין די יאָרן 1903—1905 איז ער אן אקטיווער טוער אין פארלאג „די נייע ביבליאָטעק“; דאָ זיינען ארויסגעגאנגען איבערזעצונגען פון רוסיש און העברעיִש אף ייִדיש (קאָראָלענקאָ — „לעגענדע וועגן פלאָר, אגריפא און מענאכעם בען יעהודאָ“; דזשיאָוואניאָלי — „ספארטאק“; פייערבערג — „דערציילונגען“ אא.). ער נעמט אן אָנטייל אין דער ערשטער ייִדישער טעגלעכער צייטונג „דער פריינד“ (אָנגעהויבן ארויסגיין אין 1903 יאָר אין פעטערבורג אונטער דער רעדאקציע פון ש. גינזבורג). אין דער דאָזיקער צייטונג, ווי אויך אין דעם העברעיִשן „הזמן“ („האזמאן“) — „די צייט“), פאָלעמיזירט ער מיט די קעגנער פון ייִדישער שפראך און שטרייכט אונטער איר קולטור־נאציאָנאלע באדייטונג. אין די ווייטערדיקע יאָרן ווערט זיין פארבינדונג מיט די ייִדישע שרייבער און קולטור־טוער אלץ ענגער. אין יאָר 1912 איז ער א מיטגליד פון רעדקאָלעגיע פון זשורנאל „די ייִדישע וועלט“. אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, ווען די צארישע רעגירונג האָט אוועקגעשטעלט די ייִדישע מאסן אין א שרעקלעכער לאגע — ארויסגעטריבן זיי פון די פראָנט־ און גרענעץ־ראיאָנען, אָרגאניזירט דאָרט פאָגראָמען, האָט י. צינבערג זיך ניט באגרענעצט מיט ליטעראריש־פאָרשערישער און קריטישער ארבעט. אין פארשיידענע זשורנאלן, וועלכע האָבן אין יענע יאָרן אָפט געביטן זייערע נעמען איבער צענזור־באדינגונגען, דרוקט ער א ריי ארטיקלען וועגן פערעצן אין פארבינדונג מיט זיין טויט, וועגן ביאליקן, וועגן פארשיידענע פאקטן פון ליטעראריש־געזעלשאפטלעכן לעבן אין יענער צייט; איינצייטיק שרייבט ער פובליציסטישע ארטיקלען („געדאנקען פון א מעטורעף“, „דער וועלט־מישפעט“ אא.). נאָך שאָלעם־אליייכעמס טויט רעדאגירט ער צוזאמען מיט ש. ניגערן א זאמלבוך, געווידמעט זיין אָנדענק[1].

אין יאָר 1915 טרעט צו י. צינבערג צו זיין פונדאמענטאלער ארבעט — „געשיכטע פון ליטעראטור בא ייִדן“. שוין דער נאָמען אליין באווייזט, אז ער האָט געשטעלט פאר זיך אזא אויפגאבע, וועלכע איז געווען א סאך שווערער און ברייטער, ווי שרייבן באזונדער „געשיכטע פון העברעיִשער ליטעראטור“ און „געשיכטע פון ייִדישער ליטעראטור“[2]. אזא פאנאנדערטיילונג האָט געבראכט צו דעם, אז די ליטעראטורן האָבן זיך באקומען ווי אָפגעגרענעצט מיט א כינעזישער וואנט איינע פון דער צווייטער; די שפראך פון די ליטעראַרישע ווערק האָט אָפגערוקט אין א זייט זייער אידייִש־פאָליטישן אינהאלט. איבער דעם, אגעוו, איז אין אונדזער ליטעראריש־היסטאָרישער פאָרשונג קימאט אינגאנצן פארשווּנדן געוואָרן די געשיכטע פון דער ייִדיש־רוסישער ליטעראטור, וועלכע האָט אין איר צייט אויסגעפילט א באשטימטע געזעלשאפטלעכע פונקציע.

צו זיין גרויסער קאפיטאלער ארבעט איז י. צינבערג צוגעטראָטן, אויסניצנדיק די דערפארונג פון זיין פריִערדיקער מאָנאָגראפיע „די געשיכטע פון דער ייִדישער פרעסע אין רוסלאנד אין פארבינדונג מיט די געזעלשאפטלעכע שטרעמונגען“, נאָר דער מאסשטאב איז, פארשטייט זיך, געווען א סאך א גרעסערער.

י. צינבערג האָט זייער גוט פארשטאנען, אז שרייבן א וויסנשאפטלעך זעלבשטענדיק ווערק אפן יעסאַד פון די ערשטע קוואלן און אייגענע אויספאָרשונגען, וואָס זאָל ארומנעמען דאָס גאנצע ליטעראַרישע שאפן פונעם

---

[1] זאמלבוך „צום אָנדענק פון שאָלעם־אליייכעם“. פט׳ג, 1917.

[2] אין רייזינס „לעקסיקאָן“ איז ניט ריכטיק אָנגערופן דער נאָמען פון בוך „די געשיכטע פון דער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראטור“. פאר אונדזער ארבעט האָבן מיר אויסגעניצט: „ד״ר יִ י ס ר אָ ע ל צ י נ ב ע ר ג. די געשיכטע פון דער ליטעראטור בא ייִדן — אייראָפעיִשע טקופע“. פארלאג מוישע־שמועל שקליארסקי. ניו־יאָרק, 1943. די אויסגאבע איז א פאָטאָגראפישער אָפדרוק פון דער צווייטער אויפלאגע פון פארלאג „טאָמאָר“, ווילנע, 1933 (אין אכט בענדער).

יִדישן פאָלק אפן גאנצן ריזיק־לאנגן מעשעך פון זײַן קולטורעל־באוווסטזיניק לעבן, — דאָס איז קימאט איבער די קויכעס פון א יאָכיד, פון אן איינציקן פאָרשער. ער האָט דעריבער באגרענעצט די כראָנאָלאָגישע ראמען פון זײַן ארבעט און אָנגעהויבן „פון דעם מאָמענט אָן, זינט מיר זײַנען פון אן אזיִאטיש פאָלק געוואָרן אן אייראָפּעיִש און די העגעמאָניע פון דער יִדישער קולטור האָט זיך איבערגעפּעקלט פון פאָדער־אזיע קיין מײַרעוו־און דאָרעם־אייראָפּע, ביז צו דער האסקאָלע־עפּאָכע“. דער מאטעריאל איז פאנאנדערגעטיילט געוואָרן אין זעקס בענדער (8 טיילן) אין פאָלגנדיקן סיידער:

באנד 1 — די ארא‌ביש־שפּאנישע טקופע (1־טער טייל).

באנד 2 — דער דײַטש־פראנצויזישער קיבוץ (2־טער טייל); דער יִדישער קיבוץ אין איטאליע (3־טער טייל).

באנד 3 — דער קאמף פון קאבאָלע און מעסוירע קעגן ראציִאָנאליסטישער פילאָסאָפיע (4־טער טייל).

באנד 4 — דאָס איטאליענישע יִדנטום אין דער רענעסאנס־טקופע (5־טער טייל). דער יִדישער קולטור־צענטער אין דער אָטאָמאנישער מעלוכע (6־טער טייל).

באנד 5 — דער דײַטש־פּוילישער קולטור־צענטער (7־טער טייל).

באנד 6 — אלט־יִדישע ליטעראטור פון די עלטסטע צײַטן ביז דער האסקאָלע־טקופע (8־טער טייל).

דערפירנדיק זײַן ארבעט ביז דער האסקאָלע־טקופע, האָט זיך י. צינבערג אף דעם ניט אָפּגעשטעלט. אין די געדרוקטע בענדער 7 און 8 (אין וועלכע ס׳גייען ארײַן „כאָכמעס יִסראָעל“, גאליציִאנער האסקאָלע, אָנהייב פון דער האסקאָלע־באוועגונג אין רוסלאנד אא.) זעצט ער פאָר זײַן היסטאָרישן עקסקורס ביז די פופציקער יאָרן פון XIX יה. ווי ער שרײַבט אין זײַן האקדאָמע צום ערשטן באנד (דעקאבער 1927), האָט ער די ערשטע פיר בענדער געשריבן לעכאטכילע אין רוסיש און ארבעט זיי איבער אין יִדיש (ניט פּאָשעט אן איבערזעצונג). בלויז די ערשטע פינף קאפּיטלען פון רוסישן טעקסט זײַנען דערשינען אין קיִעוו אין 1919 יאָר.

אין דער צײַט, ווען י. צינבערג האָט אָנגעהויבן פארנעמען זיך מיט ליטעראטור־פאָרשונג, האָט אין דעם געביט פארנומען אן אָנגעזעען אָרט די קולטור־היסטאָרישע שול, וועלכע האָט געהאט אין פארשיידענע לענדער אירע אווטאָריטעטע פאָרשטייער (העטטנער און שערער — אין דײַטשלאנד, טען — אין פראנקרײַך, בראנדעס — אין דענעמארק, פּיפּין, ווענגעראָוו אא. — אין רוסלאנד). די אײַנשטעלונגען פון דער דאָזיקער שול האָט ארײַנגעטראָגן י. צינבערג אין דער פאָרשונג פון „ליטעראטור בא יִדן“. בא איצטיקן טאָג נעמען מיר אָן פון דער קולטור־היסטאָרישער שול ניט אירע מעטאָדאָלאָגישע פּרינציפּן, נאָר דעם גרויסן פאקטישן מאטעריאל, וועלכן זי האָט ארײַנגעבראכט אין אירע ארבעטן. דאָס זעלבע איז אויך בענעגייע י. צינבערגן אין זײַן ליטעראטור־געשיכטע.

י. צינבערג האָט זיך ניט באנוגנט בלויז מיט דער געשיכטע פון דער אזויגערופענער שיינער ליטעראטור אליין. „די אנטוויקלונג פון די פּאָעטישע פאָרמען וועט דאָ אויסגעפאָרשט ווערן אפן יעסאָד פון דער גאנצער קולטורעלער יִדישער סוויווע מיט אירע גײַסטיקע און געזעלשאפטלעכע שטרעמונגען, ענג פארבונדן מיט דער אלגעמיינער אייראָפּעיִשער קולטור פון יענער טקופע“. דאָס איז כאראקטעריסטיש פאר דער קולטור־היסטאָרישער שול, וועלכע האָט אין אירע פאָרשונגען געלייגט אכט אף די געזעלשאפטלעכע שטרעמונגען פון דער דאָזיקער עפּאָכע. איר איז אָבער פרעמד געווען לענינס מעטאָדאָלאָגישע אײַנשטעלונג וועגן דעם, אז „אין יעדער נאציִאָנאלער קולטור זײַנען פאראן, כאָטש ניט אנטוויקלטע, עלעמענטן פון דעמאָקראטישער און סאָציִאליסטישער קולטור. וואָרעם אין יעדער נאציע איז פאראן אן ארבעטנדיקע און עקספּלואטירטע מאסע, וואָס די באדינגונגען פון איר לעבן שאפן א דעמאָקראטישע און סאָציִאליסטישע אידעאָלאָגיע“[1].

זײַן „קרעדאָ“ בענעגייע דער מעטאָדאָלאָגיע פון געשיכטע פון דער ליטעראטור בא יִדן זאָגט י. צינבערג ארויס אין זײַן ארײַנפיר („פונעם מעכאבער“) צום ערשטן באנד פון זײַן ווערק:

„די טקופעס פון וואקסן און פאלן, פון שיינעם אופבליִען און טרויעריקן אָפּלעבן און פארוועלקן זײַנען פאָרגעקומען (בא יִדן. — ה. א.) אין א גאנץ אנדערן סיידער, ווי בא די אנדערע אייראָפּעיִשע פעלקער. די יִדישע קולטור־געשיכטע האָט זיך איר אייגענעם נוסעך, האָט זיך אנטוויקלט אף איר באזונדערן שטייגער, האָט דורכגעמאכט גאנץ אנדערע עטאפּן...“ און דאָ ווערן געבראכט פאקטן, וועלכע דארפן, לויט י. צינבערגן, באשטעטיקן דעם אויבנדערמאָנטן גרונט־געדאנק. אין סאָף XV יה. איז אין אייראָפּע פאָרגעקומען א גײַסטיקע איבערקערעניש — אנטדעקונג פון אמעריקע, פון בוך־דרוק, רעליגיִעזע רעפאָרמאציע — און יִדן האָט מען ארויסגעטריבן פון שפּאניע; אין XVII יה. — אין אייראָפּע דעקארט, בא יִדן — כורבן פון „גזיירעס טאך“[2]. ס׳איז גענוג צו ברענגען די דאָזיקע צוויי בײַשפּילן, קעדיי עס זאָל ווערן קלאָר, אז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט א ריין אידעאליסטישער אופפאסונג פון דער געשיכטע; אויסער דעם, זײַנען דאָ צונויפגעמישט פארשיידענע היסטאָרישע פאקטן, וועלכע לאָזן זיך ניט פארגלײַכן און זײַנען פאָרגעקומען אין פארשיידענע לענדער, בא פארשיידענע באדינגונגען. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט דער אלטפרענקישער קאָנצעפּציע, וואָס איז פאָרמולירט אין דער אלטער פראזע „לא ככל הגויים בית ישראל“ (יִדן זײַנען ניט ענלעך צו אלע אנדערע פעלקער).

אויב שוין נעמען היסטאָרישע פאראלעלן און פארגלײַכונגען, דארף מען נעמען אזעלכע פאקטן, וועלכע ליגן, אויב מע קאָן אזוי זאָגן, אף איין ליניע און זײַנען פאָרגעקומען אין איין און דער זעלבער צײַט. מע קאָן נעמען אלס בײַשפּיל רעליגיִעזע רעפאָרמאציע, די פאָדערונג, וואָס איז ארויסגעשטעלט געוואָרן אין פארשיידענע מײַרעוו־אייראָפּעיִשע לענדער, אז די רעליגיִעזע ביכער זאָלן ווערן איבערגעזעצט פון דעם ניט פארשטענדלעכן פארן ברייטן אוילעם לאטײַן אף דער פאָלקס־שפּראך, און אָנווײַזן, אז אין דער זעלביקער צײַט (1544) איז איבערגעזעצט געוואָרן אף יִדיש דער סידער, און דער איבערזעצער יויסעף בען יאקיר זאָגט אין דער האקדאָמע: „איך האלט פאר עמעסע נאראָנים די, וועלכע ווילן דאווענען דאפקע אף דער הייליקער שפּראך, כאָטש זיי פארשטייען ניט קיין וואָרט. איך וואָלט וועלן וויסן, ווי קאָן מען בייסן דאווענען האָבן קאוואָנע? מיר האָבן דעריבער

---

[1] וו. אי. לענין. ווערק. 5־טע אופלאגע, ב. 24, ז. 120.

[2] „גזיירעס טאך“ — אזוי זײַנען אָנגערופן אין דער העברעיִשער ליטעראטור די יִדישע פּאָגראָמען, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אף אוקראִינע אין יאָר 1648.

באשטימט דרוקן די טפילעס אין אן איבערזעצונג". דערמאנענדיק, אז מע האט ארויסגעטריבן די יידן פון שפאניע, דארף מען ניט פארגעסן, אז אין דער זעלביקער צייט האט מען פון דעם זעלבן לאנד ארויסגעטריבן די מוסולמענער (מאווערן). און אויב מע רעדט שוין וועגן דעקארטן און מע וויל פארגלייכן, וואס עס איז דעמלט פארגעקומען בא די יידן, דארף מען אנווייזן, אז אין יענער צייט האט זיך באוויזן אין האלאנד בארעך שפינאזע, וועלכער האט אין דרייצן יאר ארום נאך דעקארטס טויט פארעפנטלעכט א בוך, ווו ער פאלעמיזירט מיט דעקארטן („די פילאסאפישע פרינציפן פון דעקארטן", 1663). אזעלכע פארגלייכונגען קאן מען געפינען אין דער יידישער געשיכטע זייער פיל, ווייל די געשיכטע פון יידן אין באזונדערע לענדער שטעלט מיט זיך פאר א טייל פון דער געשיכטע פון געגעבענעם לאנד, און יידן „האבן זיך פארהיט ניט אפצולאכעס דער געשיכטע, נאר אדאנק דער געשיכטע" (מארקס)[1].

י. צינבערגס „געשיכטע" כאפט ארום, ווי מיר האבן אנגעוויזן, אויסער קינסטלערישער ליטעראטור, געשיכטע פון מיטלאלטערלעכער רעליגיעזער פילאסאפיע (אין די ערשטע בענדער), געשיכטע פון דער אזויגערופענער „כאכמעס יסראעל" (אין די לעצטע בענדער). דער גרויסער פארנעם איז געווען, דארף מען רעכענען, איינע פון די סיבעס, צוליב וועלכער ס'איז ביז איצט ניט געגעבן געווארן קיין קריטישע אפשאצונג פון אט דעם ווערק. דערויף האט ריכטיק אנגעוויזן י. אפאטאשו אין איינעם פון זיינע בייגעלייגטע בריוו. נאר א קאלעקטיוו פון ספעציאליסטן קאן אף זיך אזא ארבעט נעמען. דערווייל קאנען מיר אפצייכענען די איבערראשנדיקע ערודיציע, וועלכע י. צינבערג האט ארויסגעוויזן און וועלכע קאן און דארף אונדז דינען און ווערן אויסגעניצט אין דער פארשערישער ארבעט אפן געביט פון „ליטעראטור בא יידן".

זיין גרויסע ארבעט האט י. צינבערג ניט באוויזן צו פארענדיקן. זיין מאזל איז שוין געווען אזא: באם לעבן האט מען וועגן אים קימאט ווי ניט געשריבן, און אויך וועגן זיין טויט איז קיין נעקראלאג ניט געווען, ווייל ער איז געפאלן א קארבן פון סטאלין־קולט (1939). איצט, ווען י. צינבערג איז נאכן צוואנציקסטן צוזאמענפאר פון אונדזער פארטיי פולקום רעאביליטירט געווארן, איז אונדזער כויוו צו דערמאנען צום גוטן דעם גרויסן פארשער פון „ליטעראטור בא יידן" און קריטיש אנאליזירן זיין ליטערארישע יערושע.

[1] דער ערשטער באנד פון דער ערשטער אופלאגע „ווערק פון מארקס און ענגעלס", ז. 381.

צינבערגס ארכיוו

צינבערגס פאנד, וועלכער געפינט זיך אין ארכיוו פון לענינגראדער אפטיילונג פונעם אינסטיטוט פון די פעלקער פון אזיע בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע און איז פארצייכנט אונטערן נומער 86, איז פארטיילט אין דריי רעשימעס. אין רעשימע נום. 1 זיינען פאראן 87 נומערן, נומער 2 — 367 נומערן, נום. 3 — 176 נומערן. צוזאמען 630 „ארכיוואלע איינסן". דער דאזיקער טעכנישער טערמין איז זייער א ברייטער לויט זיין פארנעם און כאפט ארום סיי א קארטל, אף וועלכן ס'איז אנגעשריבן איין שורע, סיי אן אריגינאל פון א גרויס ווערק, וואס האלט 1000 זייטן און מער. דאס גרעסטע ארט (לויט דער צאל זייטן) פארנעמען די אריגינאלן פון צינבערגס ווערק, ארטיקלען, לעקציעס אף פארשיידענע ליטעראטור־היסטארישע טעמעס; אויסער די אריגינאלן, וועלכע זיינען געגעבן אין א פארענדיקטער פארם, איז פאראן א גרויסע צאל ארכיוואלע איינסן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאר רוי־מאטעריאל, צוגרייטונגען („זאגאטאווקעס") צו פארשיידענע ארבעטן. עס זיינען פאראן די אריגינאלן פון אלע אכט געדרוקטע בענדער „די געשיכטע פון ליטעראטור בא יידן". אינגאנצן א צוגעגרייטער צום דרוק איז דער מאנוסקריפט פונעם נייטן באנד, איבערגעשריבן דורך צינבערגס פרוי ראזא וולאדימיראוונא. דער באנד נעמט ארום די ליטעראטור פון די פופציקער—זעכציקער יארן אין רוסלאנד. ווי ס'איז קענטיק פון דער קארעספאנדענץ מיט פארשיידענע אמעריקאנער יידישע שרייבער און זשורנאליסטן, האט צינבערג געהאט אין זינען שרייבן א צענטן באנד, אין וועלכן ס'האט געדארפט פארנעמען א גרויס ארט די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור אין אמעריקע (זע, לעמאשל, אפאטאשוס בריוו פון 14 מארס 1938). צום באדויערן, האט צינבערג ניט באוויזן צו פארווירקלעכן זיין פלאן.

פון די אזויגערופענע „זאגאטאווקעס" קאן אנגעוויזן ווערן: 1) מאטעריאלן צו די לעקציעס איבער דער געשיכטע פון יידישער ליטעראטור (טיילווייז אף יידיש, טיילווייז אף רוסיש); 2) צו דער געשיכטע פון יידישער סאציאליסטישער פרעסע; 3) צו דער געשיכטע פון דער יידישער שפראך; 4) צו דער קולטור־געשיכטע פון יידן אין רוסלאנד; 5) וועגן די מיטלאלטערלעכע ראציאנאליסטן אא.

אויסער אריגינאלן פון צינבערגס ווערק און „זאגאטאווקעס", וועלכע האבן א שייכעס צו זיינע פארשערישע ארבעטן, געפינען זיך נאך אין פאנד פארשיידענע מאטעריאלן, וועלכע האבן א שייכעס צו ווערק פון אנדערע אווטארן. פאראן א ווערק איבער מאטעמאטיק (אף העברעיש) פון אן אומבאוווסטן אווטאר, פאראן א „קאלבויפעקל, אין וועלכן מע האט זיך נאך דערווייל ניט פאנאנדערגעקליבן און וועלכער איז פארצייכנט אונטערן קעפל „אויסצוגן פון פארשיידענע בריוו, ליטערארישע ווערק, לידער, פארשיידענע מאנוסקריפטן אף רוסיש, יידיש און העברעיש"; מיר געפינען דא אויך „סאטירישע לידער פון ניט באוווסטע אווטארן" (ניט באארבעט). באזונדערס דארף אפגעצייכנט ווערן א רעשימע פון ש. אנ־סקיס ליטערארישער יערושע, וועלכע איז צונויפגעשטעלט דורך י. צינבערגן.

י. צינבערג האט פארהיט אין זיין ארכיוו ניט נאר ליטערארישע מאטעריאלן, נאר אויך געשיכטלעכע דאקומענטן, וועלכע זיינען פארבונדן מיט דער ארבעט פון פארשיידענע יידישע קולטור־געזעלשאפטן, פאליטישע פארטייען און ארגאניזאציעס. באזונדער קאן מען דא אפצייכענען די מאטעריאלן, וועלכע האבן א שייכעס צו דער באהאנדלונג פון דער יידן־פראגע אין דער „גאסודארסטווענאיא דומא".

א גרויס ארט פארנעמט אין צינבערגס ארכיוו זיין קארעספאנדענץ מיט יידישע שרייבער פון פארשיידענע לענדער — מע קאן זאגן אן גוזמע, אז ס'איז ניטא קימאס קיין איין מער אדער ווייניקער וויכטיקער יידישער שריי־

בער און פובליציסט, וועלכער האָט געשריבן ייִדיש אָדער העברעיִש און זאָל ניט זײַן פאָרגעשטעלט אין דער קאָרעספּאָנדענץ מיט צינבערגן. אין ארכיוו געפינען זיך ניט ווייניקער פון פינף הונדערט בריוו, צווישן זיי — פון שאָלעם־אַלייכעמען, פּערעצן, ביאַליקן, שאָלעם אשן, אַפּאַטאָשו, ווינטשעווסקין, ניגערן, בערגעלסאָנען, ברײַנינען, ש. אנ־סקין, אכאַד־האַאָמען, קלויזנערן, הילעל צײַטלינען אאַ. די צאָל בריוו איז נאָך דערווײַל ענדגילטיק ניט פעסטגעשטעלט, ווײַל ס׳זײַנען פאַראַן פּעקלעך, וועלכע פיגורירן אונטערן קעפּל „בריוו פון אומבאַוווסטע פּערזאָנען צו צינבערגן". פאַראַן אויך א היפּשע צאָל ניט קיין פאַנאַנדערגעקליבענע פּרעמדע בריוו, וועלכע צינבערג האָט פאַרהיט, צונויפשטעלנדיק די רעשימע פון דעם אַרכיוו פון דער „געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן ייִדן אין רוסלאַנד" („אָפּע"). צו דער קאַטעגאָריע געהערן בריוו צו ש. אנ־סקין, שאָול גינזבורגן אאַ.

צווישן די בריוו, וועלכע זײַנען אַדרעסירט צינבערגן, פאַרנעמען א גרויס אָרט אַזעלכע, וואָס האָבן אַן אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער. זײַענדיק איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער זעכצנבענדיקער „יעווריייסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ" און דער אָנפירער פון דעם אָפּטייל „נײַ־העברעיִשע און ייִדישע ליטעראַטור", האָט זיך צינבערג געווענדט צו די שרײַבער פון יענער צײַט מיט דער ביטע, זיי זאָלן צושיקן זייערע אויטאָביאָגראַפיעס; די ענטפערס האָבן זיך פאַרהיט אין ארכיוו. א גרויסער טייל ענטפערס איז קורץ, אַנקעטעאַרטיק (לעמאַשל, שאָלעם אַש). אַנדערע שרײַבער האָבן אויסגעניצט די געלעגנהײַט און געגעבן א באַדײַטנדיקן אויטאָביאָגראַפישן מאַטעריאַל, אָנווײַזנדיק דערבײַ, אַז דער רעדאַקטאָר קאָן אים אויסניצן, ווי ער פאַרשטייט אַליין. אַזעלכע גענויע ענטפערס האָבן געגעבן דינעזאָן, ספּעקטאָר, ווײַסענבערג, ייִצכאָק קאַצנעלסאָן און פיל אַנדערע.

אויסער די אויטאָביאָגראַפישע בריוו זײַנען די איבעריקע פאַרבונדן מיט פאַרשיידענע ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוון פון יענער צײַט. א גרויסע צאָל בריוו האָט א שײַכעס צו דער אַרבעט פון פאַרשיידענע צײַטונגען און זשורנאַלן, אין דער ערשטער ריי — פון זשורנאַל „די ייִדישע וועלט", וווּ צינבערג איז געווען איינער פון די נאָענטסטע מיטאַרבעטער.

פון צינבערגס ענטפערס זײַנען פאַרבליבן נאָר א קליינע צאָל „טשערנאָוויקעס"; ס׳איז איצט שווער צו זאָגן, צי די „טשערנאָוויקעס" אַנטשפּרעכן דעם פאַקטישן ענטפער, וועלכער איז אָפּגעשיקט געוואָרן דעם קאָרעספּאָנדענט, אָדער ער איז עפּשער „פאַרבראַקירט" געוואָרן דורך צינבערגן אַליין.

איך ניץ אויס די געלעגנהײַט אָפּדאַנקען דעם פאַרוואַלטער פון ארכיוו דמיטרי יעווגעניעוויטש בערטעלס פאַר זײַן אויפמערקזאַמער באַציִונג און זײַן מיטהילף אין מײַן אַרבעט.

בריוו צו י. צינבערגן

1. פון יויסעף אָפּאַטאָשו

אין י. צינבערגס ארכיוו זײַנען פאַרהיט געוואָרן פינף בריוו פון י. אָפּאַטאָשו. די דאַטעס פון די בריוו זײַנען פאָלגנדיקע: פון 20 יאַנוואַר 1937; פון 5 אַפּרעל 1937; פון 18 אַפּרעל 1937; פון 14 מאַרט 1938; פון 5 יוני 1938. ווי ס׳איז קאָנטיק פונעם ערשטן בריוו און פון די ווײַטערדיקע, האָט זיך צווישן צינבערגן און אָפּאַטאָשון געפירט שוין פון פריִער אַן אָפּטע און אַן אָפּנהאַרציק־פרײַנטלעכע קאָרעספּאָנדענץ, אין וועלכער י. אָפּאַטאָשו פלעגט אָפּן אַרויסזאָגן זײַן פערזענלעכע באַציִונג צו פאַרשיידענע געשעענישן און פערזאָנען. די פאַראַנענע בריוו האָבן א וויכטיקע באַדײַטונג און דערמאָנען אונדז וועגן פאַקטן און דערשײַנונגען, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען מיט א יאָר 25—30 צוריק.

א גרויס אָרט פאַרנעמט אין דעם בריוו פון 20 יאַנוואַר 1937 י. אָפּאַטאָשוס באַציִונג צו שאָלעם אַשן. די וועלט־ליטעראַטור פאַרמאָגט פיל פאַקטן פון קאָנפליקטן צווישן גרויסע שרײַבער, אין וועלכע עס מישן זיך צונויף פּרינציפּיעלע און פערזענלעכע מאָמענטן; די ייִדישע ליטעראַטור איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין אויסנאַם אין דעם פראַט. י. אָפּאַטאָשוס בריוו גיט אונדז א שליסל צו באַנעמען די געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע סיבעס פון די פײַנטלעכע באַציִונגען צווישן אים און שאָלעם אַשן.

דאָ דאַרף מען אָבער האָבן אין זינען, אַז זײַענדיק אָפנהאַרציק אין א בריוו צו א נאָענטן פרײַנט, און אין היץ פון פּאָלעמיק, האָט י. אָפּאַטאָשו אין אייניקע פּונקטן איבערגעכאַפּט די מאָס. מע קאָן ניט מאַסקים זײַן מיט זײַן באַהויפּטונג, אַז שאָלעם אַש „שרײַבט טאַקע זשאַרגאָן, נישט קיין ייִדיש", אַז „די שפּראַך וויל אים נישט דינען". די שפּראַך פון שאָלעם אַשן איז גענוג רײַך און נייטיקט זיך ניט אין פאַרטיידיקונג.

צום דערמאָנטן בריוו זײַנען בײַגעלייגט צוויי געדרוקטע זײַטן פון א ווייניק באַקאַנטן זאַמלבוך „יונגע שטאַמען" (טעל־אַוויוו, 1936), אין וועלכן עס האַנדלט זיך וועגן דער האַלטונג פון ש. אַשן און י. אָפּאַטאָשון בנוגע ייִדיש. דאָ, אַגבֿ, דערציילט זיך, אַז אויפן באַנקעט פון פּען־קלוב, וועלכער איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן לכּבֿוד י. אָפּאַטאָשון, האָט דער באַוווּסטער העברעיִשער פּאָעט ש. טשערניכאָווסקי זיך אַרויסגעזאָגט, אַז „ווען מע וויל אין דער ייִסראָעלישער ליטעראַטור דעם גרויסן ראָמאַן, מוז מען אָנקומען צו דער שוועסטער ייִדיש".

אין דעם זעלבן זאַמלבוך איז איבערגעגעבן אַן אינטערעסאַנטער שמועס צווישן כ.־נ. ביאַליקן און פּערעץ הירשביינען:

„פּערעץ הירשביין פרעגט כ.־נ. ביאַליקן: „ווייסט דאָך, מע האָט אַמאָל געגלייבט, אַז א שטאַרקער ווונטש קאָן גלײַך אַף אָן אָרט מעקוייעם ווערן; ווי זשע וואָלט דיר דאָס ייִדישע לעבן אויסגעזען, ווען איצטער, אָט ווי מיר שטייען ביידע און ריידן, [זאָל] געשען דער געוווּנטשענער נעס, ווי די העברעיִער פאַרלאַנגען — ייִדיש איז פּלוצלינג אויסגעגאַנגען און פאַרגעסן געוואָרן, מ׳האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו הערן אין ייִדישן לעבן אַפילע דעם אָפּקלאַנג פון ייִדיש?"

ביאַליק איז בלאַס געוואָרן — אין זײַנע אויגן דער אומבאַשרײַבלעכער טרויער. ער האָט מיך מיט טרויער און גליווער א ווײַל אָנגעקוקט און געזאָגט:

— דאָס איז אַכזאָריעס. ווען ייִדיש גייט אַזוי פּלוצלינג

אויס, וואָלט עס געווען גלײַך ווי א גרויס ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן אין ייִדישן לעבן".

דער בריוו פארן 5 יוני 1938 האָט צו טאָן מיט א פראגע, וועלכע האָט א שײַכעס צו י. אָפּאטאָשוס גענעאלאָגיע און קאָן פאַרשטעלן אן אינטערעס בלויז פאר ביבליאָגראפן פון ראבאָנישער ליטעראטור. מיר פובליקירן אים נישט, ווײַל וועגן י. אָפּאטאָשוס גענעאלאָגיע איז אָנגעשריבן א היפּשער מאטעריאל אין נאכמען מײַזילס מאָנאָגראפיע „יויסעף אָפּאטאָשו, זײַן לעבן און שאפן".

אויך די בריוו פארן 5 און 18 אפּרעל 1937 שטעלן ניט פאַר קיין געזעלשאפטלעכן און ליטערארישן אינטערעס און ווערן דעריבער דאָ ניט פובליקירט.

ערשטער בריוו

20/I—1937

מײַן ליבער צינבערג,

אונדזערע בריוו האָבן זיך אויסגעמיטן. יאָ, שולדיק זײַט איר מיר געווען א בריוו. איצט זײַנען מיר קוויט. וועגן אײַער לעצטן באנד האָט ש. ניגער געהאלטן א לעקציע אין ניו־יאָרק. ער האָט אויך אָנגעשריבן אן ארטיקל אין „צוקונפט", יאנואר 1937. דער ארטיקל הייסט: י. צינבערגס „געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור". איר קריגט דאָך אוודע די „צוקונפט", אויב נישט — וועל איך אײַך צושיקן דעם ארטיקל.

מײַן אָפענער בריוו צו די פוילישע שרײַבער, פארוואָס זיי לאָזן צו פּאָגראָמען אף ייִדן אין פוילן, איז פריִער געווען א רעדע, וואָס כ'האָב געהאלטן איבער דער ראדיאָ. א טייל פונעם בריוו איז אויך געדרוקט געווען אין דער „ליטעראטורנאיא גאזעטא", מאָסקווע, אפּרעל, 1936. דער „בימקוים"־רעדאקטאָר פון די „ליט. בלעטער" (מײַזיל איז געווען אין ערעץ־ייִסראָעל) האָט מוירע געהאט צו דרוקן דעם בריוו. די „ענדעקישע" פרעסע, פון ווארשע ביז פויזן, איז מיך באפאלן. די סאָציאַליסטן און ייִדן האָבן זיך אָנגענומען. דער ראָוו גליקסמאן, דער מעכאבער פון דער מאָנאָגראפיע[1], האָט מיר דערציילט, אז אין די לאָדזשער שולן און באָטעמעדראָשים האָבן פרומע ייִדן גערעדט וועגן מײַן בריוו. און די פוילישע שרײַבער, ווי קאדען־באנדראָווסקי, וועמען כ'האָב אָנגעגריפן אין מײַן בריוו, זײַנען מיט מיר בארויגעז. כ'וועל אופזוכן אין דער רעדאקציע „טאָג" מײַן בריוו און אײַך אים צושיקן.

שאָלעם אש האָט מיִעס געהאנדלט. ער האָט זיך אין ערעץ־ייִסראָעל געוואָלט צולעקן צו די העברעיער, מע זאָל אים (דער העב. אוניווערסיטעט) פאָרשלאָגן אלס קאנדידאט פארן נאָבעל־פּריז. און דערפאר איז ער ארויס קעגן ייִדיש. בא וואָס[ער] אומע וועלאָשן וועט א קינסטלער פון אשס מעדינע האָבן אזא באציִונג צו דער אייגענער שפראך? און ייִדיש איז זיך נויקעם, די שפראך אונדזערע האָט צו אשן אויך קיין באציִונג נישט, ווײַל אים נישט דינען. שרײַבט ער טאקע זשארגאָן, נישט קיין ייִדיש.

און אז שוין יאָ רעדן וועגן אשן, וועל איך אײַך זאָגן, אז ער האָט דעם פּילסודסקי־מעדאל אויך ניט געטאָרט צונעמען. איך בין אויך געווען א קאנדידאט פאר א מעדאל. און אז מע האָט מיך אָנגעפרעגט פון אויסערלעכן

[1] גליקסמאן — מעכאבער פון א מאָנאָגראפיע וועגן אָפּאטאָשוס עלטער־עלטערזיידע רעב עליאָקום געץ (אזוי שרײַבט י. אָפּאטאָשו אין זײַן בריוו פון 5 יוני 1938).

מיניסטעריִום, וואָס כ'האָב געטאָן פאר פוילן, האָב איך געענטפערט, אז גאָרנישט: שרײַב בלויז און געשריבן „די פוילישע וועלדער". אין 1931, ווען כ'בין מיט אשן געווען אין האאג אפן „פען"־קאָנגרעס, האָט אש מיט מיר אײַנגעטײַנעט, אז איך, יויסעף אָפּאטאָשו, וועל קריגן דעם מעדאל. „אויב כ'וועל קריגן דעם מעדאל, וועל איך אים צוריק שיקן", — איז געווען מײַן ענטפער. „וועל איך מיט דיר נישט רעדן, — האָט אש זיך געבייזערט, — וועסט באליידיקן ס'ייִדישע פאָלק אין פוילן".

צומאָרגנס טרעפט מיך דער פוילישער שרײַבער קאדען־באנדראָווסקי און זאָגט צו מיר:

(יוזעף, Józefie, ten twój Asz, to wielki kupiec דײַן אש — ער איז א גרויסער סויכער), ער האָט זיך שוין גוט אָנגעשטאדלט, ער קריגט דעם מעדאל. און ער האָט אים געקראָגן. דאָס איז שאָלעם אש דער מענטש.

דער צווייטער זאמלבוך דערשײַנט אָנהייב פעווראל. כ'וועל אים אײַך ארויסשיקן, כ'האָב געלייענט לייוויקן אײַער בריוו. ער לאָזט אײַך הארציק גריסן.

הערט, ליבער צינבערג, שיקט אונדז עפּעס צו פארן דריטן זאמלבוך? אפילע א קלענערע זאך, פון א פינף, צען געדרוקטע זײַטן. איז אײַך געפעלן לעיעלעסעס „שלמה מולכו", צי „אשר לעמליין"[1]. אויב יאָ, שרײַבט אָן וועגן דעם. איבעריקנס, שיקט, וואָס איר ווילט.

ווען וועט דערשײַנען אײַער אכטער באנד?

אײַער

מיט פרײַנטשאפט

י. אָפּאטאָשו.

גריסט הארצלעך פרוי צינבערג.

כ'דרוק איצט אין „טאָג" „ר' אקיווע אין קארטאגאָ", א גרעסער דערציילונג פון ערעוו דעם ביתר־אופשטאנד[2]. איבער דער דערציילונג, וואָס וועט פארנעמען א דרײַ בויגן, האָב איך געארבעט כאדאָשים, שווער געארבעט.

האָט מײַזיל אײַך צוגעשיקט זײַן בוך: „יויסעף אָפּאטאָשו — זײַן לעבן און שאפן"?

צווייטער בריוו

14/III—1938

מײַן ליבער צינבערג,

כ'האָב זיך דאָס מאָל פארשפעטיקט מיט מײַן ענטפער. כ'בין געפאלן (אין שטוב), האָב זיך צעקלאפּט א פוס, בין געלעגן צו בעט, דערנאָך געווען אין די בערג. איצט בין איך ווידער „אָלרײַט" און כ'שרײַב אײַך אן ענטפער אף אײַער בריוו.

„ר' אקיווע" (צי ווי ס'וועט דאָרט הייסן?) איז א ראָמאן. נישט פון פויכטוואנגערס שניט. דער איקער בא מיר —

[1] א. לעיעלעס (פסעוודאָנים פון ארן גלאנץ) — רעאקציִאָנערער שרײַבער און זשורנאליסט. זײַן דראמאטישע פּאָעמע אין צען בילדער — „שלוימע מאָלכאָ" איז געווען געדרוקט אין „צוקונפט", 1926, דערנאָך אין „קלעצקינס „ווילנער פארלאג" אין א באזונדער בוך (1926, 194 ז.). אָשער לעמליין (אָנהייב XVI יה., געפּריידיקט אין דײַטשלאנד און אין עסטרײַך) און שלוימע מאָלכאָ (1500—1532, איטאליע) — מיסטיקער, פאלשע אָנזאָגער פון מאָשיִעכס קומען.

[2] ביתר (בעטער)־אופשטאנד — דער אופשטאנד פון באר־קאָכבא (132—135); די לעצטע שלאכט פון דעם אופשטאנד איז פאָרגעקומען ארום דער שטאָט בעטער.

אין די יִדישע סוויווע, די מילִיע. ווי האָט דער אמהאָרעץ געלעבט? ווי גערעדט? איז ער טאקע געווען אן אמהאָרעץ? איך האלט, אז נישט. געווען אמעראצים, וואָס טאַנאָיִם האָבן בא זיי געלערנט. די ערשטע „אמעראצים“, די ערד־בוי־ארבעטער, האָבן נישט געוואָלט אויסהאלטן די לעוויִםי[1], נישט געוואָלט טראָגן דעם גאנצן יאָך, געחאָלט, דער יאָך זאָל אויך פאלן אף די שטאָט־לײַט, אף די סאָכרים. ס'איז א שווערע ארבעט. נישטאָ קיין מאטעריאל. מע דארף זוכן, נישטערן. א ברייתא[2], א ווערטל, א שטיינדל, — דאָס איז מאטעריאל. דערווײַל ארבעט איך. ווען כ'וועל עס ענדיקן, — ווייס איך נישט.

איגנאטאָווס[3] לעצטער ראָמאן איז גאָרנישט ווערט. ס'האָט קיין היסטאָרישן ווערט. פאראן מענטשן, וואָס קאָנען נישט טראכטן אין היסטאָרישע קאטעגאָריעס. איגנאטאָוו איז א קלאסישער מוסטער. עס איז גלאט א שלעכטער ראָמאן. און אז ס'ווערט דערמאָנט „אם־אוילעמניקעס“?[4] ס'האָט מיט אם־אוילעמניקעס גאָרנישט צו טאָן.

ווען 10־טן באנד? זיך ווענדן צו מארמאָרן[5], צו ריווקינען?[6]

ריווקין איז א זייער באגאבטער קריטיקער. האָט געדאנקען, האָט פאנטאזיע. פארלאָזן זיך אף זײַנס א דאטע חאָלט איך נישט. מארמאָר—טעמפּ, שאבלאָן, א ליטערארישער בוכהאלטער. אין שטאָף—טרוקענע כראָנאָלאָגיע פאר א לעקסיקאָן.

כ'ווייס נישט גענוי, וואָס איר דארפט. פאראן פראגן, האָס איך וואָלט אײַך געקאָנט ענטפערן. כ'בין שוין 32 יאָר אין אמעריקע. פאראן פראגן, וואָס ריווקין, וואָס ניגער וואָלטן אײַך געקאָנט ענטפערן. פאראן פראגן, האָס מארמאָר. עס ווענדט זיך אָן דער פראגע. גיט אַן די פראגן, וועל איך אײַך דעמלט שרײַבן, צו ווענען זיך צו ווענדן.

האָב איך אײַך געשיקט די מאָנאָגראפיע „רבינו אליקום געץ“? די מאָנאָגראפיע פון מײַן מישפּאָכע? אויב נישט — שרײַבט, וועל איך אײַך צושיקן.

בלײַבט מיר געזונט און שטארק,
אײַער מיט פרײַנטשאפט
י. אָפּאטאָשו

גריסט הארציק די מישפּאָכע.

---

[1] לעוויִים — באהעלפער פון די קויהאנים.

[2] ברײַסאָ — א דערקלערונג פון די טאנאָיִם, וועלכע איז ניט אײַנגעשלאָסן אין דער מישנע.

[3] איגנאטאָוו (דאָוויד איגנאטאָווסקי, 1885—1954) — ראָמאניסט; רעדאקטאָר און ארויסגעבער פון די זאמלביכער „שריפטן“ (1912—1927).

[4] עם־עולם (אם־אוילאָם) — א באוועגונג אין די 80־ער יאָרן, וועלכע האָט געטראכט לייזן די אזויגערופענע „יִדן־פראגע“ אין רוסלאנד דורך עמיגראציע קיין אמעריקע.

[5] קאלמען מארמאָר (1876—1956) — פּראָגרעסיווער פובליציסט און היסטאָריקער; האָט געזאמלט און באארבעט פיל מאטעריאלן צו דער געשיכטע פון דער יִדישער פרעסע, ליטעראטור און פון דער יִדישער ארבעטער־באוועגונג אין אמעריקע. פארשטייט זיך, אז די כאראקטעריסטיק פון מארמאָרן ליגט אינגאנצן אף אָפּאטאָשוס פאראנטוואָרטלעכקײַט.

[6] ריווקין ב. (פסעוודאָנים פון באָרעך־אווראָם ווײַנריב, 1883—1945) — פובליציסט און קריטיקער.

2. פון דאָוויד בערגעלסאָנען

אין צינבערגס ארכיוו זײַנען פארהיט געוואָרן צוויי בריוו צו אים פון דאָוויד בערגעלסאָן — איין בריוו אף יִדיש (די דאטע איז ניט אָנגעוויזן), דער צווייטער — אף רוסיש, דאטירט 1915, דעם 10.7.

ווי ס'איז קענטיק פון דער קאָרעספּאָנדענץ, איז דער ניט דאטירטער בריוו אָנגעשריבן שפּעטער פון דעם דאטירטן.

ביידע בריוו באציִען זיך, ווײַזט אויס, צו איינער און דער זעלבער צײַט. אין זיי רעדט זיך וועגן מעגלעכע איבערזעצונגען פון בערגעלסאָנס ווערק „ארום וואָקזאל“ און „נאָך אלעמען“ אף רוסיש. וועגן דעם דערשײַנען פון אן איבערזעצונג פון „ארום וואָקזאל“ אין יענער צײַט איז ניט באוווּסט; וועגן דער איבערזעצונג פון ראָמאן „נאָך אלעמען“ דורך סאָפיע דובנאָוו־ערליך איז באוווּסט, אז די איבערזעצונג איז ארויס אין בערלין אין יאָר 1924 אין פארלאג „גראני“ אונטערן נאָמען „ווסיאָ קאָנטשילאָס“.

ערשטער בריוו

(איבערגעזעצט פון רוסיש)

10.7.1915.

פילגעערטער ה' צינבערג.

איך אנטשולדיק זיך, וואָס איך באומרויִק אײַך. קעדיי ווינציקער אײַך מאטערן, הייב איך אָן פון אן אקסיאָמע:

בא מיר איז איצט פאראן א גאנץ אָנשטענדיקע איבערזעצונג פון מײַן „ארום וואָקזאל“. צוליב מאטעריעלער נויט מוז איך אים אָפּגעבן אין א רוסישן זשורנאל. איך שרײַב אײַך אזוי, ווי דאָס איז: די מילכאָמע האָט פּאראליזירט מײַן קליינעם פארמעגן (איך האָב א כיילעק אין דער יערושע פון א ביר־זאוואָד). ביז ס'וועט זיך פארענדיקן די מילכאָמע, זע איך ניט קיין אויסוועג אין מײַן לאגע. און גראָד איצט ארבעט איך אף א זאך, וועלכע איך האלט פאר דער בעסטער פון אלץ, וואָס איך האָב ביז איצט געשריבן[1]. קיין סאך דארף איך ניט, נאָר דאָס האָב איך אויך ניט. איז אָט האָב איך באשטימט אזא אויסוועג — איך וועל דרוקן דעם „ארום וואָקזאל“ אין א רוסישן זשורנאל, באקומען א ביסל געלט און פאָרזעצן די אָנגעהויבענע ארבעט. אף אנדערע קאָמפּראָמיסן בין איך ניט געגאנגען און קאָן ניט גיין.

בלײַבט איינס: פארזיכערן דאָס דרוקן פון „ארום וואָקזאל“ אין א רוסישן זשורנאל. אין די רוסישע ליטערארישע קרײַזן ווייסט מען פון מיר ניט. מײַן אייניציקער באקאנטער אין דער דאָזיקער סוויווע איז געווען וואָיטלאָווסקי[2], איז ער איצט אף דער מילכאָמע, און איך ווייס אפילע ניט, ווו קאָן מען אים זוכן. דער ציל פון מײַן בריוו איז — פרעגן בא אײַך, צי קאָנט איר ניט דירעקט אָדער דורך באקאנטע העלפן מיר אין דעם איניען און געבן מיר מיט דעם א מעגלעכקײַט פאָרזעצן די אָנגעהויבענע ארבעט.

---

[1] ד. בערגעלסאָן האָט געארבעט אין די יאָרן, ווען דער בריוו איז געשריבן געוואָרן, איבער „אָפּגאנג“ און „אין פארטונקלטע צײַטן“; גיכער רעדט זיך דאָ וועגן „אָפּגאנג“.

[2] ווײַזט אויס, אז דאָ גייט א רייד וועגן דעם באקאנטן רוסישן קריטיקער און ליטעראטור־היסטאָריקער ל. וואָיטאָלאָווסקי.

איך ווייס, אז איר, פילגעערטער צינבערג, זייַט א פארנומענער מענטש. אין אַן אנדער צייַט וואָלט איך אייַך ניט באומרויִקט, נאָר איצט איז אַן אויסשליסלעכע צייַט. אָט האָט זיך שוין קימאַט געענדיקט די צווייטע אופלאגע פון „נאָך אלעמען“, און דעם בוך דרוקט מען מער ניט. איך וואָלט פאַרגעלייגט אונדזערע פארלעגער ארויסלאָזן א באנד מייַנע דערציילונגען, נאָר קיינער וועט ניט אייַנגיין אף דעם. איך ווייס: א סאך ייִדן איז איצט זייער שלעכט; איך קלאָג זיך ניט. נאָר ארבעטן אף אַן אָנגעהויבענער זאך מוז איך, און צוליב דעם איז נייטיק א מינימום אוילעמהאזע (земных благ), און איך בעט אייַך קומען מיר אין דעם צוהילף, באהילפיק זייַן. ווי עס זאָל ניט זייַן, וואַרט איך מיט אומגעדולד אף אייַער ענטפער. פאר אייַער ענטפער דאנק איך פאָרויס.

מיט אכטונג אייַער ד. בערגעלסאָן.

מייַן אדרעס: קיִעוו, מאל. בלאגאָוועשטשענסקאיא, 36.

נ. מייַזיל

פאר בערגעלסאָנען

צווייטער בריוו

זייער געערטער ה׳ צינבערג,

אנטשולדיקט, וואָס איך האָב ביז איצט ניט געענטפערט אף אייַער בריוו. איך בין געווען אוועקגעפאָרן פון קיִעוו און האָב אייַער בריוו באקומען ניט אין דער צייַט.

איך וואָלט אייַך גערן צוגעשיקט עפּעס פארן זאמלבוך, האָב איך אָבער ניט קיין קלענערע זאכן, אכוץ צוויי זייער גרויסע ראָמאנען, וועלכע איך האָב נאָך „ווייַט“ ניט פארענדיקט. דער ערשטער ראָמאן איז גאָר א גרויסער (פון אים האָב איך פאראיאָרן אין פּעטראָגראד געלעזן 5 קאפּיטל), און פון אים וואָלט איך אויך געקאָנט אויסקלייַבן א פּאָר קאפּיטלען, וואָס האָבן א זעלבשטענדיקן ווערט. ווייס איך אָבער ניט, צי פאר אייַך איז עס פּאסיק. אויב איר קאָנט דערוף מאסקים זייַן, שרייַבט מיר אָן, וועל איך אייַך די פּאָר קאפּיטלען גלייַך צושיקן.

איצט נאָך וועגן א זאך:

מיר האָט מען איבערגעגעבן, אז אינעם רוסישן זאמלבוך, וואָס ווערט דורך אייַך רעדאגירט, גייט ארייַן מייַן „ארום וואָקזאל“. דורך דעם הער קין (דעם אדמיניסטראַטאָר פון „ווילנער פּארלאג“) האָב איך שוין צוריק מיט א כאדאָשים צוויי איבערגעגעבן, אז מעווינים האָבן געפונען די איבערזעצונג [פון] „ארום וואָקזאל“, וואָס געפינט זיך בא מיר, פאר ניט קיין גוטער. און ארויסטרעטן אין רוסישן ווילט זיך דאָך יעדנפאלס מיט אַן אָנשטענדיקער איבערזעצונג. איך האָב דאַן אויך באַפולמעכטיקט דעם הער קין פארלייגן סאָפיע דובנאָוו נעמען אף זיך די ארבעט. ער האָט מיר געשריבן, אז ער פירט שוין מיט איר וועגן דעם אונטערהאנדלונגען. די לעצטע צייַט אָבער האָב איך מער פון אים קיין בריוו ניט געהאט און ווייס ניט, צי די זאך ווערט דאָרט איבערגעזעצט, צי ניין. איך וואָלט אייַך געווען זייער דאנקבאר, ווען איר גיט מיר איבער וועגן דעם עטלעכע ווערטער דורך דעם הער ש. אנ־סקי, מיט וועלכן איך שיק אייַך אָט דעם בריוו.

דעם הער ש. אנ־סקין האָב איך אויך געבעטן און איבערגעגעבן דאָס רעכט צו באקומען פאר מיר דעם האָנאָראר פארן רוסישן „ארום וואָקזאל“ און בעט אייַך זייער צו טאָן עס בא דער ערשטער מעגלעכקייַט.

מיט הארציקסטן גרוס און דערעכערעץ

אייַער דאַוויד בערגעלסאָן.

3. פון ייִצכאָק־מייער ווייַסענבערג

די בריוו פון ייִצכאָק־מייער ווייַסענבערג (1881—1938) טראָגן אַן אווטאָביִאָגראפישן כאראקטער. דער ערשטער בריוו איז א וויכטיקער מאטעריאל, וואָס העלפט פאנאנדערקלייַבן זיך אין דעם לעבנס־וועג פונעם שרייַבער. אין די ארטיקלען וועגן י.־מ. ווייַסענבערג, וועלכע געפינען זיך אין „יעווריייסקאיא ענציקלאָפּעדיִא“ (ב. 5, זז. 386—387), אין רייזינס „לעקסיקאָן“, אין „ליטעראַטורנאיא ענציקלאָפּעדיִא“ (ב. 2, זז. 123—124), איז דער דאָזיקער מאטעריאל קימאַט ניט אויסגעניצט.

אין צווייטן בריוו גיט אָן י.־מ. ווייַסענבערג גענויע דאטעס פון זייַנע ערשטע ליטערארישע ארבעטן; דאָס איז א צוגאָב צום ערשטן בריוו.

ערשטער בריוו

זייער געערטער ד״ר י. צינבערג!

עס פרייט מיך זייער צו קענען אייַך דינען. מיט דעם גרעסטן פארגעניגן ערפיל איך אייַער ביטע. איך בין געבוירן אין 81־טן יאָר אין שטעטל זשעלעכאָוו, שעדליצער גובערניע. מייַנע עלטערן האָבן מיך קליינערהייט געלאָזט עטוואָס לערנען לויט זייערע מעגלעכקייַטן אין די היגע אומשטענדן (אונדזער היגער לערער קען אליין נישט מער, ווי א ייִדיש בריוול אָנשרייַבן מיט אן אדרעס און א קאָנטראקט, אז עס קומט אמאָל אויס, אויך איז עס אן אויסגעלערנטער קאָנטראקט, ווי מע לערנט אויס א בער טאנצן). ווייַטער, שפּעטער בין איך געווען אין ווארשע אלס ארבייַטאָרער. צופעליק פלעגט מיר אמאָל קומען אונטער דער האנט א שיינע בעלעטריסטישע זאך צום לעזן, וואָס איז געווען ווי א ליכטיקער שטראל פאר מיר אין מייַן טונקעלן און נישט זייער גוטן לעבן. פון ווארשע בין איך אוועק קיין לאָדז, ווייַל איך האָב געליבט א מיידל און זי האָט מיך ליבן נישט געקענט. פון לאָדז האָב איך מיך אין דרייַ פערטל יאָר ארום צוריק אומגעקערט קיין ווארשע, ווייַל איך האָב זי פייַנט האָבן נישט געקענט. און דעמלט האָט אויסגעבראָכן א קליינער קאָנפליקט צווישן אונדז; איין קליין ווערטעלע „ניין“ האָט זי מיר געזאָגט, וועלכעס איז מיר אייגנטלעך גאָר קיין שום נייַס געווען לויט איר שטענדיקער באציִונג צו מיר, נאָר דאָך האָט עס נאָך ביז דאן נישט געהאט ארויסגעקלונגען פון איר קליין מייַלכעלע. און דעמלט האָב איך געוואָרפן דאָס פאך מייַנס, וואָס איז געווען שטארק געבונדן דערמיט, אז איך זאָל דארפן שטענדיק זייַן אין איר געגנווארט — און איך האָב מיך גענומען צו אן אנדער ארבעט: שטרימף און לייַבלעך פון וואָליטשקע. דערבייַ בין איך נישט לאנג געבליבן, גאָר א קליינע צייַט, אז איך האָב צומאָל נישט קיין צייַט געהאט אויסצולערנען עס, אלנפאלס — נישט מער ווי זעקס וואָכן — און בין אוועק צוריק אהיים אין מייַן געבוירן־שטעטל צו מייַנע עלטערן, שוין אלס דערוואקסענער און פיליעריקער ייִנגל. איך בין שוין גאנצע דריטהאלבן יאָר געזעסן ווי אייַנגעשלאָסן אין דעם קליינעם שטעטל, נאָך דעם ווי איך האָב געקריגן דעם ערשטן שטויס פון דעם גרויסשטאָטישן לעבן — און האָב אונטער דער צייַט אבסאָליוט גאָרנישט געטאָן קיין שום ארבעט און בין נאָר געזעסן און געוואַרט און געהאָפט, וואָס וועט דער מאָרגנדיקער טאָג זאָגן. דערווייַל האָב איך אין דער זעלבער צייַט געהאט איבערצוקומען דעם פריזיוו און בין ארויס פרייַ פון

מיליטער־דינסט, אלס „לגאָטניק“. צו ענדע ערשט פון די דריטהאלבן יאָר בין איך אריַינגעטראָטן צו א פעלדשער אין דער ראזורע זיך לערנען אלס פריזירער (פאריק־מאכער), נאָר דאָרט האָב איך אויך נישט געקאָנט זיַין לאנג.

דער פעלדשער האָט ערשט נאָרוואָס געהייראט א גע־בילדעט פריַילן פון אונדזער גובערניע־שטאָט (שעדלעץ), און איך האָב נישט געקאָנט צוקוקן, ווי זי לעזט דאַס־טאָיעווסקין מיט זייער א שיין קנאקנדיק ציגעלע און ווי זי טיילט דאָס פלייש, פלאטשט זי צו מיט די פינ־גערלעך צו דעם דנאָ און צעשפרייט עס, עס זאָל אויסקומען א פולער טעלער... און אָט איבער דעם־אַ בין איך אוועקגעגאנגען פון דעם פאך, שוין נאָך דריַי פערטל יאָר אָפזיַין דערינען. נאכער האָב איך באלד אַנ־געהויבן שריַיבן. וויאזוי, ווייס איך אליין נישט. איך האָב נאָר געפילט אין דעם א שטיקל באפרידיקונג צו דעם, וואָס איך קען ארויסגעבן דאָס, וואָס איך זע און באַ־מערק צווישן מענטשן. און וויַיל, ווי עס האָט מיר גע־שיַינט, איז דאָס, וואָס איך האָב באמערקט צווישן מענטשן, געווען עטוואָס אנדערש, עטוואָס פארהוילענער, ווי דאָס, וואָס אנדערע ארומיקע באמערקן, — האָט עס מיך גאָר פאַשעט געצויגן צו זיַין א מאָסער, אויסצוזאָגן פון אלע באהעלטעניש, און זאָלן מענטשן זעען דאָס, וואָס זיי זעען נישט. און געטאָן האָב איך עס איינפאך איבער פיַינטשאפט צו דערשטיקן אין זיך זאכן, וואָס קיינער ווייסט נישט פון זיי, און מענטשן מיינען, אז עס איז טאקע אזוי גלאטיק, ווי עס זעט זיך, און אז עס איז נאָר נישקאָשע אף דער וועלט, מען קען זיך ליבן גאנץ גלאטיק און שטיל. אָט די גלאטיקייַט און די שטילקייַט זייערע האָט מיך געצויגן דערצו. וויַיטער קאָן איך אייַך שריַיבן, אז אזוי ווי איך האָב נאָר געהאט אַנגעשריבן די ערשטע צוויי בילדער, בין איך אוועקגעפאָרן קיין ווארשע מיט זיי און האָב זיי איבערגעלאָזט בא יאקאָוו דינעזאָן צום איבערלעזן. אז איך בין געקומען צו אים נאָך א וואָך, האָט ער מיר מיטגעטיילט, אז י.־ל. פערעץ איז שוין געפעלן דאָס, וואָס איך האָב אָנגעשריבן, און אז ער האָט מיר געהייסן קומען צו זיך. פון דעמלט בין איך געבליבן ארום פערעצעס שטוב, איך בין שוין דאָרט אָפט אריַינגעקומען — און געשטיצט האָט מיך איבער דער ציַיט, וואָס איך האָב נישט געקאָנט פארדינען, מיַינער א געטריַיער כאַווער ש. רובינשטיין, שוין פון אן אינטעלי־גענטן און פאר מיר נייַעם קריַיז כאוויירים.

אָט אָ־דאָס איז מיַין גאנצע קליינע ביָאָגראפיע — פאר אייַך עפשער שוין צופיל, מאכמעס איר נייטיקט זיך דאָך נאָר אין די בלויזע דאטעס. קליַיבט זשע אייַך אויס דאָס וויכטיקסטע — איבעריקנס, איר ווייסט שוין אליין, וואָס איר האָט צו טאָן. טוט, און זאָל עס זיַין אין א מאזל־דיקער שאָ. צו לאנגער און פרוכטבארער טעטיקייַט פון אונדז ביידע. אייַער אייַך ערנדער און זייער דאנקבארער פריַינט י.־מ. וויַיסענבערג.

מיַין אדרעס דירעקט:

זשעלעכאָוו, סעדלעצ. גוב.

י.־מ. וויַיסענבערג

די דאטע איז אָנגעוויזן אפן קאָנווערט — 29.8.09

צווייטער בריוו

גערטער ה. ד״ר צינבערג!

אייַער פאָסט־קארטע האָב איך דערהאלטן. איך דאנק אייַך זייער און שיק אייַך צו די יעדיִעס, וואָס איר פארלאנגט. מיַין ערשטע זאך איז געווען געדרוקט אין „די יידישע ביבליָאטעק“ פערעצעס, א מאָנאטלעכער זשורנאל. זי האָט געהייסן „דער קיטל“. דאָס איז געווען אין דעם יאָר 1904. דערנאָך האָב איך געדרוקט „די מע־שוגענע אין דאָרף“ אין א. רייזינס א וואָכנטלעך בלאט „דאָס יידישע וואָרט“, ארויסגעגעבן אין דעם יאָר 1905. איך האָב געדרוקט אין „דער יידישער צוקונפט“, א טעריטאָריאַליסטישער אָרגאן, ארויסגעגעבן דורך ד״ר וואָרטסמאן. די זאך הייסט „א כויוו“. אין דער זעלבער ציַיט, מיט אייניקע מאָנאטן שפעטער, האָב איך געדרוקט מיַין „א שטעטל“ אין דעם טעגלעכן בלאט „דער וועג“, דאָס האָט שוין געמוזט זיַין אין דעם יאָר 906. „קנאה און תאוה“ („קינע און טייַווע“) האָב איך אָנגעשריבן אין דעם יאָר 908. און וויַיטער אזוי, האָב איך געדרוקט אין פארשיידענע וואָכנטלעכע און מאָנאטלעכע אָרגאנען. איך האָב אויך געדרוקט אין „ירחון“[1], א ווילנער העב־רעיִשער זשורנאל. די זאך הייסט „קריינדעלע“. איך האָב אייַך איצט ארויסגעשיקט מיַין „א שטעטל“.

מיט אכטונג וויַיסענבערג

אפן שטעמפל פון פאָסט־קארטל איז אָנגעוויזן די דאטע 7.10.09.

[1] „ירחון“ („יארכוין“, כוידעשלעכער זשורנאל), געמיינט „הזמן“ („האזמאן“, „די ציַיט“).

אין קומענדיקן נומער וועט פאָרגעזעצט ווערן די פובליקאציע פון בריוו צו י. צינבערגן.

נאָרוואָס דערשינען

„אַזוי לעבן מיר"

אין רעוואָלוציאָנערע עפּאָכעס קומט פאָר די איבערגעשטאַלטונג פונעם לעבן אַזוי האַסטיק און געשווינד, אַז די ליטעראַטור מוז מאַכן גרויסע אָנשטרענגונגען, קעדיי ניט אָפּשטיין פונעם לעבן און, פאַרקערט, באַוועגן זיך פאָרויס, רופן דאָס פאָלק צו אַלץ נײַע און נײַע אופטוען. אין אַזעלכע עפּאָכעס באַקומען אַ באַזונדערע באַדײַטונג די מער דינאַמישע, קאָמפּערישע זשאַנרען פון ליטעראַרישער שאַפונג, און אין דער ערשטער ריי — דער פאַרצייכענונג־זשאַנער.

די פאַרצייכענונג אַלס קינסטלעריש־פּובליציסטישע דערציילערישע פאָרם איז אײַנציִיטיק, אַזוי צו זאָגן, „דיכטונג און וואַרהײַט", קונסט אוןווירקלעכקײַט. דער אַווטאָר פון דער פאַרצייכענונג באַשרײַבט אַ פאַקט, אַן עפּיזאָד, וואָס איז פאָרגעקומען אין לעבן, אַ מענטשן, וועלכער איז טעטיק אין דער סאָציִאַלער סוויווע, וואָס רינגלט אים אַרום. די געשעעניש, דער מענטש, דער קאָנפליקט זײַנען ניט געשאַפן דורך דעם קויעך־האַדימיען, דורך דער פאַנטאַזיע פונעם אַווטאָר. דערמיט איז אַבסאָליוט ניט געמיינט און ניט געזאָגט, אַז די פאַרצייכענונג איז בלויז פאַקטן־באַשרײַבונג און אַז דער אַווטאָר פון דער פאַרצייכענונג איז אומפאַרמײַדלעך פאַרורטיילט אויף נאַטוראַליסטישער שילדערונג. פאַרקערט. דער שרײַבער און שעפער פון דער פאַרצייכענונג קאָן ניט ווייניקער, ווי די שעפער פון אַנדערע קינסטלערישע זשאַנרען, אי באַשרײַבן די לעבנס־געשעענישן, די לעבעדיקע העלדן פון דער ווירקלעכקײַט, אי אַלזײַטיק אויספאָרשן דעם פאַקט, אים פאַראַלגעמיינערן, מאַכן דעם אָפּקלײַב פון פּראַטים און דעטאַלן, אַרײַנדרינגען אין דער פּסיכאָלאָגישער טיפקײַט און פאַרוואַנדלען דעם באַשריבענעם פאַקט אין אַ כאַראַקטעריסטיש בילד, אין אַ טיפּישער דערשײַנונג פון דער רעאַלער ווירקלעכקײַט. דער פאַרצייכענונג־זשאַנער גיט אַ מעגלעכקײַט דעם שרײַבער צונויפפּאָרן די פּובליציסטיק מיט קונסט. דער אַווטאָר ווערט אי אַ פאָרשער, אַ היסטאָריקער, אי אַ קינסטלער. די פאַרצייכענונג מוז אויפן ענגסטן אויפן זײַן פאַרבונדן מיטן לעבן, מיט מענטשלעכער אַרבעט, מיט די באַדינגונגען פון אַרבעט, מיט מענטשלעכע איבערלעבונגען אין פּראָצעס פון אַרבעט, מיט שטייגער, מיט דער נאַטור. אין דער זעלבער צײַט איז דער אַווטאָר פון דער פאַרצייכענונג פרײַ אינעם קינסטלערישן אויסוואַל, אין שעפערישער אײַנפאַלערישקײַט און אַנטדעקונג. אין דעם באַשטייט די קראַפט פון דער פאַרצייכענונג. און אין דעם באַשטייט אויך די קראַפט פון דער זאַמלונג פאַרצייכענונגען „אַזוי לעבן מיר".

די זאַמלונג, וועלכע ווערט דאָ באַטראַכט, איז טאַקע אַ רעזולטאַט פון דער פאַרבינדונג מיטן לעבן, וועלכע איז פאַר די לעצטע יאָרן אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. דאָס זײַנען פאַרצייכענונגען, וועלכע עס האָבן געשאַפן 19 שרײַבער אין פאַרשיידענע ראַיאָנען פונעם לאַנד. און אויב מיר ריידן וועגן אַן אויפלעבונג אין אונדזער פּראָזע, איז די דאָזיקע זאַמלונג פאַרצייכענונגען עפּשער איינע פון די בעסטע באַווײַזן פון דער דאָזיקער אויפלעבונג. מע דאַרף אָנערקענען, אַז אַזוי שטורמיש, ווי פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר, האָט דער פאַרצייכענונג־זשאַנער זיך נאָך ניט אַנטוויקלט אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

„אַזוי לעבן מיר" — דאָס איז אַ פּאַנאָראַמע, מע וואָלט געקאָנט זאָגן, אַ זיך באַוועגנדיקע פּאַנאָראַמע בילדער פון דעם לעבן פון די ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד אין די 60־ער יאָרן, אין אונדזערע טעג.

דער ברייטער פאַרנעם און די פאַרשיידנאַרטיקײַט פון די בילדער און געשטאַלטן אין דער זאַמלונג „אַזוי לעבן מיר" איז אויסגעדריקט אַפילו אין דער רײַכקײַט פון דער „געאָגראַפיע", וואָס ווערט דאָ באַשריבן. שמואל גאָרדאָן און שירע גאָרשמאַן מאָלן בילדער פון אַרבעט און שטייגער אין מיטל־אַזיע אויף דער צעלינאַ; יוסף קערלער שרײַבט וועגן דעם גרויסן אוראַל, וווּ אַמאָל האָט קיין ייִד מיט קיין פוס די ערד ניט באַטראָטן; טעוויע גען דערציילט וועגן ווײַטן מיזרעך, וווּ עס האָט זיך אויסגעשפּרייט די ייִדישע אַווטאָנאָמע געגנט; מאָטל גרוביאַן שילדערט דעם צאָפּן־קאַנט, וואָס איז אַמאָל געווען „קאַלט, ווי גראָער טאָג פון עסקימאָסן אין שנייִק־ווילדן לאַנד...", און וואָס איז איצט איבערגעשטאַלטיקט געוואָרן דורך מענטשלעכער אָרגאַניזירטער מי; אַפילו בלויז די פאַרצייכענונגען פון איין אַלעקסאַנדער גובניצקין גיבן אײַנציִיטיק בילדער וועגן דער יונגער נאַפט־שטאָט סומגאַיִט, וועלכע איז ערשט אַלט געוואָרן 15 יאָר, וועגן דער נאָך ייִנגערער שטאָט בראַטסק, וועגן דעם אַלטן דאָנבאַס און וועגן דעם העלדיש־לעגענדאַרן וואָלגאָגראַד. און אַוודע שוין, דאָס לעבן אין די אַלטע ייִדישע ייִשוּווים — אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד, ליטע, מאָלדאַוויע — באַשרײַבן די אַווטאָרן פונעם זאַמלבוך. נײַעם שטייגער, נײַע שטריכן פונעם לעבן געפינען מיר אין די פאַרצייכענונגען פון יעכיִעל פאַליקמאַן, אַוורעם גאָנטאַר, מייער יעלין, כאַיִם מעלאַמוד, מאָטל סאַקציִער, הערשל פּאָליאַנקער, יעכיִעל שרײַבמאַן, אויזער האָלדעס, שלוימע ראַבינאָוויטש. די אומענדלעכע ווײַטן, די ברייטן און לענגען פון אונדזער גרויס לאַנד פאַלן אַרײַן אין דעם שילדערונגס־קרײַז פונעם זאַמלבוך „אַזוי לעבן מיר".

עפּעס אַן אַלטמאָדיש באַלעבעסל קאָן נאָכאַמאָל (דאָס וויפילטע מאָל שוין!) לאָזן אַ טרער (קראָקאָדיל־טרערן!) וועגן דעם ביטערן מאַזל פונעם ייִדישן פאָלק, וואָס איז נעבעך פאַרורטיילט זײַן „צעזייט און צעשפּרייט" איבער די פרײַע ראַכוועסן פון אונדזער לאַנד. עס זײַנען נאָך עפּשער פאַראַנען אייניקע מענטשן אין אויסלאַנד (און

„אַזוי לעבן מיר". דאָקומענטאַלע נאָוועלן, פאַרצייכענונגען, רעפּאָרטאַזש. מאָסקווע, „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" — „סאָוועטיש היימלאַנד", 1964, זז. 489, פרײַז 71 קאָפּ.

עפּשער אַפילע באַ אונדז אויך!), וואָס בענקען נאָך דעם טרויעריק־באַרימטן טכום־האַמוישעוו, נאָך דער ייִדישער געטאָ באַ דעם צאַרישן רעזשים. דאָרט האָבן אַפּאַלאַגעטן פונעם נעכטן דוירעס־לאַנג, אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער, אָפּגעהיט מיטלאַלטערלעכע רעליגיעזע פאָרורטיילן, דאָרט האָט מען אַקשאָנעסדיק פאַרקלאַפּט דעם באַוווּסטזײַן פון קינדער און יוגנטלעכע מיט מיסטישע באַגריפן און פאָרשטעלונגען וועגן יענער־וועלט, מיט רעאַקציאָנערע אידייען וועגן אונטערוואַרפן זיך יעדער מין אונטערדריקונג. די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן דעם שמאָלן, מאָרעשכוירעדיקן, נעבעכדיקן טכום־האַמוישעוו מיט דער שוידערלעכער אָרעמקײַט, מיט פּאָגראָמען פון די שוואַרצמייִשע באַנדעס. די דאָזיקע אַרענע איז שוין פון לאַנג ניטאָ. אין לאַנד פון די ראַטן איז שוין פון איר אַפילע קיין סימען ניט געבליבן. און דער נײַער דאָר קאָן זיך שאַפן אַ פאָרשטעלונג וועגן יענעם שווערן אָוואַר בלויז לויט די ווערק פון די קלאַסיקער. באַ די הײַנטצײַטיקע ייִדישע שרײַבער איז דער אָביעקט און די אַרענע פון קינסטלערישער שילדערונג אינגאַנצן אַנדערע — דאָס גאַנצע לאַנד, דער גאַנצער ערדקײַלעך און אַפילע דער קאָסמאָס, די אומענדלעכע אַלוועלט.

אָבער די זאַמלונג „אַזוי לעבן מיר“, וועגן וועלכער עס גייט דאָ אַ רייד, צייכנט זיך אויס ניט בלויז מיט דער אייגנאַרטיקער „געאָגראַפיע“. נאַטירלעך, ס'איז וויכטיק אויך געאָגראַפיע, ווײַל דאָס איז דאָך ניט בלויז דער קאַנט, די ערד, די פלאָרע און פאַונע, די בערג און טאָלן, טײַכן און יאַמען. דאָס איז דאָס היימלאַנד, די מעקוימעס, ווו דו ביסט געבוירן, געוואַקסן, ווו דו האָסט געאַרבעט, געשאַפן, געקעמפט און אויסגעקעמפט אַ לעבן און באַצאָלט דערפאַר שוין גאָר ניט אַזוי ווייניק!

אָבער ניט בלויז וועגן דעם און אַפילע ניט דעריקער וועגן דעם גייט אַ רייד אין דעם זאַמלבוך פאַרצייכענונגען „אַזוי לעבן מיר“. וועגן דעם באַלעבאָס פון אַט דעם אויסגעקעמפטן לעבן, פון דעם בלוט־אייגענעם לאַנד — וועגן דעם נײַעם סאָוועטישן מענטשן, דעם נײַעם ייִדן, וועלכער האָט צוזאַמען מיט אַנדערע ברידער־פעלקער אויסגעבויט אַ נײַע וועלט, — וועגן די רומפולע אויפטוען פון די דאָזיקע מענטשן דערציילט דער זאַמלבוך.

אָט לייענען מיר, לעמאָשל, באַ גובניצקין וועגן דעם דאָצענט שימען שטשעגאָל — דעם אָנפירער פון דער צענטראַלער לאַבאָראַטאָריע אפן זאַוואָד פון קאַוטשוק; וועגן זײַן פאָטער שלוימע שטשעגאָל — דעם הויפּט־אינזשעניר אין די רעמאָנט־וואַרשטאַטן אין סעוואַסטאָפּאָלער פּאָרט, וועלכער האָט אין די מילכאָמע־יאָרן אָפּגערעמאָנטירט ניט איין עסמינעץ־שיף; אָדער וועגן זאַלמען גוטמאַן מיט זײַנע זיבן זין אינזשענירן (די פאַרצייכענונג „סומגאַיִט“); אָט איז פאַר אונדז לייע גאָלדבערג, אַ העלדן — מײַסטער פון הויכע גערעטענישן אף דער צעלינאַ. וועגן איר שרײַבן ש. גאָרדאָן („צעלינאַ“) און ש. גאָרשמאַן („קומט, ווען די טולפּאַנען בליִען“); און אָט לייענען מיר די פאַרצייכענונג פון אירינע ראַדונסקע וועגן דעם וועלט־באַרימטן געלערנטן אַלעקסאַנדער פרידמאַן, וועלכער האָט „פאַריכט“ דעם פעלער פונעם „גאָט אַליין“ פון דער הײַנטצײַטיקער וויסנשאַפט אַלבערט איינשטיין („אַ נעסיִע צו עק וועלט“). י. קערלער שאַפט אין זײַן פאַרצייכענונג („אוראַלער מאָזאַיִק“) אַ גאַנצע גאַלעריי געשטאַלטן פון נײַע מענטשן, הויכקוואַליפיצירטע מײַסטערס פון דער פּראָדוקציע און פון אַ גליקלעך פּערזענלעך לעבן: אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש כראָמצאָוו — דעפּוטאַט פון אויבער־סאָוועט, בריגאַדיר פון דער בריגאַדע פון קאָמוניסטישער אַרבעט אף אַן אוניקאַלן אַגרעגאַט פון „אוראַלמאַש“, אַווראָם קראַסנאָגאָר — אַ טאָקער פון מעטאַל, כאַיִם ווינאָקורסקי — קאַנדידאַט פון טעכנישע וויסנשאַפטן.

אייניקע פאַרצייכענונגען פון דער זאַמלונג „אַזוי לעבן מיר“ מאָלן ניט בלויז דעם הײַנטיקן טאָג פונעם סאָוועטישן מענטשן, נאָר אויך די פאַרגאַנגענהײַט. די אַוטאָרן פון די דאָזיקע פאַרצייכענונגען — אַווראָם גאָנטאַר („אַ געווייִנלעכע פאַמיליע“), הערשל פּאָליאַנקער („אַ גאַסט פון אויסערײַסעניש“), כאַיִם מעלאַמוד („לייב ווילשאַנסקי, זײַנע זין און טעכטער“), מאָטל סאַקציִער („דער ייִכעס־בוים“), יעכיִעל שרײַבמאַן („מײַן יונגער פּראָספּעקט“) און אַנדערע טרעטן אַרויס פאַרן לייענער אי אַלס קינסטלער־פּובליציסטן, וואָס שילדערן די הײַנטצײַטיקע ווירקלעכקײַט, אי אַלס קינסטלער היסטאָריקער, וועלכע דערציילן וועגן די פאַרגאַנגענע אַנטוויקלונגס־עטאַפּן פונעם לעבן. אין די דאָזיקע פאַרצייכענונגען שילדערן די אַוטאָרן ניט בלויז די עוואָליוציע, די היסטאָרישע אַנטוויקלונג, נאָר אויך די קאָנטראַסטן צווישן אַלטן און נײַעם, צווישן דעם, וואָס איז שוין אף שטענדיק פאַרלוירן געגאַנגען, און דעם, וואָס אַנטוויקלט זיך און גייט פאָרויס. אַזאַ שילדערונגס־מעטאָד, אַזאַ מיטל פון קעגנשטעלן שטרײַכט אונטער נאָך שאַרפער און בולעטער די ראַנדן און פאַרבן, די ליכט און שאָטן.

די פאַרצייכענונגען, וואָס גייען אַרײַן אין זאַמלבוך „אַזוי לעבן מיר“, זײַנען ניט קיין שמאָלע, באַגרענעצטע, ניט קיין מאָמענטאַלע אינפאָרמאַציעס, וואָס לעבן איין טאָג. דאָס זײַנען קינסטלערישע דערציילונגען, וואָס לויט זייער מײַסטערשאַפט, לויט דער פאַראַלגעמיינערונגס־קראַפט, לויט דער דעטאַל־מאָלערײַ, לויט דער פּסיכאָלאָגישער כאַראַקטעריסטיק פון די פּערסאָנאַזשן זײַנען זיי אפן ניוואָ פון ליטעראַריש־דערציילערישע ווערק. זעלבסטפאַרשטענדלעך, די פאַרצייכענונגען זײַנען ניט גלײַכוואַרטיק. נאָר אַלע פאַרצייכענונגען זײַנען וויכטיק לויט זייער אידייִשן אינהאַלט, לויט זייער אַקטועלקײַט, לײַדנשאַפטלעכקײַט און לויט זייער פונקציאָנעלער באַדײַטונג.

מיר זײַנען געווינט צו זאָגן, אַז ווען עס זאָלן פאַרלוירן גיין אַלע ליטעראַרישע דענקמעלער וועגן דעם לעבן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין צאַרישן רוסלאַנד, נאָר עס זאָלן בלײַבן בלויז די ווערק פון מענדעלע מויכער־ספאָרים און שאָלעם־אַלייכעם, וואָלט עס געווען גענוג אף צו שאַפן זיך אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם גוירל פון דעם ייִדישן פאָלק ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. אויב דאָס קאָנען מיר, נאַטירלעך, ניט אינגאַנצן אָנווענדן לעגאַבע אונדזער צײַט צו איין זאַמלונג, גלייבן מיר דאָך, אַז דער קומענדיקער היסטאָריקער וועט דאָ געפינען ניט ווייניק מאַטעריאַל, קעדיי ריכטיק דערציילן אויך וועגן אונדזער לעבן.

ה. פייגין.

„האָריזאָנטן"

די מיצווע פון אָנזאָגן א גוטע בסורע איז געוויס איינע פון די גרעסטע, און די דאָזיקע מיצווע שטייט מיר פאָר צו פאַרדינען. איך האָב אָנצוזאָגן דעם לייענער, אַז אפן טיש בא מיר ליגט א סייפער פון 540 זייַטן, ארויסגעגעבן אין מאָסקווע. דער דאָזיקער סייפער הייסט „האָריזאָנטן" און שטעלט מיט זיך פאָר, מע מעג זאָגן, א מין קליינע אנטאָלאָגיע פון דער יידישער סאָוועטישער פּאָעזיע. איך זאָג „סייפער" ניט ווייַל ס'איז מער יידישלעכער צי קלינגעוודיקער, ווי „בוך", נאָר ווייַל אַן אנטאָלאָגיע פון פּאָעזיע איז אין א באַדייַטנדיקער מאָס דער שיר־השירים פון א ליטעראַטור; און שיר־השירים קומט צו אונדז פונעם ווייַטן אָוואַר באַנאַנד מיטן נאָמען „סייפער". ס'איז טאַקע דאָס זעלבע, וואָס „בוך", און דאָך — ניט אינגאַנצן דאָס זעלבע.

און נאָך האָב איך אָנצוזאָגן: די דערשינענע אנטאָלאָגיע גיט א מעגלעכקייַט באַקומען א פאָרשטעלונג וועגן דעם צושטאַנד פון דער הייַנטצייַטיקער יידישער סאָוועטישער פּאָעזיע און דאָס רעכט צו ריידן וועגן איר ווי וועגן א דיכטונג פון א באַדייַטנדיקער אידייִש־קינסטלערישער הייך.

„אין די שווערע צייַטן, — האָט זיך געקלאָגט אין „מע־קובאָלים" ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ, — פאַלט אפילע טויִ־רע — די בעסטע סכוירע — אויך". די יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט אין דער ניט גאָר ווייַטער פאַרגאַנגענהייַט איבערגעלעבט שווערע צייַטן; זי איז אָבער גויווער געווען אַלע שוועריקייַטן, אויסגעשטאַנען, און צוזאַמען מיטן פאָלק איז זי פאַרבונדן מיטן הייַנטיקן סאָוועטישן לעבן. א בולעטער באַווייַז דערפון זייַנען די לידער אין דער נאָרוואָס דערשינענער אנטאָלאָגיע.

„ווי א באַרג־טייַכל לעבעדיק־פריש, האָט ניט אופגע־הערט שטראָמען מייַן ניגן", — דערציילט וועגן יענער צייַט די דיכטערן, וואָס שטייט „באַם אופקום פונעם טאָג מיט פרילינג אין די אויגן", ראָכל בוימוואָל אין איר ליד „א שמועס מיטן לייענער".

וועגן דער זעלבער צייַט לייענען מיר בא ארן ווערגע־ליסן אין איינער פון זייַנע לידער: „געגאַנגען מיר זייַ־נען איבער הארטע הרודעס פּייַן, דעם ציל געזען מיר האָבן אָבער קלאָר".

די „הרודעס פּייַן" זייַנען ניט געוואָרן און האָבן ניט געקאָנט ווערן די הויפּט־טעמע פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

די הויפּט־טעמע בא די דיכטער, וואָס זייַנען פאָרגע־שטעלט אין דער אנטאָלאָגיע, און פאָרגעשטעלט זייַנען אין איר פופציק פּאָעטן, — איז דאָס גרויסע סאָוועטישע לעבן, דער נעכטן, דער הייַנט און דער מאָרגן פון דעם סאָוועטישן פאָלק. מיט דעם ווערט פאָרגעזעצט דער גאָל־דענער פאָדעם פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט שטענדיק, אָפּשפּיגלענדיק דאָס נאַציאָנאַלע, ארויסגערוקט אפן פאָדערגרונט דאָס, וואָס פאַרייניקט און פאַרברידערט מענטשן. הומאַניזם האָט פאַרנומען און פאַרנעמט אויך איצט א באַדייַטנדיק אָרט אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור. פאַר מאָטל גרוביאַנען, יאָסל לערנערן, דאָרע כייַקינע, שיפרע כאָלאָדענקאָ און אנדערע איז די ווייַטע קאָנגאָ, די רעוואָלוציאָנערע קובע געוואָרן אויך א יידישע טעמע. דער מאָטיוו פון מענטשן־ליבע, פון „האַוואַנאַ" גייט אָבער האַנט־בא־האַנט מיטן מאָטיוו פון קאַמף קעגן מענטשן־סינע, מיטן „שיין טאַכאַס שיין" (א צאָן פאַר א צאָן).

„כ'וויל זייַן א גוטער, לאָזט מען מיך ניט", און דער דיכטער פון „שלאָפלאָזן זיקאָרן" יוסף קערלער זעצט פאָר: „דו זאָלסט די שווערע לאַסט פון אומרו און פון צאָרן, דעם אויצער גרויזאַמען, וואָס מיר פאַרמאָגן, צו דייַנע ווייַטע קינדס־קינדער דערטראָגן".

מיטן דערשייַנען פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" איז די יידישע ליטעראַטור צוריק געוואָרן א ליטעראַטור שעביקסאַוו. דאָס אליין, פאַרשטייט זיך, האָט געבראַכט צו א נייַעם אופשטייַג. די צונויפשטעלער פון דער זאַמ־לונג האָבן געטאָן ריכטיק, וואָס זיי האָבן פאָרגעשטעלט די דיכטער ניט נאָר מיט זייערע לעצטע שאַפונגען און אזויאַרום געגעבן דעם לייענער די מעגלעכקייַט זיך באַ־קאַנען אין א געוויסער מאָס מיטן שעפערישן וועג פון יעדן פּאָעט.

פאַר די דיכטער האָט עס באַטייַט: ארויסטרעטן פאַרן לייענער מיט א באַריכט פאַר צוואַנציק, דרייַסיק, פער־ציק יאָר שאַפן. מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס קימאַט יעדער דיכטער טרעט ארויס מיט זייַן קרעדאָ. בא דעם ערדיש־ראָמאַנטישן שלוימע רויטמאַן, וואָס זוכט „דעם אָנהייב פון אַלע אָנהייבן", איז דער דיכטער — א פויגל, וואָס פליט „מיט זייַן פלייט אין הייכן זינגען". אין איי־נער פון זייַנע מילכאָמע־ און ליבע־לידער דערקלערט דער צאַרטער ליריקער איטשע באָרוכאָוויטש: „כ'וויס פון וואָרט די גוורע, כ'וויס פון וואָרט דעם סאָד, אין איעדער שורע מייַן אָנהייב און מייַן סאָף". בא אווראָם גאָנטאַרן, דעם דיכטער, וועלכער האָט אנטפלעקט דעם סאָד „פון קלוגן בוים, וואָס האָט באַזיגט דעם ווינט פון צאָפן", לייענען מיר אין דער ליד „דאָס בייגעלע פּאַ־פּיר": „איך וואָלט געקענט אפילע לייַגן דיר, די לערכע אָפּנאַרן, אַז זי זאָל מיינען — זי הערט איר זיווע אָף א צווייַגל ווינען, נאָר הארגע מיך, כ'זאָל אָפּנאַרן דאָס בייגעלע פּאַפיר, דאָס ווייַסע בייגעלע דאָס ריינע".

ריווע באַליאַסנע פאָדערט, אַז די ליד אירע „זאָל זייַן געשמאַק, ווי קאָרנברויט", און זי דערקלערט: „וואָס בין איך אָן מייַן פאָלק?". מע קאָן גלייבן דעם דיכטער פון דעם שטאַרקן פילאָסאָפישן ציקל, דעם מייַסטער פון אפאָריזמען הירש אָשעראָוויטש, אַז „צו באַשרייַבן עכט איין טרער דאַרף מען אויסשרייַבן א טינטער" און אַז „אויסריידן אַלץ, וואָס מע שטייט אויס פון וואָרט, פעלן אויס ווערטער".

לידער, געווידמעט די זעקס מיליאָן קדוישים פון אונד־זער פאָלק, פאַרנעמען א גרויס אָרט אין דער שאַפונג פון יעדן דיכטער, און די דאָזיקע לידער איז אָפּגעגעבן אין דער אנטאָלאָגיע פיל אָרט. זיי זייַנען ניט אויסגעטיילט באַזונדער, נאָר שטייען צוזאַמען מיט די מילכאָמע־לידער,

---

„האָריזאָנטן". פון דער הייַנטצייַטיקער סאָוועטישער יידישער דיכטונג. מאָסקווע, „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" — „סאָוועטיש היימלאַנד", 1964, 540 זייַטן.

און אין דעם ליגט א טיפער זין. בא דעם פייקלער פון זיין דאָר, דעם ראָמאנטיקער מוישע טייף, וועט דער לייענער באגלייך מיט די אומפארגעסלעכע פיינפולע „קיכעלעך מיט זעמעלעך", „אף גיטקע טייבעלעס זאווולעק" באגעגענען די העלדישע באלאדע „דעם קלעזמערס אייניקל". אזעלכע מאָטיוון באגעגענען מיר אויך בא מאָטל טאלאַלאיעווסקין, כאיִםביידערן, דאַוויד בראָמבערגן און אנדערע.

באזונדערס שטארק שרייַט ארויס דער ווייטעק און גוורע פון פאָלק אין דער שאפונג פונעם אייגנארטיקן פאָעט מאָטל גרוביאן. אַפט הערן מיר אין זיינע לידער די שטים פון פראָטעסט: „רופט אוף די מערדער צו דער טליִע, ביז דער הימל פון קרעמאטאָריע־קוימענס איז ניט געוואַרן נאָך בלינד". אין דער ליד „צעבראָכענער גאָט" רופט אויס דער דיכטער: „טו טשוווע, שיט אויס אש אף דיין קאָפּ און יאָמער מיט צאר און גרויל".

מיר הערן אָבער אויך אין אים די שטים פון דעם גוט־הארציקן פאָלקס־מענטש, וואָס „מיטן הארצן פארשטעל איך דעם שייטער פון ווינט, אזוי ווי א מאמע פארשטעלט איר קינד", און וועלכער טרוימט נעמען מיט א קאַראַמיסל אף די אקסל „הימל און ערד, ווי צוויי עמער".

דעם הימל, א פארויכערטן פון די קרעמאטאָריע־קוימענס, באגעגענען מיר אויך אין דער שאפונג פון ה. בלאָשטיינען, פון יאָסל לערנערן. בלאָשטיין און לערנער קומען שוין אָבער ניט שטראָפן, נאָר טרייסטן. „וויש אויס דעם הימלס פארווייַנטע אויגן", — רופט אויס יאָסל לערנער.

אין דער אנטאָלאָגיע איז ברייט פארטראָטן די סוזשעטישע ליד, די באלאדע און טיילווייַז אויך אויסצוגן פון פאָעמעס. „צאָב־צאָבע", „דער פעטער", „דעם בלעכערשן האמער — מיין הימן", „אין שלאכט פאר קאפוליע" פון זיאמע טעלעסין, „געבענטשט זאָל זיין די האָרעוואניע", „הער זיך איינעט", „יאָרן, יאָרן מיינע"... פון כאיִם מאלטינסקי זיינען לידער פון באדייטנדיקער פאָעטישער מייסטערשאפט און עכטער פאָלקסטימלעכקייט.

די סוזשעטישע לידער בא די דאָזיקע צוויי דיכטער זיינען אייגנארטיקע נאָוועלן, וואָס טיילן זיך אויס מיט דער בילדערישקייט און לאקאָנישקייט פון דער שפראך, מיט דער פולבלוטיקייט פונעם געשטאלט. „א הילצערנעם וואָגן מיט מאָגערע סנאָפּעס געשלעפט האָט אן אָקס און פארמאטערט געסאָפעט. צאָב־צאָבע". אין די דאָזיקע צוויי שורעס פון זיאמע טעלעסין דערפילן מיר באלד ווייסרוסלאנד. „די באָרד צו דער ציראטע אָנגעבויגן און שורשעט, ווי א בעזעם אקוראט, די אויסגעבענקטע קורצזיכטיקע אויגן, זיי טרערן זיך און זעען ניט קימאט", אזא איז דער פעטער כאיִם־שייע פון דער אָנשוילעכער ליד „דער פעטער".

כאיִם מאלטינסקי שרייבט: „אין קלומיקל אין מיינעם, אין א העמד — איינגעוויקלט, איינגעניייט און איינגעדרייט מיינע לידער מיט א לעבל ברויט". די עטלעכע שורעס דערמאָנען באלד דעם לייענער וועגן דעם טייערסטן, וואָס איז בא א פאָשעטן ארבעטס־מענטשן שטענדיק געווען פארבונדן מיט ברויט, מיט א פרייַזאט לעבן.

אין דעם אויסצוג פון דער פאָעמע „מיין אנקעטע" („בארג־אראָפּ, בארג־אראָפּ א צעבראָכענע פור") פון אייזיק הובערמאנען שפיגלט זיך אָפּ דער בארג־ארוף פונעם יונגן דאָר; און מיט דעם איז זי פארבליבן אין דער ליטעראטור.

די סוזשעטישע ליד פארנעמט א באדייטנדיק אָרט אין דער שאפונג פון יאָסל בוכבינדער, כאָנע ווייַנערמאן, שיפרע כאָלאָדענקאָ, יעשוע לאצמאן, מאָטל סאקציִער, כאנע לעווין, מאָטל שטורמאן, מאָטל גאָלבשטיין. צו דעם דאָזיקן ציקל געהערן אויך די מעשאָלים פון מארק ראזומני.

ראָמאנטיש דערהויבן און אין דער זעלבער צייַט ערדיש פּראָסט זיינען די לידער פון די בירעבידזשאנער דיכטער: בוזי מילער, וואָס זאָגט, אז „אויב ס'איז באשערט, עס זאָלן אופרייסן נאָך הילכן אף דער ערד, איז נאָר אזעלכע, ווי אָט די, וואָס רייסן הארטן אייַז אין פרילינגדיקן פרי"; איציק בראָנפמאן, וועלכער באגעגנט דעם פרילינג „אף אן אייַזערנעם, א נייַעם בריק", ווי אויך ליובע וואסערמאן און אזעלכע „אמאָליקע בירעבידזשאנער", ווי פייסי יאנאָווסקי, הירש רעלעס, וועלכער איז זיכער, אז „אויב ס'וועט אמאָל אהער פארבלאָנדזשען די געשיכטע, וועט זי אויך עפּעס דערציילן וועגן מיר", אאַ.

בירעבידזשאנער מאָטיוון באגעגענען מיר אויך בא דעם אַדעסער פאָעט כאָנע ווייַנערמאן („א פישער", „געהילץ־טרייבער") און בא ארן ווערגעליס אין דעם אויסצוג פון דער פאָעמע וועגן יויסעף בומאגין, אין דער ראָמאנטישער ליד „איר האָט נאָך, קינדער, ניט געזען..." און אין אנדערע לידער.

„איך און וועלט", „איך און פאָלק", „אליין וואָס באַדייט איך, ווער בין איך אליין" — אָט די דאָזיקע פראגן שטעלן פאר זיך די ליריקער מענדל ליפשיץ, מייער כאַראַץ, מאקס ריִאנט, פיניע קיריטשאנסקי. יעדער איינער ענטפערט אף זיין אויפן. מענדל ליפשיץ: „נאָר מיטן פאָלק איז באשערט מיר צו זיין"; מייער כאראץ, בא וועמען „אין זיקאָרן פון מיין טרויער, קלינגט דעם כאזנס אן אייל־מאָלע", — ענטפערט אף דער זעלבער פראגע: „מע דארף זיך שטעלן אף א הויכן אָרט און שטיין דאָרט אף דער וואך, ווי א סאָלדאט". אין מאָטל גרוּוומאנס ליד „דער וועג פון לעבן" לייענען מיר: „בא לאדאַגער ברעגן, אין פייער אין סאמען, מיר זיינען צוזאמען מיט פעלדזן געשטאנען". דער דיכטער קיריטשאנסקי זאָגט: „איך האָב ניט פארשפעטיקט, כ'בין דאָ צו דער צייַט!". דערמיט רופט ער זיך איבער מיט ארן קושניראָוון, וועלכער האָט מיט יאָרן צוריק געשריבן: „וויל צו די, וואָס קומען צו דער צייַט, וויל צו די, וואָס האָבן ניט פארשפעטיקט".

ניין, די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור האָט ניט פארשפעטיקט. זי איז געקומען צו דער צייַט און שפיגלט אָפּ די צייַט אין פולן זין פון וואָרט.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם ווילט זיך באזונדערס ריידן וועגן דער קינדער־דיכטונג. שוין מיט דעם אליין, וואָס זי פארנעמט אין דער אנטאָלאָגיע אזא בעקאָוועדיק אָרט, זאָגט זי זייער א סאך דעם לייענער.

ס'איז קימאט ניט צו געפינען אין דער ייִדישער ליטעראטור, אָנהייבנדיק פון מענדעלען, קיין איין באַדייטנדיקן קינסטלער, וועלכער זאָל ניט געווען שרייבן פאר קינדער. אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור איז אופגעקומען א טאלאנטפולע פלעיאדע שרייבער, וועלכע האָבן געווידמעט זייער שאפונג הויפּטזאכלעך דעם יונגן אונטערוואקסנדיקן דאָר. לייב קוויטקאָ איז ברייט באוווסט דעם לייענער פריִער פאר אלץ ווי א קינדער־דיכטער. דאָס זעלבע קאָן מען אויך זאָגן וועגן שיקע דריזן, איינעם פון די אָנגעזעענסטע שעפער פון דער הייַנטצייַטיקער קינדער־דיכטונג, דעם אוטאָר פון אזעלכע

בילדעריש־רײַכע פּאָעטישע קינדער־לידער, ווי „בערעלע“, „אַף דער העלפט“, „פון וואָס זײַנען כאַלוימעס געמאַכט“, „אַדער־אָדער“. שיקע דריז איז פאַרטראָטן אין דער אַנטאָלאָגיע ניט נאָר ווי א קינדער־דיכטער („דער מילנער“, „ניי מיר אוף א גרינע עלטער“, „באַם דאָקטער“).

צווישן די דיכטער, וואָס שאַפן פאַר קינדער און זײַנען פאַרגעשטעלט אין דער אַנטאָלאָגיע, באַגעגענען מיר די נעמען פון דער עלטערער דיכטערן דווירע כאַראַל, פון אווראָם קאַצעוו און אייניקע פון דער גרופּע „נײַע שטימען“: וולאַדימיר דאַנקאָ, גאָלדע מיכעלסאָן.

די דיכטער זײַנען פאַרגעשטעלט אין דער אַנטאָלאָגיע לויטן אַלעפבייס, און לויטן אַלעפבייס קומט דאָס לעצטע וואָרט יאַנקעוו שטערנבערגן.

דאָס לעצטע וואָרט איז דאָס שווערסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע. ווײַל עס פירט אונטער א סאַכאַקל פון דעם, וואָס איז שוין געזאָגט געוואָרן, דעם כאַזאַק־כאַזאַק, און איז אײַנצײַטיק דער בערײַשיס פון דעם נאָך ניט געזאָגטן. יאַנקעוו שטערנבערג איז אין א באַשטימטער מאָס דער דיכטער פון פילאָסאָפיש באַזיניקן דאָס פאַרגאַנגענע און פון „ארופּקלעטערן אַפן שפּיץ בארג, קעדיי דערזען דאָס אַנקומענדיקע“. זײַן „לעצט וואָרט“ באַשטייט פון א גרויסן ציקל פילאָסאָפישע און סוזשעטישע לידער, סויטעס, באַלאַדעס. שוין אליין די נעמען פון די ווערק גיבן א פאַרשטעלונג וועגן דער פילזײַטיקײַט פון זײַן דיכטונג: „איך בין דער דיכטער פון קאַלע וואָקאַרעשט“, „אין אייגענעם געראַנגל“, „די ערדיש־הייסע שטערן“, „דער שפּרונג פון שפּיץ בארג“, „קאַטערינאַ מאַלאַדיצאַ“, „בארג־סימפאָניע“...

איך האָב זיך באַמיט אין אָט דעם קורצן איבערזיכט בלויז אָנוואַרפן אייניקע שטריכן פון דעם שעפערישן וועג פון אונדזערע דיכטער, און ניט מער. דערבײַ וויל איך צוגעבן צו דער בסורע, וואָס איך האַלט אַלץ אין אָנזאָגן, אַז אַן אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער סאָוועטישער דיכטונג ווערט בא אונדז אין לאַנד צום ערשטן מאָל ארויסגעגעבן און אַז ארויסגעגעבן איז זי אין א טיראַזש פון פינף טויזנט עקזעמפּליאַרן, אַף גוט פּאַפּיר, מיט די פּאָרטרעטן פון די דיכטער.

דער לייענער האָט, פאַרשטייט זיך, געוויס באַמערקט, אַז אין מײַן ארטיקל איז מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן די כעסרוינעס פון דער אַנטאָלאָגיע. צי דען, — קאָן פרעגן דער לייענער, — איז דאָרט ניט צו געפינען קיין איין שוואַכע ליד אפילע? פאַראַן, און, צום באַדוערן, ניט איינע. נאָר באַזונדערע בלייכע, דעקלאַראַטיווע לידער, וועלכע באַגעגענען זיך בא אייניקע דיכטער, קאָנען, פאַרשטייט זיך, ניט ענדערן דעם אײַנדרוק, וואָס עס בלײַבט נאָכן איבערלייענען די אַנטאָלאָגיע: די הײַנטצײַטיקע יידישע סאָוועטישע דיכטונג איז א דיכטונג פון גרויסער אידייִש־קינסטלערישער הייך, אין איר איז טיף אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן און דער טרום פונעם סאָוועטישן יידן, פון דעם סאָוועטישן מענטשן.

שמועל גאָרדאָן.

כראָניק

בא די לייענער אין אָדעס

ערעוו נײַ־יאָר איז אין אָדעס פאָרגעקומען א באַגעגעניש פון דער רעדקאָלעגיע און די אווטאָרן פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ מיט די לייענער פונעם זשורנאַל.

אין נאָמען פון דער פאַרוואַלטונג פון דער אָדעסער אָפּטיילונג פון שרײַבער־פאַרבאַנד האָט דעם אָוונט געעפנט דער קריטיקער איוואַן גודז, וועלכער האָט באַגריסט די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ און די יידישע שרײַבער פון מאָסקווע און קיִעוו, וואָס זײַנען געקומען צוגאַסט קיין אָדעס. מיט א פאַרטראָג וועגן זשורנאַל און זײַנע פּערספּעקטיוון איז ארויסגעטראָטן אַרן ווערגעליס.

אין אָוונט האָבן זיך באַטייליקט יעווגעני באַנדורענקאָ, איטשע באַרוכאָוויטש, אווראָם גאָנסאַר, וולאַדימיר געטמאַן, מאָטל גרוביאַן, אירמע דרוקער, וולאַדימיר דאַמרין, כאָנע ווײַנערמאַן, נאָטע לוריע, אַלעקסאַנדער אוואַראַוו, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש, יעכיעל פאַליקמאַן, יאַנקעוו שטערנבערג, סטאַניסלאַוו סטריזשעניוק, מויני שולמאַן.

מיט א רעדע איז אַפן אָוונט ארויסגעטראָטן דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער אַמעריקאַנער פּראָגרעסיווער יידישער צײַטונג „מאָרגן־פרײַהײַט“ פּייסעך נאָוויק.

אַף דער באַגעגעניש פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ מיט די אָדעסער לייענער זײַנען בײַגעווען בא 700 מענטשן.

א באַנד „ליטעראַרישע ענציקלאָפּעדיע“

עס איז דערשינען דער צווייטער באַנד פון דער קורצער ליטעראַרישער ענציקלאָפּעדיע, וועלכער כאַפּט ארום די אויסיִעס Г—З. אינעם באַנד איז פאַרעפנטלעכט אַן איבערזיכט פון דער יידישער ליטעראַטור, אָנהייבנדיק פון דער אוראַלטער העברעיִשער און ביז דער נײַער און נײַסטער יידישער ליטעראַטור.

אין א צווייט ארטיקל — וועגן שריפט פונעם אַלטן און הײַנטצײַטיקן יידיש — ווערט געגעבן א טאַבעלע פונעם יידישן אַלעפבייס מיט דער הײַנטצײַטיקער טראַנסקריפּציע אין לאַטײַן און רוסיש.

אינעם באַנד זײַנען אײַנגעשלאָסן ארטיקלען און נאָטיצן וועגן אכצן יידישע סאָוועטישע שרײַבער (ש. גאָדינער, א. גאָנטאַר, ע. גאָרדאָן, ש. גאָרדאָן, ש. גאָרשמאַן, א. גובניצקי, א. גורשטיין, ט. גען, מ. גרוביאַן, ה. דאָבין, י. דאָברושין, מ. דאַניִעל, אי. דרוקער, ש. דריז, ש. האַלקין, א. האַלדעס, ד. האָפשטיין, א. הובערמאַן) און אויך וועגן יעהודע־לייב גאָרדאָן, א. גאָלדפאַדען, ב. גלאַזמאַן, י. דינעזאָן, יעהודע האַלייווי, פ. הירשביין.

—o—

לויט די טראַדיציעס פון מאַרקסיסטישער קריטיק

בער גרין. ייִדישע שרײַבער אין אַמעריקע. ניו־יאָרק, איקוף, 1963.

מיר שטעלן זיך ניט קיין אויפֿגאַבע גרינטלעך צו אַנאַליזירן דאָס דאָזיקע בוך, וואָס באַשטייט פון טעלעכע צענדליק אַרטיקלען וועגן ייִדישע שרײַבער פון אַמעריקע און נעמט אַרום אַ פּעריאָד פון ליטעראַרישן שאַפן, אָנגעהויבן פונעם ערשטן ייִדישן ביכל, וואָס איז דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1877, און ביז דער לעצטער צײַט. דאָס איז אַן ערנסטע אַרבעט, וועלכע פאַרדינט אַ ברייטערע אָפּהאַנדלונג. און זי וועט געוויס נאָך קומען. אונדזער ציל איז פיל באַשיידענער: מיר ווילן דאָ נאָר געבן אַן אַלגעמיינע פאָרשטעלונג וועגן ווערק און זײַן אויטאָר.

בער גרין איז אַ באַקאַנטער אַמעריקאַנער ייִדישער שרײַבער, דיכטער און עסייִסט. ער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט", רעדאַקטאָר פונעם ליטעראַרישן זשורנאַל „זאַמלונגען". אין די דאָזיקע, ווי אויך אין אַנדערע פּראָגרעסיווע אויסגאַבעס, האָט ער פאַרעפנטלעכט פיל קריטישע און ליטעראַריש־היסטאָרישע אַרטיקלען. איצט, צוזאַמענגענומען אין איין בוך, האָבן זיי בער גרינען אַנטפּלעקט פאַר אונדז ווי אַ באַדײַטנדיקן עסייִסט און ליטעראַטור־פאָרשער.

אין בער גרינס צוגאַנג צו ליטעראַרישע דערשײַנונגען פילט זיך די איינהײַט פון דעם אידייִש־קינסטלערישן אַנאַליז פון ליטעראַרישע דערשײַנונגען. צי רעדט דער אויטאָר וועגן פּראָלעטאַרישע שרײַבער, צי וועגן קינסטלער, וואָס שטייען גאַנץ ווײַט פון דער רעוואָלוציע, — אין ביידע פאַלן איז די אויפֿמערקזאַמקײַט פונעם קריטיקער געווענדט אויף דעם, וויאַזוי און אויף וויפל רעאַליסטיש און וואָרהאַפטיק שפּיגלט דער אויטאָר אָפּ דאָס לעבן און די אינטערעסן פון פאָלק, דעם קאַמף פאַר אַ נײַ לעבן. פאַר בער גרינען איז ליטעראַטור־קריטיק ניט בלויז רעגיסטראַציע פון ליטעראַרישע פאַקטן, נאָר אַ מיטל פון קאַמף פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער ייִדישער רעאַליסטישער פאָלקס־ליטעראַטור, קעגן בורזשואַזע מאָדערניסטישע טענדענצן אין דער קונסט און קולטור.

בער גרין זעצט דאָ פאָר די טראַדיציעס פון דער מאַרקסיסטישער ייִדישער קריטיק אין אַמעריקע, די טראַדיציעס פון מ. ווינטשעווסקי, מ. אָלגין, ק. מאַרמאָר, מ. קאַץ אאַ. אין דער זעלבער צײַט, פאַררופנדיק זיך אין איניקע פאַלן אויף דער ניט־מאַרקסיסטישער ייִדישער קריטיק (באַל־מאַכשאָוועס, ש. ניגער, ב. ריווקין אאַ.), באַמיט ער זיך אויפדעקן די פּרינציפּיעלע מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן, אונטערשיידן זײַן שטאַנדפּונקט פון דער קריטיק, אויף וועלכער ער איז זיך סומך.

האַבנדיק אין זינען אין דער ערשטער ריי דעם אידייִשן און סאָציאַלן אינהאַלט פונעם ווערק, פאַרגעסט אָבער ניט דער קריטיקער די קינסטלערישע אייגנשאַפטן, דעם סטיל פון שרײַבער. בער גרין שטרעבט סינטעזירן דאָס פעסטגעשטעלטע ביז אים און אויך אַנטפּלעקן נײַע אייגנשאַפטן און שטריכן פונעם שרײַבער און פון דעם ליטעראַרישן פּראָצעס אינגאַנצן גענומען.

דאָס ערשטע אַרטיקל פון בוך איז געווידמעט דעם מאַסקיל און דיכטער יאַנקעוו־צווי סאָבעל (1831—1913), דעם קימאַט אומבאַוווּסטן אויטאָר פונעם ערשטן ייִדישן ביכל אין אַמעריקע, וואָס מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט. דאָס איז געווען אַ קליינע לידער־זאַמלונג אין העברעיִש און אין ייִדיש, אינגאַנצן פון פיר לידער, וואָס זייער ליטעראַרישער ווערט איז ביז גאָר אַ קליינער, אָבער, ווי עס ווײַזט אָן בער גרין, זײַנען זיי וויכטיק פון היסטאָריש־שטייגערישן שטאַנדפּונקט, אויף וויפל זיי שפּיגלען אָפּ דאָס לעבן פון די אימיגראַנטן אין יענע יאָרן.

גלײַך נאָך דעם ווערן אין בוך געגעבן פיר אַרטיקלען וועגן די ערשטע ייִדישע פּראָלעטאַרישע דיכטער: מאָריס ווינטשעווסקי, דאָוויד עדעלשטאַט, יוסף באָװשאָווער און מאָריס ראָזענפעלד. זייער שאַפונג און זייער ראָליע אין דער ליטעראַטור און אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ווערט באַלויכטן פילזײַטיק און טרעפלעך. אָט, למשל, ווי עס ווערט געזאָגט וועגן ווינטשעווסקין: „ווינטשעווסקיס וועג האָט זיך געצויגן פון האַסקאָלע צו קאָמוניזם. זײַן וועג האָט געפירט פון אַרן ליבערמאַנס „האמת" („האָעמעס", 1877), דורך זײַן, ווינטשעווסקיס, „אמת" („עמעס", 1895) צום מאָסקווער „עמעס". און ווײַטער: „ווינטשעווסקי איז דער ע ר ש ט ע ר ייִדישער פּראָלעטאַרישער שרײַבער, דער ערשטער, וועלכער האָט אַרײַנגעבראַכט פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ש ע א י ד ע אָ ל אָ ג י ע אין זײַן שרײַבן".

דער אויטאָר פּאָלעמיזירט מיט די בורזשואַזע פײַנשמעקער, וועלכע האָבן „ניט געזען און האָבן ניט געוואָלט זען, אַז די ייִדישע אַרבעטער־דיכטער פון סאָף לעצטן יאָרהונדערט האָבן געטאָן פּיאָנערן־אַרבעט אין פּראַט פון אויסשמידן אַ פּאַסיקן, געהעריקן סטיל, אַ פּאָשעטן פּראָלעטאַרישן סטיל, וואָס זאָל האַרמאָנירן מיט די מאָטיוון פון ביטערער נויט און עקספּלואַטאַציע, פון איין זײַט, און פון די שטימונגען און אָנהייבן פון שאַרפן צאָרן, פון דער צווייטער זײַט".

ווי באַוווּסט, איז אין סאָוועטנפאַרבאַנד ברייט און טיף אויסגעפאָרשט געוואָרן די שאַפונג פון די ערשטע ייִדישע פּראָלעטאַרישע דיכטער. לײַדער האָט בער גרין אויף דעם דאָזיקן בײַטראָג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור־פאָרשונג זיך ניט אָפּגעשטעלט. עס איז אויך אַ שאָד, וואָס אינעם אַרטיקל וועגן ד. עדעלשטאַטן איז ניט דערמאָנט די צווייבענדיקע אַקאַדעמישע אויסגאַבע פון עדעלשטאַטס

שריפטן (מאָסקווע, 1935), ווו קאַלמען מאַרמאָר האָט אָפּגעדרוקט די ערשטע גרויסע ביאָגראַפיע עדעלשטאַטס, זײַנע בריוו, ייִדישע און רוסישע לידער און אַנדערע מאַטעריאַלן.

עס ווילט זיך אונדז ברענגען נאָך א צוויי־דרײַ אינטע־רעסאַנטע שטעלן פון בער גרינס בוך. אינעם אַרטיקל וועגן דעם דיכטער יעהואָש ווערן ציטירט כאַראַקטע־ריסטישע שורעס פון זײַנער א ליד „ווי עס ווערן לידער פאַרפאַסט", וואָס ווײַזן דעם דיכטערס נעגאַטיווע באַציִונג צו פאָרמאַליסטישער, אידייענלאָזער פּאָעזיע. אָט זײַנען די שורעס:

שיינע פאַרבן, וועלכע בלאַנקען,
קענען קיינמאָל שטאָט געדאַנקען
ניט באַשאַפן א געדיכט.

וועגן שאָלעם אַשן שרײַבט ב. גרין זייער ריכטיק: „שאָלעם אַשס לעבנסוועג און שאַפונגסוועג מיינט: ניט קיין גלײַכע ליניע, נאָר — זיגזאַגן, אָפּנויגן, בלאָנדזשע־נישן, ווידערשפּרוכן, מעטאַמאָרפאָזעס, אומוואַנדלונגען". דער אַווטאָר פאַרנאָטירט אַזאַ אינטערעסאַנטע דעטאַל: אין די מילכאָמע־יאָרן האָט זיך שאָלעם אַש געדרוקט אין „מאָרגן־פרײַהײַט", איז אָט, איבערגעבנדיק דעם רעדאַק־טאָר, פּ. נאָוויקן, די ערשטע דערציילונג פאַר דער צײַטונג, האָט ער אים געזאָגט: „איך טייל ניט אײַער פּאָליטישע אידעאָלאָגיע, נאָר איר זײַט דער קויעך, וואָס ראַנגלט זיך אָף טויט פאַרן לעבן פון דער וועלט און פון אונדזער פאָלק, און איך וויל זײַן אין אײַער הייליקן געראַנגל".

אויסער די אָנגערופענע שרײַבער, ווערט אינעם בוך אויך באַלויכטן די שאַפונג און טעטיקײַט פון מ.־ל. האַל־פּערן, א. ראַבאָי, ז. ווײַנפּער, א. ליעסין, ר. ברײַנין, מ. אָלגין, ק. מאַרמאָר, מ. קאַץ, נ. מײַזיל, פּ. נאָוויק, ל. מילער, ד. טייטלבוים אאַ. געניי זיך אָפּשטעלן אָף יעדן פון די אַרטיקלען, וואָס זײַנען אָט די שרײַבער געווידמעט, איז אין א קורצער רעצענזיע פּאָשעט אוממעג־לעך.

עס ווילט זיך אָפּמערקן, אַז אין אַלע בער גרינס אַרבעטן ווערן אויסגערעכנט א סאַך ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַ־פישע פאַקטן, ס׳ווערן אָנגערופן פילצאָליקע ווערק און דאַטעס, אַזוי אַז אין א געוויסן זין שטעלט מיט זיך פאָר דאָס בוך א מין איבערבליק איבער א גאַנצער ליטעראַטור.

פאַרשטייט זיך, אַז ניט מיט אַלץ, וואָס ווערט געזאָגט וועגן יעדן שרײַבער באַזונדער (און אין בוך רעדט זיך וועגן 37 שרײַבער), קאָן מען זײַן אײַנשטימיק. מע דאַרף אָבער בעלי־סאָפּעק מאַסקים זײַן מיטן אַווטאָר, אַז צוזאַ־מענגענומען, גיבן די אַרטיקלען „א באַשטימטן באַגריף וועגן וויכטיקע פּעריאָדן אין דער געשיכטע פון דער מאָ־דערנער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע".

בא דער געלעגנהײַט ווען מיר דערמאָנען דאָס אַרטיקל פון בער גרין, פאַרעפנטלעכט אינעם איקוף־אַלמאַנאַך פאַרן יאָר 1961: „ייִדיש קולטור־שאַפן אין אַמעריקע ביזן יאָר 1900", ווו עס איז, אַגעוו, אויך צונויפגעקליבן געוואָרן א גרויסע צאָל ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע ידיִעס וועגן פיל שרײַבער. דאָס אַרטיקל קאָן דינען ווי א מין דערגאַנצונג צום רעצענזירטן בוך.

מ. צווילינג.

ביז די שטערן

העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד וו. ניקאָלײַעווע־טערעשקאָווא. די אַלוועלט — אָן אָפּענער אָקעאַן. פאַרלאַג „פּראַוודאַ", 1964, 200 ז.

יורי גאַגאַרין איז געווען דער ערשטער אין דער וועלט קאָסמאָנאַווט, וואַלענטינא טע־רעשקאָווא — די ערשטע פרוי, וועלכע איז אַרײַנגעדרונגען אין קאָסמאָס. ווער זײַנען זיי, די דאָזיקע ווונדער־מענטשן, וואָס לייגן דורך א וועג אין אַלוועלט?

מיר האָבן שוין געלייענט די אווטאָביאָגראַפישע דער־ציילונגען פון גאַגאַרינען, טיטאָווען און אַנדערע קאָסמאָ־נאַווטן. איצט האָבן מיר זיך באַקאַנט מיט דעם ווערק פון וואַלענטינא ניקאָלײַעווא־טערעשקאָווא. אויך זי, ווי אירע ברידער קאָסמאָנאַווטן, שטעלט פאָר דעם יונגן דאָר סאָוועטישע מענטשן. וואַליעס טאַטע איז געווען א קאָל־ווירטישער טראַקטאָריסט, ער איז געפאַלן אין די שלאַכטן פאַר דער באַפרײַונג פון מײַרעוו־אוקראַיִנע און מײַרעוו־ווײַסרוסלאַנד. דערצויגן האָט זי איר מאַמע — פריִער א קאָלווירטישע מעלקערן, דערנאָך א וועבערן.

געענדיקט די זיבניאָריקע שול, גייט וואַליע אַרבעטן צוערשט אין יאַראָסלאַווער שינעס־זאַוואָד, דערנאָך אַלס וועבערן אין יאַראָסלאַווער טעקסטיל־קאָמבינאַט „רויטער פּערעקאָפּ", ווו עס האָבן געאַרבעט איר מאַמע און שוועס־טער. זי אַרבעט און לערנט זיך. די קאָמיוגיסטן פונעם טעקסטיל־קאָמבינאַט ווײַלן זי אויס אַלס סעקרעטאַר פו־נעם קאָמיוגישן קאָמיטעט. צוזאַמען מיט אירע כאַווערטעס באַזוכט וואַליע דעם אַעראָקלוב, לערנט זיך שפּרינגען מיט א פּאַראַשוט.

אין די צײַטונגען דרוקן זיך די באַריכטן וועגן גאַגאַ־רינס פרײַנטשאַפט־רײַזע איבער אייראָפּע. אין ענגלאַנד האָט גאַגאַרין באַזוכט דעם בוקינגהעמער פּאַלאַץ. די ענג־לישע קיניגן יעליזאַוועטאַ וו האָט אים אײַנגעלאַדן אָף א פרישטיק. זי פרעגט בא גאַגאַרינען: צי וועט אַמאָל פליִען אין קאָסמאָס א פרוי?

— אָן שום סאָפּעק, — ענטפערט מיט זיכערקײַט גאַ־גאַרין, — בא אונדז אין לאַנד איז דאָך פולע גלײַכבאַ־רעכטיקונג צווישן מאַנצבלען און פרויען.

„ווער זשע וועט זײַן אָט די גליקלעכע?" — האָבן גע־פרעגט בא זיך די יאַראָסלאַווער פּאַראַשוטיסטקעס.

— אַלנפאַלס, מיר, די וועבערנס, האָבן ניט וואָס אויס־צורעכענען אָפן קאָסמאָס, — האָט זיך אָפּגערופן איינע פון זיי.

— מע האָט שוין צוגעקליבן עפּעס א יונגע וויסנ־שאַפט־קאַנדידאַטקע, — האָט באַמערקט א צווייטע.

„און מאָדנע, — שרײַבט וואַליע טערעשקאָווא, — אָט די רייד האָבן מיך עפּעס אָנגערירט. פאַרוואָס — ווייס איך אַליין ניט. איך האָב דאָך דעמאָלט ניט געקאָנט טראַכטן ערנסט, אַז מיר וועט אַמאָל באַשערט זײַן פליִען אין קאָסמאָס... אין א צײַט אַרום, ערעוו אָן אָרדנטלעכן שפּרונג מיט פּאַראַשוטן, האָט סטאַניסלאַוו מאָראָזי־טשעוו, דער אינסטרוקטאָר פון דער פּאַראַשוטיסטן־גרופּע, אומגעריכט א זאָג געטאָן צו אונדז:

— נו, איר, קינפטיקע קאָסמאָנאַווטקעס, גיכער א ביסל.

קאָסמאָנאַווטקעס! אונדזער גאַנצע מיידלשע קאָמאַנדע האָט זיך אומגעקערט, דערהערנדיק אַזאַ קלינגעוודיק, פיל־זאָגנדיק וואָרט".

דרייסטע געדאַנקען האָבן ניט געלאָזט רוען דאָס יונגע מיידל. אין א פרײַען אָוונט, שפּאַצירנדיק אַף די ברעגן פון דער וואָלגע, פלעגט זי זיך אײַנקוקן אין די ענדלאָזע ווײַטן און פאַנטאַזירן, ווי זי זיצט אין א קאָסמישער שיף.

דעם 6 אויגוסט 1961 דערוויסט זיך די וועלט וועגן דעם וואונדערלעכן פלי פונעם קאָסמאָנאַווט־2 גערמאַן טיטאָוו. דער געוואַגטער טרוים באַהערשט וואַליען מיט א נײַער קראַפט. זי שרײַבט א בריוו, מע זאָל זי אָננעמען אַלס קאָסמאָנאַווט. דאָס איז פאָרגעקומען אין די טעג, ווען אינעם קרעמל־פּאַלאַץ האָט אָפּגעהאַלטן זײַנע זיצונגען דער XXII פאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

אין דער דאָזיקער צײַט האָט וואַלענטינע זיך געגרייט ארײַנצוטרעטן אין דער פאַרטיי. אָנהייב מאַרט 1962 האָט דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם איר איבערגעגעבן דעם פאַרטיי־בילעט.

„איך האָב א קוק געטאָן אַפן נומער פונעם פאַרטיי־בילעט: 10006702. איך האָב זיך געשטעלט אין איין ריי מיט די צענדליקער מיליאָנען קעמפער פאַרן קאָמוניזם“.

דער ענטפער אַף וואַליעס בריוו איז געקומען אומגעריכט, און ניט אַף אַזא אויפן, ווי זי האָט זיך עס פאָרגעשטעלט. פון מאָסקווע איז אָנגעפאָרן א גרופּע ספּעציאַליסטן, קעדיי לייזן פאַרשיידענע פראַגן וועגן צוגרייטן אין יאַראָסלאַווער אעראָקלוב פליִער און פּאַראַשוטיסטן. מיט איינעם פון די געקומענע האָט וואַלענטינע געשמועסט וועגן איר פאַרלאַנג צו ווערן א קאָסמאָנאַווט.

אינגיכן נאָך אָט דעם שמועס האָט מען וו. טערעשקאָווען ארויסגערופן קיין מאָסקווע. זי האָט זיך באַזעצט אין דער „שטערן־שטאָט“ — דאָרט, וווּ עס וווינען, לערנען און אַרבעטן די קאָסמאָנאַווטן.

די „מיידלעך־אָפּטיילונג“ אין דער קאָסמאָנאַווטן־גרופּע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א מין עקספּערימענטאַלע אָפּטיילונג. קיינער האָט דאָך ניט געוווּסט, ווי וועט זיך אופירן אין קאָסמאָס דער פרויען־אָרגאַניזם. צווישן די מעדיקער און ביִאָלאָגן זײַנען פאַרשפּרייט געווען פאַרשיידענע מיינונגען: איינע האָבן געהאַלטן, אַז דער פרויען־אָרגאַניזם קאָן זיך גוט צופּאַסן צו די קאָמפּליצירטע קאָסמאָס־באַדינגונגען. אַנדערע האָבן זיך געהאַלטן בא א פאַרקערטער מיינונג. ווער פון זיי איז גערעכט?

און אָט איז געקומען די צײַט, ווען וואַלענטינא האָט זיך ארײַנגעזעצט אינעם באַקוועמען ווענגעלע פון דער צענטריפוגע און באַלד זיך דערפילט צוגעפעסטיקט מיט רימענס. „א סיגנאַל — און די צענטריפוגע מאַכט לאַנגזאַם איין קרײַז, א צווייטן, א דריטן... דער דרוק האָט זיך אָנגעהויבן פילן אַפן גאַנצן קערפּער. מיט יעדן נײַעם אומקרײַז איז דער דרוק געוואָרן שטאַרקער. פאַרשטשעמעט די ציין, האָב איך געפרוּווט פאַרמאַכן די אויגן, נאָר ניט געקאָנט. די פּאָנעם־מוסקולן האָבן זיך אָנגעהויבן קרימען, דאָס האַרץ האָט גענומען שלאָגן שטאַרקער, צום ערשטן מאָל אין לעבן האָב איך דערפילט די שווערקײַט פונעם בלוט.

— נו, ווי? — האָט געפרעגט דער קאָנסטרוקטאָר.

— גוט, — האָב איך מיט געמאַכטער מוטיקײַט געענטפערט.

— נו, ווי? — האָבן געפרעגט די מיידלעך, ווען מיר זײַנען אָפּגעגאַנגען אין א זײַט.

— שלעכט, — האָב איך זיך מודה געווען“.

ניט לײַכט, נאָר מוטיק און מיט גרויסער ווילנסקראַפט האָט וו. טערעשקאָווא דורכגעמאַכט אויך די איבעריקע טרענירונגען.

עס איז אָנגעקומען דער טאָג, ווען אַפן ערשטן בלעטל פונעם קאַלענדאַר האָבן מיט רויטע אויסיעס געשײַנט די ווערטער: „זונטיק, 16 יולי 1963“. „ס'איז אויך מײַן יאָמטעוודיקער טאָג געקומען!“ — פאַרשרײַבט וואַליע. איר הימל־ברודער וו. ביקאָווסקי איז שוין דעם צווייטן מעסלעס אין קאָסמאָס אַף זײַן ריזן־שיף „וואָסטאָק־5“.

און אָט זיצט אין דער קאַבינע פון דער קאָסמאָס־שיף „וואָסטאָק־6“ זי, די וועבערן וואַליע פון יאַראָסלאַוול. די גאַנצע אומגעגנט ווערט דערשיטערט פון דער קנאַלערײַ פון די מעכטיקע מאָטאָרן. אַן אומבאַוווּסטע קראַפט כאַפּט ארום וואַליעס קערפּער, דריקט אים צו צום שטול. די איבערלאָדונגען שטײַגן אַלץ מער, עס ווערט שווער צו אָטעמען, דערנאָך דערפילט זי זיך אַלץ לײַכטער און לײַכטער.

זי גיט א קוק אין „פענצטערל“ און דערזעט די ערד, און זי גיט טייקעף איבער:

— איך בין „טשײַקא“![1] די שטימונג — א מונטערע, דאָס זעלבסטגעפיל — אויסגעצייכנט! איך זע דעם האָריזאָנט. א העל־בלויער, גראַנאַטענער פּאַס... דאָס איז די ערד! ווי שיין זי איז!

פון דער ערד ענטפערט גאַגאַרין:

— מאַסקים, זי איז שיין... די מאַשין גייט אויסגעצייכנט.

ערגעץ נאָענט געפינט זיך דאָ ביקאָווסקי. זי הייבט אים אָן זוכן מיט די אויגן. זי רופט אים:

— „יאַסטרעב!“, „יאַסטרעב!“[2].

ער ענטפערט:

— איך הער דיך, איך באַגריס!

„אומגעוויינלעכע ווערטער! וויפל מאָל האָב איך זיי געהערט אַף דער ערד, נאָר ווי מוזיקאַליש זיי קלינגען איצט אין מײַנע אויערן! אין דער נאָענט געפינט זיך א פרײַנט. עס דוכט זיך, גיב אים נאָר א רוף, וועט ער באַלד זײַן לעבן דיר“.

לויטן גראַפיק דערנענטערט זיך די צײַט פון מיטיק. מע זאָגט וואַליען אָן פון דער ערד, אַז באַלד, ווען עס וועט זיך אָנהייבן דער פערטער קרײַז ארום דער ערד, וועט, מעגלעך, פאָרקומען א שמועס דורכן ראַדיאָ־טעלעפאָן מיטן פאָרזיצער פונעם מיניסטאָרן־ראַט!

נאָך אָט דעם שמועס באַשליסט וו. טערעשקאָווא צו פליִען אינעם קאָסמאָס ניט איין מעסלעס, ווי עס איז געווען אָנגעמערקט אין דער פּראָגראַם, נאָר דרײַ מעסלעס. זי איז זיכער, אַז מע וועט איר דאָס דערלויבן.

ערעוו דעם פלי האָבן די דאָקטוירים געוואָרנט, אַז ווען עס וועט זיך אָנהייבן דער זעקסטער אָדער זיבעטער קרײַז ארום דעם ערדקײַלעך, וועט זי, מעגלעך, דערפילן סימפּטאָמען פון דער יאַם־קרענק. עמעס, פּאָפּאָוויטש און ניקאָלײַעוו האָבן קיין שום קרענק־סימפּטאָמען ניט איבערגעלעבט, אָבער זי, וו. טערעשקאָווא, — זי איז דאָך א פרוי.

די מעכאַניזמען האָבן באַוויזן, אַז די שיף האָט שוין דורכגעמאַכט סײַ דעם זעקסטן, סײַ דעם זיבעטן קרײַז.

---

[1] „מעווע“, אַזא איז געווען דער ראַדיאָ־סיגנאַל פונעם קאָמאַנדיר פון דער קאָסמאָס־שיף „וואָסטאָק־6“ וואַלענטינא טערעשקאָווא.

[2] „שפּאַרבער“ — ראַדיאָ־סיגנאַל פונעם קאָמאַנדיר פון דער קאָסמאָס־שיף „וואָסטאָק־5“ וואַלערי ביקאָווסקי.

און אַט קומט אָן די צײַט פון אָן אָרדנטלעכער פארבינדונג מיטן קאָסמאָדראָם, ווו עס געפינט זיך די מעלוכע־קאָמיסיע. וואליע דערהערט די באקאנטע שטים פונעם הויפט־קאָנסטרוקטאָר:

— „טשײַקא“, „טשײַקא“! ווי פילסטו זיך?

עס ווילט זיך ענטפערן א סאך, נאָר זי זאָגט קורץ, דעם סאמע איקער:

— איך וועל פליִען דרײַ מעסלעס.

— איז דאָך וויל און פײַן, „טשײַעטשקע“, — רופט זיך אָפ דער הויפט־קאָנסטרוקטאָר.

און אַט שטייט שוין אף דער מאווזאָליי־טריבונע די העלדישע מישפאָכע פון זעקס קאָסמאָנאווטן: גאגארין, טיטאָוו, ניקאָלײַעוו, פאָפאָוויטש, ביקאָווסקי, טערעשקאָווא. פארבײַ דער טריבונע פליסן, ווי כוואליעס פון א שטראָמיקן טײַך, די דעמאָנסטראנטן־קאָלאָנעס.

„און בא יעדן פון אונדז ליגט לעבן סאמע הארצן דער פארטיי־בילעט. די פארטיי האָט אונדז דערצויגן, אופגעהויבן אונדז ביז די שטערן, און פאר אלץ, וואָס מיר האָבן דערגרייכט, האָבן מיר צו פארדאנקען דער פארטיי!“ — שרײַבט וו. ניקאָלײַעווא־טערעשקאָווא.

וו. טערעשקאָוועס אווטאָביִאָגראפישע דערציילונג, ווי די אווטאָביִאָגראפישע דערציילונגען פון אלע קאָסמאָנאווטן, גיט א הערלעך בילד פון די כאראקטער־שטריכן און גײַסטיקע אייגנשאפטן פונעם יונגן סאָוועטישן דאָר, וואָס באהערשט דעם אָקעאן פון דער אלוועלט.

מוישע איטקאָוויטש.

דאָס מיידעלע און דער פאשיזם

פאר אונדז ליגט א ליטוויש בוך, וואָס איז דערשינען אין ווילניוס, אין מעלוכע־פארלאג פאר פאָליטישער און וויסנשאפטלעכער ליטעראטור. דאָס בוך הייסט „איך מוז דערציילן“. זײַן אווטאָר איז מאשע ראָלניקײַטע — איינע פון די ווייניקע, וואָס זײַנען לעבן געבליבן נאָכן דורכגיין די געטאָ און טויט־לאגערן. פונעם ערשטן טאָג אָקופאציע פון ליטע און ביזן באפרײַען זי דורך די סאָוועטישע סאָלדאטן האָט מאשע געפירט א טאָגבוך. ווען זי האָט אים אָנגעהויבן שרײַבן, איז זי נאָך ניט אלט געווען קיין פערצן יאָר.

איצט איז דאָס בוך דערשינען. צום באשולדיקונגס־אקט, וואָס די מענטשהײַט שטעלט ארויס דעם פאשיזם, איז צוגעקומען א דאָקומענט פון גוואלדיקער קראפט. מענטשן און כײַעס — דאָס איז די הויפט־טעמע פונעם טאָגבוך. די פאשיסטישע כײַעס איז קארג געווען מיליאָנען קאָרבאָנעס. זיי האָבן געוואָלט פארניכטן אינעם מענטשן אלדאָס מענטשלעכע. נאָר דאָס האָט זיך די פאשיסטן ניט אײַנגעגעבן. מאשע ראָלניקײַטעס בוך זאָגט נאָכאמאָל אײדעס וועגן דעם.

מיר ווייסן, מיט וואָס פאר א שרעקלעכער מעטאָדישקײַט ס'איז געגאנגען „די ענדגילטיקע דערלייזונג פון דער ייִדן־פראָבלעם“. עס קאָן זיך דוכטן, מע האָט שוין אזויפיל זיך אָנגעלייענט מיט זיכרוינעס פון געוועזענע געפאנגענע פון געטאָ און קאָנצלאגערן, אז ס'איז שוין שווער מיט עפעס־וואָס דערשיטערן דעם לייענער. אָבער דאָס איז ניט אזוי. מיט צאָרן און סינע צום פאשיזם שפירסטו נאָך נאָכן גוירל פון דעם מיידעלע, וואָס האָט דערציילט וועגן פיר שרעקלעכע יאָר פון איר לעבן. די קינדערשע אומיטלבארקײַט און אופריכטיקײַט פונעם טאָגבוך שאפן די באזונדערע אטמאָספער פונעם בוך, וואָס אונטערשיידט עס פון א סאך אנדערע ענלעכע ביכער.

די ערשטע פארנאָטירונגען רירן מיט זייער נאִיווקײַט: „ווען מע פארזשמורעט זיך, פארגעסט מען אינגאנצן, אז ס'גייט א מילכאָמע“. דערנאָך קומט א שטוינונג: „אין שניפישקע איז געווען א פאָגראָם. באנדיטן האָבן אָנגעצונדן א שײַטער, צונויפגעטריבן דעם ראָוו און נאָך עטלעכע זקיינים מיט לאנגע בערד, מע האָט זיי באפוילן מיט די אייגענע הענט ווארפן אין פײַער הייליקע ספאָרים, זיך אויסטאָן, נעמען זיך בא די הענט און טאנצן ארום שײַטער און זינגען „קאטיושא“. דערנאָך האָט מען בא זיי אויסגעברענט און אויסגעצופט די בערד, געשלאָגן זיי און נאָכאמאָל געצוווּנגען טאנצן. צי שוין איז דאָס עמעס? צי שוין מעג מען אזוי זיך איזדעקעווען איבער מענטשן?“ דערנאָך ווייסט זי שוין: ניטאָ קיין גרענעץ צו דער כײַעשער דערפינדערישקײַט. איין „אקציע“ גייט נאָך דער צווייטער. מאשע פארשרײַבט אין דער געטאָ: „יאָמקיפער. א טרויעריקער טאָג. די זקיינים פאסטן, בעטן גאָט ראכמים. אן אומזיסטע מי: ווען ס'וואָלט געווען א גאָט, וואָלט ער נישט געקאָנט פארלײַדן אזוינע קאָשמארן“...

נאָך איין פארנאָטירונג: „רעליגיִעזע מענטשן פארזיכערן, אז די ערד וויל ניט צונעמען קיין אומשולדיקע קאָרבאָנעס און ווארפט זיי צוריק ארויס. נאָר, ווי מע האָט מיר דערקלערט, איז אלץ פאָשעטער: די גרעסטע טייל צעשאָסענע פאלט אין גרוב ארײַן נאָך לעבעדיקערהייט, בלויז פארוווּנדעט. זיי ווערן דערשטיקט און געשוואָלן. ווײַל הארוגים איז דאָ זייער א סאך, שפאלט זיך דער שיכט ערד, מיט וועלכן ס'איז פארשאָטן די גרוב. דורך די שפאלטן זעט מען ארויס הענט, היפטן, טיילן פון פאָנעם...“

אף איינעם פון די זײַטלעך א קליינע פארנאָטירונג: „איצט זײַנען מיר שוין אינגאנצן געגליכן צו הינט: אפן האלדז איז אופגעהאנגען א נומער“. און צום סאָף, געפינענדיק זיך שוין אין דריטן טויט־לאגער, שרײַבט מאשע אין טאָגבוך, בייס זי קוקט אף זאטע, געפעסטעטע הינט: „ווי גוט לעבן די הינט! אָט האָסטו דיר א „הינטיש לעבן“. וויפל האָט מען געדארפט אויסשטיין, אז מע זאָל אזוינס אָנשרײַבן...

מאשע איז צופעליק לעבן געבליבן. „אין אונדזער באראק, — האָט זי געשריבן ניט לאנג פארן קומען פון דער סאָוועטישער ארמיי, — שטארבן טעגלעך צו 40—60 פרויען. בא די טירן ליגן שטענדיק בערג פון פארשטײַנערטע, פארבלאָוטע מייסים... דער קרעמאטאָרי ארבעט קײַלעכיקע מעסלעסן: אין לאגער שטארבן טעגלעך ארום טויזנט מענטשן“.

אָבער קיין שום זאך האָט ניט געקאָנט אָפטייטן באם אווטאָר פונעם טאָגבוך די שטענדיק מענטשלעכע שטרעבונג צו גוטס. מאשע ראָלניקײַטע איז ניט באזיגט געוואָרן. זי האָט געקאָנט לאכן אין די סאמע שווערסטע מינוטן. זי האָט פארפאסט לידער, וועלכע ס'האָט געזונגען דער גאנצער לאגער. דאָס מענטשלעכע אין דעם מיידעלע פילט זיך באזונדערס אין פארגלײַך מיט דער אומענטשלעכקײַט פון אירע פארפאָלגער און הענקער. און טאקע דערפאר רופט דער טאָגבוך ארויס ניט נאָר א ווייטעק, נאָר אן אנציקונג פאר דער נעשאָמע־שיינקײַט, פאר דער פאָעטישער און דרייסטער נאטור פון דעם מיידעלע. און

דערפאר, נישט קוקנדיק אפן טראגישן אינהאלט, איז דער טאָגבוך אן אָפּטימיסטישער.

דורכן גאנצן בוך גייט דורך די ווידערשטאנד־טעמע. אין אָנהייב, דערשלאָגן פון דער אומדערוואַרטקייט, פון דער אויסערגעוויינלעכקייט פונעם קאָשמאר, וואָס האָט זיך אריינגעריסן אין איר לעבן, פארשרייבט דאָס מיידעלע: „קלאָגן זיך איז נישטאָ צו וועמען, און מע טאָר זיך ניט ווידערשטעלן“. אָבער שוין גאָר אינגיכן, קוים אריינגעפאלן אין געטאָ, האָט זי באקומען עמעסן מוט און איז געווען אן איידעס, ווי אויך אנדערע ווערן מוטיק. יאָ, מענטשן זיינען געבליבן מענטשן. דער פאקט גופע פון פירן אזא טאָגבוך — דאָס איז ווידערשטאנד. דאָס איינאָרדענען אין געטאָ שולן, ביבליאָטעקן, אן אינטערנאט פאר יעסוימים, א שפּיטאָל — דאָס איז ווידערשטאנד. דאָס פּייערן דעם ערשטן מיי אין קאָנצלאגער — דאָס איז ווידערשטאנד.

און אָט איז א פארנאָטירונג פון ווינטער 1942—1943: „די מענטשן זיינען שוין נישט די, וואָס זיינען געווען פאראיאָרן. זיי זיינען שוין ניט קיין אָנגעשראָקענע מאסע, וואָס ווערט אופגעציטערט בלויז פונעם בליק פון א געסטאפּאָוועץ, אן איבעראשטע פון זיין קלוימערשטער קראפט. איצט ווייסן שוין אלע, אז די פאשיסטן כאפּן מאפּאָלעס אף די פראָנטן, מע ווייסט וועגן פארטיזאנער אין די וועלדער, וועגן פ.פ.אָ. גופע אין דער געטאָ, וועגן געווער“. פ.פ.אָ. (פאריייניקטע פארטיזאנישע אָרגאניזאציע פון געטאָ) האָט ארויסגעוויזן אן אקטיווע טעטיקייט. איינמאָל האָט מאשע פארשריבן, אז „די מיטגלידער פון דער אָרגאניזאציע האָבן אייגנהענטיק שוין געמאכט א מינע, וואָס מ׳האָט טאקע אליין אונטערגעלייגט אונטערן איינזנבאַן־וועג לעבן ניי־ווילנע“. אן אנדערס מאָל האָט איר א כאווערטע דערציילט וועגן דער קאָמסאָמאָלקע סאָניע מאדייסקע, וועלכע די היטלעראַווצעס האָבן פארמישפּעט צום טויט, נאָר זי איז אנטלאָפן, און אצינד, שרייבט מאשע, „וווינט זי אומלעגאל אין שטאָט, האָט נישט מוירע פאר קיין שום געפארן, זעצט פאָר די ארבעט, העלפט קריגן געווער, קומט צו גיין אין געטאָ, האלט אונטער א פארבינדונג מיט די שטאָטישע קאָמוניסטן, וואָס ארבעטן אין אונטערערד“. מאשע דערציילט אויך וועגן אנדערע העלדן — אי. וויטענבערג, ב. שערשנעווסקי, כ. באָראָווסקי, אי. קאפלינסקי. מיט יעדן טאָג איז געוואָרן אין געטאָ אלץ מער דרייסטע קעמפער. זיי זיינען געווען אויך אין די דריי קאָנצלאגערן, אין וועלכע מע האָט אריינגעוואָרפן מאשע ראָלניקייטן.

מאשע ראָלניקייטס טאָגבוך רופט זיך אָפּ איבער מיט דעם וועלטבארימטן טאָגבוך פון אנע פראנק. ביידע דאָקומענטן דערציילן וועגן יענע שרעקלעכע יאָרן, ווען דאָס מענטשלעכע לעבן האָט קיין שום ווערט ניט געהאט, וועגן א לעבן, פול מיט אומרויִקע דערוואַרטונגען, קאָשמארן, האָפענונגען און פארצווייפלונג.

סיי אנע פראנק, סיי מאשע ראָלניקייטע האָבן א סאך אופגעטאָן, אז די שרעקלעכע פארגאנגענהייט זאָל ניט פארגעסן ווערן. ס׳דוכט, אז דורך זייערע רייד קומט צום לאָשן אליין דער געוויסן.

נאָר ס׳איז פאראן צווישן זיי א וועזנטלעכער אונטערשייד. אנע פראנק האָט געפירט אן אָפּגעזונדערט, פארשלאָסן לעבן. אין די ווענט פון דער ענגער באהעלטעניש האָט זי אָנגעשטרענגט זיך איינגעהערט, צי וועלן נישט געבן א קלאפּ די געקאָוועטע שטיוול פון די הענקער. דאָס שטיקעלע הימל, וואָס מע האָט געזען פון די בוידעם־פענצטער, איז פאר איר געווען די אלוועלט. קוקנדיק אף דעם שטיקל הימל, האָט אנע געטראכט אירע געדאנקען. דאָ איז געווען א פּייניקונג פון שרעק.

אויך מאשע ראָלניקייטע דערציילט פון פיזישע פּייניקונגען. זי איז אָבער די גאנצע צייט געווען אין דער סאמע געדיכטעניש פון קאמף און ווידערשטאנד.

צו מאשע ראָלניקייטס טאָגבוך ווילט זיך ניט צוגיין מיט די מאָסן, וואָס מע באניצט בענעגייע בעלעטריסטישע ווערק. דאָס איז אי א מענטשלעכער דאָקומענט פון זייער א גרויסן באטייט, אי א טאלאנטפול בוך, אי אן אומפארגלייכלעכע עפּאָפּיי, אי א באשולדיקונגס־אקט.

מוישע דאָלינסקי,
שימען טשערטאָק.

פון דער שעפערישער לאַבאָראַטאָריע

הירש אָשעראָוויטש:

קליינע פּאָעמע — גרויסע אַכרײַעס

א גאַנץ לעבן האַלט מען אין איין טראַכטן וועגן דער ווּנדערלעכער פונקציע פון מענטשלעכן גײַסט, וואָס הייסט „שאַפונג“, אָדער „יעצירע“. מע פּרוּווט זי דעפינירן, און דער סאָף איז, אַז מע לאָזט עס איבער פאַר די קינדער, זיי זאָלן עס נאָכדעם איבערלאָזן פאַר די נאָך זיי קומענדיקע דוירעס.

אינעם גרויסן גײַסטיקן פאַרמעגן פונעם מענטש איז ניטאָ נאָך א זאַך, וואָס זאָל זײַן אַזוי ניט אויסגעקלאָרט, ווי דער סאָד און יעסאָד פון יעצירע. דאָס איז געוויס ניט איבער דער באַגרענעצטקײַט פונעם מענטשלעכן גײַסט, נאָר גיכער, פאַרקערט, איבער זײַן אומגעהייערן פאַרנעם. דער מענטש דערגרונטעוועט זיך צו אַלץ, וואָס איז אויסער אים. אָבער מאַסיג זײַן זיך אַליין, זײַן שעפערישקײַט איז פאַר אים די האַרבסטע מעלאָכע.

צי ווערט דאָס ווערק געשאַפן דאַן, ווען עס ווערט געשריבן? אָפטמאָל געשעט עס דאָך פריִער — ווען עס ווערט פאַרטראַכט: און אַנדערע מאָל — שוין גאָר דאַן, ווען מע באַקומט די ערשטע אָנרעגונג... אויסער דעם טרעפט דאָך, אַז דאָס אַרויסוואַרפן שטיקער פון א ווערק — טיילנ׳אַל לויט זייער קינסטלערישער קוואַליטעט דאַפקע די בעסטע — איז א פיל גרעסערער שעפערישער אופטו, ווי דאָס אָנשרײַבן צענדליקער געראָטענע פערזן. פון מײַן אייגענער אַרבעט ווייס איך, אַז צײַטנווײַז קומט אויס פון א פּאָעמע צו באַזײַטיקן גראָד דאָס, וואָס איז דיר צום טײַערסטן, קעדיי דאָס גאַנצע זאָל דערפירט ווערן צו א שליימעס. איך האָף, אַז אָט די ווערטער מײַנע וועלן, כאָלילע, ניט אויסגעטײַטשט ווערן, אַז איך האַלט געוויסע שאַפונגען מײַנע פאַר שליימעסדיקע. איך זאָג עס נאָר אויף אַזוי ווײַט, אַף וויפל אין פּראָצעס פון יעצירע מוז יעדער שעפער האָבן א געפיל, אַז ער פירט זײַן ווערק פון איין דערפאָלג צום צווייטן — ביז ער דערגרייכט עס צום געגאַרטן הויכפּונקט.

דער אָפּטייל, אין וועלכן עס ווערן געגעבן די דאָזיקע שורעס, פאָדערט עפּעס די שעפערישע לאַבאָראַטאָריע.

טיילן זיך מיטן לייענער אין א נאָטיץ־אַרטיקעלע וועגן אַלע שעפערישע פאַרמעסטן און פּלענער איז דאָך ניט שײַעך. ווילט זיך מיר דאָ אויפהייבן א ביסל דעם פאָרהאַנג איבער איין ווינקעלע פון דער לאַבאָראַטאָריע. איך האָב פריִער באַרירט, ווי א בײַשפּיל, דעם פּאָעמע־זשאַנער. דוכט זיך מיר, אַז עס וואָלט לוינען זיך אָפּצושטעלן דאַפקע אַף אים.

אין מעשעך פון די לעצטע אַכט יאָר האָב איך, באַגלײַך מיטן שרײַבן לידער, געאַרבעט איבער פּאָעמעס. א לענגערע צײַט זײַנען דאָס געווען פּאָעמעס פון א ברייטערן לײַוונט, ווי, אַשטייגער, „ספּאַרטאַק“, „דער דאָר פון מידבער“ און אַנד. דאָ אָבער וואָלט זיך מיר וועלן אָפּשטעלן אַף דער קורצער פּאָעמע.

פאַרטראַכט א ציקל קורצע פּאָעמעס אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „אַזוי איז געגאַנגען דער מענטש“, האָב איך געשטעלט פאַר זיך די אויפגאַבע: א פּרוּוו טאָן די קויכעס אין דעם זשאַנער, וועלכן מע קאָן באַדינגלעך אָנרופן „פּאָעטישע ביִאָגראַפיע“ פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט; איך האָב זיך געפּרוּווט דיכטעריש אינטערפּרעטירן פאַרשיידענע מאָמענטן, פאַקטן און געשעענישן פון דער געשיכטע, וועלכע זײַנען כאַראַקטעריסטיש און וועלכע קאָנען דעריבער באַטראַכט ווערן ווי „קנופּ־סטאַנציעס“ אויפן וועג פון אורמענטש ביז צו אונדז. איך האָב אַלזאָ פאַרויסגעזען א ציקל קליינע פּאָעמעס פונעם לעבן פון פאַרשיידענע צײַטן און קאָלירפולע געזעלשאַפטלעכע פאָרמאַציעס. איך האָב דעטאַל באַאַרבעט אין געדאַנק און בין געווען פולשטענדיק גרייט אָנצושרײַבן פּאָעמעס: „דער טורעם פון באָוול“, „אַווראָמס קאָרבן“, „די פּיראַמידע־בויער“, „מוילעך“, „שאָול“, „אינקוויזיציע“, „קאָלומבוסעס סאַכאַקל“, „ראָבעספּיערס גאָט“, „דער כאָלעם פון א לײַבייגענעם“, „אַווראָרע“.

אָנגעשריבן די ערשטע דרײַ — „מוילעך“, „שאָול“, „די פּיראַמידע־בויער“, האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז דאָס שאַפן א ציקל קורצע פּאָעמעס איז ווײַט ניט קיין לײַכטערע, נאָר אין א סאַך פּראָטים דאַפקע א פיל שווערערע שעפערישע אויפגאַבע, ווי דאָס שרײַבן ברייט־לײַוונטיקע פּאָעמעס. אויב אַזא ציקל פאַרגלײַכן מיט איין גרויסער פּאָעמע, וואָס פאַרמאָגט די זעלביקע צאָל שורעס, ווערט קלאָר, אַז א ציקל קורצע פּאָעמעס נייטיקט זיך אין א, כ׳וואָלט זאָגן, העכערן „שעפערישן קאָעפיציִענט“. אין דער צײַט, וואָס אין א גרויסער פּאָעמע קאָן מען נאָך דולדן „שוואַכערע“ טיילן, ווי א מין אָטעם־פּויזע, קאָן דאָך אין א ציקל פון קורצע פּאָעמעס אַזוינס ניט געמאָלט זײַן. דאָ דאַרף אַלץ זײַן מער קאָנדענסירט. עס וואָלט דאָך זײַן אָן אומזין צו טראַכטן, אַז איין קורצע פּאָעמע קאָן דינען ווי אָן „אָטעם־פּויזע“ צווישן צוויי אַנדערע, וואָרעם אויב זי וועט זײַן א „פּויזע“, וועט עס באַטײַטן, אַז זי איז אויס ווערק! יעדע פּאָעמע אין אַזא ציקל מוז האָבן איר אָטעם, איר טאָן, אירע מײַלעס לעגאַבע די פריִערדיקע. דערצו נאָך קומט צו די שוועריקײַט פון אויסהאַלטן יעדע פּאָעמע אין אָן אַנדער, בלויז פאַר איר פּאָסיקן סטיל און ריטם — א ניט גרינגער איניען, באַזונדערס דעמלט, ווען דער מעכאַבער איז נאָך פאַרכאַפּט פון זײַן נאָרוואָס פאַרענדיקטער פריִערדיקער פּאָעמע.

האַקלאַל, האַגאַם יעדער זשאַנער האָט זיך זײַנע ספּעציפישע שוועריקײַטן, זײַנען דאָך פאַראַן אַזעלכע, וואָס קאָסטן אָן א שיר מער שעפערישע מי, איידער אַנדערע צו זיי קרובֿישע זשאַנרען.

און דאָ וועלן מיר צוריק אַראָפּלאָזן דעם פאָרהאַנג, און זאָל דערווײַל בלײַבן פאַרהוילן, איבער וואָס עס ווערט דאָרט איצט געאַרבעט. זייער מעגלעך, אַז דאָס געגרייטע ווערק וועט ניט געהערן צו דער קאַטעגאָריע „מאַטאַמים“, אָדער „פּאַטראַוועס“. דער מעכאַבער האָפט אָבער, אַז עס וועט פונדעסטוועגן דערבראַכט ווערן צו אַזא מאַדרייגע, עס זאָל קאָנען דינען כאָטש ווי א שטיקל „געריכט“ פאַר אונדזערע לייענער, וועלכע זײַנען גרויסע איבערקלײַבער.

מוישע נאָטאָוויטש:

פון די שאַפונגס־סוידעס

איך האָב געהאַט דאָס גליק עטלעכע מאָל זען בערגעלסאָנען בײַ זײַן שרײַבטיש. איך האָב געזען דאָברושינס שעפערישע טירכע אין זײַן צימערל אַף גאָרקיגאַס, גורשטיינס געוויסנהאַפטע ראַנד־באַמערקונגען אַף ביכער, ווינערס פאַרטיפטקײַט איבער א בלאַט מענדעלע...

און איך דערמאָן זיך אייניקע „סוידעס“ פון זייער שאַפן.

איידער מע זעצט זיך שרײַבן, איז וויכטיק צו האָבן א גוטע שעפערישע שטימונג, א ריינעם געוויסן, א פרישן געדאַנק.

א מידער געדאַנק איז ווי אן אָקס — מיט קיין דראָנג וועסטו אים ניט רירן פון אָרט...

באַם זעצן זיך שרײַבן דאַרף מען קאָנטראָלירן דעם אינערלעכן צושטאַנד, דעם קאָפ און דאָס געמיט, פונקט ווי ס'ווערט קאָנטראָלירט די פלי־מאַשין, איידער זי הייבט זיך אויף אין דער לופט...

אין פראָצעס פון שאַפן איז ניט גוט מאַכן לענגערע איבעררײַסן. א לענגערער איבעררײַס ווירקט, ווי א פראָסט אַף א מאָטאָר: דער פראָסט שטעלט אים אָפ, און ס'איז שווער אים ווידער צו פאַרפירן. זאָל זײַן ווינציק — עטלעכע שורעס, אן אבזאַץ, נאָר מע דאַרף שרײַבן יעדן טאָג, אפילע אין די יאָמטעוו־טעג: דאָס שרײַבן גופע איז א געשמעלץ פון וואָך און יאָמטעוו...

מע דאַרף זיך היטן פאַר דער שאָ, ווען דאָס אָנגעשריבענע קאָן ארויסקומען ערגער פון דעם, וואָס וואָלט ארויסגעקומען אין אן אנדער שאָ. מע דאַרף זיך היטן פאַר פאַטערן, אָפשוואַכן טעמעס. קורץ, צום שרײַבן דאַרף מען זיך באַציִען מיט דער גרעסטער אכרײַעס.

באַם שרײַבן קומט אויס געדולדיק צו טראַכטן וועגן איינעם און דעם זעלבן. א געדאַנק כאַזערט זיך געוויינלעך איבער אין קאָפ, ווי די איבונג פון א ספאָרט־מײַסטער (איידער דער ספאָרטלער לאָזט זיך פרײַ און גראַציִעז דעמאָנסטרירן זײַן קונסט, מאַכט ער דורך אָנצאָליקע איבונגען). נאָר ס'קאָן זײַן, אז קיין איין ספאָרט־מײַסטער מאַכט ניט דורך אזויפיל איבונגען, וויפל דאָס וואָרט אינעם מויעך פונעם שרײַבער.

מע דאַרף קענען קירצן, רעדאַגירן דעם אייגענעם קסאַוויאַד. קירצן, רעדאַגירן איז אן איידעלע אָפעראַציע. מע דאַרף דערווײַטערן דאָס איבעריקע, צונויפציִען פעדעם, פאַרשטײַפערן. נאָך אזא מין אָפעראַציע ווערט „די זאַך“ לאָגישער...

איך בין נאָך אלץ א שילער פון מײַנע לערער, אין יאָרן ארום, דאַכט זיך, האָב איך אָנגעהויבן בעסער באַגרײַפן די סוידעס פון זייער שאַפן.

פאַר דעם ווי איך הייב אָן שרײַבן, טראַכט איך פריִער, ביז פראָטים, דורך דאָס, וואָס איך וויל טאָן. איך נעם זיך צו דער פען, ווען אין קאָפ איז פאַרטיק דער פלאַן. א מין פראָגראַמירונגס־פראָצעס: פריִער ווערט דעם קאָפ עפעס פאַרגעבן אַף אויסטראָגן, אַף אויסקלאָרן...

איצט טראַכט זיך וועגן איקערדיקן — וועגן א בוך לעקאָוועד דעם 50־יאָריקן יובילײ פון דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. אין בוך דאַרף ארײַן א געשיכטלעכער עטיוד וועגן דעם פרינציפיעל נײַעם, וואָס ס'האָט געבראַכט די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור אין פאַרגלײַך מיט דער קלאַסיק אין געביט פון טעמאַטיק, געשטאַלטן־גאַלעריי, סטיל. עס דאַרפן באַלויכטן ווערן פאַרשיידענע עטאַפן און געגעבן ווערן פאַראַלגעמיינערטע כאַראַקטעריסטיקעס קימאַט פון אַלע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. אין בוך וועלן ארײַן א ריי מאָנאָגראַפישע ארבעטן וועגן די אָנהייבער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור און קריטיק. א באַזונדער קאַפיטל וועט מיט זיך פאָרשטעלן די הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור.

איך נעם אין האַנט מיט אומגעדולד די „קליינע אַנטאָלאָגיע“ פון דער איצטיקער ייִדישער סאָוועטישער פאָעזיע. ס'איז די ערשטע לידער־זאַמלונג פאַר אזויפיל יאָרן. אייניציקע לידער זײַנען מיר שוין באַקאַנט. נאָר ווען זיי זאַמלען זיך צונויף, דערזעען מיר דעם נײַעם עטאַפ אין אונדזער דיכטונג, זײַנע טענדענצן און זײַן ריכטונג. מיר דערזעען דאָס, וואָס אונדזער הײַנטצײַטיקע דיכטונג זעצט פאָר, און דאָס, וואָס זי שאַפט אָפסנײַ. דאָס נײַס אין אונדזער דיכטונג איז, מיין איך, איינע פון די אַקטועלסטע טעמעס פאַר אונדזער קריטיק.

ס'ווילט זיך אויספילן נאָך איין כויוו — פאַר ייִצכאָק־יויעל לינעצקין. ס'האַנדלט זיך וועגן א לינעצקי־אויסגאַבע, וועלכע האָט שוין א שטיקל געשיכטע.

אין 1941 יאָר האָט אין „עמעס“־פאַרלאַג געזאָלט דערשײַנען (צום ערשטן מאָל) א באַנד לינעצקיס געזאַמלטע ווערק. דעם דאָזיקן באַנד האָב איך צוזאַמען מיט הערש רעמעניקן צוגעגרייט אונטער מייער ווינערס רעדאַקציע. אין באַנד זײַנען כוץ דעם „פוילישן ייִנגל“ ארײַן לינעצקיס פובליציסטיק („מעשולאַכעס“, „פריטשעפע“), דראַמאַטישע בילדער („די וויבאָרעס“ און אנד.) און זײַן לעצט ווערק „דער וואָרעם אין כריין“. דער באַנד האָט אַנטהאַלטן א ברייטע אָפהאַנדלונג פון לינעצקיס שאַפן און נייטיקע וויסנשאַפטלעכע קאָמענטאַרן.

ס'האָט אויסגעבראָכן די פאָטערלענדישע מילכאָמע, און דער טיראַזש פונעם לינעצקי־באַנד איז פאַרפאַלן געוואָרן.

איצט איז נייטיק ווידער א טראַכט טאָן וועגן אן אויסגאַבע פון לינעצקיס ווערק, ווײַל דער פולער טעקסט פון זײַן „פויליש ייִנגל“ איז בײַ אונדז קיין איין מאָל ניט דערשינען, און די שאַפונג נאָכן „פוילישן ייִנגל“ איז ביכלאַל פאַרגעסן געוואָרן. בײַ הײַנטיקן טאָג זײַנען שוין די ערשטע אויסגאַבן פון לינעצקיס ווערק א ביבליאָגראַפישע זעלטנהײַט, און מיר שטייען פאַר א געפאַר, אז זיי זאָלן פאַרשווינדן.

מיט אייניקע וואָכן צוריק האָב איך פאַרענדיקט א ליטעראַרישן פאָרטרעט פונעם באַוווסטן סאָוועטישן קריטיקער יאַשע בראָנשטיין. כ'שרײַב דעם פאָרטרעט פון ארן גורשטיין, ארבעט איבער דער שאַפונג פון שיקע דריז, פיר אונטער בוי־מאַטעריאַל פאַר די אַרטיקלען, וועלכע איך וועל שרײַבן פרילינג. פרילינג־צײַט האָב איך באַזונדערס ליב צו שרײַבן. עס שרײַבט זיך דעמאָלט ניט מיט טינט, נאָר מיט זון.

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

מיר פירן אײַן א נײַעם אָפּטייל „בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען". דאָ וועלן געבראַכט ווערן ליטעראַרישע מאַטעריאַלן און מיטיילונגען, וועלכע שטעלן פאָר אן אינטערעס פאַר אונדזערע לייענער און זײַנען פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין סאָוועטנפאַרבאַנד און אין אַנדערע לענדער. אייניקע מאַטעריאַלן וועלן געגעבן ווערן געקירצט אָדער אין אויסצוגן.

אַרטור מילערס נײַע פּיעסע

אַרטור מילערס[1] פּיעסע „א צופאַל אין ווישי", וועלכע איז לעצטנס געשטעלט געוואָרן אין „לינקאָלן סענטער", איז א טיף רירנדיק דראַמאַטיש ווערק, דורכגעדרונגען מיט שאַרפער אומקאָמפּראָמיסלעכקײַט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר מילערן.

די האַנדלונג קומט פאָר אין פראַנקרײַך אין 1942 באַם אַרײַנגאַנג אין א פּאָליציי־באַצירק. צען מענטשן, געכאַפּטע צופעליק אָף דער גאַס, ניט ווייסנדיק פאַר וואָס, וואַרטן אָף א פאַרהער בא די נאַציסטן. בא אָט די אומשטענדן אַנטפּלעקן זיך די כאַראַקטערן פון פאַרשיידענע פּערסאָנאַזשן — פון דעם הענדלער, א גאַנץ באַגרענעצטן מענטשן, פון דעם אָנגעשראָקענעם קינסטלער, פון דעם סקעפּטישן געלערנטן אאא.

ווײַטער וויקלט זיך פאַנאַנדער די האַנדלונג גאָר האַסטיק. די מענטשן דערוויסן זיך, אַז מע האָט זיי געכאַפּט בייס אַן אַבלאַווע אָף ייִדן און אַז זיי זײַנען פאַרורטיילט אָף אומקומען. די דראַמע ווערט פאַרוואַנדלט אין א טראַגעדיע. די צושויער זײַנען מאַמעש דערשיטערט.

דער ספּעקטאַקל דויערט אָן איבעררײַס בא 100 מינוט, נאָר די אויפמערקזאַמקײַט פון די צושויער ווערט ניט אָפּגעשוואַכט אַפילו אָף קיין איין מינוט.

די נײַע שטעלונג „א צופאַל אין ווישי" איז אַן עכטע טעאַטראַלע געשעעניש.

אוויליאַם גלאָווער,

(„ניו־יאָרק הערעלד טריביון").

ער ווייסט בעסער

א. לעיעלעס האָט רעצענזירט א נײַעם בוך פון דער שרײַבערן מאַלאַשע מאַלי „צוויי וועלטן".

מאַלאַשע מאַלי האָט זיך בייס דער מילכאָמע געראַטעוועט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. קומט עס אַרויס בא לעיעלעסן אָף אַזאַ שטייגער: „דער דײַטשיש־נאַצישער אָנפאַל אָף פּוילן אין 1939 האָט זי פאַרוואָרפן קיין רוסלאַנד, ווו זי האָט געלעבט ביז 1946". איר פאַרשטייט? פאַרוואָרפן געוואָרן קיין רוסלאַנד.

די שרײַבערן געדענקט אָבער אָפּאָנעם, אַז זי האָט זיך געראַטעוועט און אַז גוטע סאָוועטישע מענטשן האָבן געהאַט א האַנט דערבײַ. קאָן דאָס א. לעיעלעס ניט פאַרלײַדן. ער, וועלכער איז געזעסן אין ניו־יאָרק, ווייסט בעסער...

זאָגט ער, אַז מאַלאַשע מאַליס שילדערונגען פון סאָוועטישן מענטשן קלינגען אים „אומעכט" (אָט א ווערטעלע!). „איבערגעכאַפּט די מאָס", „נאַיִוויטעט", „נישט דערזען פון פאַרליבטקײַט". אַנדערע, זאָגט לעיעלעס, האָבן אַנדערש געשילדערט די סאָוועטישע סוויווע אין מילכאָמעצײַט. און „קימאַט אַלע האָבן געזען גרויסע שטיקער שלעכטס".

פאַרוואָס „קימאַט" אַלע? ווײַל, — זאָגט א. לעיעלעס, — „אַן אויסנאַם, וואָס איך קען, איז געווען עפראַיִם קאַגאַנאָווסקי. אָבער פאַר אים איז עס געווען קעמוי א מוז־זאַך. ער איז דאָך געווען אַן אייגענער בא דער פּאַרטיי".

דאַרף מען נאָך א שטאַרקערן אַרגומענט צו באַפעסטיקן די „עטישע" באַשולדיקונג, אַז דער גרויסער שרײַבער עפראַיִם קאַגאַנאָווסקי האָט ניט געזאָגט דעם עמעס וועגן די יאָרן, ווען ער האָט זיך געראַטעוועט אין סאָוועטנפאַרבאַנד? „אַן אייגענער בא דער פּאַרטיי"! קאָן שוין זײַן שרעקלעכער דערפון? אַזוי ווי מאַלאַשע מאַלי איז אָפּאָנעם ניט געווען קיין „אייגענע בא דער פּאַרטיי" (צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער ייִדן), טײַנעט א לעיעלעס, אַז זי האָט געמעגט „מער באַמערקן"...

בעעמעס, א שאָד אַזאַ מין שרײַבעכץ.

(„פרײַ־ייִסראָעל", טעל־אָוויוו).

א ניט־פאַרענדיקטער בוך פון דזשעק לאָנדאָן

דאָס ערשטע אָרט צווישן די וועלט־שרײַבער לויט דער צאָל איבערזעצונגען פון זייערע ווערק אָף אַנדערע שפּראַכן פאַרנעמט וויליאַם שעקספּיר. נאָך אים גייט לעוו טאָלסטאָי. נאָר צווישן דעם ערשטן צענדליק לויט דער צאָל איבערזעצונגען געפינט זיך קימאַט שטענדיק דזשעק לאָנדאָן. בלויז אין 1963 זײַנען געווען פאַרעפנטלעכט אָף אויסלענדישע שפּראַכן 33 איבערזעצונגען פון זײַנע ווערק.

צו 40 יאָר איז דזשעק לאָנדאָן שוין געווען אַן אווטאָר פון פערציק ביכער, ניט רעכענענדיק פילצאָליקע אַרטיקלען און פאַרצייכענונגען, געדרוקטע אין די צײַטונגען און זשורנאַלן.

איצט איז פאַרעפנטלעכט נאָך איין בוך פון דזשעק לאָנדאָן — „די מאָרד־קאָנטאָר". צוויי דריטל פון דעם ווערק האָט דער אווטאָר אָנגעשריבן זעקס יאָר פאַר זײַן טויט. נאָר דעם סאָף האָט ער ניט פאַרפאַסט.

פאַר זײַן טויט האָט דזשעק לאָנדאָן אָפּגעגעבן דעם מאַנוסקריפּט סינקלער ליויִסן (וועלכער האָט אים אַמאָל פאַרקויפט די אידיי פונעם ווערק פאַר צען דאָלער). נאָר

[1] אַרטור מילער — באַוווּסטער אַמעריקאַנער דראַמאַטורג, אַווטאָר פון די פּיעסן „גרויסע ניסיוינעס", „דער טויט פון א קאָמיוואָיאַזשאָר", „נאָך דעם ווי מע האָט געזינדיקט".

אויך סינקלער ליויִס האָט ניט געקאָנט פארענדיקן דעם בוך. נאָך לאָנדאָנס טויט האָבן א ריי אנדערע אמעריקאנער שרײַבער זיך געפרוווט אָנשרײַבן דעם סאָף, נאָר — אָן דערפאָלג.

ניט לאנג צוריק האָט דער אמעריקאנער שרײַבער ראָבערט ל. פיש, דער אוטאָר פון פילצאָליקע שרעק־ראָמאַנען, סאָפקאָלאָף פארענדיקט דאָס דאָזיקע ווערק. דער סאָף פונעם ראָמאן, וואָס עס האָט אָנגעשריבן פיש, איז א לאָגישער און פאלט צונויף מיטן גאנצן בוך סײַ לויט דער קאָמפּאָזיציע, סײַ לויטן סטיל.

[ווײַטער ווערט אין ארטיקל איבערגעגעבן די פאבולע פונעם בוך „די מאָרד־קאָנטאָר". דאָס איז א ראָמאן וועגן א רויבער־פירמע, אין וועלכער יעדערער קאָן פאר 20 טויזנט דאָלער באשטעלן א דערמאָרדונג פון זײַן סוינע.]

קאָלין קראָס,

(„סאנדי עקספרעס", לאָנדאָן).

ער באגאנוועט סייפן און מענטשלעכע נעשאָמעס

דער דראמאטורג עדגאר סקאָט פלאָר, דער אוטאָר פון פּאָפּולערע טעלעוויזיע־פילמען וועגן באנדיטן, האָט געקלאפט אף דער שרײַבּ־מאשינקע, ווען אין זײַן פעשענעבעלער קווארטיר אין לאָס־אנזשעלאָס האָבן זיך ארײַנגעריסן פאָליציי־לײַט. די אָרדענונג־היטער האָבן אָנגעטאָן אף אים א האנט־קייט און אָפּגעפירט אין טורמע. פארײַנוועגס האָבן זיי פארכאפט אינעם שרײַבערס קווארטיר א פעקל פאלשע אקציעס אף א סומע פון צוויי מיט א האלבן מיליאָן דאָלער, א טשעמאָדאנדל מיט פארשיידענע שליסלען, א בויר־מאשין, א פאָרטאטיוון ראדיאָ־איבערגעבער און נאָך פארשיידענע מינים אינסטרומענטן, מיט וועלכע עס ניצט זיך א הײַנטצײַטיקער גאנעוו. די דאָזיקע סענסאציע האָט, פארשטייט זיך, ארויסגערופן פארוווּנדערונג בא א סאך אײַנוווינער פון האָליווּד. נאָר פאר די, וואָס זײַנען געווען באקאנט מיט עדגאר פלאָרן נעענטער, איז דאָס אלץ ניט געווען אומגעריכט.

איידער פלאָר האָט זיך נאָך אָנגעהויבן פארנעמען מיט ליטעראטור, איז ער שוין געווען א באוווּסטער לאָס־אנזשעלאָסער גאנגסטער. ער האָט דורכגעפירט ניט ווייניק אָפּעראציעס פון אופברעכן סייפן אין מאגאזינען און אין בענק. זײַן ליטערארישע טעטיקײַט האָט פלאָר טאקע אָנגעהויבן אין טפיסע. זיצנדיק אין דער קאמער, האָט ער אָנגעשריבן א בוך „דעם גאנעווס וועג". די דערפארונג פון א רויבער איז גוט צוניץ געקומען פלאָרן. ווײַזט אויס, אז אויך איצט האָט ער גענומען אָפּרישן זײַנע קענטענישן אין דעם געביט...

נ. וואסיליעוו,

(„קאָמסאָמאָלסקאיא פראוודא").

רעקאָנסטרוקציע פונעם קוראָרט „קולדור"

צופוסנס פונעם קליין־כינגאן, צווישן וואלד־סאָפּקעס, ליגט א גרויסער ייִשעוו פון ווײַסע פילשטאָקיקע קאָרפּוסן. אינמיטן דעם ייִשעוו געפינט זיך א קולטור־פאלאץ מיט א פרעכטיקן סקווער. דאָס איז דער בארימטער ווײַטמיזרעכדיקער קוראָרט „קולדור".

די הייסע מינעראלע קוואלן פון „קולדור" זײַנען באוווּסט אין גאנצן לאנד. אהער קומט מען היילן אזעלכע שווערע קראנקײַטן, ווי ראדיקוליט, גאסטריט, אישיאַס אא.

דער קוראָרט האלט אין איין וואקסן. ביז איצט פלעגן זיך דאָ היילן 6—7 טויזנט מענטשן אין יאָר.

דער אלפארבאנדישער צענטראלראט פון די פראָפאריינען האָט אין 1964 אסיגנירט אף דער רעקאָנסטרוקציע פונעם קוראָרט „קולדור" 8,5 מיליאָן רובל. עס זײַנען שוין אויסגעבויט און ארבעטן דרײַ נײַע קאָרפּוסן אף 300 בעטלעך, א וואנעקאָרפּוס אף 100 ערטער, א גאָרקיך אף 300 מענטשן, א פּאָליקליניק מיט די נײַסטע הייל־קאבינעטן און דיאַגנאָסטישע לאָקאלן, א קולטור־פאלאץ מיט א צושויער־זאל פון 600 ערטער. עס גייט איצט די בויונג פון נאָך דרײַ קאָרפּוסן אף 300 בעטלעך, צוויי וואנע־קאָרפּוסן אף 200 ערטער.

האיאָר וועט דער קוראָרט „קולדור" קאָנען באדינען אין אַנדערהאלבן מאָל מער מענטשן, ווי ביז איצט. אינעם ראיאָן פונעם קוראָרט זײַנען אויסגעבויט געוואָרן 12 פאנסיאָנאטן.

אין „קולדור" ווערט געפירט אויך א גרויסע וויסנשאפטלעך־פאָרשערישע ארבעט. אָנגעזעענסטע געלערנטע שטודירן דאָ די אייגנשאפטן און הייל־מעגלעכקײַטן פון די הייסע קוואלן.

א. קיזער, בּיראָבּידזשאן.

●

די אַלרוסלענדישע טעאַטער־געזעלשאַפט אַף א. א. יאַבלאָטשקינעס נאָמען האָט דורכגעפירט אינעם צענטראַלן הויז פון די אַקטיאָרן אַ שעפערישן אָוונט, געווידמעט סידי טאַל.

מיט אַ וואָרט וועגן סידי טאַלס וועג אַלס עסטראַדע־מײַסטער איז אַרויסגעטראָטן דער שרײַבער און דראַמאַטורג י. פּרוט. באַגריסנדיק סידי טאַל, זאָגט דער פאַרטרעגער, אַז זי זעצט פאָר די טראַדיציעס פון עסטער־ראָכל קאַמינסקע און קלאַרע יונג.

אַפן אָוונט האָט סידי טאַל מיט איר אַנסאַמבל אויסגעפילט דעם עסטראַדע־ספּעקטאַקל „שטענדיק מיט אײַך“.

●

מיט אַ נײַער קאָנצערט־פּראָגראַם איז געקומען קיין מאָסקווע נעכאַמע ליפּשיצײַטע. דעם 6 און 8 יאַנוואַר איז זי מיט דערפאָלג אַרויסגעטראָטן אינעם קאָנצערט־זאַל אַף טשײַקאָווסקיס נאָמען.

●

אינעם פאַרגאַנגענעם טעאַטראַלן סעזאָן האָט דער דראַמאַטישער אַנסאַמבל אונטער דער אָנפירונג פונעם פאַרדינסטפולן אַרטיסט בינ־אַמין שוואַרצער אויפגעפירט שאָלעם־אַלייכעמס „צוויי הונדערט טויזנט“ („דאָס גרויסע געווינס“).

ערעוו דעם נײַ־יאָר האָט דער קאָלעקטיוו פאַרענדיקט זײַנע גאַסטראָלן אין אַ ריי שטעט פון אוקראַיִנע און מאָלדאַוויע (אָדעס, דניעפּראָפּעטראָווסק, כערסאָן, קעשענעוו, טיראַספּאָל, בענדער, אָרגייעוו אאַ.).

אומעטום זײַנען די ספּעקטאַקלען דורכגעגאַנגען מיט דערפאָלג, בײַ פולע אַנשלאָגן.

●

אין צענטראַלן הויז פון די קונסטטוער איז ניט לאַנג צוריק פאָרגעקומען אַ גרויסער אָוונט, אַף וועלכן עס איז אָפּגעמערקט געוואָרן די שעפערישע טעטיקײַט פונעם פאַרדינסטפולן אַרטיסט פון רספסר יוסף קאַלין (גראָס). צו דער באַגעגעניש מיט די פאַרשטייער פון דער טעאַטראַלער געזעלשאַפטלעכקײַט פון מאָסקווע האָט י. קאַלין צוגעגרייט אַ מאָנטאַזש פון „טעוויע דער מילכיקער“ אין דער רוסישער איבערזעצונג.

די פאַרזאַמלטע האָבן זייער וואַרעם אויפגענומען י. קאַלינס אַרויסטרעטונג.

●

אינעם לענינגראַדער קאָנצערט־זאַל פון דער אַקאַדעמישער קאַפּעלע איז פאָרגעקומען אַ קאָנצערט פון דער זינגערין אַנאַ שעוועליאָוואַ, וועלכע האָט אויסגעפילט ייִדישע פאָלקס־לידער און לידער פון סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן. אַפן קאָנצערט זײַנען אויך אַרויסגעטראָטן דער קינסטלערישער פאַרלעזער אַדאָלף אָבערבערג און דער פידלער ג. יאַסעניעווסקי.

●

דער אײַנוווינער פון באַקו ב. אַלטמאַן, אַ יוריסט לויט דער פּראָפעסיע, איז אַ גרויסער פּאָפּולאַריזאַטאָר פון ליטעראַטור. זײַנע אַרויסטרעטונגען אַף ליטעראַרישע אָוונטן אינעם באַקוער לעקטאָרי פון דער געזעלשאַפט „זנאַניע“ („וויסן“), אינעם הויז פון די מעדיקער און אין קלוב פון די ענערגעטיקער, ציִען שטענדיק צו אַ גרויסן אוילעם. ב. אַלטמאַן טרעט לעצטנס אַרויס מיט אַ ליטעראַרישער קאָמפּאָזיציע אונטערן נאָמען „איך וועל אײַך דערציילן וועגן שאָלעם־אַלייכעמען“. מיט אָט די ווערטער הייבט ער אָן דעם שמועס מיט די צוהערער. ווײַטער ווערן אין דער קאָמפּאָזיציע אַרײַנגעפלאָכטן אינטערעסאַנטע זײַטלעך וועגן לעבן און שאַפן פון גרויסן ייִדישן פאָלקס־שרײַבער, וועגן זײַנע פאַרבינדונגען מיט גאָרקין און קאָראָלענקאָ, וועגן די העלדן פון זײַנע ווערק — „טעוויע דער מילכיקער“, „מענאַכעם־מענדל“ אאַ.

דער לעבהאַפטער שמועס פון דעם אַרטיסט ליבהאָבער מיטן אוילעם דויערט בײַ אָנדערהאַלבן שאָ.

מ. גאָלדענבערג, באַקו.

●

דער באַוווסטער סאָוועטישער קאָמפּאָזיטאָר מוישע ווײַנבערג האָט געשאַפן מוזיק צו י.־ל. פּערעצעס קינדער־לידער.

דעם וואָקאַלן ציקל פילט איצט אויס אין אַ קאָנצערט־פּראָגראַם דער סאָליסט פון דער מאָסקווער פילהאַרמאָניע מיכאַיִל ריבאַ.

●

אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז געקומען אַף גאַסטראָלן דער באַקאַנטער פּיִאַניסט פון ייִסראָעל דאַניִעל באַרענבוים. מיט צוויי קאָנצערט־פּראָגראַמעס איז ער אַרויסגעטראָטן אין מאָסקווע דעם 9 און 10 יאַנוואַר.

ד. באַרענבוימס אויספילונג פון די ווערק פון בראַמס, שובערט און בעטהאָווען האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס בײַ די מאָסקווער ליבהאָבער פון מוזיק.

●

די מוזיקאַלישע געזעלשאַפטלעכקײַט פון מאָסקווע האָט פײַערלעך אָפּגעמערקט דעם 50־טן געבורטסטאָג פונעם זינגער מיכאַיִל אַלעקסאַנדראָוויטש. אינעם טשײַקאָווסקי־זאַל האָט דער יוביליאַר אויסגעפילט אַ קאָנצערט־פּראָגראַם פון קלאַסישער רוסישער און אייראָפּעיִשער מוזיק און ייִדישע פאָלקס־לידער.

●

דער רוסישער דראַמאַטישער טעאַטער אַף א. גריבאָיעדאָווס נאָמען אין טביליסי האָט אויפגעפירט דעם ספּעקטאַקל „דער טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק“. די נײַע שטעלונג האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס בײַ די אָרטיקע צושויער. אין דער הויפּט־ראָל טרעט אַרויס די באַוווסטע אַרטיסטקע א. שענגעלאַיאַ.

●

דער פּאַריזשער ייִדישער טעאַטער־אַנסאַמבל האָט אויפגעפירט די מוזיקאַלישע קאָמעדיע „אַ גאָלדפאַדען־כאָלעם“ אין דרײַ אַקטן אַף די טעקסטן פון א. גאָלדפאַדען, א. מאַנגער, ג. אײַנבינדער, ב. פּענצטער און י. ראָטבוים. רעזשיסור — יאַנקעוו ראָטבוים.

די פאַרשטעלונגען, וואָס קומען פאָר אין טעאַטער „אַנטרעפּאָ“, האָבן געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אינעם ייִדישן ייִשעוו פון פּאַריזש.

●

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

שרייבער און ווערק

◆ מיט 80 יאָר צוריק איז געבוירן געוואָרן שימען דימאַנשטיין — אן אקטיווער אַנטיילנעמער פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג באַ אונדז אין לאַנד, מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון 1904 יאָר.

ש. דימאַנשטיין איז ניט איין מאָל געווען ארעסטירט און פארשיקט פאַר זײַן רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט. פון דער פּאַרשיקונג איז ער געלאָפן און עמיגרירט קיין פראַנקרײַך. נאָך דער פעווראַלער רעוואָליוציע קערט ער זיך אום קיין רוסלאַנד, און נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע ווערט ער באַשטימט אלס קאָמיסאַר פאַר ייִדישע איניאָנים. ער איז אויך געוואָרן איינער פון די גרונטלייגער פון דער באָלשעוויסטישער פּרעסע אף ייִדיש (די צײַטונגען „די וואַרהײַט“, „דער אמת“, דער זשורנאַל „די קאָמוניסטישע וועלט“ אא.).

ש. דימאַנשטיין איז געווען פאַרוואַלטער פון נאַצמינד־אָפּטייל באַם אַגיטפּראָפּ פון צק אלקפּ(ב), פאַרוואַלטער פון אַגיטפּראָפּ־אָפּטייל באַם צק קפּ(ב) פון אוקראַיִנע, רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „רעוואָליוציאַ אי נאַציאָנאַלנאָסטי“ אא. ער איז דער אווטאָר פון א ריי פּובליציסטישע און היסטאָרישע ווערק וועגן דער געשיכטע פון דער ארבעטער־באַוועגונג: „באַם ליכט פון קאָמוניסטישן אידעאַל“, „די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג צווישן די ייִדישע מאַסן אין 1905 יאָר“, „די נאַציאָנאַלע פראַגע אפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רסדאַפּ“ און אַנדערע.

ש. דימאַנשטיין איז געפאַלן א קאָרבן אין פעריאָד פון סטאַלין־קולט.

◆ מיט 80 יאָר צוריק איז געבוירן געוואָרן דער שרײַבער יעדידע מאַרגאָליס.

י. מאַרגאָליס האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין 1904 אין אווראָם רייזענס יאָרבוך „פּראָגרעס“. פון 1904 ביז 1908 האָט ער געלעבט אין אמעריקע, וווּ ער איז געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פונעם זאַמלבוך „יוגנט“ — די ערשטע ליטעראַרישע מאַניפעסטאַציע פון דער שרײַבער־גרופּע „די יונגע“. אין זײַנע ערשטע ביכער „דערציילונגען“ (1909), „פון דער הײַנטיקער וועלט“ (1912), וואָס זײַנען דערשינען אין וואַרשע, שילדערט י. מאַרגאָליס דאָס לעבן אין

די קליינע שטעטלעך פון טכום. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט י. מאַרגאָליס זיך באַזעצט אין מאָסקווע, וווּ ער האָט פאַרעפנטלעכט עטלעכע ביכער לידער און פּראָזע; צו זײַנע וויכטיקסטע ווערק געהערן „צווישן צוויי פראָנטן“ (וועגן בירגערקריג און גוירל פון די ייִדישע היימלאָזע), „פּויערים“ (דערציילונג פון די 90־ער יאָרן) און „סאָכרים“.

◆ עס איז געוואָרן 85 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן דוויו־בער סלוצקי (1879—1955). אופגעמונטערט צו שרײַבן פון כאַיִם־נאַכמען ביאַליקן, האָט בער סלוצקי פאַרעפנטלעכט העברעיִשע דערציילונגען, סקיצן און פאַרצייכענונגען. דערהויפּט אָבער האָט זיך בער סלוצקי פאַרנומען מיט ליטעראַרישער טעטיקײַט אין ייִדיש און זינט 1904 זיך געדרוקט אין „פרײַנד“, „פאָלקסשטימע“, „הײַנט“ אא. נאָך דער רעוואָליוציע האָט בער סלוצקי געלעבט אין קיִעוו און מיטגעאַרבעט אין די ייִדישע צײַטונגען און זשורנאַלן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, וווּ ער האָט אָפּגעדרוקט א גרויסע צאָל אַרטיקלען אף שפּראַכלעכע און ליטעראַרישע טעמעס: „די צײַטונג־שפּראַך“, „א ייִדישע טערמינאָלאָגיע פון זייגערמאַכערײַ“, „לעקסיקאָן פון מענער־שנײַדערײַ“, „ייִדישע באַדכאָנים שוישפּילער“, „מענדעלע דער איבערזעצער“, „פּערעץ און די יונגע שרײַבער“, „דער צווייטער וואַריאַנט פון שאָלעם־אליינכעמס „פונעם יאַריד“ אא. בער סלוצקי האָט איבערזעצט אין ייִדיש א ריי ווערק פון דער אייראָפּעיִשער, רוסישער און העברעיִשער ליטעראַטור (קאָראָלענקאָ, גאָגאָל, טורגעניעוו, אלפאָנס דאָדע, דזש. סוויפט, מ. ז. פײַערבערג, י. ברענער אא.). ב. סלוצקי האָט צונויפגעשטעלט א גרויסן לעקסיקאָן פון פּאָליטישע און פרעמד־ווערטער (קיִעוו, 1929), אין וועלכן עס ווערן געבראַכט א סאַך פאַקטישע ידיִעס פון ייִדישער געשיכטע און וועגן פאַרשיידענע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע פראַגן. אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן האָט בער סלוצקי געוווינט אין בירָאָבידזשאַן און געאַרבעט איבער א היסטאָרישן ראָמאַן „פאַר ערד, פאַר פרײַהײַט“,

וווּ ער שילדערט דעם קריג צווישן יעהודע און די רוימער אין די יאָרן 66—70.

בער סלוצקי איז געפאַלן א קאָרבן פון דעם סטאַלין־קולט. ער איז געשטאָרבן דעם 13 יול 1955.

דאַנטע

דער באַרימטער סקולפּטאָר נאָכעם אַראָנסאָן איז געבוירן אין 1872 אין קרעסלאַווקע (לעטלאַנד). מאָלע־רייַ און סקולפּטור האָט ער געלערנט אין דער ווילנער קונסט־שול. אין 1891 פאָרט אַראָנסאָן אַריבער קיין פּאַריז, וווּ ער האָט געוווינט קימאַט ביזן סאָף פון זײַן לעבן.

אַראָנסאָן האָט געשאַפן אַ גאַלעריי פּאָרטרעטן פון באַרימטע פּערזענלעכקייטן (לענין, טאָלסטאָי, דאַנטע, בעטהאָווען, טורגעניעוו, קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ אאַ.).

נאָכעם אַראָנסאָן איז געווען אַ גרויסער פרײַנט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. זײַן סקולפּטור־פּאָרטרעט „לענין" האָט ער געשענקט דעם צענטראַלן לענין־מוזיי אין מאָסקווע. דאָס איז איינס פון אַראָנסאָנס בעסטע קונסט־ווערק.

אין 1941 איז דער סקולפּטאָר אַריבערגעפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, וווּ ער איז געשטאָרבן אין 1943.

מיר ברענגען אין דער בײַלאַגע דרײַ שאַפונגען פון נ. אַראָנסאָנען.

די גרויסע רוסישע אקטריסע
וו. פ. קאָמיסאַרזשעווסקאַיא

פּאָרטרעט פונעם
סקולפּטאָרס מוטער

פּאָרטרעט פון א פרוי.

אמשיי ניורענבערג געהערט צום עלטערן דאָר סאָוועטישע קינסטלער. ער איז געבוירן אין 1888 אין קיראָוואָגראַד (געוו. יעליזאַוועטגראַד). צו 15 יאָר קומט ער אָן לערנען אין דער אָדעסער קונסט־שול. זײַן קינסטלערישע בילדונג האָט ער פארפולקומט אין פאריזש.

באלד נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע שליסט ניורענבערג זיך אקטיוו אײַן אין געזעלשאפט־לעך־פּאָליטישן לעבן. ער ארבעט אלס רעדאקטאָר פון א צײַטונג אין קיראָוואָגראַד, אלס קאָמיסאר איבער קונסט־איניאַנים אין אָדעס. אין די 20־ער יאָרן פּאָרט דער קינסטלער אריבער קיין מאָסקווע. דאָ הייבט ער אָן ארבעטן אין די בארימטע „ראָסטא“־פענצטער.

מיט יעדן יאָר ברייטערט זיך אויס אמשיי ניורענבערגס שעפערישער דיאַפּאַזאָן. אף די קינסט־לערישע אויסשטעלונגען באווײַזט זיך א ריי זײַנע בילדער וועגן בירגערקריג, די סעריע „לענין אין פאריזש“. ער עקספּאָנירט אויך אייניקע בילדער, געווידמעט מאיאקאָווסקין, מיט וועלכן ער האָט געארבעט אין די „ראָסטא“־פענצטער. אן אָנגעזעען אָרט פארנעמט אין ניורענבערגס שאפונג די יידישע טעמאטיק (שטייגער־מאָטיוון, איליוסטראציעס צו ווערק פון ייִדישע שרײַבער אא.).

אין הײַנטיקן נומער דרוקן מיר רעפּראָדוקציעס פון אמשיי ניורענבערגס נײַע ווערק.

מוטערשאפט

שטוקאטורער

א ליבע מיט א פאסטעכל

מוזיק — ר. באיארסקאיא. ווערטער — א. לייבוש.





אלע קליידעלעך פאסטן מיר,
ס'פאסט אויך פעלד און וואלד,
דאָס קאָלווירטישע פאסטעכל
פאסט אזוי צו מיר, צו מיין געשטאלט.

מאמע, מאמע, בייזער זיך
וויפל ס'ועט אין דיר אריין,
וויפל ס'ועט אין דיר אריין,
מיינער איז דאָס פאסטעכל,
מיינער איז דאָס פאסטעכל,
מיר זאָל פאר אים זיין!

כ'וואָלט אהיים געגאנגען שוין,
און גענוג זאָל זיין, א סאָף,
לאָזן ניט די ברוינע קעלבעלעך,
לאָזן ניט די ווייסע שאָף.

אלע קליידעלעך פאסטן מיר,
ס'פאסט אויך פעלד און וואלד,
מיט זיין פייפעלע דאָס פאסטעכל
פאסט אזוי צו מיר, צו מיין געשטאלט!

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания пятый

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор А. Вергелис.

Редколлегия: И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев (ответственный секретарь), Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, М. Тейф, И. Фаликман, С. Фрай.

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.
Телефоны: главный редактор — Б 8-27-91; ответственный секретарь — К 4-46-69; отдел прозы — Б 3-96-07; отделы поэзии и критики — Б 8-49-42.

Художеств.-техн. редакция: И. Шустер и А. Токер.
Корректоры А. Стрельник и Д. Грозовская.

Подписано к печати 13/I 1965 г. Формат 70×108¹/₁₆. Печ. л. 10(13,70). Бум. л. 5+2 вклейки.
Уч.-изд. л. 16,21. Цена 50 коп. Зак. 4035.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Государственного комитета Совета Министров СССР по печати.
Пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 2

1965

В НОМЕРЕ:

Неопубликованные стихи С. Галкина.

И. Ривес. Путь к победе. (Роман).

Писатели Советской Украины. Произведения Л. Вышеславского, О. Гончара, П. Дорошко, С. Жураховича, Ю. Смолича, М. Уленика.

М. Елин. Штабс-фельдфебель Ганс Пфанкух. (Повесть).

Стихи Д. Бромберга, М. Грубиана, О. Дриза.

Рассказы Б. Гальперина, Р. Гольденберга.

У нас в гостях зарубежные публицисты. Главный редактор Нью-йоркской прогрессивной газеты «Моргн-Фрайхайт» П. Новик.

ЛИТЕРАТУРА И ИСКУССТВО

М. Альтман. Из записной книжки.

Г. Александров. И. Цинберг и его архив.

Краткие рецензии.

Хроника. Заметки на календаре.

This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation